Łask Memorial Book

Lasḳ

THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY – NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
YIZKOR BOOK PROJECT

NEW YORK, NEW YORK AND AMHERST, MASSACHUSETTS

•

MAJOR FUNDING FOR THE
YIZKOR BOOK PROJECT WAS PROVIDED BY:
Harry and Lillian Freedman Fund
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
David and Barbara Margulies
The Nash Family Foundation
Harris Rosen
David and Sylvia Steiner
Ruth Taubman

•

Original publication data

TITLE	Lasḳ : [sefer zikaron le-'ir ṿe-em be-Yiśra'el, be-erets Polin, she-ḳehilatah ṿa-alafim rabim mi-Yehudeha ... hushmedu ... bi-shenot 700-705] / ['arakh ṿe-hevi li-defus Ze'ev Tsurnamal].
IMPRINT	880-03 Tel Aviv : [Ṿa'adat ha-ma'arekhet shel ha-sefer shele-yad Irgun yots'e Lasḳ be-Yiśra'el] 1968.
DESCRIPT	737, 165 p. : ill.
SUBJECT	Jews -- Poland -- Łask.
	Łask (Poland) -- Ethnic relations.
	Holocaust, Jewish (1939-1945) -- Poland -- Łask.
ADD'L NAME	Tsurnamal, Ze'ev.
ADD'L TITLE	Lask; izcor-book

THIS BOOK MEETS A.N.S.I. STANDARDS FOR
PAPER PERMANENCE AND LIBRARY BINDING.

PRINTED IN THE U.S.A.

לאַסק

תשכ״ח 1968

תל-אביב

תוכן העניינים

תרגומים באנגלית

לאסק

ספר זיכרון

לעיר ואם בישראל, בארץ פולין, שקהילתה ואלפים רבים מיהודיה הוכחדו והושמדו על-ידי הנאצים המרצחים בשנות ת״ש—תש״ה.

ערך והביא לדפוס

זאב צורנמל

יצא לאור על-ידי ועדת המערכת של הספר שליד „ארגון יוצאי לאסק בישראל" בהרכב: דוד דזילובסקי, שרגא נוימן, דוד לרר, יחיאל נוימן, חיים ביאליק, אברהם קוז׳מין, הינדלה מוזס, רחל גרינדלר ושמואל ויגוצקי.

נדפס ע״י „המומחה", ת״א רח׳ הרמב״ם 16, טל. 55350

לאסק

יזכור־בוך

או אנדענק פון די באַרימטע יידישע קהילה אין פוילן, וואס טויזנדער פון אירע מיטגלידער זענען פארניכטעט געווארן דורך די נאַצישע מערדער אין די יארן ת״ש—תש״ה.


רעדאגירט האט

זאב צורנמל

ארויסגעגעבן דורך דעם רעדאקציע קאמיטעט פון ארגון יוצאי לאסק און ישראל: דוד דזיאלאווסקי, שרגא נוימאַן, דוד לערער, יחיאל נוימאַן, חיים ביאַליק, אברהם קאַזשמין, הינ׳דלה מוזס, רחל גרינדלער און שמואל ויגאצקי.

געדרוק דורך „המומחה״, ת״א רח׳ הרמב״ם 16, טל. 55350

נזכור את האלפים



בני עירנו לאסק: אנשים,
נשים, וטף, אשר עונו ונרצחו
על קידוש שם ישראל על-
ידי הצוררים הנאציים.
נזכרם לטובה ותהי נפשם
צרורה בצרור החיים, בתוך
שאר קדושי ישראל!



הכרת תודה

מערכת הספר מודה לכל החברים והחברות אשר עזרו ואיפשרו את הוצאת הספר, בהמצאת מאמרים, בבואם להשמיע עדות, בנתינת צילומים מחיי עירנו, באיסוף שמות הקדושים, בציור מפת העיר וביעוץ. בין אלה ראויים לציון מיוחד: שרגא ויחיאל נוימן, יעקוב לבקוביץ וריפטשע ואביגדור ויינברג. כולם יבואו על התודה והברכה.



דבר המערכת

בהדרת קודש וברטט נפשי עמוק, מדליקים אנו את נר הזכרון לקרובינו ויקירינו, שניספו בתקופת השואה בלאסק ובמקומות ההשמדה, במחנות ובמקומות עבודה.

אנו שרידי קהילת לאסק שנחרבה, שלא ידענו את הסבל המר, ואנו שעמדנו במבחן כל פורענויות המחנות והגיטאות, מגפות ורעב מתמיד, עברנו את כל יסורי הדרך הארוכים ולבסוף מצאנו את מקלטנו במדינת ישראל.

מעלים את זכר חייהם הפעלתניים של יהודי עירנו לאסק בכל הדרה ותפארתה. נחרבה הקהילה, הושמדו כל היהודים שחיו בה במשך הרבה דורות, הקיץ הקץ על קהילת לאסק.

בכוח אמונתנו בנצח ישראל, בזכות היותנו מגשימי צוואת הקדושים, חייבים אנו בהנצחת זכר הנטבחים בספר, אשר יהיה תמיד לנגד עינינו.

ממנו נעלה זכרונות לכל אישיה של הקהילה ודמו-יותיה של חן וחסד, ספוגי הערכים הציוניים, עסקני הציבור, הסוחרים, הפועלים ובעלי המלאכה, את החנונים הזעירים ואנשי התרבות והתורה, חסידים, בעלי בתים והאינטליגנציה. מוסדות הציבוריים ועסקניה, מוסדות חסד ועסקניה ועסקנותיה, גבאים וגבאיות, את כל הקשת הרב-גונית של תורה, חכמה, מסורת יהודית ופעילות פולי-טית חברתית.

בשמות הנזכרים נמצא את חברי תנועות הנוער, תנועות הספורט ולהקה הדרמטית. כל אחד ברשימה יזכיר את עברו ואת מעשיו הטובים.

השמות ברשימת הנטבחים והמושמדים, הקדושים שניספו בלאסק או במקום אחר בימי השואה, כך אלה שנפטרו על אדמת המולדת, יהוו חומר ספורי לכל אחד מכם לבנינו, על לאסק ועל כל מה שהיה שם לפני החורבן הגדול.

לא מן הנמנע שמעטים מן הניספים הושמטו ממנה, עשינו כמיטב יכולתנו שהרשימה תהיה מושלמת. מילואים לרשימה זו, אם יימסרו לנו, נפרסם כתוספת לספרנו זה.

ה מ ע ר כ ת

NOTE FROM THE EDITOR

With holy respect and deep emotion we are lightning the commemorative candle for our relatives and dears who perished in the period of the disaster in Lask town, in extermination places in pogroms and massacres in forced labor camps and enclosures of captives and hostages.

We, the remnants of the Lask extirpated Jewish Community, we who have felt the bitter hardship, we the survivors of all calamities in annihilation Camps and Ghettos, epidemics and permanent hunger,we, who have undergone all the sufferings on the long way for finding finally our shelter in the State of Israel, we, are reminding the very active way of Jewish living in our native Lask town.

In its full splendor and magnificence was our Community destroyed, all remaining Jews in the town have been slaughtered up to the last, Jewish people whose fathers settled there many generations ago, and so came the bitter end.

We believe that the Eternal glory of Israel will not fail and as successors and performers of the last will of the Saint Martyrs we are obliged to eternize their memory in a Book, which will be always in front of our eyes. Assisted by this Book, of records we shall recount memories of all the personalities of the Community and their image of graciousness, full of zionistic and moral assets,communal workers, merchants, workers and craftsman, small shopkeepers and men of culture and erudites, chassidim, houseowners and intelligents. We shall remember our public institutions and their active members, charity organizations and their Communal workers, the Synagoug Gabbai's, the

variegated rainbow of the Law, Wisdom, Jewish tradition and social and political activities.

Among the mentioned names we find members of Youth movements, sportive organizations and theater teams. Everybody in this list will be remembered by his past and good deeds. The names in the register of the sloughtered and exterminated, the martyrs who perished in Lask or in other locality during the disaster and those who passed away on our soil in Israel, will serve as a story - telling guide material to us and to our offsprings, about the town of Lask and about the whole image of what existed before the great disaster.

It could happen that few names have been omitted or forgotten, we did our best to built a complete list.

Addenda to the list of names, is supplied, will be willingly published, as a literary supplement to this book.



זאב אחי-צבי

אנשטאט א הקדמה

אונזער "ספר לאסק" איז ארענסטער אויסדרוק פון ווילן דורך אלע לעבנגעבליבענע לאסקער יידן ווו נאר זיי געפונען זיך. לאזן מיר זיך דערמאנען און געדענקן און נישט פערגעסן. דאס אנגעשריבענע איז אין גרעסטן טייל ארייך פערזענדליכער מיינונג, וועגן די געשעענישן אין שטעטל לאסק. יעדער איינער דערציילט, אויף ווי וויים ער געדענקט, זיינע איבערלעבונגען און זכרונות, נישט-האבנדיק דימעגליכקטייט צו וויסן דעם גאנצן שטח פון די געשענישן און זיירע שייכותן צעווישן זיך.

נאר נאך אגענויע פארשונגס ארבעט פון א היסטא-ריקער, קען זיך בעקומען דאס אלגעמיינע בילד פון די טראגישע חורבן - תקופה פון לאסק.

ספעציעל האבן מיר זיך בעמיט צו פעראייביקן אונזער לאסקער קהילה, וועלכע עקזיסטירט שוין נישט מער, דורך דעם בית-הספר אין כפר-גנים. דער ארט פעראייביקן קהילות וואס זענען חרוב געווארן דורך די נאצים איז פראקלאמירט געווארן דורך דעם אינסטע-טוט "יד ושם" אין ירושלים און ווערט אוסגעפירט דורך אנארגאניזירטע גרופא לערער און ערציער פון גאנצן לאנד. אין דער שפיץ פון דעם אינסטעטוט שטייט דער בעוווסטער עו"ד און ח"כ מר גדעון האוזנר, דער

איניציאטור פון דעם געדאנק, מר דב אלוני און שמואל ספעקטור, און דער שרייבער פון די שורות, וועלכע טוען מיטן גאנצן כוח זיירן, אום צו פערווירקלעכן די קהי-לות פעראייביקונגען. ביז היינט זענען פעראייביקט געווארן די נעמען פון 70 קהילות דורך פערשידענע בתי-ספר אין לאנד. לאסק איז די 71-סטע קהילה אין די ריי.



חברי ועד ארגון יוצאי לאסק בישראל וחבר הפעילים במערכת הוצאת הספר.

די פערוואלטונג פון לאסקער פעראיין אין ישראל און אקטיוו-רעדאקציע חברים ביים ארויסגעבן דאס בוך.

פון רעכטס צו לינקס: זיצן - שמואל ויגוצקי, חיים ביאליק, דוד דזיאלובסקי, זאב צורנמל (בורנשטיין) פרוי דזיאלובסקי.

פון רעכטס צו לינקס: שטייען - יחיאל נוימן, יפה נוימן (קורן), אברהם קוז'מין, רחל גרינדלער (קורן), דוד לרר, הינדה מוזס (נוסקוביץ'), שרגא נוימן.

דער צוועק פון דערפעראייביקונג איז, אז אונזערע קינדער איך לאנד זאלן לערנען און וויסן, וואס דער דייטש-היטלערישער שונא האט אפגעטועץ דעם יידישן פאלק. צווייטענס, מיט זייער הערץ די דערציילונגען פון די לעבענדיקע עדות, וועלכע קומען צו זיי אין שולע, דרינגט אין זיי אריין אטייל פון אונדזער אלעמענס וויטוג. דריטענס - דורך זייער שרייבן חיבורים און שירים פערקערפערן זיי זיך מיט יענע עלטערן און קינדער, וואס האבן נישט זוכה געווען צו דערלעבן צו אזא גליק, צו. אזוי פיל פרייהייט און פרייד פון אונדזער טיירע מדינה. פערטנס - דורך דעם טאט, ווערט לעבעדיק דער קהילה נאמען "לאסק" מיט אלע זיינע שיינע געשטאלטן וואס סשטעטל האט פערמאגט. פינפטנס - דורך דעם טאט ווערט געגעבן די געלעגנהייט צו הערן פון לעבעדיקע מענטשן, וועלכע האבן אויף זיירע אייגענע פלייצעס איבערגעטראגן אלע גרויסע צרות: דערנידעריקט און צעטראטן, מאראליש דערשלאגן, סאציאל צעשטויבט, פול-שטענדיק מאכטלאז, ביי אדויערדן טויט-פחד. וועלן זיי פערשטיין וואס עס הייסט גלות און אפשעצן ווי טייר עס איז די אייגענע היים, די אייגענע מדינה.

און נאך אזער וויכטיקע אויפגאבע האט דאס פער-אייביקן די פערניכטעטע קהילות און צווישן זיי לאסק.- בעווייזן,אז אויף יעדן טריט האבן זיך יידן אקעגענגע-שטעלט דער דייטשער מאכט. און סאיז נישט ריכטיג די באנאלע פראזע: "זיי זענען געגאנגען ווי שעפסין צו דער שחיטה" אין אנדערע ערטער, נישט אין לאסק. אין הינדערטער געטאס און ארבעטס-לאגערן האבן אונדזערע

ברודער געשטעלט אשטארקן ווידערשטאנד דעם שונא. ווו סאיז נאר אוואלד געווען אין וועלכן סאיז געווארן מעגליך צו ארגאניזירן א פארטעזאנישע גרופא, זענען יידן געווען שותפים אין די בעוווסטע קאמפן קעגן די מערדער.

אין 48-סטן יאר האבן די שרידים פון די געטאס בעוויזן אונדז דא, מיט וואס פארע פייר און פלאם אין הארצן זיי האבן געקעמפט קעגן די אראבישע כוחות, פאר דער בעפרייאונג פון אונדזער ישראל.

מיט איין ווארט: זער פיל פראבלעמען ווערן געלעזן, טיילווייז, דורך דער הנצחה, פונעם לעבן און אומקום פון די 6 מיליאן יידן דורך די היטלערישע תלינים. צעווישן זיי אונדזערע לאסקער קדושים.



יישר-כוח לעורך הספר

שנים התלבטנו בדבר הוצאת "ספר יזכור" לקהילת לאסק. באסיפת האזכרה דאשתקד, י"א באלול, תשכ"ו נפל הפור והוחלט לגשת לביצוע המשימה. הח' זאב צורנמל הציע לאסיפה, שננציח את קהילתנו ע"י בית-הספר בכפר גנים פתח-תקוה, כהקדמה לספר יזכור של קהילת לאסק. החלטה זו נתקבלה. החלטה שניה, שגם היא קרמה עור אמרה, שיש לגשת בעת ובעונה אחת לאסוף חומר וצילומים לספר"יזכור". את העריכה נמסר לח' זאב.

בקורת-רוח אנו מציינים ששתי ההחלטות בוצעו ע"י העורך הח' זאב ועוזריו הנאמנים שרגא ויחיאל נוימן, ותודתנו נתונה להם מקרב לב.

יבוא על הברכה כל אחד שהושיט יד בכתיבת מאמר, במסירת עדות, באיסוף ובליקוט שמות הקדושים, בשרטוט מפת העיר והגישו צילומים מחיי קהילתנו.

יישר כוחכם !

בשם ועד יוצאי לאסק והמערכת

דוד דזיאלובסקי

רשמים וזכרונות

וועגן אלעם אויפן שפּיץ גאָפּל

אונדזער שטעטל.

אין געגנזאץ צו דער גרויס פון אונדזער שטעטל און זיין ארומקייט, איז לאסק געבענטש געווען מיט רייכע און אינטערעסאנטע טיפּן. עס זענען געווען קליינע מענטשעלעך, וועלכע האבן געשפּילט גרויסע ראלן און דאס שטעטל האט זיך מיט זיי געדארפט רעכענען... סזענען אבער אויך געווען בכבודיגע און גאטספּארכטיקע יידן, וועלכע האבן זיך זער קליין געהאלטן. אט די דאזיגע יידן זענען געווען דער צירונג און שטאלץ, וועלכע האבן אריינגעברענגט ליכטיגקייט אין די טריבע געצעלטן.

דער מארק אין לאסק, איז געווען ווי דער שלאס פון אפּעסטונג, דאס הארץ פון שטעטל, בעפעסטיגט מיט אלערליי געשעפטן און קראמען, פון חסידים און בעלי-בתים, וועמענס נעמען מיר קאנען דערמאנען מיט שטאלץ און כבוד. די וועגן פון שטעטל זענען אלע אנגעשלאסן געווען צו די פיר-עקן פון מארק. אלע קליינע געסלעך ארום, זענען געווען די אדערן, אן וועלכע סהארץ לאסק וואלט נישט פונקציאנירט. שניידערס און אלע אנדערע בעלי מלאכה האבן געהארעוועט, קרעמער האבן געווארט אויפן דאנערשטאגן מארק-טאג, ווען פוירן האבן אריינגעברענקט אין שטעטל פוטער, אייער, תבואות און גרינ-צייג. סגאנצע שטעטל איז געווארן ווידער אנגעפולט מיט פרנסה.

שבת האט דאס שטעטל בעקומען א נייעם פנים, אראפגעווארפן פון זיך אלע דאגות, און באמת געווען א טאג פון פארגעניגן און מנוחה. זער פרי האבן גערער חסידים, ניי גערער, אלכסאנדערער און ראספישאווער געאיילט זיך צו די שטיבלעך. די שניידערס צו די חברה חייטים, די בעלי בתים אין בית המדרש אריין. פון דער גרויסער שול האט זיך געהערט מתית חזנס קול איבער ווייטקייטן. מיטאג-צייט האבן די, וואס האבן געמעגט טראגן (קינדער ביז 9 יאר), געטראגן טשאלנט פון שמעון בערן און אנדערע בעקערייען. די געשמאקן פון די טשאלנטער האבן פארריסן די גאסן.

נאך מיטאג ווען דער עלטערער עולם האט זיך צוגעלענט כאפן אדרימעל, האבן זיך סביסל יונגווארג צעלאזן איבערן מארק פון אלע זייטיקע געסלעך און ארויס אונטער די שטאט אין וואלד אריין. אויף די טרעטוארן אין מארק האבן זיך בעווייזן שפאצירענדע יונגע בחורים, מיט סאמעטענע היטלעך, אקעגן זיי גבירהשע מיידלעך מיט מאטראזן קעלנערלעך און קארבירטע קליידלעך. זיי האבן זיך שטארק צערויטלט ווען די בחורים האבן געווארפן א בליק אין זייער ריכטונג. אסאך פון די ראנדקעס זענען געווען צו פערדאנקן די ראמאנען ביכלעך, וועלכע דער בלינדער העניך האט יעדן פרייטאג פערטיילט צעווישן די בחורים און מיידלעך, נעמענדיק איין קאפעקע א וואך לעזע-געלט.

די וועלט מלחמה 1914-1918

די וועלט מלחמה פון 1914-1918 האט געברענגט א גאנצע איבערקערעניש אין שטעטל. מיר האבן באלד געהערט

פון דעם חורבן, וואס דייטשן האבן אבגעטועק אין קאליש.
אונדזערע פאליטיקער אין לאסק האבן געזאגט, אז דאס
האבן די דייטשן געטועק, כדי אנצוווארפן א פחד אויף די
איבעריקע טיילן לאנד. ווען די דייטשן זענען אריינגע-
קומען קיין לאסק און געטראפן פארמאכטע געשעפטן,האבן
זיי באלד בעפוילן, אז אלאס זאל ווערן ווידער געעפענט.
דאס רוסישע מיליטער האט זיך צוריקגעצויגן מיט אנאונ-
ארדנונג. אבער נאך לאנגדויערנדע שלאבטן ארום ווארשא
האבן די דייטשן זיך פלוצלינג צוריקגעצויגן און ווידער
האט דאס שטעטל איבערגעלעבט שרעק.

ווען דער רוסישער פוירפאסטן איז אין אשבת-טאג
אריין אין לאסק האבן זיי זיך צעלאזן איבער די יידישע
היימער און געשעפטן, געפלינדערט און גערויבט, און ביז
שפעט אין דערנאכט האבן זיך געהערט פרויען קולות...

סאיז זער וויכטיג צו באצייכנען אפאקט פון יאר
1916. ווען די רוסן זענען ווידער געווארן צוריק-
געשטויסן און די שלאכטן האבן זיך דערנענטערט צו
אונדזער אומגעגנט. דאס איז געווען אין אפרייטאג,
צומארגענס שבת, ווען יידן האבן זיך פערזאמעלט אין
בית המדרש תהילים זאגן, האט מען אין דער שטיל גערעט,
וועגן א גזירה, וואס סזאל זייך ארויסגעגעבן געווארן
דורך דעם רוסישן הויפטקוואטיר, אז אלע יידן פון דער
פיאטרקאווער גובערניע זאלן ווערן דעפארטירט! ווייל
זיי ווערן בעשולדיקט אין שפיאנאזש לטובת די דייטשן.
נאר דורך גרויסע שתדלנות, האט מען זיך געשושקעט, איז
דער באפעל בטל געווארן; אנשטאט דעם פוירקן באפעל האט

די מאכט פערפליכטעט, דאס אלע יידן מוזן טראגן די פעראנטווארטליכקייט און מוזן היטן אלע טעלעגראפישע פערבינדונגען אויסער די שטאט. באלד האבן מיר זיך ארגאניזירט אין גרופן און ארויסמארשירט צום וואגזאל, און גאנצע 24 שעה אין מעת-לעת האבן מיר געהיטן, אוועקשטעלנדיק אייד אשומר ביי יידע עטליכע טעלעגראפן-סלופעס, ביז דעם העלפט-וועג פון לאסק קיין פאביאניץ. אויפן האנט האבן מיר געטראגן א רויט-ווייס-בלויען באנד מיט די אופשריפט "אכראנא זשעלאזניי דראגי". די גזירה האט נישט לאנג אנגעהאלטן. די שלאכטן האבן זיך שנעל דערווייטערט פון לאסק און ווידער זענען מיר געווען אונטער די דייטשע אקאפאציע.

טראץ אלע קריגס שווערעקייטן און די ארימקייט פון דער יידישער באפעלקערונג, האט זיך דאס געזעל-שאפטליכע לאבן אונטער דער דייטשער הערשאפט פיל ענטוויקלט. די ציוניסטישע ארגאניזאציע האט זיך פערשטארקט און אנדערע בעוועגונגען, ווו דער טורן און ספורט פעראיין און "מזרחי" האבן געפירט אשטארקע טעטיגקייט. די ארטאדאקסאן האבן געטוען איין זאך: שטערן און זיין אין דער אפאזיציע צו אלעם וואס האט נאר געשמעקט מיט ציון און קולטור.

די יידישע ביבליאטעק פון העבראיש און יידיש האט זיך פערברייטערט, סהאט זיך אויך געשאפן אמאטא-רישע דראמאטישע גרופע, וועלכע האט אויפגעפירט פיעסן און מוזיקאלישע אוונטן. מיר האבן איינמאל אויפגעפירט א פיעסע פון גאלדפאדן, צו וועלכע מיר האבן איינגעלאדנט

דעם דייטשען בירגער מייסטער הער רודע. די דייטשע צענזור האט אויסגעשטראכן דאס זאץ "אויפן הויכן בארג אויפן גרינעם גראז שטייען אפאר דייטשן מיט די לאנגע בייטשן" און אפרים נאסקאוויץ, שפילנדיק די ראלע, ווען סאיז געקומען צו דעם זאץ, האט ער געענדערט: "אויף דעם הויכן בארג אויפן גרינעם גראז, שטייען אפאר פראנצויזן מיט די לאנגע הויזן" דער בירגער מייסטער האט אנגעקוואלן פון דעם. סאיז אויך ווערט צו דערמאנען דעם "טורן-פעראיין", וועלכער האט געהאט אנאייגענעם לאקאל, אזוי אז נישט נאר גייסטיק נאר אויך פיזיש האבן זיך די יידישע יוגענד מוסקולן ענטוויקלט. ווען די טורנער האבן איך בלויע בלוזן מיט ווייסע קורצע הויזן פארביי מארשירט דורכן רבס הויז צו דער ערעפנונג פון די נייע מקוה, האט דער רב ארויסקוקנדיק דורכן פענסטער געשאקלט מיטן קאפ, און זאל האבן געזאגט: " נו יא- ממאכט זיך נאריש, זיי האבן זיך אנגעטוען ווי די טערקן אין קארצע הויזן" ...

די יידישע געמינע איז אונטער די דייטשע אקאפאציע דאס ערשטע מאל, זייט עטליכע הינדערט יאר, אויסגעוועלט געווארן דורך גאנצער יידישער בעפעלקערונג, לויט אגעהיימע-דעמאקראטישע וואל ארדינאציע, און געטראגן אויף זיך פערשידענע פעראנטווארטליכקייטן. איך האב זיך אנגעשלאסן אין די ציוניסטישע ארגאניזאציע און געהאלפן זאמלן פאר קרן קימת. צו די ליטערארישע אווונטן האבן מיר איינגעלאדן פערשידענע רעדנער און דיכטער אונדז צו באזוכן. סאיז געקומען צו אונדז פוןווארשא הלל צייטלין, דער שרייבער יואל מאסטבוים און פון לאדז דער

פאעט יצחק קאצנעלסאן. דער לעצטער איז איינגעשטאנען בײַ ר׳ העניך זענדל און מיר יונגע ציוניסטן זענען געגאנגען דארט אים בעזוכן, ווי מיר האבן א ווײַלע גײַסטיק פארברענגט. איך וועל אייביג געדענקן זײַן פארלעזונג און זײַן ליד "די זון פארגײַט אין פלאמען".

אין יאר 1917 האבן זיך די מלחמה פלאמען פאר-שפרייט ארום ווארשא. דאס דײַטשע מיליטער האט אײַנגע-נומען די פעסטונג מאדלין און געהאט גרויסע נצחונות. אבער אין לאנד איז די עקאנאמישע לאגע געווארן אלס שווערער צו פארטראגן. עסנווארג איז געווארן שטרענג רעדוצירט, א מאנגל אין קליידונג א.ז.וו. דערצו האט נאך אויסגעבראכן א טיפוס עפידעמיע, וועלכע האט אונדזער שטעטל געטראפן מיט א גרויסן צאל קרבנות. מיך האט די עפידעמיע נישט אויסגעמיטן, אין אלע שטובן, ווו סאיז געווען א טיפוס קראנקער, האט מען דאס מעבל און בעטקעוואנט דיזענפעקצירט, די טירן פערזיגלט און די איבערגעבליבענע געזונדע פון די משפחות, געשיקט אין אנאבזינדערונגס-הויז, וואס איז ספעציעל געווארן געעפנט אויפן פאביאניצער וועג. יידישע פרויען האבן זיך אנגעשלאסן אלס קראנקן שוועסטערן אין שפיטאל און אין אבזינדערונגס הויז. זיי האבן פיל בײַגעשטייערט צו העלפן די געליטענע. פון צווישן זיי זענען אויך עטליכע געשטארבן אויף טיפוס.

דער יידישער פאסטנטרעגער

ווען דער הימל האט זיך אויסגעלאטערט און די טיפוס מגפה האט זיך אײַנגעשטעלט, האבן מיר בעדארפן



צד של השוק עם הכנסיה הקטולית



התזמורת של מכבי אש במרכז

גוטע פלעגע. סאיז געקומען מיין צייט צו זוכן פרנסה. איך קאן זיך נישט דערמאנען, ווי אזוי און דורך וועמענס שתדלנות איך בין געווארן דער פאסטנטרעגער אין אונדזער שטעטל. איך גלויב, אז איך מוז זיין געוועזן דער ערשטער און דער לעצטער יידישער פאסטנטרעגער אין לאסק פון אלע דורות. די פאסט איז געוועזן אין דער געביידע פון מאגיסטראט אונטער דייטשע מיליטערישע אויפזיכט, ביי די לייטונג פון א צעווילן דייטש, וועלכער האט געוווינט אין לאסק מיטן נאמען אוילענפעלד. פאר יעדן בריוו און פאקעט האב איך בעדארפן בעצאלן אבעשטימטן פרייז,און איך בין געוועזן בערעכטיקט צו בעקומען אבעשטימטן פרייז פון די אפנעמער. א חוץ דעם האב איך בעקומען א קליינעם מאנאטליכן געהאלט. מיין מוטער האט פאר מיר באשטעלט אלאנג העל קאלירט כאלעטל מיט מעשענע קנעפ, אזוי, אז סהאט אויסגעזען האלב יידיש און האלב פויליש, צופרידן-צושטעלן ביידע צדדים. אויך אהיטל מיט א גלאנציקן שילד און אדייטשן אדלער, אזוי האב איך מיך געלאזט אין גאס ארייך. דאס איז געוועזן מיין ערשטע באשעפטיקונג.

ווען די מלחמה האט זיך אין 1918 געענדיקט און די דייטשן זענען ארויס פון פוילן דערנידריקטע און באזיגטע, אט אין דעם זעלבן טאג האב איך געמוזט ארויספארן צום וואגזאל צו קאלעקטירן די פאסט. ווען איך בין צוריק געקומען אין מאגיסטראט, איז שוין געוועזן פאר מיר צוגע-גרייט מיין דעמיסיע. אויך די צוויי יידישע פאליציאנטן - דוד קארן און יצחק וואיאקאווסקי זענען דעם זעלבן טאג געווארן בעזייטיקט פון זייערע פאסטנס.

צוזאמען מיט די פרייהייט, וואס די פאליאקן האבן

געווונען, האבן זיי אין דער זעלבער צייט צוגערויבט די פרייהייט פון די מינדערהייטן.סהאט גארנישט לאנג געדויערט און די "האלערטשיקעס" האבן געריסן יידישע בערד און יידן ארויסגעווארפן פון די בענען.איך האב דאן געוווסט, אז סאיז פאר אונדז יידן נישטו איך פוילן קיין צוקונפט און קיין עקזיסטענץ. איך האב בעשלאסן צו נעמען דעם אלטן יידישן וואנדער-שטעקן אין האנט און פערלאזן דאס לאנד פון מיין געבורט.



דור יהודי בלאסק
בשנות 1916-1918

זער שווער איז מיר געווען זיך צו שיידן מיט אלע מיינע חברים און נאנענטע און איבער-לאזן מיין מאמא אליין. מיין חבר אברהם נחום ברז׳זינסקי האט מיר צו-געזאגט, אז ער וועט טעגליך גיין צו מיין מוטער און טוען אלעס מעגליכעס איר צו העלפן. ווען ער האט זיך גע-דארפט שטעלן צום מילי-טער דינסט, האט זיין שוועסטער שיינע הענא א טייל פון די פליכטן איבערנומען און אפט געווען

מיט מיין מוטער צוזאמען. דינסטאג דעם 6-טן מאי האב איך פערלאזט אונדזער שטעטל לאסק, נישט ווסענדיק וואס די צוקונפט וועט מיט זיך ברענגען, און מיט א טיפן ווייטוג האב איך זיך געלאזט צו דער גרענעץ.

צעווישן אלע מיינע חברים, וואס האבן צו מיין אפשיד מיר אין מיין טאג-בוך אריינגעשריבן, איז ווערט צו פארצייכענען אקורצן אויסצוג פון מיין ליבן פריינט ר' שלום ברז'זינסקי, אייד פון די אלטע משכילים. ער הויבט אן: "כשה אובד הנני רואה אותך, ידידי הרך,המבקש את עדרו בישימון ללא דרך". אן ער ענדיקט: "מי יראך את הדרך"? מי יביאך אל המסילה? ומאין יבוא עזרך? על זאת הומה לבי, הוי, שה נידח ישראל! זוהי הטרגדיה היהודית"!

אלתר ווידאווסקי-לאנדאן

זאב אחי-אפרים

די לאסקער פאנאראמע

נישט אומזיסט האבן זיך באלד נאך יעדע פסח-טעג צוזאמענגעקליבן אין אונדזער שטעטל לעטניקעס פון דער גאנצער סביבה. בעזונדער פון די פאבריקן שטעט ווי לאדז און פאביאניץ. לאסק איז געווען איינגעטונקן אין אים פון סאסנא און ברז'אנע וועלדער און געצויגן צו זיך יעדן איינעם, וועלכער האט געשטרעבט צו אגוטן זומער אפרו. דאס האבן די נאענטע פוילישע דערפער בעפעלקערונג פון שטעטל געוווסט אויסצונוצן.

צוויי לויטערע טייכלעך ווי צוויי שנירלעך פערל, האבן דאס שטעטל געהאלזט און אונדז אלעמען ממש געקושט אין די זומערדיקע ווארימע טעג. ווי גוטע פריינד, שטענדיק אויפגענומען אלע נאקעטע חדר-יינגלעך און זיי ריין-געוואשן פון אלע חטאים. קליינע יינגלעך האבן זיך געבאדן ביי רודאלפן, אויך מיידלעך האבן דארט געהאט זייער באד-ווינקל, און גרעסערע בחורים, וועלכע האבן שוין געקענט שווימען זענען זיך געגאנגען באדן צו דער מיל. דארט זענען געווען סטאווידלאס, וועלכע האבן פערשאפט די באדענדע גרויס פערגעניגן. אויך איז דארט די וואסער געווען טיפער און שטרום-האפטיקער. יעדער, כמעט, פון די לאסקער יינגלעך האט געקענט שווימען. געוויזן גבורה, אראפשפרינגענד פון די סטאווידלעס און זיך געלאזט שווימען מיטן

שטראם, ביז צו פעדאס-בריק. נישט איינמאל האט זיך
געטראפן, אז אזא איינער איז קוים אפגעראטעוועט
געווארן פון דערטרינקען-צו ווערן, דורך די בעסטע
שווימער. כאטש דאס האט זיך זעלטן געטראפן, האט מען
אין שטעטל תמיד געזאגט, אז דער טייך דארפט יעדעס
יאר האבן אקרבן.

מיך האט מען צוויי מאל ארויסגעראטעוועט פון אזא
מערבולת. איינמאל האט עס געטועט יהושע יחיאל-שמחה׳ס
און אצווייט מאל סיני בערקענוואלד. אלע ביי אונדז
האבן אינסטינקטיוו געפילט און געוווסט, ווי זיך
אומצוגייען מיט אזא געטרונקענעם. ארוםביידע טייכלעך
זענען געווען גרויסע שטחים פון גרינע לאנקעס פארקן
און פרוכט סעדער, פאסטוויסקעס און גרינצייג גערטנער.
כמעט יעדעס יאר יעדן פאר-פסח האבן די צוויי טייכלעך
זיך פעראייניקט און אינסצענעזירט "אמבול" ספעציעל
פאר חומש יינגלעך.

וויעוויערצ׳ין און די אוטעראטע, די לאסקער בעלי
בתים פון די זומער ווינונגען, האבן אויפן טייכעל
אוועקגעשטעלט באדע קאמערן פאר זיירע געסט לעטניקעס.
סרוב האבן זיך אין די "באד אנשטאלטן" געבאדן פרויען.
און די יינגלעך האבן געהאט אשטענדיקע פונקציע צוצו-
שווימען צו דער געגענט און מאכן "אנורעק" אין איינעם
פון די מיידילשע באד-קאמערן. דער אומסגעראכטער גאסט

האט ארויסגערופן שרעקליכע געשרייען ביי די מיידלעך. קיינער האט אבער אויף אזעלכע מעשים נישט רעאגירט. סזעט זיך אויס, אז בײדע צדדים זענען פון אזעלכע וויזיטן געווען צופרידן.

גרויסע זומער וווינונגען זענען מיט דער צייט אויך אויפגעבויט געווארן אויף די טאדארעס און ראקאטניצע, צווישן געדאכטע טרוקענע וועלדער, און גאר מאדערנע זומער ווילײעס זענען אויסגעבויט געווארן שפעטער אין קאלומנער וואלד. קומענדיק אמאל אין דאברינער וואלד האסטו געקאנט מיינען, אז אט ערשט איז דא די וועלט בעשאפן געווארן. אלעס איז דארט געווען ווילד באוואקסן מיט שטארקע הויכע סאסנעס פון ששת ימי הבראשית. אין שענסטן זומער-טאג האט דארט געהערשט א שטענדיקער בין-השמשות. מער ווי פייגל-געזאנג און אשטענדיקן קלאפן פון דז'יענצ'אלן מיט זײערע דז'יאבן אין די בוימער האסטו נישט געהערט קיין מענטשליכן קלאנג. דער באדן פון וואלד איז שטענדיק געווען בעוואקסן מיט נידריקע און געדיכטע קרז'אקעס פון יאגדעס, פאזשאמקעס און בורױוקעס, ווילדע און גוטע שוואמען פון אלע מינים האבן זיך געבעטן מזאל זיי אויפקלויבן.

די דאברינער וועלדער האבן אויך געדינט אלס שטענדיקע באנדיטן-נעסטן. געפלעגט מאכן אנפאלן אויף דורכפארענדיקע מארק-הענדלער און פראכט וועגן.

בעזונדער האט זיך שטארק איינגעקריצט אין אונדזער זכרון דער שיינער גארטן און סאד ביי די געברודער שלום און חיים וואלף ברז׳עזינסקי. דאס איז געווען אונדזער הייליקע נעסט פון די יוגענד יארן. דער "גן עדן התחתון" מיט זיין גאנצן פראכט. באפלאנצט מיט שטארק פארצווייג-גטע פרוכט בוימער, מיט קרז׳אקעס פון מאלינעס, וויינ-פעלעך, אגרעסט און אויסגעפלאסטערט מיט צענדליקער זינג פייגל נעסטן. איןביידע זייטן פון "גן עדן" זענען געווען צוויי סאדזווקעס מיט וואסער, אין זיי האט זיך אפגעשפיגעלט אנאסער "גן עדן". אין איינעם פון זיי איז געווען משה פאלעקס אפיש-קאסטן, געווען שטענדיק פערלייקט מיט אשלעסל. מיט פערגעניגן האבן מיר זיך געפלעקט צוקוקן ווי משה פאלעק שעפט ארויס פון דעם קאסטן מיט א האנט-שעץ גרויסע קארפן לכבוד שבת. אין דערמיט פון גן עדן איז געשטאנען א לעטאנקע, וועלכע האט אונדז שטענדיק פרייגטליך אויפגענומען. סזענען געווען ארום איר בענק צום זיצן, א ארט צו חלומען און לעזן טריפה-פסול ביכער. יינגעלעך מיט מיידלעך האבן דא, הינטערן קוץ פון דער שכינה זיך אויסגערעט איינער פארן צווייטן דאס הארץ, און אנגע-טרויט דער אלטאנקע זיירע "ליבע סודות". זיי אגוטע, זיי אפרומע, זיי אכשר איידל קינד... הינדערטער פאלקס לידער האבן אויף דעם ארט בעקומען זיירע זינגער, און אנארטיקער דיכטער האט דא גאשאפן זיינע געדיכטן.

דער "גן עדן התחתון" האט אלעמען אזוי בעצויבערט, אזוי אלעס צוזאמען געבונדן, צוזאמען געגאסן, פערטושט אלע געזעלשאפטליכע קאנטראסטן, אז אין אים האט זיך

קיינער נישט געפילט מינדערוועריק. דאס איז געווען א קליינע דעמאקראטישע קינדער געזעלשאפט צו וועלכע עס שטרעבן פעדאגאגן פון אלע ציינטן צו שאפן דורך ספעציעלע דערציער, האט זיך אין גן עדן פון זיך זעלבסט אויסגעבריט און אויסגעוואקסן.

אלע זענען געווען גלייך: אלע חסידישע געדער, אלעקסאנדערער און בעליבתישע פון אלע שיכטן, ארים און רייך, שטארקע און שוואכע, האבן זיך בשותפותדיק אויסגעלעבט אין אלע שפילערייען, וואס דער גן-עדן התחתון האט פאר אלעמען געשאפן בשפע. די גרינע לאנקעס ארום אים, דאס פלייכע טייבעל ביי רודאלפן און בעיקר, די "זודע פאבריק" מיט אלע אירע זייטיקע מעכאניזירטע ווארשטאטן, אויך דער גרויסער האלץ-פלאץ פון ברעטער און קלעצער, דער שטענדיק געשמאקער זאמפט פון שווערק און דעמב-קארעס, אויסגעמישט מיט פריש געשניטענעם היי אין די זומער חדשים, האבן אלעמען פערשיכרט,אויך די שטענדיקע "מלאכים" אין "גן עדן" אלטע און יינגע, די טאטע-מאמעס פון אים און זיירע מיידלעך און יינגלעך, האבן געשאפן די גוטע אטמאספערע פאר א פרייינטליכן און פרידליכן צוזאמענלעבן.

די גרויסע שרפה אין די זודע-פאבריק האט אויף אונדז אסך שטארקער געווירקט ווי דער חורבן פון צווייטן בית המקדש אין ירושלים. חדשים לאנג האבן מיר אפגעראכט תקון חצות אויף דעם חורבן... ווי היינט געדענק איך, דעם רעש פון די פייר-לעשער, די שווארצע קנוילן-רויך ווי לאנגע פייר צינגער האבן אכזרותדיק אויפגעפרעסן די

ווארשטאטן און אלע דעכער פון די געמוירטע בנינים.
דער שטן, בכבודו ובעצמו, האט זיך מיר געדאכטן, שטייט
אין טראגט-איבער דאס פייר פון איין ארט צום צווייטן.
פאר וואס? ! פאר וואס? ! קומט אונדז אזא חורבן?
האבן אלע "גן עדן" חברים געפרעגט. דער אלאנגע
צייט האבן מיר טיף געטרוירט אויף די שרפה אשר שרף
השם. געוועז אין כעס אויף גאט ב"ה און אונדז געב-
רענקט צו פאטאלישע נאכטראכטענישן קעגן "דיינע"
מעשים.

צווישן די צייט, ביז סהאט זיך ווידער אויפגע-
בויט דער גן-עדן, האבן מיר זיך פונאנדערגעטיילט,
דער גרויסער יוגענט קאלעקטיוו איז אויך פערברענט
געווארן. אשטיקל נחמה האבן מיר געפונען ביי איציקל
קאוואלס קוזשניא און ביי די לאסקער פייר-לעשער. זיי
בעגלייט ביי יעדע פיירונג, צום הויכן האלץ טורעם,
געווען שטענדיקע געסט אויף זיירע פרובעס, גוטע
צוהערער פון זייר ארקעסטער, בעוווסטזיניק מוותר
געווען אויף אסך "מוסף קדישות" אין שטיבל, צוליב
אביסל פייר-לעשער פערגעניגן. ביז סהאט זיך ווידער
פאר אונדז אויפגעעפנט דאס קליינע טירל פון גן-עדן:
סזענען פערשווינדן די שיינע און שמעקענדיקע ווארש-
טאטן, דער גרויסער האלץ-פלאץ און דאס בעסטע פון
אלעם: די זודע-פאבריק און דער אייז קעלער. איז
עטליכע יארן האט זיך ווידער צוביסלעך אלס בעניייט.
דער "גן עדן" האט בעקומען אנאנדערע צורה צוזאמען
מיט פייגעלעך אין סאד האבן מיר זיך אומגעקערט

צו אונדזער אמאליקע טעטיקייט, וואס האט אויך געטראגן אמער ערנסטן כאראקטער.

די קאודאקאצינא-געזעלשאפט פון אונדז יוגענדליכע, מיידלעך מיט יינגלעך, האט זיך פערנומען מיט ציכטן טויבן און ציגן, זינג פייגעלעך אין שטייגן און זיך גוט איינגעהערט צו ר׳ שלום׳ס ליטעראַרישע און ציוניס-טישע דערציילונגען. צוריק געווארן משפחה מיט אלע, ווי פארן חורבן. די מומע רויזא, די מומע פייגא, דער פעטער שלום און דער פעטער חיים וואלף מיט אלע שוועסטער און ברודער פון אונדזערע יארן, האבן זיך ווידער איבערגעטראגן אין דער נייער אטמאספערע פון ליינען ביכער און גרובלען זיך אין דער משכילעשער ליטעראטור. די ליבעראלע און ליבע בעציאונגען פון די ברזעזינסקיס צו זיירע קינדער האבן אויך גוט משפיע געווען אויף יעדן איינעם פון אונדז. דער חוג איז טאקע קלענער געווארן, אבער געווען שטארקער און געקניפטער ווי אמאל. סהאט אלעמען בעהערשט די ערנסטקייט, וואס די "באלפור דעקלאראציע" האט דעמאלט ארויסגערופן אין דער יידישער וועלט.

מיר האבן אלע געשטאנען אויפן פרשת הדרכים און געפרעגט, לאן ? ...



לאסק עיר מולדתי

מי יתנני ואוכל להסיח עצמי בלב לא-נמהר ובהגיון לא-רצוץ, בבואי להציב בחוברת ציונים מעטים לחזיוני-יקר שדעכו ולחיי-חן ותום שנכרתו בשואת הימים ההם, בעיר מולדתי לאסק, אשר כמו תמול המה לי. אם נגזר עלי לשבור את מעגל האלם ולספר על עירי, לא אצעק הו, הודי! הו, פארי! השבר עמוק מן הצעקה והקינה אך תחללנה.

סערי, רוחי, סערי! זכרוני הוא כצבי וכסוס הדוהר. קברים אני חופר. על דלתות התמול הגדוע אני דופק. דפוק, דפוק לבי, דפוק! לפנים חי שבט יהודי על אדמת פולין, שבט יהודי עוטה הוד מלכות ללא כתר. רבים מבניו היו אנשי-חיל וחכמי-תושיה, תמומי דרך וטובי לב, יראי-שמים ויודעי ספר, אוהבי תורה ושוחרי-דעת, נעימי הליכות וידם רבה להם בהלכות. (חכמי לאסק).

אף כאשר ראו את העוני בשבט עברתו רחק לבם מעצבות וממרה שחורה. בששת ימי המעשה היטו את שכמם לסבול בכל עבודה קשה. בשבתות ובחגים ראו מנוחה כי נעימה. בשמחת תורה ובכל שמחת מצוה רקדו בכיסופים. בלילי שבתות קידשו את היום על גביע יין ובמוצאי שבת הבדילו על מעט היין בין קודש לחול. קול תורה וקול תפילה לא שבתו בבתיהם ובבתי מדרשיהם, אראה אותם כמו חיים ניצבים לעיני בהמוניהם וביחודיהם. הנה אנשי מעלה, זכי-נפש וטהורי דמות; לומדים מופלגים וברי-לבב; ענוים ברוחם ותקיפים בדעתם; כבדי-הגות

וקלי-רגלים לרוץ לדבר-מצוה; מתרוממים מעלות בקודש ונפשם כעפר לכול תהיה; מוטרדים בדאגות פרנסה ומזעס-קים בהוויות העולם ואף מרחפים בעולמות העליונים; נעים ונדים להשיג פת במלח ודבקים כל עת באלוהים חיים.

כל הצרות והגזרות הרעות ניתכו על ראשם, והמה באל ישועתם, בטחו ולא פחדו. אלה אזכרה ואהמיה:בבית החסידים דגור, עתים שפכו את לבם כמים במרירות הנפש וכילדים בבו והתחננו לפני אביהם שבשמים ועתים כילדים נתנו את קולם במצהלות צחוק, כקונדסים השתובבו; עשו משתאות כיד המלך ליום השנה לפטירת הרבי "שפת האמת" ז"ל וערכו שולחן לקרואים לכבוד הרך הנולד, לשמח חתן וכלה, לבר מצוה ולסיום הש"ס. לכאורה משיחים דברי חולין במקח-וממכר בעסקי בנין וקנין, אך דבריהם משוזרים מראי - מקומות מן התורה ומן הכתובים, מדברי חז"ל ומספרי-מוסר וקבלה. מכל אלה לסיפור חסידים על מגיד מדובנה ועל רבי עקיבא אפטר ועל הרבי מסוכטשוב ואלקסנדר; הרי בדיחה יהודית הספוגה ריח תורה. מצאנו שיהודי הקדוש אומר, רש"י מפרש, רבנו בחיי כותב, מהרש"א שואל, הרמב"ם חושב, התוספות סבורים. הכל כאלו חי בהווה: כותב, אומר, סבור, טוען ומפרש.

זה כוחם של הימים ההם ובכך חנם, שהכל דיברו בהם בלשון הווה. אהבתי את הזמנים ההם שבהם העולם היה עולם ואף האדם היה עולם קטן וסביבו יערות גדולים, נחלים שעליהם בנו טחנות קמח בהם התרחצנו בימי הקיץ החמים. ברחנו מן "החדר" והשארנו את הגמרא ואת

הקושיה שעמדה לפנינו. "יקשין העולם" אומר הרבי, ממנו הוא רוצה תירוץ ואני אצל נחל של "רודולף" ושוחים עם הזרם כמעט עד לגשר הקטן. והפלוגתא עם הרבי נשארה פלוגתא: הרשל וואלער טוען כי הגמרא היא היא מרכז העולם וכל השאר "עלה נדף", הגמרא, הוא אומר, היא מקור של חיי עולם שנטע בתוכנו. ואנחנו מחפשים את חיי העולם ליד הנחל הקטן, באחו הריחני, בנהר ליד טחנת הקמח, בגן הפרי של "הזודע וואסער פאבריק" גן עדן התחתון שלנו, בעולם הזה.

בשני עולמות חיינו והם לא התנגשו ביניהם כלל וכלל. בחדר על-יד הגמרא עולם אחד, המבטיח עולם הבא, בגן פרי של "הברז'עז'ינסקים" בגן עדן התחתון שלנו אכלנו פרי-מגדים של עולם הזה, מה שאין צדיקים גמורים זוכים לכך. "בגן עדן זה ראינו את רגלי המבשר על ההרים הקורא בקול: יהודים קטנים, עורו, התעוררו, רב לכם לשבת בעמק הבכא, באה העת לחיות, כי בא מועד, עם ישראל חי!

הימים ההם היו טובים מאד לנו הילדים, אם להורים היו צרות ודאגות פרנסה וטרדות של חינוך בנים, מי מאתנו יוכל היה לשים לב לכך? להם היה עולם אחד ולנו שני עולמות ושותפים היינו לחדות החיים ששפעה מתפילות ומזמירות, מקול התורה ומקול "אהבת עולם אהבתנו", "מלכו נרננה" ו-"בני היכלא דכסיפין", מנשמת כל חי תברך, "מידיד נפש אב הרחמים", "אסדר לסעודתא", "דרור יקרא" לכל מקום שהלכנו הלכו הניגונים אתנו, נוסף לניגונים של הימים הנוראים שלא פסקו מפינו בכל רגע שעיפנו ממשחקים בין הקורות והקרשים בגן העדן התחתון שלנו.

אם זכה "מתית שוחט" להשארת הנפש על אחת כמה חיים-וולף ושלום ברז'זינסקי, הדודה פיגה, והדודה רויזה. הבנים והבנות של שתי המשפחות מלאכי-שרת היו, כולם כאחד פעלו להמתיק את חיי העולם שלנו, את "נצח הילדות, אשר לא ישקר" ועד עולם ישאר בי המזג ששאבנו משתי הברכות בגן הפרי "הסוד" של גן העדן "בסודה פאבריק" ואהבה לחיי עולם שהנחילו לנו הבנות והבנים של המשפחות הנ"ל בני גילנו: שיינע הענע, הענע, אברומטשא ואברהם נחום. שלושה מהם נמצאים בחיים - שניים באנגליה ואחת באמריקה.

אלה הדברים שסיפרתי לא בדמיון יסודם, הם דברים שהיו, אושר שהיה קיים שם בנכר, בחבל הארץ ההיא ששמה פולין הגדולה ושל העיר לאסק, בעיר הזאת חיו יהודים ואינם עוד. מאז עברו שנים רבות ועדיין אשמע צלילי קולותיהם של מורי ורבותי.

רבי יחיאל שמחה טמר, אסתר אשתו, שרה בתו ויהושע בנו. יחיאל שמחה בעל עינים גדולות ואדומות, פניו היו כעין אי בים השער הרב המקיף את פניו, זקנו, כחבילת צמר ופשתים, שלא ראה מסרק מימיו. הוא שינקלנו נתיבות בים האותיות של האלף בית בשננו לפנינו פתח אלף אַ, קמץ בית בָא! דע לך, שבאותיות אלה נברא העולם, ובכל אות שאתה לומד אתה זוכה, אתה כובש חלק מן העולם. בהדרגה מן האותיות והתנועות הבודדות של האלף בית ועד לראשית הקריאה של פסוק אחרי פסוק מן "בָּ-רוּךְ שֶׁאָמַר וְהָיָה הָעוֹלָם" באותיות גדולות. מן הקריאה ועד ללימוד החומש, אחר כך חומש עם רש"י, והכול בניגון ובמקהלה צוהלת ובוקעת עולמות. ואני, כאטש איך בין דיך מטריח מיט מיין קבורה, זאלסטו וויסן, אז מיט דיין מיטער

רחל האב איך נישט אזוי געטוען, בבואי, מיין טוען קומען, מפדן ארם, פון פדן ארם, מתה, איז געשטארבן עלי, אוף מיר, רחל, דיין מוטער רחל, בארץ כנען, אין לאנד כנען, בעוד כברת דרך לבוא אפרתה, סאיז נאר געבליבן א תחום שבת ביז אפרת דאס איז חברון,
שם בדרך אפרת היא בית לחם; און האב זי בעגראבן אויפן וועג צו אפרת דאס איז בית לחם. זאלסטו דערפאר נישט פעראיבעל האבן אוף מיר, ווייל דאס האב איך געטוען "על פי -הדיבור" גאט האט אזוי געהייסן. ווייל, ווען נבוזראדן וועט פערטרייבן דיינע קינדער אין גלות אריין, וועלן זיי פערביי גיין דיין מוטער רחל׳ס קבר, איך דיין מוטער רחל וועט ארויסגיין פון קבר און וויינען און תפילה טוען צו גאט אזוי ווי עס שטייט איך פסוק: "קול ברמה נשמע רחל מבכה על בניה", רחל וויינט און שרייט אויף אירע ליידענדע קינדער,זיי זאלן אויסגלייזט ווערן, וועט איר גאט ענטפערן".
יש שכר לפעולתך, פאר דיר, טייערענקע, וועל איך אלעס טוען, ושבו בנים לגבולם, איך דיינע קינדער וועלן זיך אומקערן צוריק אין זייער לאנד.

אלה היו ידיעות הראשונות על גולה ונכר ועל ציון וציונות, הרבי המסכן, אולי לא הרגיש באיזו התלהבות חזרנו על הפסוק הזה "ואני בבואי", לא ידע הרבי, כי דמעות הרחמים של כל חברת הילדים פרצה באותה שעה על "רחל אמנו" ונדלק נר של ציון בדרך בית-לחם, אשר לא כבה ובמשך הזמן נהפך הנר לאבוקה והאבוקה לגאולה.

הרבי החדש ר" "הערשל וואלער" למדונו גמרא ורש"י. את הרבי הזה היה קשה מנשוא, קפדן היה והיכה

במגלב את כל אחד מאתנו ללא רחמים, בין שהיינו טובים או רעים, פשוט, תענוג היה לו להלקות במגלב על ימין ועל שמאל. הריח טבק הרחה, שכל שפמו היה גדוש בו, והמשיך בניגון הגמרא ומתוך כדי לימוד, זרק את המגלב שהיה עשוי מרגל צבי ובקציה רצועות עור דקות קשורות בחוטי ברזל דקים. לא תמיד קלע למטרה הנכונה. הנפגע פרץ בבכי וניגון הגמרא גבר על בכיו של הנפגע עד שנשתתק.

טוב שהיה לנו "גן עדן משלנו, שם התפרקנו ממרותו של "הערשל וואלער". שלושה "זמנים" הקציבו "הכמי החינוך" של אז לחניך בכל "חדר", שנה ומחצית השנה. בשמחה מיוחדת במינה קבלנו על עצמנו את הרבי השלישי.

הרבי אברהם בן ציון ליטבק - מזג אחר, שפה אחרת וגם אוירה של תורה אחרת. טוב אם בהזדמנות זאת אזכיר את כל החבורה שמלאו את החדר אצל ר' אברהם בן ציון: שמואל זינוויל קייזר, זיינוויל ווילנר, מענדל זענדל, אברהם נחום, ואברומטשע מבית ברז'יזינסקי, אלתר ליפמן ווידאבסקי ואני. 20 תלמידים היינו בסך הכל. חלק נשר במשך הזמן ובאו אחרים על מקומו. כל חיי אז התרכזו מסביב לרבי זה. הרגשתי כעין אהבה של ממש אליו וכל אשר לו. עמוד ענן מתמיד של צער ליוה אותנו בלימודינו, חיי היהודים הנתונים בגלות; צער גלות השכינה, צער חורבן בית המקדש, חורבן שלא היה אי-אז בעבר הרחוק, אלא הוא מתחולל והולך בכל שעה ושעה ממש, כשם שבכל שעה ממש יושב הקב"ה וקובל: וי לי על בני



צד אחד משוק המרובע בלאסק



צד אחד משוק המרובע בלאסק

שגלו מעל שולחן אביהם. גם הצער הזה מנוגן היה מפינו. הניגון נשזר כמעין חבל הכוסף בינינו לבין הגאולה על-ידי המשיח, העומד אחר כתלנו ועוד מעט יזרה עלינו אורו. לפתע נהפך עמוד הענן לעמוד אש:

ישועת אד' כהרף-עין, כנגד חבלי המשיח - גאולת המשיח, המשיח אף-על-פי שמתמהמה בוא יבוא, הוא רחוק וגם קרוב, הוא קרובנו הרחוק ורחוקנו הקרוב. כך נארגו כיסופי המשיח וכיסופי הגאולה בכל שעור ובכל אגדה שלימדונו ר' אברהם בן-ציון. בכל הזדמנות הצדיק את הצער כשהוא עשוי תחרים אור מסביבו. הבו גודל למשיח אמר, עוז בו לעם וכוס נחומים הוא גם ליחיד בעם. את חולי כל איש ואיש הוא נושא, לא חזיון אגדה הוא, כי אם יצור בבשר ודם. ביום החורבן נולד, על פתחה של רומי הוא יושב, הוא בא ואיננו פוסק ואף בטרם בא ישנו. כל רגע הוא ערב בואו, לכן, חג לנו, ערב חג כל הימים, שער לחג הגדול לגאולה.

מאז התלכדנו מסביב ר' אברהם בן-ציון, ראינו מכל חרכי החולין את שמחת המשיח. ואם בשוקים נראה איש מוזר או שבא לעירנו הלך "ומגיד" או ר' גרשון המשולח מארץ ישראל, נדמה היה לנו, שהוא אליהו המבשר. תורתו זו של רבי בן-ציון שינה את מצב רוחנו והיינו שמחים שאנו יהודים בעולם הגדול של לא יהודים. אדם הראשון, נוח והאבות יהודים היו ולמעננו נברא העולם, אולם רשעי הגויים תפסו לידיהם ביד חזקה את כל הארצות ואנחנו מפני חטאינו גלינו מעל אדמתנו, סוף הכבוד יבוא, במהרה בימינו יושע ישראל ובא לציון גואל. לכן, למדו בחשק, זמרו בקול, שטארקער "פריילך!

הנה אל ישועתי אבטח ולא אפחד!!! 18 חודש למדנו אצל ר' אברהם בן-ציון, ו-18 חודש אצל ר' בעריש.

במשך הזמן הזה גדלנו בעינינו, נעשינו ליהודים, לחסידים קטנים, המשתפים פעולה בכל חג יהודי בלב ונפש: בראש וראשונה בקול זמרה, בבית ובבית החסידים היינו עוזרים בזמרה לכל "בעל תפילה", בימי שבת וחג היינו משתפכים בזמירות מעניני דיומא, ובימים הנוראים, כעוזרים במקהלות שרנו עד צאת הנשמה, ביודעים, שאנו מקרבים את הגאולה. בכל שיר היתה הכסיפה לגאולה, וכל זמר היה בבחינת "היום תאמצנו", "היום תברכנו" והיום תגדלנו! ובין הגדולים, יראי-שמים, אבות, זקנים נכבדים, כגון: זעליגל גבאי, פנחס גבאי, שלמה בעסערגליק, ר' איטשקא, משפחת אברהם בערקנואלד, העניך יודע משה'ס, דער אלטער יוחנן, יצחקל נאמן, ר' אברהם בן-ציון, משה אהרן ווינמאכער, מרדכי מענדל, ר' הערעלע, בן ציון, אברהם שמעונס, דער פורים רב, שמעון עסיג מאכער, ישראל מעלער, טוביה שיערדזקי, וואלף שיערדזקי ועוד, היינו אנחנו החסידים הקטנים, הרוח הסוערת בשמחת תורה, חובקים ונושקים את ספרי התורה, רקדנו ושרנו עד כלות הנפש. ראינו את עצמנו שותפים ככובשים את העולם חזרה מידי הגויים, וסוף ההקפות - כשבים ממסע הניצחון.

היו אלה ימים גדולים: אבא חתן תורה, ואותו יום נהפך ממש למעמד הר סיני. יחד עם הגדולים שבאו לקדש על היין והי"ש, רקדנו על השולחנות ובחוצות העיר, כאילו היינו על הר ציון בירושלים.

אלה הדברים לא בדמיון יסודם, הם מעשים שהיו שם בלאסק בין זדונסקה-וולה ופאביאניץ בחבל פולין הגדולה. דפוק לבי, דפוק בחזקה, סערי רוחי אל תחדלי, ציונים אני בא להציג להם, מי הם? לאמי, אחי ואחיותי על טפיהם, דודינו וקרובינו, לחברי ל"חדר", ולכיסופים, לחזיונות, לתלמוד תורה, לתפילות ולזמירות, ולגן עדן התחתון.

רובם חברים לאלף-בית, למשחק אגוזים וכפתורים, למשחק מכבי-אש וחיילים ב-"סודה פאבריק". אתם כולכם בני השבט היהודי על אדמת פולין העקובה מדם הוריכם, אחיכם, נשיכם וילדיכם, אתם הורים לבנים אשר פניכם שוחקות ואבלכם בלבכם. אתם, בני עירי לאסק, מיום שעמדתי על דעתי באתי בסוד שיחתכם, צחוקכם וצערכם, בדיחתכם וגניחתכם.

הם הנרצחים ואנחנו המיותמים, דמם זב עד היום אל קרבנו מפצעיהם!

השרופים באש, שלחכה בלשונותיה אתכם ואת עמנו בעולם התופת, בלבנו הם חיים וקיימים.

זאב צורנמל



זאב

שטיקלעך זכרונות

איך וועל זיך נישט באַרימען, אַז כבין פון אַגרויסע שטאָט מיט אַ שיינעם נאָמען. לאסק, איז מיר ליבער און טייערער פון לאָדז׳ און וואַרשאַ.

טאַקע אַ שטעטל ווי אַלע שטעטלעך, אָבער מיט אַגרויסע פּאַרציע היסטאָריע. אַמאָל אַמאָל איז געווען אַגראַף לאסקי, אַפירשט איז ער גאָר געווען און אַקרוב צום קעניגליכן הויז, פון קעניג וולאַדיסלאַוו יאַגעלאָ. דער קעניג וולאַדיסלאַוו זאָל האָבן, מיט גרויס חסד, איינגעוויליקט אָנצורופן דאָס דערפל לאסקי פון זיין ידיד גראַף לאסקי, אַלס שטאָט מיט אַלע רעכט פון אַזאַ שטאַנד. נישט קיין מלוכה שטאָט, נאָר אַ פירשטן שטאָט. דער בעל דעה איבערן שטעטל איז דער פירשט און זיינע נאָכפאָלגער. פון דעם אַקט האָט זיך באַלד די גאַנצע וועלט דערוווּסט. און כהרף-עין איז דאָס קליינע דערפל געוואָרן אַ כרך פון עטליכע מנינים יידן, סוחרים און בעלי מלאכה און כלי קודש. די איבעריקע ענינים אַרום די היסטאָריע פון לאסק איז פאַרשריבן אין ספר דברי הימים פון גראַף לאסקי און זיינע קינדער און קינדס קינדער.

אין מיינע יוגענט יאָרן (סה"כ 21 יאָר, האָב איך געלעבט אין לאסק) האָב איך זיך אָריינגעזאַפּט פון אַלעם גוטן וואָס סהאָט זיך נאָר געלאָזט. ספּעציעל

גרויסע געשעענישן זענען אין לאסק נישט געווען. יידן האבן, בדרך כלל, געלעבט אין שווערע עקזיסטענץ בעדינ-גונגען, אבער גאט ב"ה האט יעדן געשפייזט מיט בטחון און אים זיך געלאזט מאטערן. שיינע ליכטיקע געשטאלטן, ווי ברילאנטן אין אגאלדענעם קרוין, האט סשטעטל געהאט: אלטער עילוי, ר' איטשקא, אשיינעם און אליכטיקן רב, שטאלצע און קלוגע באלעבאטים, ווי זעליג קאכמאן, זאנוועל בארנשטיין די ביקלעך, לייזער-מאכל-רייכבארט און זער פיל אנדערע. ספעציעלע טיפן, ווי זאלמעלע גרע... עובד וואסערטרעגער, משה קארענער, חיים אבראז דער בלינדער העניך. אביסל משוגעים, זיי זענען אפגעהיטן געווארן ווי אטייערער אוצר. סהאבן אויך נישט געפעלט קליינע און גרויסע נגידים. אין די טויזענדער האבן זיך יידן אפגעציילט און זיך איינגעארדנט אין פערשידענע רעליגיעזע שולן, שטיבלעך און חברות.

און פרנסה האט, ווי אמאל יענער האלץ האקער, יעדער געהאט צו ביסלעך. אחוץ גארבער, וועלכע האבן מיט שווייס אויסגעארבעט זייער שטיקל ברויט, זענען אין שטעטל געווען אגאנצער שטויס "מאכער": אקאשא מאכער, אהיטל מאכער, אוואטן מאכער, אשטריק מאכער, אקאם מאכער, אחוץ מאכערס ביים פרידיוו. כהאט שיעור נישט פארגעסן אוויכטיקע פרנסה. שרה שיינדל די בארשט יידינא. דאס געשעפט איז ביי איר געגאנגען אגאנץ יאר. זי האט קיינמאל נישט באנקראטירט. ראנא מרדכי-שלומהס האט ממש געהאט אמאנאפאל אין פרנסה ברווח, פרעגט

זיך גארנישט! יעדער באלעבועס, האט לויטן שטאט-
געזעץ פון פאר דעם ערשטן וועלט קריג, געדארפן שטעלן
אסטרוז׳ איינמאל אין חודש. ראנא מרדכי-שלמה׳ס איז
דאס געווען די האלטערין פון "טור" און געלעבט פון
אגעוויסן פראצענט, וואס די נאכט-וועכטער האבן
בעקומען געצאלט. סהאבן אויך נישט געפעלט "נס-פרנסות",
צעווישן זיי זענען געווען טרעגער און דארפס-גייער
און מארק-פארער. זיי האבן שטענדיק געווארט אויף אנס.
ווייטער האט דעם שטעטל גארנישט געפעלט.

וואסער האט יעדער געטרונקען פריש פון פלומפ אוועק.
בלויז אין גרויסן מארק זענען געווען פיר פלומפן:
שלמה מוהלס פלומפ, יוסף בעדנערס פלומפ, אבא ביאליקס
פלומפ און מאיר מאנדעלס פלומפ. און ווו מהאט נאר
געגראבן 2 אדער 3 מעטער, האסטו געהאט אקוואל-וואסער
מיט אברונען. 2 טייכלעך האבן בעשיינט דעם צפון זייט
פון שטעטל. דאס איז געווען אזער גרויסע מעלה. און
אנישט-אויסגעשעפטער-קוואל פון פרנסה פארן שטאט-רב.
"גיטין" און "חליצה" האבן אלע ארומיקע שטעטלעך
געמאכט ביי אונדזער רב, אלס אין זכות פון די טייכלעך.

אויך האבן מיר זיך נישט געהאט צו שעמען מיט
אונדזער גרויסער שול און להבדיל מיט די גרויסע קירך.
דריי בית עלמינס און אמקוה מיט צוויי כשרע קוואלן.
מיט אשטאט קאז׳אל, אבכור, וועלכער האט אונדז קליינע
יינגלעך פערשאפט גרויס פערגעניגן. דאס איז געווען
אנשמה פון ארעבן אקפדן, וואס האט געפייניקט יידישע
קינדער, אין זיין קאז׳אל-גילגול האט ער געפונען

זייך תיקון.

אמקום מנוחה האט דער קאז'אל געהאט אין בית מדרש קארידאר, אויפן שיימעכץ. און פרנסה, אויפן אלטן בית הקברות צעווישן די גרעזער ביי דער שול. ער האט אויך געפלעגט בעזוכן ביי די תבואה הענדלער, דעם עיקר ביי גאדל קארז'יץ און זיך אנעסן מיט אביסל האבער,גערשט.

דער קאז'אל דערמאנט מיך אשיין יידל, וועלכער האט זיך גערופן "דאס מלאכל". ער האט דאס געהאט אין שטעטל דעם מאנאפאל צו פארקויפן הייוון. ער פלעגט פסח מאריך זיין ביים אפרעכטן דעם "סדר".

וואס טוען יינגלעך? איינגעוויקלט דעם הייליקן קאז'אל אין אאלטן טלית. פונקט פארן "שפוך חמתך", ווען סהאט זיך געעפנט די טי. ביים "מלאכל", האבן די חברה ארייגעשטיפט דעם קאז'אל אין שטוב. און סאיז געווען פרייליך.

דער יידישער קוואל

וואס איז דען נישט געווען אין שטעטל? אחוץ אשטאט-חזן ר' מתית, זענען אין יעדן שטיבל און אין יעדע חברה געווען בעל-תפילות, בעל-קוראות, בעל תקיעות, גבאים און שמשים, שלא על-מנת לקבל פרס. און חדרים, דער קוואל פון יידישן גייסט, האבן זיך וואס אמאל געמערט אין שטעטל און פערשאפט גרויסע זארגן: צו וועלכן מלמד שיקט מען דאס 3 יעריקע קינד? ביסט נאר אלט געווארן 3 אדער 4 יאר, פלעגט דער טאטע דיך איינוויקלן אין זיין טלית און דיך

ברענגען אין חדר אריין, צו חעמיא קאז״עבארט אדער צו שמחה טעמער. שפעטער איז נאך געווען איינער, חיים יעקב. זיי זענען דאס געווען די דרדקי מלמדים. יעדער האט געהאט אטייט-העלצל מיט אבעלפער און אויך אקאנצ״יק. אן קאנצ״יק איז ער קא פעדעגאג נישט געווען.

און געלערנט האט מען דארט אותיעלעך און וואס ליקט דערינטער, "ליינען עיברא" מאכן ברכות: מודה אני, המוציא, שהכול, בורא מיני מזונות, אברכה איבער אדינער, איבער אבליץ און "בורא נפשות".

און אריבערגעגאנגען צום חומש. דאס בעסטע פון אלעס איז געווען דאס חומש. און מהאט געפלעקט מאכן "חומש סעודות". און דעם קליינעם "בן תורה" אויס-געלערנט אגאנצן פזמון. א עלטער יינגל האט געפרעגט אין דער חומש בחור, האט געענטפערט, דאס אלץ ביי געגרייטע טישן און איינגעלאדנטע געסט פון די משפחות. באבעס מיט זיידעס האבן געשעפט נחת. דער עלטערער האט געפרעגט: יינגעלע, יינגעלע וואס לערנסטו? - חומש. וואס איז טייטש חומש? - פינעף. וואס פינעף? - פינעף הייליקע ספרים זענען פערהאנען אין אונדזער תורה. וועלכע זענען זיי? - בראשית איז איינס, שמות איז צוויי, ויקרא איז דריי, במדבר איז פיר און דברים איז פינעף.

און וואס פאר אספר לערנסטו? - ויקרא. וואס איז טייטש ויקרא? - ער האט גערופן. ווער האט גערופן? - גאט האט גערופן צו משה און אים

אנגעוויזן די גאנצע פרשה פון קרבנות. און אזוי ווייטער. דער פזמון איז געזאגט געווארן מיט אספעציעלן ניגון און אלע האבן געשעפט נחת. שפעטער האט מען אנגעהויבן לערנען חומש מיט רש"י. דעם קומענדיקן "זמן" האט דער "רעבא" ארייגעפירט אגאנצע רייע אויסזאגעכצן: "ואני בבואי מפדן ארם", "שמעון ולוי אחים", און נאך אנדערע, וועלכע האבן זיך טיף איינגעקריצט אין זיכרון.

זער געשמאק איז געווען דער ארייגפיר צו "שיר השירים" וואס מיר האבן געלערנט פאר פסח: שיר, איינגעזאנג, השירים, איבער אלע געזאנג. דאס געזאנג איז בעסער פון אאנדער געזאנג. אאנדער געזאנג איז געווען קודש און דאס געזאנג איז קודש קודשים, אאנדער געזאנג האט געזינגען אמלך, און דאס געזאנג האט געזינגען איין מלך בן מלך, איין חכם בן חכם, איין נביא בן נביא, אשר דאס, לשלמה, צו דעם וואס דער שלום פון דער גאנצע וועלט איז זיין!... און אזוי ווייטער. אויף שבועות איז ווידער געווען א שפיגל ניי פריילעך אויסזאגעכץ. דאס מאל האט זיך אלץ ארומגעזינגען דעם פזמון פון "אקדמות":

אקדמות, איידער איך הויבאן, מלין צוריידן, ושריות, איך באגער, שותא, צו שפרעכן. אולא, צום ערשטן, שקילנא, וועל איך נעמען, הרמן, ארלויבעניש, ורשותא, ארלויבעניש פון די תורה. בבבי, די רייד, תרי, צוויי, ותלת, און דריי, דאפתח, וועל איך אנהויבן, בנקשותא, מיט שאלינג. און אזוי ווייטער

מיט חשק געזינגען און דערציילט גאטס וווּנדער.

שפּעטער בײַ הערשל וואלער זענען געווען גרויסע צרות. ער, דער ערשטער גמרא מלמד, איז אויך אודאי שפּעטער מגולגל געווארן אין אקאזיאל. אקפּדן געווען, אשלעגער, אכעסן און האט אלע פּערפּײַניקט מיט זײַן קאנטשיק.

פּאראלעל צו הערשל וואלער איז געווען אנשל מלמד. דרײַ זמנים האט יעדעס ייִנגל געמוזט אויסהאלטן בײַ אזא "רעבן". די אין ווייטערדיקע חדר-קלאסן זענען געווען מעסיקערע מלמדים און אויך גוטע מענטשן. אברה בן-ציון און חיים עזרא. בעריש נוימאן און דוד וואַרשעווער און דער גרעסטער מלמד, די לעצטע קלאס פון די חדרים איז געווען העניך קלישצעווער. די וועלכע האבן זוכה געווען בײַ אים אויסלערנען די "יארן", זענען געפארן אין ישיבות ווייטער לערנען, אדער געווארן בית-מדרש בחורים. אין בית-מדרש געלערנט אשיעור בײַ אקעסט איידעס און אנגעהויבן מאכן א-קאריערא פון אזעלבסשטענדיקן למדן. אין אמתן האט יעדער מלמד געטוען, אלס וואס ער האט נאר געקענט, אום אויסצולערנען זײַנע תלמידים אפּרק אין בבא קמא מיט תוספות. איז ווען סהאט געשמעקט די גמרא האט געלערנט, און ווען נישט, האט זײַן טאטע אים געמאכט פאר אבעל מלאכה. שפּעטער האבן אנגעהויבן בלאזן אנדערע ווינטלעך. סזענען געקומען פּריוואט-לערער, שוין נישט מלמדים, און געלערנט שרײַבן און לעזן ייִדיש, פּויליש, רוסיש און חשבון.

ביז יידן אין שטעטל האבן זיך צוגעוווינט צום געדאנק, אז מדארפט לערנען, אחוץ דאווענען מיט חומש, רש"י און גמרא, אויך די. לאנדס-שפראך און אנדערע לימודים, אז מקען שיקן קינדער אין דער פוילישער פאלקס שולע, האבן זיך יידן בעניגענט מיט מאיר הויקער, שרה יחיאל שמחס, אסתר שרה איציק נאטעס, חיה ברכה, אנשלס טאכטער, און לערערס פון בעסערן סארט משה לערער און שמואל לערער. זיי האבן אינטעריכטעט יידיש פון "אבריוון שטעלער" געלערנט פויליש און אריטמעטיק. דאכט זיך, אז די גרעסטע טייל פון זיירע שילער זענען געווען מיידלעך.

יינגלעך האבן זיך ערשט גענומען לערנען ווען סאיז אין שטעטל געקומען פיערניקארזש. ער האט געעפענט אחדר מתוקן, געהאט אשטעלונג פון א אמתן לערער און תלמידים האבן טאקע פאר אים געהאט שטארק דרך ארץ. די חסידים אין שטעטל האבן אים ארויסגעביסן און ער האט טאקע צעליב דעם פערלאזט לאסק. אין דער זעלבער צייט איז ביי אונדז געווען קאפל זשיטניצקי, אגוטער העברעאישער לערער. אויך ער האט שטארק געליטן פון די חסידישע רדיפות, ביז סאיז אים נמאס געווארן און פערלאזט סשטעטל.

די שטוב-לערער האבן אבער אגרויסן אנטייל אין דעם ביסל פראגרעס, וואס האט, טראץ אלע שוועריקייטן און שטערונגען ארייגעדרינגען אין די יידישע הייזער. נאך גרויסע קאמפן איז געקומען דערצו, אז יינגעלעך און מיידלעך זענען געגאנגען לערנען אין דער פוילישער

פאלקס שולע, אפילו אין די ארטיקע פוילישע גימנאזיע
און געלערנט אן היטלעך און געלערנט אויך אין שבת.

צום סוף און בלית-ברירה, האבן אויך חסידישע
און באלעבאטישע מיידלעך אנגעהויבן בעזוכן די
פוילישע פאלקס שול, און די געמיטער האבן זיך
בערואיקט.



זאב צורנמל

דאס רעליגיעזע לעבן

ווער איז אין לאסק נישט געווען רעליגיעז? אלע! אחוץ פעלצ׳ערס, אינטעליגנטן און יוגענטליכע געזעלן ביי בעלי-מלאכות, וואס זייר פרומקייט איז ביי חסידים געלעגן אין ספק. אבער 99 פראצענט פון דער לאסקער בעפעלקערונג איז געווען גרופירט ארום רעליגיעזע ארגאנעזירטע אנשטאלטן. אין דער שפיץ פון די דער-מאנטע רעליגיעזע אנשטאלטן איז געשטאנען די "גרויסע שול". אגעמוירטע שיינע שול מיט אגרויסע ווייבער-שול און אברייטן פאליש, (קיינער ווייסט נישט צו דערציילן ווען איז די שול געבויט געווארן און דורך וועמען) הויך, לאנג און ברייט, ווי אנאמתר קליינער בית-מקדש. אין די 20-סטא יארן האט די יידישע קהילה מיטן פרעזעס ר׳ אבא ביאליק געמאכט אגרויסן רעמאנט און אויסגעפוצט די שול פון אינעווייניג, פערפוצט מיט שיינע אייל-בילדער: די כותל המערבי, רחלס קבר, מזלות און אנדערע, אויך געמאכט אגעשניצטן ארון-קודש אויף דער מזרח-וואנד לתפארת. דארט פלעגט דאווענען דער בעל-בתישער עולם פון שטעטל, און אין דערווייבער שול האבן געדאווענט אויך די פרויען פון חסידישע יידן. יעדער און יעדע אויף זייך "שטאט" געקויפטע אדער גענומען בירושה פון זיירע אבות. געדאווענט האט מען אין שול "בנוסח אשכנז". די חזנים אין שול זענען געווען אשר שוחט און זיין נאכפאלגער דער לעצטער ביזן סוף פון דער פערניכטונג, מתית שוחט.

דער חזן מתית האט נאר געדאווענט אין אשבת-המברכים און אין אלע יום-טובים. געהאט אגוטען כור פון יינגלעך און אויך צוויי ביז דריי עלטערע משוררים, אבאס, טענאר און אבארעטאן. בעזונדער האבן די שול-דאווענער געלעקט די פינגער פון זיין ימים הנוראימדיגן דאווענען. און אין סתם-שבתים האבן זיך פערשידענע בעלי בתים געכאפט צום ברעטל. צעווישן זיי אזעלכע, וואס האבן געזעצט פסוקים, ווי אבעקער סברויט אין באק-אויוון. דער רב האט שטענדיק געדאווענט אין שול, טראץ דעם, וואס ער איז געווען אגערער חסיד.

בערעלע שמש פון דער שול איז אויך געווען דער בעזן (בית דין) שמש. ער האט לאנגע יארן בעשיינט דעם שול-באלעמער ביי יעדע תפילה און טריי באדינט דער יידישער בעפעלקערונג צענדליקער יארן. יעדן פרייטאג גערופן "לאכט צינדן"! און אין די סליחות-טעג בהשכמת הבוקר, גערופן מיט זיין מאנאטאניש קולכל: "יידן שטייט אויף צו די סליחות"! אויך אין ערב פסח האט ער מיט דעם זעלבן נוסח גערופן: "חמץ צופארברענען"! מיט גרויס ליבע דערמאנען אים אלע פון יונג און אלט, בעזונדער יינגע פארלעך, וועלכע האבן בעקומען חופה וקידושין ביי דער שול. ער האט בעציימענס געזארגט פאר אלע איינריכטונגען און אנאקטיוון-אנטייל גענומען אין יעדע משפחה-שמחה. אין אגוטער עלטער איז ער געשטארבן. (געלעבט איבער הינדערט יאר).

(די שול איז באלד ביים ארייַנקומען פון די נאַציס אין שטאָט פערשוואַכט געוואָרן דורכן דערשיסן חאַסקל שמש'ס זון (ראובן מאיר), וועלכער האט זיי דערלאַנקט דעם שליסל פון דער שול. די דייטשן האבן דאָרט אריינגעשטעלט זייערע פערד, דעמאָלירענדיק אלס וואס איז דאָרט געווען שיין און הייליק. די פאָליאַקן האבן נאכן קריג אונדזער שול פערוואַנדעלט אויף אַפּייערלעשער-הויז, און די וויבער-שול-אויף אַטאַנץ זאל).

דאס בית-מדרש

אויף דער וואַלער גאַס איז געשטאַנען אַשיינער און לאַנגער בנין. אין ערשטן טייל פון אים האט געוווינט דער רב. דאס בית מדרש האט געהאט זיין דאָפּלטע פונקציע, סהאבן דאָרט געדאַווענט טעגליך אַגרויסער טייל פון בעלי-בתישן עולם (נישט חסידים) צוויי מאל אין טאָג. און ביי לאַנגע גראָבע און גרויסע טישן האבן בחורים און קעסט-יינגעלייט געלערנט פון גאַנץ פרי ביז שפּעט ביינאכט. די גמרא לערנער זענען שוין געוועזן פון אלע קרייזן, בעלי בתים און חסידים פון פערשידענע עלטער. בחורים וואס האבן געענדיקט דאס חדר ביי העניך קלישצ'עווער און קעסט-יינגעלייט ישיבה בחורים און עלטערע לומדים זענען דאָרט געזעסן על התורה והעבודה.

אין-די-ווענד זענען געווען איינגעפּאַסט אָפענע ספרים-שענק, יעדער שאַנק האט געהאט זיין סאָרט ספרים. אין איין שאַנק משניות און ש"ס, אין אַצווייטער-תנ"ך, אין דער דריטער משנה-תורה פון רמב"ם און ארבע טורים,

אין די פערדע, אלע אנדערע מפרשים ראשונים ואחרונים.

דער שטענדיקער גבאי פון בית המדרש ר' שימעלע ווארשעווער האט געזארגט, אז סזאל נישט פעלן פאר יעדן למדן זיין ספר. און יעדעס יאר האט ער געפלעקט בענייען און איינקויפן נייע רעליגיעזע ליטעראטור. געזארגט סזאל זיין ווארם אין די ווינטער-טעג און ליכטיק דורך בליץ לאמפן, פאר די לומדים. ברוך שמש איז דאס געווען דער דיקטאטאר פון בית מדרש. אליין א זער קורצזיכטיקער, אבער געזען האט ער פאר צען גוט-זעענדיקע. אגרויסער קפדן אין זיין פונקציע און זער אשלעכטער ערציער פאר יינגע לומדים. דער עולם האט אים געליטן און פערליב גענומען זיינע מעשים ביז זיינע לעצטע טעג.

אונדזער בית מדרש איז געווען אשטענדיק בעקוועם ארט פאר געזעלשאפטליכע צוועקן, דרשנים, רעדנער פון אלע ספערן.(אויך דעם מקום-קודש האבן די דייטשן גלייך ביים ארייננקומען אין שטאט פערשוואכט, ארויסגעטרובן דעם רב פון זיין וווינונג, פערברענט די ספרים, און דארט איינגעארדנט אפונקט פארן מילך רעסארט)

<u>שטיבלעך</u>

פון איין גערער שטיבל איז מיט די צייט געווארן צוויי. כדערמאן זיך, אז צוליב אגעראנגעל ארום "הקפה" אין שמחת תורה, האט יוסף ראקמאן מיט זיינע אנהענגער פערלאזט דאס גרויסע און אלטע גערער-שטיבל און געשאפן אניי "גערער-שטיבל". סהאבן נישט געהאלפן דעם רב ר' יעקעלעס פרווון שלום-צו-מאכן צווישן די צדדים. און אין אקורצע צייט איז ענשטאנען דאס נייע גערער שטיבל

מיט יוסף ראקמאן אלס לאנג יעריקער גבאי. ווען ניים
געהער שטיבל וועלן מיר שפעטער באזונדער ריידן.

דאס אלטע גערער שטיבל האט געהאט אזער נישט
אימפאזאנטן אויסזען, און געווען זער ווייט פון צו
זיין ריין לויט די פשוטע סאניטארישע בעדערפענישן.
אלאנג צימער פון 12 ביז 15 מעטער, ברייט 6 מעטער
און נישט גענוג פענסטער, און אויך נישט גענוג לופט.
די מזרח וואנד איז נאך טונקעלער געווען, ווייל די
הינטערשטע טיילן פון די צוויי פענסטער זענען געווען
געדעקט מיט הארטע בלעך. אשטענדיק נישט ריין וואסער
ווינקל, מיט אגרויס פאס וואסער און אקופערנער שעפ
אויף אקייט צוגעבינדן האט געווארפן אשמער אויף
אלעמען. ביים פאס וואסער איז שטענדיק געשטאנען
יעקוב דער משוגענער, דעם טויבן מרדכיס ברנדער, און
האט עס בעזינגען מיט זיין שטענדיקן ברומען און רעדן
צו זיך. אשטענדיק נאס האנדטוך האט געהאנגען ביים
אפגעריסענעם אויוון. דאס האנדטוך פלעגט געטוישט
ווערן לכבוד איום-טוב, ווען סאיז שוין געווען שווארץ
ווי די סאדעס. סקען זיין, אז סאיז אויך אמאל אין
שטיבל געוואשן געווארן די פאדלאגע, בעיקר
איז דאס געטוען געווארן שמיני של פסח, ווען דער
חסידישער עולם האט אויסגעגאסן ספאס-וואסער איבעדן
גאנצן שטיבל און מיט "שירת "אז ישיר" געגאנגען
איבערן ים". די בתי-כסא אין הויף זענען שטענדיק
געווען אין אשרעקליכן צושטאנד. זיי האבן זיך געלאזט
הערן און פילן אין דער גאנצער אומגעגענט. קלענערע

געברויכט פון די מתפללים אין שטיבל זענען נישט שטענדיק געמאכט געווארן אויף איציק בלאכארשס געמוירטער וואנד.

אבער דער חסידישער עולם איז געווען אין גרעסטן טייל בני תורה, לומדים, אפילו מקובלים, וועלכע האבן געלערנט טאג און נאכט און זיך געגריבעלט אין חסידות. יעדן טאג, צווישן מנחה און מעריב, האט דער גאנצער עולם געלערנט דעם "דף--יומי" ביים אויסגערוקטן לאנגן טיש, ביי גרויסע בליץ לאמפן. יעדן פארטאג זענען מנינים חסידים געזעסן און געלערנט מיט גרויס התלהבות, און דער גמרא ניגון האט זיך פערשידנארטיק צוגאסן און בעגלייט געווען מיט קרעכצן און לאכצן.

דער אלטער חסיד און מקובל, ר' יוחנן ע"ה, אברהם שפיליטערס שווער, האט לאנגע יארן געפלעקט דער-לאנגען יעדן לערנער, און די קאלטע פרימארגנס, אגלעזל הייסן-טיי. הארטן-צוקער האט יעדער געבראכט מיט זיך. ר' יוחנן האט געהאט אגרויסן אלטן סאמאוואר, אים געהייצט מיט האלץ-קוילן. און אספעציעלן שטיוול, האט ער געהאט מיט וועלכן ער פלעקט אויפבלאזן און פערשטארקן דעם פלאם-פייער פון די האלץ-קוילן אין סאמאוואר.

צוליב דער הייליקער ארבעט, איז ער שוין אום 4 אזייגער פארטאגס געווען דער ערשטער אין שטיבל. נישט ווייניק צרות האבן מיר, קליינע "לאבוזעס", אים אנגעטוען. פון ליכטיקן גן-עדן, זאל ער אונדז מוחל זיין. שיין און פול מיט חסידישע דבקות זענען געווען

די שבת און יום-טובדיקע תפילות. אלס האט זיך געשאקלט ווי איינגער-וואלד דורך אשטורם-ווינט, יעדער מיט זיינע אייגנארטיקע הועיות. ווי אשטורם-דיקער און צובושעוויטער-ים האט אויסגעזען דער חסידישער עולם ביים "לשנה טובה תכתב ותחתם לאלתר לחיים" ! נאכן ראש-השנהדיקן מעריב. מיט פערגלאצטע אויגן ארויף האט יעדער אויסגעשטרעקט איינעם צום צווייטן די האנט מיט די טראדיציאנעלע ברכה. לאלתר לחיים טובים! נאך מער גייסטיקער און שענער און פול מיט דבקות איז געווען דער יום-כפורדיקער "כל נדרי" אוונט אין גערער שטיבל. אין ווייסע קיטלן און טליתים,מיט אבעזינדערען התעוררות האבן אלע מיט געזינגען און צוגעהאלטן דעם בעל תפילה ר' שמעון עסיגמאכער און שפעטער ר' שלמה בעסערגליק, די הארציקע סקארבאווע ניגונים. יעדאס שטיקל פיוט איז בעזינגען געווארן מיט חסידישע ניגונים, געברענקט פון רבינס הויף. די זינגער און בעלי תפילה האבן געזארגט באנייען יעדעס יאר די ניגונים און זיי צו ברענגען פון רבינס הויף. טיף האט זיך איינגעקריצט אין זכרון דער הארציקער סליחות און כל נדרי בעל תפילה ר' שמעון עסיגמאכער. ווען ער האט געזאגט: מידת הרחמים עלינו התגלגלי ולפני קונך תחינתנו הפילי, ובעד עמך רחמים שאלי, כי כל לבב דוי וכל ראש לחלי! קיינער האט נישט געקענט איינשטיין די זיסקייט פון זיינע תפילות און סליחות. טרערן האבן זיך געקייקלט פון אלעמענס אויגן.

אבעזינדערן כאראקטער האבן געהאט די שבתדיקע תפילות. די שטיבל גבאים: פנחס גבאי און נאך אים

זעליגל גבאי האבן יעדע וואך מכבד געווען אצווייטן קעסט-יינגערמאן מיט קבלות שבת. געווען צווישן זיי גוטע זינגער: יעקב אפרים, משה בעקערס אײדעם, דוד שמעונס אײדעם און געניטע בעלי תפילות ווו: שמעון גרין, משהלע בארנשטיין, שלמה בעסערגליק, מתית שוחט און אנדערע. יעדער פון זיי האט דעם קבלת-שבת געזינגען מיט טעם און הארץ און דעם "לכה דודי" בעקליידעט מיט אשיינעם מארש. ווער סזענען געווען די מחברים פון דעם "לכה דודי" מארש האט קיינעם נישט געקימערט. דאס איז לויט דער חסידישער טראדיציע נאך פון בעש"ט צייטן ערלויבט געווען. דער בעש"ט, דער טאטא פון חסידות האט געפלעגט גיין צווישן די וואלאכן און נאך געזינגען זײרע געזאנגען מיט גרויס דביקות, צוגעבענדיק דעם יידישן קרעכץ, דער עיקר פון יעדן ניגון, האט ער געזאגט, איז דער צוזאמענשטעל פון פערשידענע טענער אין פערשידענע הויכקייטן. און אויב איז דער ניגון נישט פון קלארע קוועלן מוזן מיר חסידים, אים רייניקן און טעסטאלירן ביז ער וועט קלאר און הייליק ווערן. דעריבער טאקע האבן די חסידים שטארק געפלעגט דאס געזאנג ביי יעדער געלעגנהייט און. געגעבן דעם חסידישן ניגון אבכבוד ארט, כמעט אנ'אויבנאן אין זייר רעליגיעזן לעבן, און נישט געזוכט זיין אפשטאמונג.

ווו פרעכטיק און שיין האט אויסגעזען א שלוש-סעודות אין געדער שטיבל: אין יעדן שבתדיקן בין השמשות האט זיך דאס שטיבל אנגעפולט מיט חסידים, יעדער האט מיט זיך מיטגעבראכט ארעווטל חלה, אקאפ הערינג, משה

אהרן וויינמאכער האט מיט זיך געבראכט אפלעשל ווייך. דער עיקר אבער זענען געווען זיינע מיטגעבראכטע פעק חסידות צו פערטיילן צווישן עולם. שמעון גרין האט אנגעפאנגען מיט "אתקינו סעודתא" יעדן שבת מיט אנאנדערן ניגון. און דער גאנצער עולם האט אים אונטערגעהאלטן. און לויטן סדר האבן געזינגען מיט הארץ און נשמה שלמה בעסערגליק בני היכלא, מזמור לדוד, "יום שבתון" און "דרור יקרא". צווישן איין זמר און צווייטן האבן חסידים דערציילט וועגן רעבן און זיינע געזאגטע תורות ביים גערן טיש. אנדערע, ווי יצחקל נאמן און משה אהרן האבן דערציילט חסידישע מעשיות. יעדער זמר האט געפלעגט איבערייסן די שיינע און זיסע חסידישע דערציילונגען און אפילו דעם רבינס תורות. פינסטער איז געווען אין שטיבל, אז איינער האט נישט געזען דעם אנדערן, אבער ביי יעדן אין הארצן איז געווען ליכטיק. מיטן "שיר המעלות", וואס איז געווארן געזינגען מיט אפרייליכן מארש און געבענטש אויף אכוס מיט "ברוך אלוקינו" שאכלנו משלו, האט זיך פערענדיקט דער שלוש-סעודות. איינג יינגל האט אנגעצינדן אליכטל מיט אגוט וואך! דער עולם האט געדאווענט אוואכענדיקן מעריב, און מקדש געווען די לבנה איין די ערשטע לבנה נעכט. אהיימגייענדיק האבן זיך איין געדאנק צוזאמענגעשטויסן אשלל חסידישע מעשיות און געדאנקן ארום יצחקל נאמנס און משה אהרונס געשפרעכן וועגן דעם ארט פון רעבן, ער זאל לעבן, אין גאר דערוועלט. דער רבי שטייט העכער איבער דעם ארט און צייט. דער רבי, דער הייליקער ייד, דער "צדיק"

און גאט, כביכול, זענען איינס און דאס זעלבע. דער צדיק איז בעהאפטן מיטן השי"ת און שאפן צוזאמען א אויסער געוואלדיקן כוח, וואס קיינער קען אים נישט ביישטיין. פון דאנען נעמט זיך דער הייליקער כוח צום "צדיק" און מאכט אים פאר הבעל-מופת, איז אפילו פעאיק צו שאפן נייע הימלן און ערד. נאך יעדן געשפרעך איז אויך געווען אמסקנה. מדארפט און מען דארפט... אן אסוף דארפט מען. אלעם ערשטן טוען מעשים-טובים און דאווענען מיט גרויס כונה. תרי"ג מצוות איז ווייניק, זער ווייניק! "חסידות" הייסט טויזענטער מצוות עשה און לא תעשה, וואס זענען נישט דערמאנט אין דער תורה. סאיז אנאינטערעסאנטע זאך: סזענען קיינמאל נישט פוירגעקומען קיינע דיסקוסיעס ארום אזעלכע מיסטישע דאגמען.

דאס נייע גערער שטיבל

אין נייעם גערער שטיבל איז אלעס געווען ליבעראלער. אלס נאך אין זיידענע יאפעציעס, אבער אויך געפרעסטע ווייסע קעלנער און אביסל פערקעמטע פאות און ווו-נישט-ווו אויך אביסל אנאנגערירטע בארד... (צוגעשוירן).

אין אלטן גערער שטיבל האבן די אלטע חסידים שטארק געוויימיקט די שפאלטונג, סאיז אבער שוין געווען צו שפעט אומצוקערן די אפגעשפאלטענע. סזענען געמאכט געווארן פערשידענע פרווון שלום צו מאכן צווישן די צדדים, דער "רב" ר' יעקעלע האט זיך שטארק איבערגענומען מיטן עניין אבער ר' יוסף ראקמאן און שלמה

ליסנער האבן קיין שום פשרה אויפן "צוריקער" נישט אנגענומען. צעליב פערשידענע סיבות בין איך אויך שפעטער געווארן "אנייער גערער חסיד". די נייע גערער חסידים זענען נישט בלויז ליבעראל געווען, נאר אויך געגעבן אווארט אֵיינגן חסיד, אפילו צו עליה-לתורה, אין אפראסטן שבת, האט געקענט איינגער נישט בעווייבטער חסיד זוכה זיין. אזעלכעס האט אין אלטן גערער שטיבל קיינמאל נישט געקענט פאסירן. און נאך אנדערע שבחים וואלטו געקענט דערמאנט ווערן,מיט וואס דאס נייע גערער שטיבל האט זיך אויסגעצייכנט צום גוטן: מיט זיין היגיענישן צושטאנד, מען האט געמעגט דערמאנען "ציוניזם", אפילו ערב-יום-כפור שטעלן א "קערה" מיטן אויפשריפט פאר "ישוב ארץ ישראל" מיט קליינע אותיות איז געווען אנגעשריבן: "קהק"ל". דער שרייבער פון די שורות איז געווען דער איניציאטאר פון דער "ציוניסטישער חוצפה".

אין אלטן גערער שטיבל, די פעסטונג פון דער "אגודה", איז געווען חושך דערוועסנדיק זיך וועגן דער מעשה. "פלגש בגבעה" האבן זיי דאס אנגערופן, א"פסל אין היכל", האבן אלע זיך געכעסט, און דאפעלט האט זיי פערדראסן, וואס די "קערה" איז געווען פול מיט גרויסע מטבעות. כקען נישט זאגן, אז אין חסידיש-גייסטיקע פראבלעמן און דביקות,אין התלהבות זענען די נייע גערער חסידים געווען גלייך מיט די אלטע. אבער אין אלע אנדערע חסידישע מנהגים, ווי למשל לערנען אבלאט גמרא פארן דאווענען און אבלאט גמרא צווישן מנחה און מעריב, לערנען אין צווייען, לערנען אין

יעדער דאנערשטיקער-נאכט ביז סהאט אנגעהויבן טאגן, און פערבייסן מיט פרישע גריסקעלעך פון משה בעקער און סימעל די בעקערן, האט זיך דאס נייע גערער שטיבל מיט גארנישט געענדערט פון דעם אלטן.

אין "פראוון חסידות" פון די "נייע גערער" האט געפעלט דער "ברען". אויך נישט יעדער פון די נייער גערער איז "עולה געווען" און געפארן כאטש איינמאל אין-יאר צום רעבן. אבער פראוון סעודהלעך לעלית-נשמה ביי יארצייט, טרינקן אפול גלעזל 96-קער און פערבייסן מיט אלעקעך קיכל, מיט-כאפן זיך צו יעדן "סיום-מסכת" אין די ניין-טעג און געגעסן מיט אגרויסן אפעטיט, ארויסן בארשט מיט קארטאפל, אגעהעריקע פארציע פון אגעבראטענע גאנז און פערטרינקן מיט אפעסל ביר; אין דעם זיך האבן זיךביידע שטיבלעך גוט אויסגעצייכנט. אויך איז שטארק אפגעהיטן געווארן אין ביידע שטיבלעך מיט דער זעלבער ערענסטקייט דער יאר צייט פון "שפת אמת" ז"ל (דעם יעצטיקן גערער רבינס זיידע).

די יארצייט אין אלטן גערער שטיבל

גרויסע יום-כפור ליכט האבן נשמה'דיק געברענט אויפן גרויסן עמוד. אלע בליץ לאמפן צופלאקערט ווי אין איום-טוב נאכט. דער לאנגערטיש גדעקט מיט אווייס טישטוך און בעלאדענט מיט כל-טוב. אין דער בעשטימטער שעה האבן זיך פערזאמעלט כמעט אלע חסידים און די זיידענע יאפיצעס און שטריימלעך און דאס מאל געווארט אופן רב. אז ר' יעקעלה מייזלש איז געקומען אין שטיבל האט זיך אטאמאטיש אנגעפאנגען די הילולא מיט אשטילן

ניגון. אלץ האט געזינגעז מיט בעלאכטענע פנימער, מיט אנאיינגעהאלטענעם עקסטאז ווי עס פאסט אין איארצייט נאכט. אן ספעציעלע פתיחה, און דרשות, האבן אלע זיך געוואשן צום עסן. אן צערעמאניעס געמאכט אמוציא איבער אגרויסע "בילקע" און טיל, ווי ביים "שלוש סעודות", געווארט אויף א "פרק חסידות", דאס מאל פון מויל פון הרב דמתא ר' יעקלה. דער רב ז"ל האט זיך קיינמאל נישט אויסגעצייכנט אלס רעדנער, אויך די יעצטיקע דרשה איז בעגלייט געווען פול-מער קרעכצן ווי ווערטער. לבסוף האבן נאר די נאענטזיצענדיקע-חסידים נעבן רב עפיס אויפגעכאפט פון זיינע רייד און יעדער פון זיי האט לויט-זיין-פאנטאזיע געגעבן אתוכן צום רבס קרעכצן. ביז שפעט אינדערנאכט האט געדוירט די יארצייט סעודה. זאט אנגעגעסענע און אנגעטרינקענע האבן זיך די חסידים געווונטשן "מזאלסט דערלעבן איבער איאר" זיך צוגאנגען מיט גרויס בטחון פון רבינס זצ"ל עלית הנשמה.

חסידישע מעשה חסד

אין יענע יארן האבן געפלעגט קומען קיין לאסק בחורים פון נאענט און ווייטע שטעטלעך, ביי אונדז לערנען תורה. דא זענען די שטיבל גבאים געווען די פלייסיקע פערזארגער פון די "בני עניים". זיי איינגעארדנט ביי איינעם פון די חסידים אארט צו וווינען און אים פערזארגט מיט "עסן טעג", ביי פער-שידענע משפחות. סהאט זיך אפט געטראפן, צעליב געוויסע שוועריקייטן, אז אזא בחור זאל פעלן "אטאג"

און אמאל צוויי עס-טעג אינדער-וואך. איך אזא פאל האט ער בעקומען פון גבאי (איך יעדן שטיבל) אקוויטל צו משה בעקער, שמעון פוקאץ, שמעון בער און אנדערע, מזאל אים געבן עסן. מער ווי איינער פון זיי האט אינדערשטיל געפאסט און נישט געוואלט מטריח זיין די גבאים... ביי ווערמען צו לערנען איז קיין פראגע נישט געווען. יעדער למדן האט מיט פערגעניגן זיך גענומען אזא תלמיד און געמאכט פון אים אליינ.

אורחים איף שבת

דאסווארט "שנארער" האט ארומגענומען גרויסע מחנות ארימע יידן, וועלכע האבן איך זיירע געבורטס ערטער זיך נישט געקענט איינארדענען מיט פרנסה. אנדערע האבן געהאט טעכטער בוגרות אויסצוגעבן, נשרפים, רחמנא לצלן, קאליקעס פון אלע מינים, וואנדערנדיקע מוכר-ספרים און כלי קודש און שיינע קבצנים, ווי בעל דרשערס, שליחים פון פערשידענע "ישיבות", זענען געגאנגען אויף די מדינה".

מחנות-מחנות פלעגן זיי קומען איך שטעטל און "גיין איך די הייזער". די נדבה וואס יעדער פון זיי האט בעקומען איז בעשטאנען פון אקלעצל הארטן צוקער, אדער אגראשן-געלט. ביי יעדע געלעגנהייט האבן זיך די שנארער געאמפערט מיט גרויס חוצפה מיט די צדקה געבער, און אפילו געזידלט און געשאלטן. איך "הקדש" ביי הערשל איינבינדער האבן זיי געהאט זייר נאכט לעגער און דארט געפלעקט פערקויפן דעם נדבה-צוקער און מאכן

פלענער אויפן זייער ווייטערדיקן מארשרוט. די פון זיי געבליבענע אויף שבת אין שטעטל, האבן זיך צוטיילט איבער אלע בתי תפילה און די גבאים האבן זיי איינגע-ארדנט און צוטיילט צווישן די מתפללים. כגעדענק דער צער און עגמת נפש וואס מיין מאמע הי"ד האט געהאט ווען סהאט איר אויסגעפעלט אנאורח אויף שבת. סהאט זיך אויך אמאל געטראפן צוויי אורחים ביי שבת-דיקן טיש. און יעדן יום-טוב און אפילו ביים סדר של פסח האבן זיי אויך נישט ב"ה אויסגעפעלט. אחוץ די "אורחים" האבן אונדזערע יידישע מאמעס געזארגט פאר די שטעטישע ארימעלייט און געשיקט צו זיי אהיים דורך זיירע קינדער „שבתדיקע טעפלעך", שבתדיקע פארציעס: אחלה מיט פיש און פלייש. "די מאמע האט געשיקט" פלעגן די קינדער זאגן. די ארימע משפחות האבן געבענשט די שליחים מיט גוטע יארן.

מעשה חסד מיט ארעסטירטע יידן

כווייס נישט ווי אזוי האבן אונדזערע מאמעס געוווסט, אז אין דער לאסקער תפיסה (קאזע) "זיצן" יידן, פרעמדע יידן. מן-הסתם האט דאס דער תפיסה-שומר זיי דערוועגן אינפארמירט. אן ספעציעלע אנשטרענגונגען האבן אונדזערע לאסקער מאמעס געגרייט "אשבתדיקן טיש" פאר די יידישע ארעסטאנטן כדת וכדין. אויך דער שומר פון דער תפיסה האט ביי דער געלעגנהייט געגאסן און בעקומען אדאפעלט פלעשל וודקא.

ר' גערשון דער משולח

ער האט נישט אנגעהערט צום סארט שנארער. ר' גערשון איז געווען אבכבודער גאסט מיט אהדרת-פנים פון אגוטן יידן. ער פלעגט יעדעס יאר בעזוכן אונדזער שטעטל און זאמלען פאר ארץ ישראל כוללות. ווייניקער פון ארובל האט ער נישט גענומען. זיינע געלט קבלות זענען געווען אויסגעצייכנט מיט פסוקים פון תנ"ך און קאלערט געמאלן דורך אגוטן גראפיקער. שבת ביים טיש האט ער דערציילט וועגן ירושלים עיה"ק, וועגן די הברון ישיבות און מערת המכפלה, וועגן רחלס קבר און וועגן צפת מיט אירע מקובלים. זיינע דערציילונגען האבן זיך פערצויגן ביז אין די שפעטע שעהן פון פרייטאג צונאכטס. אויך דאס שטענדיקע שבת-זמירות האט דאדורך דאס מאל געליטן.

דאס אלעקסאנדערער שטיבל

אויף די אלעקסאנדערער חסידים האט מען אין שטעטל געזאגט, אז ביי יעדן פון זיי איז דאס היטל געווען אויסגעריבן צו דער זייט פון קאלנער. דאס האט געהייסן, אז זיי האבן ליב געהאט צו מאכן אגרויסע כוסע ביי יעדער געלעגנהייט: איארצייט, בן זכר, אבר-מצווה און ביי אסיום פון אמסכת. עפיס איז דא אמת געווען אין דעם. בדרך כלל, איז דאס אלעקסאנדערער שטיבל געווען אגעמידטליכער קאלעקטיוו, וואס האט זיך שטיל און רואיק, אן מחלוקת צווישן זיך, געפירט אחסידיש אידיליע לעבן. געפארן צום רעבן, זיך פעסט געהאלטן צוזאמען און

געהאט אזעלבסטשטענדיקע שטעלונג אין אלע שטאטישע קהילה פראגן. אויף דעם געביט האבן זיי זיך געפלעקט ניקט איינמאל איינרייסן מיט די גערער חסידים, וועלכע האבן שטרענג געקעמפט פאר זייר "העגמאניא" אין שטעטל.

לאנגע יארן האט זיך דאס שטיבל געפונען ביי תנחום בודע אין הויז אויף קרוטקע גאס. אלאנג האלב דונקל צימער, מיט צוויי גרויסע טישן, וואס האט קוים ארייגגענומען אין זיך די 8 מנינים חסידים. די שיינע חסידים, די טיש זיצער און אויך די בעלי דעה און בעלי מאה, זענען אין יענע צייט געווען: שבתאי קאכמאן, געברודער שלום און חיים וואלף ברזעזינסקי, שלמה נאסקאוויטש, משה ליפמאנאוויטש, דער אלטער אביגדור, העניך קליש-צ׳עווער, דוד מיכאלאוויטש, מלך פרידמאן, אברהמעלע פאלקע און דער גבאי ר׳ יוסעלע הערצקיס און נאך אנדערע. די בעלי מאה האבן אויפגעהאלטן דאס שטיבל מיט זיירע נדרים און די בעלי דעה האבן געפירט, אז מען האט געדארפן פאליטיק. שיין, פרעכטיק שיין זענען געווען די ימים הנוראים. אלע בעלי תפילה האבן געדאווענט מיט אשטארקע דבקות, דהאסט געהאט דעם איינדרוק, אז גאט ב"ה בכבודו ובעצמו לייקט צו אאויר און הערט זיך איין, ווו ר׳ אביגדור דאווענט מוסף! די פריילעכע שמחת-תורה הקפות מיט די חתנים פון תורה און בראשית, ווו סהאט זיך געגאסן בראנפן ווי וואסער און געטאנצט אויף אלע טישן. ווער איז בכוח צו שילדערן די הייליקע סעודה אין שטיבל אין רבינס יארצייט. דאס איז געווען

אגרויס געשעעניש אין חסידישן לעבן. סהאט זיך
געפילט אנאטמאספערע פון נשמה'ס, צדיקים פון עולם
הבא, וועלכע זענען געקומען צו גאסט און די נשמה פון
רעבן ז"ל אליין איז געקומען פון גן עדן צו דער
סעודה און ער געפונט זיך צווישן די זיצער ביים
געגרייטן טיש און פרייט זיך מיט אלע צוזאמען מיט
זיין אייגענע "עליית הנשמה".

ספעציעל גרויסע לומדים זענען צווישן די חסידים
נישט געווען, אבער אין חסידות זענען אטייל געווען
אדורכגעדרונגען מיטן אמהן ברען און התלהבות. די
יינגע חסידים האבן שטענדיק געפילט אגרויסע נאענט-
קייט צו די עלטערע און אטיפן דרך-ארץ צו אלע זיירע
מעשים. ארץ ישראל איז נענטער געווען צו די
אלעקסאנדערער חסידים ווי צו די גערער. ווען סהאט
זיך געגרינדעט דער "מזרחי" אין שטעטל, זענען די
בעסטע מיטגלידער אין דעם מזרחי ארגאניזאציע געווען
אטייל פון די אלעקסאנדערער חסידים. אלע האבן דאך
געוווסט דעם סוד, אז ר' שלום ברזעזינסקי און שלמה
נאסקאוויטש זענען ציוניסטן נאך פון ד"ר הערצלס
צייטן. משה ליפמאנאוויטש, מלך פרידמאן און משה
חיים איידלמאן זענען טעטיקע "מזרחי".
מיר האבן דאס געוווסט און שטארק געשעצט. ביי
וואלן צו פערשידענע אינסטיטוציעס, האבן זיך די
אלעקסאנדערער חסידים געשטעלט אויפן נאציאנאלן צד.
בעזונדער איז כדאי אונטערצושטרייכן די ווארימע
בעציאונג פון די אלעקסאנדערער צו דער יוגענד. טראץ

זיירע אנגעהעריקייטן צו פערשידענע נאציאנאלע פאר-טייען, זיי ניַשט פערטריבן פון שטיבל, ווי עס האבן געטוען די געוער, נאר נאך מער זיי דערנענטערט און געהאלטן ביי זיך. סוויעטוקט דאס הארץ, ווען מיר דערמאנען דעם סוף פון דעם גרויסן ליכט וואס אין די שטיבלעך איז פערלאשן געווארן!

דאס ראספעשאווער שטיבל

ביז צוויי מנינים האבן זיי זיך געציילט אין שטעטל. מהאט זיי גערופן די "קאלטע חסידים". סזענען ניַשט געווען צווישן זיי קיינע גרויסע לומדים און אויך ניַשט חסידים מיט ספעציעלע אמביציעס. דאס שטעטל האט זיך אויך זער ווייניק מיט זיי גערעכענט. מיר געדענקן דאס שטיבל נאר פון דעם שלעפן אונדז יעדן טאג כמעט, מקלים זיין אמנין צו מנחה-מעריב.

חברות

דאס זענען געוועזן בעלי-בתישע געזעלשאפטן, וועלכע האבן זיך גרופירט ארום צדקה נעמען. אמאל אויך געטוען מעשים. זיי האבן געהאט אייגענע לאקאלן מיט אייגענע גבאים און כלי קודש. ספערגעניגן זייערס איז געווען, וואס זיי קענען זיך פירן אייגן ווירט-שאפט. צוזאמען געקומען זענען זיי זיך איינמאל אין דער וואך, אין שבת. געהאט זיירע בעלי תפילה, וואס האבן זיך געכאפט צום ברעטל און געדאווענט נוסח-אשכנז מיט די ספעציעלע שבתדיקע יוצרות "סגולתי".

אפגעהיטן אלטע סקארבאווע ניגונים צו קבלת שבת פון אגאנץ יאר און אאנדער נוסח צו דריי וואכן און צו די שחרותדיקע יוצרות.

די חברה הכנסת כלה

לויט די צאל מתפללים איז די חברה "הכנסת כלה" געווען די גרעסטע. דער שטענדיקער בעל תפילה איז אין דער חברה געווען ר' זאנוויל בארנשטיין, ער האט אליין הנאה געהאט פון זיין דאווענען. די "פני" פון דער חברה זענען געווען: זעליג קאכמאן, לייזער מאכל רייכבארט, אבא ביאליק, איטשע ביקל און פיל אנדערע פון דער גארבער גאס, וואס האבן זיך נישט געפוילט צו מאכן אגרויסן שפאציר יעדן שבת און די חברה אריין דאווענען. מזאגט, אז זיי האבן אויך אמאל מקיים געווען די מצוה פון הכנסת כלה. סווייסן מענטשן אנצורופן אפילו די ארימע חתן-כלהס, וועלכע די חברה האט זיך דערבארעמט איבער זיי.

מיין פאטער האט דארט געהאט דעם ערן-פאסטן פון בעל קורא. מיך האט שטענדיק געפייניקט די שטענדיקע שמועסן פון די חברה-לייט בשעתן לייענען. בעתן קריאת התורה האבן זיי זיך דורך-גערעט וועגן אלע געשעפטן. דער גבאי פלעגט קלאפן אויפן בלעמער, דער בעל-קורא פלעגט זיך אפשטעלן אין מיטן און צווווארטן ביז סוועט רואיק ווערן. סהאט אבער זער וויינקי געהאלפן. אמסורת געווען אזעלכע, שבת האבן זיי זיך צוזאמענגערעט, פלעגן אנעמען פערשידענע געזעלשאפטליכע און פאליטישע שטעלונגען

און נאכן דאווענען מאכן פון צייט אויך אגוטן קידוש.
אין ווינטער-צייט איז אין חברה פיל אנגענעמער געווען צו דאווענען ווו אין דער קאלטער נישט בעהייצטער גרויסע שול.

חברה תהלים - חייטים

די צווייטע חברה אין דער ריי איז געווען די חברה "חייטים", מפלעגט זי אויך רופן די חברה "תהילים". תהילים האבן אלע געזאגט מיט אספעציעלן ניגון. טראץ דעם וואס מען האט זי גערופן חברה "חייטים" זענען דארט געווען ווייניק שניידערס. ר' אברהם דזיאלאבסקי און הירש לייב ביגלעאייזן זענען געווען די הויפט גבאים און אויך די הויפט בעלי-תפילה. ז' אדר איז געווען זייער גרעסטער יום-טוב און אים פיירלעך געפראוועט. מיין ברודער אפרים איז דארט געווען דער בעל-קורא דער נאך אויך איך.

משכן ישראל

משכן ישראל איז געווען די ציוניסטישע חברה. אין גרעסטן טייל זענען אין דער חברה געווען יינגע-לייט און בחורים, ציוניסטן, ארבעטער, פאכלייט, לערער און בעזונדער בחורים, וואס די חסידישע שטיבלעך האבן זיי דערווייטערט פון זיך און אין דער חברה האבן זיי געפונען זייער גוט און פריי ארט. אברהם בוראקאווסקי איז געווען דער הויפט גבאי און פון צייט צו צייט זענען אויסגעוועלט געווארן נייע גבאים. די שטענדיקע דאווענער זענען געווען: זכריה רייכבארט, לייבעלע

בארנשטיין, אפרים נאסקאוויטש, תנחום ביגלאייזן, יעקל לערער, חיים הירש ביגעלאייזן, יצחק גאלדבערג און אנדערע. דוד דרעקסלער איז דארט געווען דער בעל תפילה און בעל קורא. דער גרעסטער טייל פון די נדרים ביי „עליה לתורה" זענען געווידמעט געווען פאר קרן הקימת לישראל און ביבליאטעק. אין משכן זענען שטענדיק ארומגערעט געווארן אלע ציוניסטישע ענינים.
בפרט פאר וואלן צו ציוניסטישע קאנגרעסן, שטאט ראטן, און וואלן צו דער יידישער קהילה. פאר דעם שבתדיקן ליינען האבן געפלעגט רעפערענטן ארומרעדן וועגן אנאקטואלן-ענין, וואס איז דאמאלט געשטאנען אויפן טאג ארדנונג, אדער האט געפאדערט אשנעלע לעזונג.

לינת הצדק

דאס איז געווען אחברה אן אלאקאל. צו דער חברה האבן אנגעהערט חברים פון אלע שיכטן, פרויען און מענער און פון אלע עלטער. יעדע פאר יאר זענען אין די חברה אויסגעוועלט געווארן די זעלבע גבאים און צוויי גבאיטעס. די אויפגאבן זענען געווען צוויי: ריפוי חולים און לינת החולים. דער עיקר זארגן פארן בודזיעט פון דער געזעלשאפט איז געלעגן אויף די פלייצעס פון דאמאלדיקן שטאט דאזער, איציק בלעכארש. ביי איינעם פון די גבאים האבן זיך געפונען אנאנגע-פאקטא שאנק מיט רפואה'שע כלים, ווו צום ביישפיל: הוקענס, ביינקעס, פארע מאשינדלעך, טערמאמעטערס, גאמענע אייז בלוזן, ווארימע בלוזן און אגרויסע

ביינקע ריצן-אייל. איז חלילה געווען אחולה אין דער משפחה, איז דער טויבער מרדכי געוועזן דער דאקטער. אויך שמואל ריוואן און משה פעלצ׳ער האבן געהיילט דעם לאסקער עולם. צו אלעם האבן זיי געהאט ארפואה בדוקה: א האקען! אויב דער האקען האט נישט געהאלפן האבן זיי געשטעלט ביינקעס און אויך אמאל געהאקטע ביינקעס אדער פיאווקעס. דער טויבער מרדכי האט זיך דער אפט געהאלפן מיט מעדיצינישע עצות פון די קראנקע אליין, אדער פון זיירע קרובים. ר׳ מרדכי האבן זיי געזאגט: אפשר אהאלב גלאז ריצן אייל? וואס קען עס שאטן? האט ער געענטפערט. אפשר שטעלן פיאווקעס? וואס קען שאטן? לייגן קאלטע אדער ווארימע קאמפרעסן? וואס פרעגט איר שאלות, וואס קען דאס שאטן?

דער לינת הצדק גבאי האט צוגעשטעלט די נויטיקע מכשירים לויט די פעלצ׳ערס פערשרייבן און דער קראנקער איז געזונד געווארן אדער... אויב איז ביי וועמען געווען אפערשלעפטע-קרענק, האבן די גבאים געזארגט, אז יעדע נאכט זאל אצווייטער חבר פון דער חברה נעכטיקן ביים קראנקן, אים בעדינען, און אזוי ארום בעפרייען דעם קראנקנס נאנעטע פון זייער טעגליכע טרחה, כאטש אויף עטליכע נעכט אין דער וואך.

מיר ייגנלעך האבן צוטראגן די צעטעלעך, די קוויטלעך און די פערשידענע מכשירים צווישן די נעכטיקער ביי די קראנקע. בדערמאן זיך די פערשטארקטע טעטיקייט פון לינת הצדק אין דער צייט פון ערשטן וועלט קריג ווען סהאט אויסגעבראכן די גרויסע טיפוס מגפה אין גאנצן לאנד.

אין שטעטל האט מען גערעט, אז די מגפה איז געקומען פון זדונסקא וואלע. אין משך פון אקורצע צייט זענען אין לאסק אויסגעשטארבן פון פלעק-טיפוס 25% פון דער יידישער בעפעלקערונג. שרעקליכע טעג זענען דענצמאל געווען אין שטעטל. אלע חדרים זענען געשלאסן געווארן. אין אלע בתי תפילה האבן יידן תהילים געזאגט, ווייבער האבן געמאסטן דעם בית עלמין און מיט ווייי געשרייען פארן ארון קודש געבעטן רחמים פאר זיירע טיפוס קראנקע. די געוועלבער זענען עטליכע מאל אין טאג געשלאסן געווארן לכבוד די אדורכגייענדע לוויות... די חברה קדישא לייט זענען געפאלן פון די פוס צעליב גרויס מידקייט און די חברה לינת הצדק האט מאבילידירט ווו סאיז נאר געווען אגעזונדער מענטש צו הילף, ער זאל שטיין ביי די טויטע בעטן. צוויי שפיטעלער זענען געווען פול געפאקט מיט קראנקע. ד"ר גלינסקי און דער פעלצ'ער כוואלנא האבן זייער גאנצן כוח געגעבן אפצוראטעווען וואס סהאט זיך נאך געלאזט. אגאנצע ריי יוגענדליכע ווו אבא יאנאסעוויטש און דוד דזיאלאבסקי זענען געווען סאניטארן אין די שפיטעלער צום אריינפירן קראנקע און ארויסגעבן טויטע. מיר קלענערע ייינגלעך האבן צוגעשטעלט קענדלעך מילך און געטראגן טרויריקע ידיעות.

די דייטשע אקאפאנטן-מאכט האט אראפגעבראכט אין שטעטל דיזענפעקציאנס איידונס און ארגאנעזירט סאני-טארן, וועלכע זאלן מיט גאז דעזינפעקציאנירן די וווינונגען פון די קראנקע. געווען טעג, וואס די טערען פון די אויגן האבן זיך נישט אויסגעטרוקענט

אויפן פנים. צען נייע קברים אין איין טאג. און טיילמאל זענען גאנצע משפחות פערכאפט געווארן אין עטליכע טעג. עטליכע חדשים האט געדוירט די פלעק-טיפוס מגפה אין שטעטל און אין דער סביבה. נאך אזער לאנגע צייט נאך-איר האבן די ארטיקע יידן געלעקט די ווונדן און נישט געפונען קיין טרייסט.

די חברה קדישא

נאר אין דער צייט פון די מגפה האט די חברה קדישא גוט „צוזאמענגעארבעט" מיטן לינת הצדק. חברים פוןביידע חברות האבן צוגעהאלפן פיל טיפוס קראנקע זיך אויסבעהאלטן פאר דער "שפיטאל גזירה" און זיי רואיק אין די נאכט שעהן קובר געווען. די חברה קדישא אבער, איז אין שטעטל בעקאנט געווען אלס שטענדיק טעטיקער "רעכט" צו טוען מיט יעדן בר-מינן. דער לאנג יעריקער גבאי ר׳ יוסף ראקמאן האט געפירט די חברה ביד רמה. געהאט ארום זיך אגאנצע חבורה מענער און פרויען, וועלכע האבן פרייוויליק געדינט דעם חברה קדישא ציל, נאכטרינקענדיק אגלעזל 96-קער בלויז פאר שכר הליכה.





ועד הקהילה היהודית ויושב ראש „חברה קדישא" ע"י בית הקברות עם גמר בנית הגדר.
די פערוואלטונג פון די יידישע געמינע און דער גבאי פון די חברה קדישא ביים
בית הקברות בעת סעיז פערטיג געווארן דער "גדר".

אליעזר אלעי

פאַרנאַכט אין אַלטן שטיבל

מנחה־מעריב גייט חיים בינעם דאַוונען אין אַלטן גערער שטיבל. אַזוי פירט ער זיך פון אַלע זיינע יאָרן: דעם גאַנצן בייטאָג — אין בית המדרש און אין אָוונט אין אַלטן שטיבל. דאָ קומען זיך צונויף די חסידים, אַלטע גוטע פריינט, אייגענע מענטשן, וואָס זענען צווישן זיך געבינדן מיט אַ באַזונדערע טיף־וואַרעמע, היימישע פריינטשאַפט. אָפּגעטומלט דעם טאָג מיט עסקים, מיט פרנסה, מיט מחלוקת, מיט טענות מיט געקריגערייַ — קומט מען איצט אָפּרייניקן אַביסל די נשמה, זי אָפּשטויבן, אָפּגעבן זיך צו גאָט. צום ערשט דאַוונט מען אָפּ מנחה אין אין דער לאַנגער צווישנצייט, ביז מען וועט זיך שטעלן צו מעריב, זעצט מען זיך אַרום די טישן — לערנען. די לאָמפּן שוין אָנגעצינדן וויגן זיך אין זייערע געשטעלן אַראָפּ פון סופיט, אָבער זייער שיין פאַרטרייבט נאָך נישט אינגאַנצן די שאָטנס פון אויסגייענדיקן בין־השמשות, וואָס בלאָנדזשען דאָ באַהאַלטן אין די ווינקלען. נאָר ס׳דויערט נישט לאַנג, גייען זיי אויך אויס. ס׳ליכט ווערט שטאַרקער, שפּרייט זיך מיט אַן אויפגעבונדענעם פלאַם, דאָס לערנען הייבט זיך אויף העכער, ווערט לעבעדיקער, וואַכיקער, צווישן די שטיבל־ווענט — היימלעכער: ווער עס זינגט אויס מיט בענקענדיקן נגון אַן אגדתא, ווער ס׳ברומט אויס האַרב־ניכטער — הלכה־דיקס, ווער ס׳זאָגט מיט וואַכנדיק קול משניות און ווער ס׳קרעכצט אַרויס מיט טיף סודותדיקן קרעכץ פון חסידישן ספר. די פאַרשידענע קולות גיסן זיך צוזאַמען אין איין געזאַנג, רייסן זיך ערגעץ צו די הייכן און פילן

אָן די לופט מיט יענער באַזונדערער הייסער בענקשאַפט פון פאַרנאַכט אין קלויז.

ביים גרויסן טיש, וואָס זיין אויבנאָן לענט זיך אָן ביים פענצטער אין מזרח און זיין עק גרייכט ביזן סוף מערב־וואַנט, זיצן די קבוע־לייט. עס זיצט דאָס שטענדיקע פּאָרל ר׳ אהרן מאיר איילמאַכער און ר׳ חיים קליגער ביידע זענען זיי אַלטע לייט. וויס — ווי טויבן. ביידע פאַרפלאַנצט מיט קינדער מיט אייניקלעך, ווי סעדער מיטביימער און ביידע אָנגעפילט מיט יאָרן, ווי קירבעסן מיט יאָדערן. זיי פירן ביידע נאָך מסחר, שטייען בייטאָג אין זייערע קראָמען, דינגען זיך מיט קונים, מיט פויערים, מיט ווייבער, מיט דינסטן — ציען פון גאָטס האַנט אויף זייערע אַלטע יאָרן די חיונה. ערשט אין אָוונט קומען זיי זיך צוזאַמען ביים טיש. איצט גייט זיי פון דעם בייטאָגיקן גאָרנישט מער אָן. פאַר זייערע אויגן שוועבט אַן אַנדערע וועלט, אַ שענערע, אַ ריינערע, אַ דערהויבענערע, אַזאַ ווייט הויכע און דאָך אַזאַ נאָענטע — די וועלט צום הימל. זיי זיצן צוזאַמענגעדריקט אַקסל ביי אַקסל ווי זיי וואָלטן געווען צונויפגעוואַקסן. די קעפּ זענען ביי זיי אַראָפּ־געלאָזט ביז טיף אין די שורות פון די גמרא־בלעטער און ביידע ווי געניטע שווימערס, שווימען זיי דאָרטן אין טיפן ים.

אַביסל צייט איז ביי זיי רויק, שלום־ושלוה, ווי צוויי ליבע שותפים, וואָס זענען איינשטימיק מיטאַנאַנדער, וואָס גלייכן זיך אין דער דעה. אָבער פּלוצעם ווי פון דער העלער הויט, קומט ביי זיי עפּעס פאָר — אַ פּלוצלינגע פאַרכמאַרונג אין מיטן העלן זונענטאָג... איינער האָט זיך מיטאַמאָל עפּעס איינגעשפּאַרט און לאָזט נישט דעם צווייטן גיין ווייטער... ער באַשטייט נישט!... דער אַנדערער קוקט אים אָן פאַר־װוּנדערט, ווערט זיך, אַמפּערט זיך, ענטפערט אָפּ, גיט צו פאַרשטיין, אָבער ס׳העלפט נישט. זיין חבר לאָזט נישט... ווערט ער אַליין אויך שוין בייזער און עס ברעכט אויס צווישן זיי אַ קריגערייי, וואָס ווערט אַלץ עקשנותדיקער, שאַרפער און עס דאַכט זיך: אָט, אָט און עס ברעכט אויס דער אמתער ברוגז... זיי טענהן מיט די הענט, מיט די בערד, מיט די געדיכטע ברעמען. מיט רוגז, מיט הויכן קול, דראָען זיך מיט די פינגער, ווי דאָס וואָלטן זיי נישט געקאָנט מער צווישן זיך הויזן און זענען גרייט

זיך צו צעשיידן, אויס חברשאַפט, אויס פריינטשאַפט, אויס חברותא... אָבער דאָ, פונקט ווי זיי האָבן אומגעריכט אָנגעהויבן, שטילן זיי זיך פּלוצים צוריק איין. זיי באַטראַכטן זיך שטילערהייט איינער דעם אַנדערן: אפשר האָסטו טאַקע רעכט? קריגן צוריק פריינטלעכע פּנימער. די אויגן שמייכלען צו זיך אויפסניי און צוריק איז שלום. ווידער לאָזן זיי אַריין די מיט ברילן־באַזאָטלטע נעז אין ספר. ווידער טוען זיי זיך צונויפ־דריקן. דאָסמאָל נאָך פעסטער פון פריער און ווערנדיק אַרומגענומען מיט אַ נאָך טיפערע וואַרעמערע פריינטשאַפט, וואָס פאַרייניקט זיי איצט אין צוויי שטילע גליקלעכע מענטשן, נעמען זיי זיך נאָך טיפער וויגן און לאָזן הערן נאָך זיסער זייערע אַלטע פאַרוויגטע שטימען.

אָפּגערוקט פון זיי, אויף אַנטקעגנאיבער, זיצט אין יחידות שמחה לייבעס יאַרידניק. ער איז אַ מאַרק־פאָרער. שמחה לייבעס, פאָרט אין אַלע טעג פון דער וואָך אויף יאַרידים מיט שניטוואַרג, מיט צעלניק, יעדן טאָג אין אַן אַנדער שטאָט און שטעטל, און זיך פון דעם מפרנס. אינגאַנצן איז ער אַ שפּיציקער, אַ שאַרפער, ווי אַ קאַנט פון אַ דרייעקיקער פייל. אַלץ ביי אים, די נאָז, די גאָמבע, די קינבאַקן, די אויגן, די קליינצ קלינישע באָרד, איז אויסגעצויגן שפּיציק שאַרף — הונגעריק נאָך עפּעס. זיין אויסזען האָט אין זיך עפּעס פון אַ נזיר. אויך אין זיין לעבן איז דאָ עפּעס נזירישס, פאַרבאָרגנס, טרויעריקס — ווייניק עולם הזה. דאָס לערנען ווי די תפילות אין סדור, שלינגט ער, כאַפּט ווי עפּעס זידיקס, ווי ער וואָלט זיך שטאַרק געאיילט, מורא געהאַט מען זאָל אים נישט צונעמען אין דערמיט, אָפּרייסן אים פון דעם, וואָס עס איז אים אַזוי טייער און אזוי געוואַלטיק אַ שאָד. ביים דאַווענען שטייט ער נישט איין רויק אויפן אָרט. עס טרייבט אים, הייבט אים, יאָגט אים. ער וואַרפט זיך אינגאַנצן אויף דעם קליינעם שטיקל שטח, ווו ער שטייט, ווי אונטער אים וואָלט זיך די ערד געהויבן, גע־פּאָרעט מיט הייסן דאַמף — געטריבן אים אַרויס אינגאַנצן פון גוף... אין דעם קאַרג שטיקל אָוונט, וואָס ער קומט אַריין פון אַ נאָך צוריקגעקומענעם יאַריד, קומט ער אַריינצופליען ווי אַן אויסגעהונגערטער היישעריק. ער וואַרפט זיך אַוועק אויף דער באַנק מיט פלי, און הייבט שוין אָן צו זאָגן, ווי ער וואָלט דאָס ממשיך געווען נאָך פון וועג, פון דער פור... און מיט

אַזאַ שנעלקייט, מיט אַזאַ ברען, ווי ער וואָלט געוואָלט אַלץ מיטאַמאָל איינ־שלינגען, צוריק דעריאָגן, וואָס דער טאָג האָט צוגענומען ביי איב. און די טעג נעמען אַ סך ביי אים צו — און די מלאכה איז נאָך אַזוי גרויס און דער טאָג אַזוי קורץ!... און ער פאַרלירט אַזויפיל אין די אומצייליקע שעהן... און ווי נעמט מען דאָס אַלץ צוריק?!...

שמחה לייבעש רייסט שוין שטיקער ביי זיין לערנען. מיט גליענ־דיקע פונקן, ווי דער שמיד, ווען ער קלאַפּט אויס דאָס גליאיקע אייזן אויף דער קאָוואַדלע. אויך ער שמידט איצט ביי זיין אינערלעכן פייער, וואָס ברענט אין זיין אינגעווייד, ערגעץ אין די טיפע טיפענישן און ער קאָן עס נישט איינשטילן. ער ווייסט, ער וועט דאַרפן באַלד זיך צוריק אַהיימ־קערן און אין שטוב וועט ער צוריק אָנטרעפן דעם גאַנצן האַרמידער: דאָס ווייב, די קינדער, געשרייען, געליאַרמען, געשפּאַרעניש. מען וועט ווידער פּאַקן, צונויפלייגן פאַרן מאַרגנדיקן טאָג די סחורות, בינדן די דרענגער, פאַרקלאַפּן די קאַסטנס, ער וועט ווערן אויסגעליידיקט פון גאָטס וואָרט: ווידער וועט זיין די זאָרג, דער עול, דאָס רייסן זיך מיט די קונים, מיט די פויערים, מיט די בויד־שכנים, דאָס ציטערן פאַרן ביסל לייזונג — און ער וועט ווערן צוריק פאַרשפּינען אין טומל, אין דעם הבל הבלים... וואָלט ער געוואָלט דערפאַר די שעהן זאָלן זיך ציען, ער זאָל זיך אָנטרינקען וואָס מער, אָנזאַמלען אין זיך וואָס מער, ווי דער קעמל דאָס וואַסער, ווען ער לאָזט זיך אין וויטן מדבר...

שמחה לייבעש איז שוין סאַמע גלי, אַ פאַרגעסענער אין דער גאַנצער וועלט, איין שטיק אומרו. ער זיצט שוין נישט, נאָר הייבט זיך, פליט, ברענט, שאָקלט זיך, ווי אַ צעוויגטער בוים אין שטורעם, רייסט מיט מיט זיך, און אַלץ שאָקלט זיך שוין מיט אים מיט: די באַנק, דער טיש, די לאָמפּ, די ספרים און דאָס קול, וואָס קומט פון אים אַרויס, איז אַ שטיקנדיקס, פון טיפיקן טאָל, אַ קול, וואָס איז פול מיט לעכצונג, מיט בענקשאַפט, וואָס שרייט צו אימיצן, צו אַ וויט פאַרבאָרגענעם, מיט גרויסן געשריי, מיט דורשטיקער, אויסטערלישער תשוקה —

— געוואַלד, ממעקים קראתיך ד״!! — — — — —

יחיאל נוימן

די מקוה

נישט אנדערש ווי די לאסקער מקוה איז אראפגע-פאלן פון הימל, ווייל קיינער האט נישט געוווסט צו דערציילן ווער און ווען, אין וועלכע יארן איז די מקוה אויפגעבויט געווארן, און ווער איז דאס געווען דער ארכיטעקט פון דעם שיינעם בנין.

קינדער פלעגן צעווישן זיך דערציילן שרעקליכע מעשיות, וועגן שדים און רוחות, וועלכע האבן זייער תיקון געפונען אין די מקוה.

אין אמתן איז די מקוה געווען א פשוטער לאנגער און אברייטער בנין אויפן שול-פלאץ, בעסער בעזאגט, "הינטער דער שול". אלע ליקלעך פון די וואלער גאס האבן געפירט אין מקוה אריין. נאך זייענדיק אקליין יינגל בין איך יעדן פרייטאג מיטגעגאנגען מיטן טאטן זיך באדן אין מקוה לכבוד שבת. אין יענע יארן איז דארט נישט געווען פון וואס מתפעל צו ווערן. ווייל וועגן גרויס ריינקייט איז קיין רייד נישט געווען, אבער אווארימע מקוה איז געווען.

כגעדענק, אז מיין טאטע האט בעצאלט "מקוה געלט" בלויז פאר זיך און איך האב זיך מיטגעכאפט אויפן טאטעס הוצאות. פאר קינדער האט מען, דאכט זיך, נישט געדארפט צאלן.

אשטענדיקע פארע האט אנגעפילט די מקוה און געהאט אביסל געשמאק פון דער גארבער גאס.


אויף לאנגע בענק האבן זיך אלע אויסגעטועץ נאקעט און גלייך אראפגעשפאנט אין ווארימען קוואל. קינדער זענען געזעסן אין וואסער אויף די טרעפלעך און די עלטערע מענטשן זענען אראפ און זיך געטובלט און געוואשן. יידן האבן געקרעכצט פאר תענוג און מיר קליינע חברה האבן סתם הנאה געהאט פון אלעם. שפעטער האט די יידישע געמינא געמאכט ספעציעלע היגיענישע איינריכטונגען. די ווענד זענען געווארן אויסגעפלאס-טערט מיט ווייס פארצעלאנענא קאפלעס. סזענען געווען קאלטע און ווארימע טושן. אויך ווייסע וואנעס זענען געשטאנען אין דער זייט מיט קראנען פון קאלט און ווארים וואסער.

יעדער האט פאר זיין געלט געקאנט זיך לאזן מאכן אהייסע וואנא. אשר נטע בערעליס, איז דאס געווען דער הויפט מיקוויניק. ער איז געווען פעראנטווארטליך פאר אלע היגיענישע איינריכטונגען, ער האט טאקע געזארגט, אז אין די גרויסע און אין די קליינע מקוה זאלן די קוואלן תמיד ריין און קלאר זיין. צו דעם צוועק איז דארט איינגעריכטעט געווען אמעכאנישע פלומפ, וואס האט אויסגעפירט די פונקציע און גלייכצייטיק אפגעהיטן עס זאל נישט געפלסט ווערן דער "הייליקער קוואל". אגרויסער דאמף-קעסל האט עס תמיד אנגעווארמט דעם גאנצן אנשטאלט.

חסידים און אנשי המעשה, האבן זיך טאגטעגליך
יעדן פארטאגס געטובלט אין מקוה. אפילו ווען דאס
וואסער איז קאלט געווען. די קליינע מקוה האט
געדינט פאר פרויען און כלה-מיידלעך. לעצטענס איז
דארט געווען רבקה די טיקערקע די אויפזערין פון דער
פרויען אפטיילונג. נאך אשר אבערז'אנעק האט איבער-
גענומען די פונקציע אלס מיקוויניק מאכל אלעי.

ער האט ווייטער געפירט די מקוה און זי אפגע-
היטן מיט אלע פיצ'יווקעס.

אויך אין די טרויעריק-שרעקליכע יארן פון 1939
ביז דער ענטגילטיקער אויסזידלונג פון די לאסקער
יידן האט די מקוה פונקציאנירט ווי געהעריק. און
יעצט באדן זיך דארט שדים און רוחות.



זאב

קליינע און גרויסע שרפות

די אלטע לייט פלעגן דערציילן וועגן שרפות אין שטעטל. יעדן מאנטאג און דאנערשטאג איז אויסגעבראכן אשרפה. אזוי איז די אמאליקע האלצענע שול פערברענט געווארן. און אין יעדן געסל האט געפלעגט ברענען צו ביסלעך. די האלצענע הייזקעס זענען שטענדיק אויס-געשטעלט געווען צו זיין די קרבנות פון אנישט געררייניקטן קוימען.

דער קוימענקערער אין שטעטל, שטענדיק פאריסט מיט סאדעס און פארפוצט מיט שווארצע בעזעמס, מיט אשווארצע לאנגע שטריק און אאייזענע באמבא. ער האט מער שפאצירט איבער די גאסן ווו אויף די דעכער.זיין געהאלט האט ער אליין איינקאסירט ביי יעדן בעל-בית. ער, האט דאס געדארפן רייניקן די קוימענס אין גאנצן שטעטל. אזוי האט ער עס געטוען, אז יעדן טאג האבן סאדעס געברענט אין די קוימענס און גורם געווען צו שרפות. אויב סהאט אים ווער געפרעגט, וואס טייטש, פאר וואס האסטו נישט אויסגעקערט מיין קוימען? תיק"ו! אין מערסטן טייל איז ער געווען שיכור ווי לוט. רעדט מיר צום דאשיק, איז געווען זיין תשובה.

אזוי האבן זיך אין שטעטל צו ביסלעך פערברענט געסלעך און די "נשרפים" האבן מיט גרויס מי פונדאסניי זיך אויפגעבויט נייע כאטעס און געווארט אויף אנייע

שרפה. אין אונדזער גרויסן פירקאנטיקן מארק זענען דריי צאלן, נאך עטליכע שרפות, נאך אין נײַנציטן יאר-הונדערט שוין געווען געמוירטע הײַזער.

און די פערדע צאל, אנהויבענדיק פון דעם אלטן ראגאזשינסקן ביז אבא ביאליק, זענען אלע הײַזלעך געווען האלצענע. בלויז רחל"ה יומס און אבא ביאליק"ס הויז פון דער גארצינער גאס זענען געווען געמוירטע הײַזער.

אין איינעם פון די שיינע זומערטעג האט זיך איין דאך פון די האלצענע הײַזלעך צופלאמט מיט גרויס חשק און ארומגענומען מיט לאנגע פײַער צינגער די גאנצע צאל. דאס פײַער האט געטאנצט פון איין דאך אויפן צווייטן ווי יידן אין שמחת-תורה ביי די הקפות. די איינוווינער, האבן מיט גרויס שרפה-שרעק גענומען ראטעווען פון זייער האב און גוטס און אנגעפילט דעם גאנצן מארק און אלע זייטיקע געסלעך מיט מעבל, סחורות און שאר ירקות. דער הימל איבערן שטעטל איז געווען שווארץ ווי דער קוימענקערער. אויף אלע אנדערע דעכער זענען געשטאנען יידן און געגאסן וואסער אויף זייערע דעכער. מיינסטנס דעכער זענען געווען געדעקט מיט פאפא.

די מהומה איז געווען גרויס, און די געשרייען האבן זיך צוזאמענגעגאסן מיטן קנאקן פון די טרוקענע האלצענע הײַזלעך. די קירכן-גלאקן האבן צו געשפילט צום טאקט. ביז די פײַערלעשער האבן זיך בעווײַזן מיט

זיירע כלים און פעסלעך-וואסער איז שוין די גאנצע צאַל געשטאנען און איין פלאם פייער. זיי צו הילף זענען געקומען פון פאביאניצער און זדונסקא-וואלער פיירלעשער מיט אגרויסן רעש און פעסלעך וואסער. מיט שותפותדיקע כוחות איז זיי געלונגען, צום סוף, איינצושטילן די שרפה ביי ליידער סימעל און ביילא באלצעריקס הייזל, פון מערב זייט, און ביז אבא ביאליקס הויז פון מזרח זייט דער צאַל. אגאנצע נאכט האבן נאך די פיירלעשער געגאסן וואסער אויף די פערברענטע הייזלעך, ביז די שרפה איז ענטגילטיק פערלאשן געווארן. כמעט אלע ברונען פון שטעטל זענען אויסגעשעפט געווען. מאַט און מיד זענען זיך די וואלער און פאביאניצער פיירלעשער צופארן. די לאסקער פיירלעשער אבער זענען נאך געשטאנען ביז צו מארגענס ביי טאג אויף דער וואך און פערדישעט דעם לעצטן פינק פון די גרויסע שרפה. און די זייטיקע געסלעך האבן זיך אלע איינוווינער ווידער גענומען צוריק-שטעלן זייער ווירטשאפט, אויפפאקן די פעקלעך און דאנקן גאט פאר זיין חסד מיט זיי...

די נשרפים, אבער, זענען געלעגן אין מיטן מארק, יעדער אויף זיי אפגעראטעוו ביסל בעטגעוואנט און סחורה. פרויען און קינדער, טויט מיד, פעריסט און פערייכערט. עטליכע טעג האט געדוירט ביז די נשרפים האבן געפונען אין שטעטל אַרט ווו זייער קאפ אוועקצולייגן.

יידן, רחמנים בני רחמנים, האבן זיך גענומען

זארגן פאר די נויטווענדיקע און שטארק געליטענע. ביסלעכווייז האבן די "פערברענטע" יידן געפונען אתיקון. איין שטעטל אבער, האט מען אגאנץ יאר דערציילט וווּנדער פון די גרויסע מעשים וואס מענטשן האבן איין די שרפה אפגעטוען. יעדער האט געהאט צו דערציילן וואס ער האט אויפגעטוען און ווען נישט ער? ...

דער סוף פון די שרפה איז געווען, אז אויפן פערברענטן ארט זענען אויפגעמוירט געווארן צוויי שטאקיקע הייזער מיט באלקאנען פון רויטע ציגל. צוויי יאר שפעטער האבן זיך ווידער געעפנט געוועלבער און יידן האבן ווייטער געזוכט פרנסה, אויסגעגלאצט אויף אקונה, וואס האט געקויפט פאר אגראשן הערינג.



יעקל-לאווקאוויטש

אנטיסעמיטישער סקאנדאל אין לאסק

אין חודש מאי 1933 איז פארגעקומען אין לאסק אגרויסער קאטאלישער צוזאמענפאר לכבוד דעם 500 יעריקן יובילעאום פון דער ארטיקער קאטאלישער קירכע. אין אזא טאג, האבן יידן געפילט, דארפט מען זיצן אינדערהיים און זיך וואס ווייניקער ווייזן אין די צענטער גאסן. שנאת-ישראל האט קיינמאל נישט געפעלט אין פוילן, אבער אין די 30-גער יארן האט דער אנטיסעמיטיזם זיך שרעקליך פערשטארקט, מהאט אים דערפילט אויף יעדן טריט און שריט: אין מסחר און מלאכה, און אין אלע אנדערע עקאנאמישע פאזיציעס, אין דער שולע ווי אין שטאט-ראט, און וווּ נישט?

בעזונדער האבן זיך אין דעם זיך אויסגעצייכנט מיט אונטערהעצן קעגן יידן די ענדעקישע און רעגירונגס פרעסע. דער נצחון פון היטלערן אין דייטשלאנד האט זער שטארק געווירקט אויפן גרעסטן טייל פון פוילישן המון און האבן פשוט אדענטיש נאכגעמאכט דאס וואס די דייטשן האבן געטועון אין דייטשלאנד מיטן יידישן האב און גוטס. אזוי האבן פולישע אנגערייצטע כוליגאנעס בארויבט די מארקפארער און דערמיט פערשטאפט דעם גרעסטן פרנסה קוואל פון די לאסקער בעלי-מלאכה און מארק-פארער.

אטאג צו פויער דעם הייליקן צוזאמענפאר, זענען אויף די ווענד פון שטעטל ערשינען פערשידענע אנטי-סעמיטישע אויפשריפטן: סוואי דאָ סוועגא! ניע קופּ או זשידא! זשידזי דא פאלעסטיני! און נאך אזעלכע סימפּאטישע אויפשריפטן. דאס האט דער יידישער בעפעל-קערונג זער באונרואיקט און אין דערשטיל האט ביי אסאך פון אונדז די הויט געציטערט.

אום זונטאג אזייגער איינס האט מען געהערט פון גאס געשרייען. סהאט זיך ארויסגעוויזן, אז די "געקומענע פרומע געסט" האבן געשלאגן אפרוי. העניך ווידאווסקי האט זיך פערקאטשעט די ארבל און האט דערלאנגט די כוליגאנעם אגוטע פארציע. אויך לייבל פוקאץ׳ און משה שטערן האבן זיי נישט געזשאלעוועט און געגעבן גוטע קלעפּ. אויך אמיידל האט אנטייל-גענומען אין געשלעג, געבאפּט אהייסן טאפּ צוויקל-בארשט און אבגעגאסן איינעם פון די כוליגאנעס. א פירטל שעה האט געדוירט און דאס געשלעג האט אנגע-נומען אנערנסטן באראקטער. דער אבגעבריטער איז שוין באלד געווען האלב טויט. באלד איז געקומען פאליציי, בערואיקט די געמיטער און ארעסטירט אויפן ארט משה שטערן, קלמן פוקאץ׳ און מרדכי שיראצקי.

אין שטעטל האבן די בוליגאנעם ארויסגעלאזט אקלאנג, אז יידן האבן דערמארדעט א פאלאק! אגרויסע מחנה כוליגאנעס האבן זיך אראפּגעלאזט אין די גארבער גאס און האבן דעמאלירט יוסף טאפארעקס הויז און אויך

אנדערע הייזער בעשיט מיט שטיינער. דאס האט אויף
דער פאליציי נישט געמאכט קיין רושם. דער סוף פון
דער מעשה קען זיך יעדער פון אונדז פוירשטעלן:
סזענען איינגעארדענט געווארן משפטים און אפאלאציעס
און מהאט אויסגעפונען צום סוף דעם רעכטיק שולדיקן,
דעם כוליגאן - דעם ייד. עטליכע בחורים זענען בעשטראפט
געווארן פון 5 ביז 9 חודשים תפיסה.

פשאקרעוו! איר האט געהערט וואס פארע סקאנדאל
דא האט זיך אפגעטועך אין לאסק? אייד האט זיך אקעגן
געשטעלט אפויילישן כוליגאן און זיך נישט געלאזט
שלאגן? !



זאב

א פרווו וואס איז נישט געלונגען

פאר וואס זאלן מיר לאסקער נישט האבן א אייגענעם ארקעסטער? אין אלע ארומיקע שטעטלעך האבן זיך ארגאנעזירט יונגענדליכע מוזיקאלישע כוחות, אין זדונסקא-וולא און אויך אין פאביאניץ, און פאלגרייך אויפגעטרעטן מיט זיירע ארקעסטערס ביי זיך אין שטאט און אויך בעזוכט אונדזער שטעטל. מיר האבן שטענדיק הנאה געהאט פון זיירע אויפטרעטונגען. דאס האט אונדז געשטופט אין דער ריכטונג און זיך גענומען צו ארגאנעזירן א אייגענעם ארקעסטער.

צו אזא פארזאמלונג זענען געקומען: שמואל יוסף און יעקל קארן, אבא יאנאסאוויטש, לייביש קאכמאן, אברהם בוראקאווסקי, חיים ביאליק און אפרים נאסקאוויטש.

צוזאמען זענען מיר געווען זיבן מאן און געהאפט אויף נאך אצענדליק קאנדידאטן, וועלכע וועלן קומען.

מיר האבן אויך געפונען א דריגענט, פראפ. זאנוול בראן און אויך א ארט צו מאכן פרווון.(ביי אברהם בוראקאווסקין אין שטוב) מיר האבן פאר אונדזער געלט איינגעקויפט מאנדאלינען, מאנדלאן, געטארעס,באלאלייקעס פארן גאנצן אנסאמבל. מיר האבן שווער געארבעט און טעטיק, אויך געמאכט פארטשריט. סאיז כמעט איאר צייט פאראיבער און מיר האבן בעשלאסן איינצואורדענען אונדזער

ערשטן אויפטריט מיט אפיירליכן קאנצערט. מיר האבן געדינגען דעם שטאטישן-זאל און פערעפענטליך פלאקטן. און אטאג פארן אויפטריט האבן מיר בעקומען אטרעמא, די הויט האט אויף אונדז געציטערט.

איינשטימיק האבן מיר דעם קאנצערט אפגעלייקט ביז... דער "ביז" איז שוין מער נישט געקומען. יעדער מיט זיין אינסטרומענט האט זיך איינגעארדענט זיין איגענעם לעבענס קאנצערט.

זאב

טורן אין ספארט פעראיין

בכלל האט זיך אונדזער יוגענט געריסן צו טעטיקייט. די דייטשע אקופאציע האט ערמעגליכט אזעלכע קולטורעלע אקציעס. אויב דער "סימפאנישער ארקעסטער" איז נישט געלונגען, שפילט מען נישט. מיר האבן לכתחילה נישט געטראכט צו זיין פראפעסיונעלע כליזמרים.

אין יענע טעג איז ביי אונדז אין שטעטל געווען איידיש-דייטשער סאלדאט א ספארט אינסטרוקטער פון פאך. אויף א צוזאמענגערופענע קליינע פערזאמלונג איז אויסגעהארכט געווארן אקורצער אריינלייטונגס-רעפעראט פון דעם איניציאטאר אוןביים סוף איז אנגענומען געווארן א ענטגילטיקער בעשלוס צו גרונדן דעם טורן און ספארט פעראיין.

אשאד, וואס כקען נישט בעצייכענען דעם גענויעם דאטום פון דער גרינדונגס פערזאמלונג. איך געדענק נאר וואס פאר אגרויסע פרייד די גרינדונג האט ביי אלעמען ארויסגערופן. באלד איז אויסגעוועלט געווארן אפערוואלטונג מיט אברהם נאסקאוויטש אלס פרעזעס. מיטגלידער פון דער פערוואלטונג זענען געווען: דוד דזיאלאווסקי, יחיאל מאיר נאסקאוויטש, יעקל שטרינא, שמואל אבערזשאניק און חיים ביאליק. מיר האבן באלד געפונען ביי חנה-הינדא קעמפינסקי אשאפא

און זיך דארטן איינגעארדענט מיט אלע נויטיקע ספארט מכשירים. סהאבן זיך באלד צוזאמענגעקליבן טורן-גרופעס פון יינגלעך מיט מיידלעך און די טורן טעטיקייט איז געשטיגן פון טאג צו טאג. נאך איאר טעטיקייט, 1917 האט דער טורן און ספארט פעראיין פערנומען אבכבוד ארט אין שטעטל. סזענען איינגעארדנט געווארן אויסמארשן, פערוויילונגער און די יוגענט האט געפילט אנייעם שטרום און זייער לעבן און געהאט זיך מיט וואס צופערנעמען.

יחיאל נוימן

א שטעטל וואסער טרעגער

כלזמרים, הינדלעשער און טרעגער

איך וועל קיין טעות נישט האבן, אויב איך וועל זאגן אז לאסק, אונדזער ליב שטעטעלע, איז ענדליך געווען צו אלע אנדערע שטעטלעך אין אונדזער געגענט. נישט אזוי גרויס ווי פאביאניץ און נישט אזוי שיין ווי זדונסקא-וואלא, אבער שענער און גרעסער ווי עס זענען געווען זעלאוו, ווידאווא, לוטאמירסק, סטערצוו און שאדעק. חוץ שריפות, וואס פלעגן אויס-ברעכן פון צייט צו צייט, אדער אמשוגענער האט אויסגעהאקט שויבן, און אמאל אגעשלעג צווישן די פארמאנעס, קריגערייען צווישן די קצבים אין דער יאטקע-גאס, האבן יידן געלעבט, בדרך כלל, אין שווערע עקזיסטענץ-בעדינגונגען, וועלכע זענען פערזיסט געווארן דורך שבתים און יום-טובים.

זאגן תהילים, גיין דאווענען, מיט-גיין צו אלווייה און דער עיקר, האבן בטחון אין אויבערשטן זענען געווען אנ'אנלען און אהילף אין דער טאג-טעגליכער לעבענס-שווערקייט.

דער צוזאמענשטעל פון "עמך" אין שטעטל איז געווען ווונדערבאר. מיר דאכט זיך, אז אקינסטלער האט זיי אויסגעקליבן פון גאר דער וועלט און זיי איינגע-פאסט ביי אונדז אין שטעטל יעדן איינעם אויף זיין ארט,

און יעדן איינעם זיין ראל. נעמט למשל עובד וואסערטרעגער, אייד אלאנגער לאקש, בעוואקסן מיט האר, ווי אסאסנא בוים מיט נאדלן, אפגעריסן און אפגעשליסן, האבן זיינע בגדים אויף אים געהאנגען ווי אויף אסטראשידלא, אהיטל, אזוי אלט ווי ער איז געווען, ווו צוגעשמיד צום האריקן קאפ. געשטאנען איז ער אין - מערסטן-טייל ביי יוסף ראקמאנס געוועלב און געוזארט צו הערן א רוף פון אבאלעבוסטע: עובד, אמאל וואסער! ער האט צונומען די נאשידלאס, וועלכע זענען ביי אים געווען פערלייקט ווי אביקס ביי ארופישן סאלדאט, פערטשעפעט די האקעס אין די עמערס און פאמעליך, זיך נישט איילענדיק, געלאזט צו דער נאנטער פלומפ. אין גרויסן מארק זענען געווען 4 פלומפן. אויף די טארגעווי- סקע איין פלומפ און אין די וואלער גאס, די גארבער גאס איז כמעט אויף יעדן הויף געווען אאפענע ברונא מיט וואסער, איבער דער אפענער ברונא איז תמיד געשטאנען ווי א באטשאן אויף איין פוס אוואסער-שעפער. אין מארק איז שוין געווען קולטורעל איינגעארדנט, די פלומפן זענען געווען ארומגעצוימט, און נעמען וואסער האט די נאר געדארפן אויפהייבן דעם אייזערנעם האנטאבע און אראפלאזן, אז סזאל זיך גיסן וואסער פון מוילרערל.

צו אזא שפילעכעל האט מען אין שטעטל נישט געדארפן קיינע גרויסע ספעציאליסטן, צוליב דעם טאקע איז עובד געווען אזוי "שרעקלעך" פערנומען, ער האט קוים פערדינט אויף אטרוקן שטיקל ברויט מיט אנעק הערינג. אויך דאס, נישט יעדן טאג אין זומערצייט. יעדער בעל-בית האט זיך

אליין. אנגעטראגן אפעסל וואסער יעדן טאג, בפרט זומער, האט יעדער אנגעטועץ דאס פערגעניגן און אהיים געטראגן מער פריש קאלט וואסער, אפט האבן דאס געטועץ די קינדער.

עובד איז אויפגעראכט געווארן ווינטערצייט. אין די קורצע טעג פלעגט ער נישט רועץ אפילו איין מינוט. ווייל ווער האט זיך געוואלט די מי געבן און גיין צו דער פלומפ, ווי אלץ איז געוועץ פערפרוירן און ארום דעם מוילרערל איז אלץ געוועץ שטיקער אייז, גליצ'יק און פערווארפן מיט שניי? איז דעריבער עובד געוועץ דער העלד פון טאג. פון אלע זייטן, האבן זיך געהערט רופן עובד!!! 2 מאל וואסער!!!

עובד מיט אפאר גרויסע און גראבע שטיוול פערקלעפט מיט שניי,ביידע פאלעס פון זיין פוטער, פערקאטשעט אין פאסעק, שטיקלעך אייז האבן בעצירט זיין בארד און וואנסעס, ווי ער זאל זיין דער מלאך פון ווינטער אליין. כהאב זיך שטענדיק איינגעקוקט אין דעם ייד און געטראכט: צו וואס בעשאפט גאט ברוך-הוא אזעלכע אומגעלומפערטע מענטשן און גיט זיי נאך צוטראגן וואסער און האבן אויף זיך דעם עול פון אמשפחה מיט קינדער? שפעטער איז מיר קלאר געווארן די תשובה אויף מיין שאלה: "כי לא יחדל אביון מקרב הארץ" אוודאי, וואס וואלטן געטועץ די בעלי-צדקה? אנדערש וואלט דאך נישט געוועץ אויף וועמען רחמנות צו האבן? ! געלויבט איז השם יתברך, וואס עובדס

קינדער זענען גוט אויפגעוואקסן און האבן זיך געפונען בעסערע פרנסות ווי זייער טאטע - ערגעץ איז לאדז. און אין אשיינעם טאג, הילד איננו. נישטו מער עובד וואסער-טרעגער אין שטעטל, אויף זיין ארט האט זיך ארייגגע-כאפט איינגער קריסט און האט נישט שלעכט פערטרעטן זיין ארט. מיר האט דאך אציפגעטוען ביים הארץ: אשאד אזא שיינע "בשגמביקס" !

כ ל ז מ ר י ם

די עלטערע דורות האבן געהאט וווגדער צו דערציילן וועגן חיימל כלזמערס קאפעלע אין שטעטל. וויפיל שבחים סהאט איינער נאר געהאט צו דערציילן וועגן די אמאליקע קאפעלע, האט אצווייטער געהאט דאפעלט. סהאט זיך אן אשיעור געפלאטשעט מעשיות וועגן די קאפעלע, וועלכע האט איר גאנץ לעבן געלעבט אין ארימקייט און משמח געווען חתן וכלה. אזעלכע רייכע מוזיקאנטן, ווי די שפילמאנס זענען געווען, האבן זיך אויך געקענט דער-לויבן שפילן אויף אארימע חתונה אומזיסט. גאנץ אומזיסט, אחוץ אטרינק בראנפן. וויפיל מאל האבן זיי געמודט קעמפן קעגן ברענגען פרעמדע כלזמרים אין שטעטל? פליצלונג האט זיך עפיס פערגליסט אנגיד אין שטעטל אויף זיין. טאכטערס חתונה ברענגען אפרעמדע קאפעלע, פרעגט זיך גאר נישט, וואס דארטן האט זיך אטו געטוען! אלע האבן זיך דא ארייגגעמישט, ביז צום רב איז דערגאנגען דער עניין, ביז מהאט די גזירה מבטל געמאכט. זיי האבן אויך געפלעקט שפילן ביי די פריצים אין דער גאנצער סביבה.

דער סוף פון דער קאפעלע איז אבער געווען אזער טרויריקער. אויף איינע פון די פריצישע שמחות האט מען די גאנצע קאפעלע אפגעסאמט מיט ברען-ספירט.אויף פריצישע וועגן, זענען זיי געבראכט געווארן צו מארגענס אין שטעטל צו קבר ישראל. די לעצטע שטאט קאפעלע איז בעשטאנען פון זאנוועל ווידמאנס משפחה און דער בדחן חמיה פעטקא, דער פון שטענדיק ליבער, דער שטענדיקער פריילכער-קבצן האט בינן סוף נישט פארלוירן זיין הומאר. ביז צו כעלמנא...

פ י י ר ל ע ש ע ר

סאיז נישט אזוי לייכט אנגעקומען איידן אנגענומען צו ווערן אין דער פרייוויליקער פיירלעשער געזעלשאפט. מהאט געדארפן האבן זכות-אבות, אחוץ אצד אינדערמאגיסטראט שיסעל. אין די אמאליקע יארן זענען ס"ה געווען צוויי יידן: איציק בלאכארש און חיים הערש גאלדבערב.שפעטער אבער, האט דער לאסקער שטאטראט בעשלאסן צו געבן דער יידישער בעפעלקערונג פרייען איינטריט אין פיירלעשער פערבאנד. סזענען דארט געווען שמעון סימעל, חיים הירש ביגלאייזן, יאקעלע און בעריל קליין און נאך אנדערע. די פיירלעשער האבן געהאט זייער בלאז ארקעסטער און אגוטן דיריגענט. ביי יעדע פאלקס - פיירונג האט דער ארקעסטער בעשיינט די שמחה.

אויף די גלינעווקעס האבן די פיירלעשער געהאט אהאלצנעם געבויטן טורם. די פרובעס וואס די סטראזש האבן דארט געמאכט, האבן שטענדיק געצויגן די

אויפמערקזאמקייט פון אלע חדר יינגלעך, וועלכע האבן גוט פערברענקט און זיך גוט געוויילט און שפעטער טייר באצאלט פאר דעם פערגעניגן... די פיירלעשער האבן אין די לעצטע יארן ערווארבן אמאטארישן פיירלעשער וואָגן. אין מערסטן טייל אין פאל פון א שרפה, ווען ער האט זיך געניוטיקט, האט זיך דער מאָטאר נישט אנגעצינדן און די פיירלעשער האבן ווייטער געכאפט פערד ביי די דראשקארזשעס און ריסארקעס, ווו סהאט זיך נאר געלאזן.

טרעגערס

אגאלדן פאך מוז דאס זיין געווען ביי אונדז, אז די אלטע טרעגער האבן עס שטארק אפגעהיטן פאר א עין-הרע, און דאס טרעגעריי איבערגעבן בירושה זיירע קינדער און קינדס-קינדער. דער געלער מרדכי האט שוין לעצטענס כמעט גארנישט געטוען און געהאט פרנסה... קודם כל דארפן אויך טרעגער האבן אהויפט טרעגער. טאקע גארנישט טוען ביים פאך, אבער געבן עצות און זאגן אדעה מוז זיין נישט גלאט אטרעגערל. צו דעם דארפט מען אטרעגער מיט אסטאזש. דער געלער מרדכי איז ווי פון הימל דערצו געשיקט געווארן. נאכן אנלאדענען דאס וועגעלע מיט זעקלעך סחורה האבן זיך מרדכי מיט שמאיך איינגעשפאנט ווי גוטע פערדלעך און אריה האט אשטופ געטוען פון הונטן און דאס וועגעלע איז געפלויגן ווי מיטן שם-המפורש.

דעם געלן מרדכי האט זיך אמאל פערגלוסט קויפן אקלאטשע און לאזן אביסעל אפאטעמען זיינע דריי זון

פון שלעפן און שטופן. אזער פיינע קלאטשע געקויפט
און גוט בעצאלט. די מעשה האט געמאכט ארושם אויף
אלעמען. ביי בעריש בארטשינסקי אין הויף האט דער
געלער מרדכי אפגעדינגען אבאקוועם שטאל און
פערדזארגט די שקאפא מיט טאג טעגליכע ארבעט. אקליינ-
קייט האט דער געלער מרדכי פערגעסן, איר אויך געבן
כאטש עפיס צו עסן. איינגע קלאטשע נאך געווען, אשאד,
האט דער געלער מרדכי איר נאכגעזאגט אגוטן שבח.

בלית-ברירה האבן זיך זיינע זונדלעך ווידער
איינגעשפאנט און ווי אמאל בעדינט יעדן פראכט וואגן,
בעזונדער ביי ר' זליגל קאז'מין פאר דער געוועלב-טיר
זענען זיי און אויך אנדערע טרעגער געשטאנען און
געווארט. נטע טרעגער, חיימל טרעגער, דוד גערלאך, און
חיימל גערלאך. זיי זענען מער געווען אזוי גערופענע
לייכטע קאוואלעריע. געכאפט אזעקל מעל און פלינק
אטראג אפ געווען לויטן אדרעס. ביי רחמה קאז'מין האט
יעדער פון זיי בעקומען אחוץ שכר טרחה אויך אגלעזל
ווארימע קאווע און אין מיטאג צייט אויך אלעפל עסן.

כבין זיכער, אויב איז עובד וואסערטרעגער געווען
אעושר זענען זיי אלע געווען מיליאנערן. אפאקט, אז
זיי אלע האבן נישט געזארגט וועגן ארבעט, איינגעשפאנט
זיירע קינדער און בעזארגט אלע געוועלבער מיט זעק
צוקער, זאלץ, מעל און אלע אנדערע פראדוקטן, סזאל
חלילה, קיינעם גארנישט פעלן...

אליעזר אלעי

ווען דער ליבער שבת-קודש קומט אָן

פֿאַראַן, גייט אַ מענטש אַ לאַנגן ווייטן וועג, פֿילט זיך מיד, פֿילט די כּוחות גייען אים אויס, ער בענקט נאָך אָפּרו, נאָך מנוחה. און אַז דערזעט ער מיטאַמאָל די ערשטע טורעם־שפּיצן פֿונעם ישוב שפּאַרן זיך אַרויס פֿון ווייטן — אַן אָנזאָג פֿון זיין היים. דאָס האַרץ ווערט אָנגעפֿילט מיט האָפֿענונג און פֿרייד, עס גיט אים די לעצטע קראַפֿט־שטויסן צו דערגיין דעם איבעריקן וועג —

אַזוי איז אויך געווען מיט רבקהן ווען עס האָט גענענט דער טאָג פֿון שבת.

די גאַנצע וואָך — איז פֿאַר איר געווען דער ווייטער וועג, דער באַרג אַרויף און אַראָפּ, די שטיינערנע פֿעלדזן, ווו זי האָט זיך געשלעפּט מיט מי, זיך צעביילט די פֿיס, צעקלאַפּט די קריזשעס, אַרויסגעשלאָגן פֿון זיך דאָס חיות, און דער אָנקומענדיקער שבת — דער סוף וועג, די טורעם־שפּיצן, וואָס זאָגן אָן די אויסגעבענקטע געבענטשטע רו, די אָנקומענדיקע מנוחה.

שבת איז פֿאַר רבקהן געווען דער איינציקער גוטער טאָג, וואָס האָט איר אָפּגעצאָלט פֿאַר אַלע קוועלענישן און נויטן, פֿאַר די לאַנגע, שווערע ווי בליי זיך ציענדיקע מעת־לעתן פֿון דער וואָך. אין דעם דאָזיקן הייליקן טאָג איז זי געוואָרן אויסגעלייזט פֿון אַלע גזרות און פֿורעניותן, פֿון אַלע צרות און יסורים, נישט באַדאַרפֿט זאָרגן, נישט באָרגן, נישט קלאַפּאָטשען זיך מיט קיין קונים, נישט ציטערן פֿאַר די גוים, נישט שרעקן

זיך פאַר יעדן מינדעסטן מונדיר... נישט ברעכן זיך אויף דעם וואָגן צו גאַנצע נעכט, כדי צוברענגען דאָס ביסל סחורה אין דער קראָם.

שוין מיט גאָר אַן אַנדערן קוראַזש, האָט זיך רבקה אויפגעכאַפּט אין פרייטיק פאַרטאָג. ווי נאָר דאָס ערשטע גרויע ליכט איז צוגעקומען צום פענצטער, האָט רבקה, ווי ס׳וואָלט איר עמיצער אַ שטויס געטאָן, זיך גלייך איבערגעוועקט. זי איז אויפגעשפּרונגען מיט אַזאַ וואַכקייט, ווי זי וואָלט שוין געווען אָפּגעשלאָפן אַ גרויסע לאַנגע נאַכט. הגם אינדעראמתן איז זי געשלאָפן קוים אַ קליינע פּאָר שעה, ווייל אין די דאָנערשטיקע נעכט לייגט זי זיך שפּעט. דאָס איז געווען אַן אַנדער מין אויפשטיין, גאָרנישט ווי אין אַלע איבעריקע טעג פון דערוואָך. מיט דער געפלינקייט פון אַ הירשן איז זי אַראָפּ פון בעט און אויך מיט אַזאַ גיכקייט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך די קליידער, אָפּגעוואַשן זיך הענט און פּנים און שוין גענומען זיך צום טאָן.

די שטוב איז נאָך פאַרוועבט מיט פאַרטאָג־שאָטנס, מיט געשמאַקן מענטשלעכן דרימל. זי שוועבט אין דער טונקלקייט, ווי אַ גרויסער לופט־טיקער וואָלקן.

דאָס ערשטע צו וואָס זי נעמט זיך, איז דאָס געבעקס; זי דעקט אָפּ דאָס קישן פון מולטערל, וווּ זי האָט נעכטן אויפדערנאַכט פאַריוירן דאָס חלה־טייג. זי טוט אַ קוועטש מיטן פינגער אין אויפגעגאַנגענעם ווייכן טייג־לייב, זעט ס׳איז פּוכקע, ס׳שפּרינגט אָפּ, קנייפּט זי אָפּ אַ שטיק, די גרויס פון אַן איי, מאַכט אַ ברכה, וואַרפט עס אַריין אין פּליטע און נעמט דאָס איבעריקע אויסקנעטן, אויספאַרטיקן. באַלד נעמען פליען פון אונטער אירע פינגער, גרויסע און קליינע חלות, בייכיקע קוילטשן, פלעכטלעך, צעפּלעך, קיכלעך, פּלעצלעך, קריינדלעך, חנדלעך; אַלץ מיט אַזאַ ספּריט און גע־שיקטקייט ווי אַ קונצנמאַכער, וואָס ברענגט אַרויס פאַרבאָרגענע פּאָקוסן...

אָפּגעפּלאָכטן, סדרט זי דאָס אַריין אין פאַנען, פענדלעך, אין בעקנ־דלעך. שמירט אונטער מיט אויסגעקלאָרטן אייל אויפן דנאָ, די חלה־פּנימער מיט אייער־געלבל, באַשיט מיט מאָן, מיט צוקער, מיט קרישקעס — פאַרטיק אין אויוון אַריין.

אָפּגעטאָן דאָס אַלץ און אויך צוגעגרייט די פיש און פלייש, מייערן־

צימעס, אַרומגעבעט מיטביינער, ראָזינקעס, צימרינג, מאַנדלען. אַלץ אָוועק־געשטעלט אויפן קיכל אין די רינגען, ווו מען וועט שפּעטער אונטערהייצן. אָפּגעטאָן די לכבוד־שבת־מלאכה, נעמט זי וועקן דעם איבעריקן עולם און אַליין לאָזט זי זיך אַרויס אין דער קראָם.

דער פרייטיקדיקער טאָג איז אמת דער שווערסטער און פאַרמו־טשנדיקסטער פון דער גאַנצער וואָך. ער שטעלט זיך באַלד אין דער פרי מיט גערידער און געפילדער. פריער פון אַלעמאָל קומען היינט די ווייבער און מיט אַזאַ געזשומעריי און טומל, ווי דאָס וואָלטן אָנגעפלויגן מחנות צערייצטע קאָמאַרעס פאַר אַ רעגן... זיי רעדן נישט, נאָר שרייען, פילדערן, געוואַלדעווען. וואָס איינע וויל עפּעס אַנדערש. איינע וויל צוקער, די צווייטע — זאַלץ, אַ דריטע — פעפער, צימרינג, אַ ליכטל, אַ פּעקל שווע־בעלעך, אַ שאַכטל שוואַקס, אַ קוואַרטירל נאַפט, אַ קנויטל, אַ גלעזל צו אַ לאָמפּ, אַ בייטל סאָדע — און אַלע מיט אַזאַ געאייל, מיט אַזאַ געפּלאַטער, ווי ביי יעדערן אין דער היים וואָלט זיך געריסן דאָס קינד, אָדער געלאָפן די יויך... אין אַ געוויינלעכן טאָג, אַז די ווייבער פילדערן צופיל, ווערט רבקה בייז און שרייט אויף זיי אָן. היינט איז זי צו זיי געדולדיק, שווייגט. זי פאַרשטייט זיי: באַלעבאָסטעס, איילן זיך, ווילן זיך אָפּפּאַרטיקן מיטן שבת מאַכן, וואָס איז ס'וווּנדער? טוט זי זיך נאָך מער אָנשטרענגען. קריכט ווי אַן אומדערמידלעכער זשוק, אָן אויפהער אַרויף אויפן לייטערל, אַראָפּ פון לייטערל, אַרויף אויפן קעסטל, אַראָפּ פון קעסטל. זי דערלאַנגט, זי מעסט, זי וועגט, אַרבעט מיט אַלע חושים, מיט אַלע אברים און די הענט באַוועגן זיך מיט אַזאַ פלינקייט און גיכקייט, ווי דאָס וואָלטן זיך באַוועגט פליגל פון אַ ווינטמיל, וואָס ווערן געטריבן פון גוטן ווינט... זי געדענקט נישט, זי איז אָנגעהאָרעוועט נאָך פון נעכטיקן מאַרק־טאָג, פון אויפזיין נעכטן ביז האַלבער נאַכט, און שוין אויך פון דער פאַרטאָגיקער שטוב־אַרבעט.

פון פיל רעדן, ענטפערן און איבערפרעגן, טריקנט ביי רבקהן אין קעל, די זייטן טוען ווי פון שטאַרקן אָנשטרענגען זיך און אונטער די ריפּן שטעכט אויך עפּעס אַביסל... אָבער גאָרנישט! זי איז ווי יענער גייער ביים אָנקומען פוו ווער — עס זעען זיך שוין פון ווייטן די טורעם־שפּיצן

פונעם ישוב, פון נאָענטן אָפּרו: פון שבת־קודש! און דערפון אַליין ווערט איר גרינגער און לייכטער.

און אָט רוקט זיך אָפּ דער טאָג צום אָפּגאַנג. די זון שפּאַצירט זיך אַרויס פון גאַס, אויפן וואָליער־וועג אַרויף — אַהיימצוגיין... רבקה שפּירט איר נאָך ווי מען שפּירט נאָך אין אַ תענית־טאָג, ווען דאָס האַרץ איז פאַרחלשט און מען וויל דער טאָג זאָל זיך שוין וואָס גיכער אָפּרוקן.

רבקה ווייסט, ס'וועט שוין לאַנג נישט דויערן. זי האָט אירע סמנים: אין דער צייט קומט אַרויס פאַר דער טיר אַנטקעגנאיבער, די בכבודיקע אסתר, ר' איציק סאָבעלס ווייב. זי איז אָנגעטאָן שוין אין דער שבתדיקער הויב, אין די שענסטע קליידער, לויכט מיט איר יינג־באָבישער שיינקייט. זי קוקט אַראָפּ טיף גאַס, זי קוקט אויס איר מוזינקעלע מרימלען, זי זאָל אַהיימקומען פון שניט־געוועלב זייערס אין מאַרק. און אַז זי זעט פון ווייטן ווי מרימל קומט אָן אויך שוין מיט איילעוודיקע טריט, האַלט אָנגעהאָנגען אויפן אָרעם די אָנגעבייכטע שאַטקע־טאָרבע מיטן שבת־אויבסט, לאָזט זי זיך צוריק אַריין אַ נחתדיקע, אַ צופרידענע; אין דער צייט קומען אויך אַרויס פון באָד־געסל די לעצטע פאַרשפּעטיקטע גאַרבער־יידן. זייערע קאַרקן פייערן מיט רויטקייט, זיי איילן שנעל אַהיים; און אין דער צייט קערט זיך אויך צוריק פון די ארכעוועד וויעטראַקן — מנחם.

דורך דער צעפראַלטער טיר, זעט טאַקע רבקה ווי פון וואָליער וועג קומט אָן ער, מנחם, דער ליכטיק־שיינער יינג. ער קומט פון דער מיל, אין די איינגעמעלטע קליידער. דער פריילעך בלאָנדער שויבער רייסט זיך ביי אים אַפויער פון אונטער דער „ליצעפּעדקע" און די אויגן טיף־בלאָע, שקאָצישע, אייביק שמייכלענדיקע לאַכן אַריין צו איר אין געוועלב. ער וויל, דער יינג, זי זאָל אים צוהעלפן צום שדוך מיט איר שוועסטער חנקהן, וואָס ער גייט אויס פאַר איר. אינדערהיים לאָזט מען נישט צו... ער זאָגט איר צו אַ גוט שדכנות־געלט. זי, רבקה, האָט נישט דאַקעגן. זי האָט אים אפילו גינציק, כאָטש ער איז אַ לייכטער אין ידישקייט... ער איז אַ גוט־האַרציקער יינג, די נשמה וועט ער אַוועקגעבן... זי וועט טאַקע היינטיקן שבת רעדן מיט דער מוטער, איר אויפוויזן, זי זאָל מסכים זיין צום שדוך.

ער וועט זיכער, דער ייִנג, נאָך דער חתונה פרומער ווערן און זאָל נעמען אַ סוף...

זי פאַרשטייט, אַז מיט זיין איצטיק אַריינלאָכן צו איר, וויל ער זי דערמאָנען. זי שיקט אים צוריק אַ באַהאַלטענעם, קוים אָנזעעוודיקן שמייכל, וואָס זאָגט: כ׳וועל דיר העלפן... כאָטש דו ביסט אַ פושע־ישראל... כ׳וועל דיר העלפן... זי קוקט מיט זייטיקן בליק אים נאָך, ביז ער פאַרשווינדט צום מאַרק.

און אָט איז שוין אויך דער מאַן אַהיימגעקומען, אַן אָפּגעוואַשענער, אַן אויסגעבריטער, מיט צערויטלטע באַקן און פאַרנעצטער באָרד. ער דרייט זיך איבער דער שטוב, מאַכט די לעצטע הכנות לכבוד שבת, שניידט אָן פּאַפּיר, שניצט אונטער די דיקע ליכט, פאַרזעצט זיי אין די שפּאָרערס פון די לייכטערס, ציט אָן דעם וואַנט־זייגער שאַרפט אָן דאָס מעסער און נאָך אַזעלכע אַרבעטן, וואָס זענען ספּעציעל ערב־שבתדיקע און האָבן ביי אים אַ באַזונדערן טעם, ווייל זיי ווערן געטאָן פון מצווה־וועגן...

און שוין טראָגט זיך אָן פון דרויסן אַ באַקאַנט ווייך זינגעוודיק קול. וואָס קלינגט ווי אַ דינ גלעקל: „ליכט־צינדן!... ליכט־צינדן!...״ דאָס רופט דער אַלטיטשקער בערעלע, דעם רבס שמש, אַ קליינינקער טיפּער זקן, וואָס קיינער ווייסט שוין נישט זיינע יאָרן, לעבט מיט אַ ברכה פון אַ גוטן ייד... ער יאָגט זיך נאָך מיט זיינע קליינע פלינקע פיס איבער דער גאַס ווי אַ ייִנגל... ווי נאָר מען דערהערט זיין קול, נעמען זיך פאַרקלאַפּן די ערשטע געוועלב־טירן.


רבקה איז שוין דעמלט מער נישט אין קראַם. זי איז נאָך פריער אַוועק, איבערגעלאָזט אַלץ אויף די אומדערפאַרענע הענט פון מאַן און קינדער. זי איז אין שטוב, וואַשט זיך דאָרט אויף דערגיך מיט אַ שיסל הייסע וואַסער, ווישט זיך אָרום מיט אַ פריש אַרויסגענומען האַנטעך פון שאַנק, וואַרפט אויף זיך אַרויף דאָס שבתדיקע קלייד, לאָזט אַראָפּ אין ר׳ מאיר־בעל־הנס־פּושקע די פּאָר צדקה־גראָשן און לאָזט זיך צו מיט אַ ווייכן טריט צום טיש ליכט־בענטשן.

לאַנג שטייט זי אַזוי פאַר די בענטש־ליכט, באַהאַלטן דאָס פּנים אין אירע גרויסע ביינערדיקע הענט, וויינט אויס פאַר דער שבת מלכה:

זי זאָל איר מוחל זיין איר פאַרזוימען זיך... דערציילט פאַר איר אויס, פון איר שווער פאַרהאָרעוועט לעבן, ווו זי האָט נישט קיין צייט דעם אָטעם אָפּצוציען... און ווי גליקלעך זי איז איצט, וואָס עס קומט אָן די מנוחה —

זי רעדט זיך אָפּ פון איר האַרץ און דערפילט אַ דערלייכטערונג, אַ פאַרגרינגערונג, ווי דעמלט, ווען מען רעדט זיך אויס פאַר אַ גוטער מאַמע...

ווען זי נעמט אַראָפּ די הענט פון איר פּנים, הענגט אַ פינקלדיקע טרער, ריין ווי אַ דימענט אויף אירע אויגן־ווייעס און איפּן געמיט איז איר אַזוי גוט־און לייכט, ווי אַ שטילער טוי וואָלט דאָרט געפאַלן...



זאב

אין קורצע שטריכן

לאסק האט זיך געברימט מיט גוטן לופט און געדיכטע סאסנא וועלדער. אין די אור-אלטע צייטן איז די הויפט פרנסה געווען פון האלץ האנדל און סמאלארנעס. שפעטער האט זיך ענטוויקלט די לעדער פאבריקאציע; די גארבער גאס האט געשמט מיט אגוטן געשמאק און פרנסה.

דאס שטעטל איז געווען ארוגערינגלט מיט קליינע שטעטלעך, ווי ווידאווא, זעלווו, סטערצווו, שאדיק און לוטאמירסק. צעווישן לאסק און די שטעטלעך זענען געווען וועלדער, פעלדער און דערפער. אין די דערפער האבן אויך געוווינט אביסל יידן. די "יענגעלקעס" האט מען זיי גערופן. אויף די יום-טובים פלעגן זיי קומען מיט זיירע גאנצע משפחות אין שטאט-אריין בעזונדער אויף די "ימים הנוראים".

ביימאג האט גאט-ברוך-הוא בעלויכטן דאס שטעטל. ביינאכט אבער, זענען נאר אויף עטליכע ערטער געווען לאמטערן, וועלכע האבן געברענט מיט נסים. שטענדיק זענען די לאמטערן געווען פארקאפטשעט און פעריסט פון די נאפט לעמפלעך. ביז דער הימל האט זיך מרחם געווען אויף אונדז און אראפגעשיקט צוויי לאמפטריצ'ן איינער איז געשטאנען אין מיטן מארק און דער צווייטער ביי אברהם בערקענוואלד, אין די וואלער גאס.

די מעשה מיט די לאמפטריץ' האט געמאכט אגעוואל-דיקן רושם אויף אלע, בעזונדער אויף די קליינע חדר יינגלעך.

דאס צווייטע ווונדער איז געווען און געשטאמפט גאר פון אמעריקא. איציק נאטעס האט געברענגט אגראמאפאן פון דארט. פלאי פלאים! דער גראמאפאן האט גערעדט ווי אמענטש, געזונגען חזנות, געמאכט הקפות, געזונגען שיינע לידער און דערציילט ווי אקימפעטארן גייט צום קינד. נסים ונפלאות. מענטשן זענען געשטאנען אין מארק און געשלינגען גאטס-ווונדער.

מען האט זיך נישט געהאט צו פערקלאגן, חלילה, אויף פריינדשאפט פון שכנים און אויף קעגנזייטיקע הילף צעווישן זיך. סהאבן טאקע אויך נישט געפעלט אביסל קריגערייען, רכילות און קנאה-שנאה. דאס זענען געווען דארכגייענדע זאכן. ערב יום כיפור האבן זיך אלע איבערגעבעטן און סגאנצע שטעטל איז ווידער געווארן איין משפחה.

טאקע נישט געהאט קא טעאטער, אויך אקינאמאטאגראף איז נאך אין שטעטל נישט געווען. אבער דריי הייליקע ערטער, אגרויסע שיינע שול, אגרויס בית מדרש, צוויי גערער שטיבלעך, איין אלעכסנדערער שטיבל און אגאנצע רייע בעלי-בתישע חברות האבן מיר יא געהאט. חברת חייטים, חברה קדישא, חברה תהילים, חברה לינת הצדק און חברה הכנסת כלה. יעדע חברה מיט איר פונקציע לויטן נאמען אירער. די חברה הכנסת כלה האט למשל איינגעפונען, אז חנה חיימל-כלעזמערס איז שוין ב"ה

אבוגרת און שוין באלד אאלטע מויד. האבן זיי זיך באמיט און געפונען פאר איר אחתן פון צעווישן די ארבעטער-געזעלן אין די גארבער-גאס און געמאכט אחתונה כדת משה וישראל.

ווער סהאט די חתונה נישט געזען, האט אודאי אנגעוווירן אשטיק עולם הזה! דאס גאנצע שטעטל איז געגאנגען אויף רעדער; אלס איז געווען: אדירה, מעבל און אאויסשטייערפאר חתן-כלה, כמנהג בישראל. די חתונה איז געווען ביי אונדז אין הויז.

די גאנצע קאפעלא,דער מחותן בכבודו ובעצמו מיט אלע זון האבן דאס מאל געשפילט, ווי נאך קיינמאל נישט. דער מארשעלעק האט בעזינגען חתן-כלה, ווי זיי וואלטן געווען גראפן, אדער ראטשילדס אייניקלעך.

און אחופה איז געווען? הלואי אלע יידישע קינדער! פון אונדזער הויז האט מען געפירט חתן כלה צו די חופה הינטער דער שול. פון פארנט איז געגאנגע משה קארענער מיט די גרויסער חתונה לאמטער. נאך אים, די גאנצע כלעזמרים קאפעלא מיט יעקל אבראז,קלאפענדיק אין אגרויסער פאלק.

דער חתן מיט זיינע אינטערפירער און די כלה מיט אירע אינטערפירערינס, צוויי אקעגן-טענצערינס,האבן דעם גאנצן וועג געטאנצט פאר די כלה.

אלע חדר-יינגלעך פון שטעטל האבן א אקטיוון אנטייל גענומען אין בעווארפן חתן-כלה נאכן ברעכן דאס כוס מיט אוגערקעס און קארטאפל. אמנהג אזעלכער

געווען ביי אונדז, און אסגולה צו פריה-ורביה.

שפעטער די גרויסע סעודה, בילקעס מיט פיש און געבראטענע גענזלעך. וואדקא, ביר און ווייך האבן זיך געגאסן ווי וואסער. און דרשה-געשאנקן זענען אריינגעפאלן אזוי פיל, אז מהאט געמוזט אטייל איבערטראגן צו טוביה שעראדזקי אין שטוב. די חתונה האט געהאט גרויסע אבקלאנגען, אזש דער "היינט" אין ווארשא האט זיך דערוועגן דערוווסט און אנגעשריבן אגאנץ בלאט. מענטשן האבן מיט פערגעניגן נאך-דערציילט וועגן די חתונה אין אלע שולן און שטיבלעך. אויס-געכאפט דעם "היינט" אין צענדליקער מאל איבערלעזן וועגן זעלבן עניין.

מעשה צדקה האט גארנישט צו טוען מיט פרנסה. יעדן דאנערשטאג איז ביי אונדז געווען איריד, אמארק טאג. טאנדייטער פון אלע פאכן האבן געשוויצט צוצוגרייטן סחורה, פערטיקע סחורה צום סעזאן. בעזונדער די מערקפארער האבן מיט אונגעדולד געווארט אויף אגוטן מארקטאג און אשיין וועטער. און ווער נישט? די דארפס-גייער זענען מיט די פוירן אהיימגעקומען מיט זייערע איינגעקויפטע סחורות אויף שבת. די פערדס-הענדלער און בהמות סוחרים האבן תפילה געטוען, אז דער טארג-טאג זאל זיין מיט מזל. פאר "אייאר מארק" איז דאך אוודאי און אוודאי געווען וואס צו טוען? סהאט כמעט ארויסגערופן אאויפרעגונג ווי אפאר-פסח אין שטעטל, להבדיל.

פאר פסח איז טאקע געווען אמחיה. דער שניי איז שוין געוועזן פערוואנדלט אין גרויסע וואסערן און

די פרילינג זון מיט ווארימע ווינטלעך האבן אלעמען פערשאפט אנחת-רוח. ווער האט זיך נישט געגרייט אויף פסח? אלץ איז געווען פערנומען מיט זארגן עס זאל זיין אכשרער פסח.

ביי ישראל יצחקלן האט מען געכשרט דעם אויוון און אנגעהויבן באקן מצות. אויך ביי די חאבעלאקעס האט זיך געטועץ אויף טישן און אויף בענק. די צדקה קלאפערס האבן ערענסט געזארגט סזאל זיין "מעות-חטים", אין די שטיבלעך האט מען געזארגט אויף "מצה שמורה", און "קמחא דפסחא". יעדע שטוב איז געקאלכט געווארן און צוגעגרייט אפעסל אויף צוויקל-בארשט. נגידים האבן בעצייטנס זיך צוגעגרייט גוט געפאשעטע גענז. אנגעשטעלט בוטלעס מיט ראזשנקא-וויין.

בעזונדער זענען די פאר-פסח טעג געווען באשאפן פאר אונדז חדר יינגלעך. מיט חשק האבן מיר געלערנט די פיר קשיות און אנגעדולד געווארט אויפן סדר. אויך בערעלע שמש האט אגרויסן אנטייל גענומען צום כשרן פסח. אטאג פאר ערב-פסח האט בערעלע ארום געטראגן וואקסענע ליכטלעך צו ביעור חמץ.

צו מארגנס אום 10 אזייגער איז ער געגאנגען צוזאמענעמען די קאכאלעפלס פון גאנצן שטעטל,רופענדיק מיט זיין מאנאטאניש קולכל: חמץ צו פארברענען!

אויף די "שבת גויים" האבן געמאכט אלעבן ערב פסח. זיי האבן "אפגעקויפט" דאס חמץ, לויט "אשטר-מכירה"פון די בעלי-בתים און געווארט אויף גוטע פערדינסטן. "דער יום טוב "שבועות" האט נישט

פערשאפט קיין בעזונדערע זארגן. מיט "שבועותלעך" אויף די פענסטער און גרינע שמעקענדיקע לאבאנדשזעס האט מען בעצירט די שטיבן. זיך אנגעזעטיקט מיט קעז-קוכן און פערטרינקן מיט מילך. תשעה-באב איז בכלל געוועזן אפריילעכער טאג פאר אונדז. מער דאגות האבן פערשאפט די ימים הנוראים. אז דהאסט געוואלט האסטו געקענט ציטערן ווי "אפיש אין וואסער". שטייט אויף צו די סליחות! האט בערעלע גערופן, מיטן זעלבן טואן וואס ער האט גערופן יעדן פרייטאג, לאכט צינדן!
מהאט געדאנקט גאט, אז ראש השנה און יום כפור מיט די ברכות און וווּנטשן, מיט כפרות און פאסטן, איז אדורך בשלום. סוכות באלד נאך יום-כפור איז די גאנצע סאמאטאכע געוועזן אין די הייף. געשלעפט ברעטער אין סכך און געבויט סוכות. פטור פון גיין אין חדר אריין, פון רעבנס קאנטשיק, און אויך פון "פעקלעך", וואס די סאדיסטעשע מלמדים האבן געפלעגט מאכן, פון צייט צו צייט, די "גוטע תלמידים". פרייע ווי די פייגל אויף גאטס הימל האבן מיר אתרוג געבענטשט. הושענה רבה געקלאפט "הושענות", און "שמחת תורה" איז גאר געוועזן אפריילעכקייט, וואס האט פערכאפט דאם אטעם. צוגעגרייט פענדלעך מיט רויטע עפעלעך און אקאלערט ברענענדיק ליכטל פערפאסט פון אויבן, ביסטו געוועזן אמענטש מיט מענטשן גלייך. געקושט די הקפות און מיטגעטאנצט מיט אלע פריילעכע יידן ביזן סוף. צומארגענס האט זיך דאס שטעטל געפרייט מיטן "פורים רב", געקוקט ווו ער שפאצירט אויף די דעכער. פון דוד-שמעונס דאך ביז צו די

פאשקאוויצעס. אהין און צוריק. ווער קען דען אפשאצן
די פרייליכקייט פון דעם טאג, וועלכער האט זיך גערופן
"שמחה תורה"! יידן האבן געטרינקן בראנפן, וויין
און מעד ביז שיכרות און געטאנצט מיט יעדן חתן תורה
און חתן בראשית.

שטארק אנגעשטרענקטע טעג זענען געווען די
"ימים הנוראים" אין ערשטן וועלט-קריג. פונקט אין
יענע טעג זענען די רוסישע זעלנער, צעווישן זיי די
בעזווסטע "קאזאקן" געווען געסט אין שטעטל.

בעסער נישט דערמאנען די דעמאלדיקע צרות. אבער
איינס מוז איך זאגן, אז יעדער דורכמארש פון צאר-
ניקאליים מענטשן, זענען געווען פערבונדן מיט טויט-
שרעק, מיט רויבערייען און שענדן יידישע מיידלעך.
דער קריג האט זיך נישט בעגעניגנט מיט פארארימען
און אויסהונגערן, שחטן זיך און שיסן איינער דעם
צווייטן. דער קריג האט אויבדז אויך בעזארגט מיט
מגפות פון פלעק-טיפוס, וועלכע האבן אין שטעטל
געמאכט אגרויסן חורבן.

מיר האבן ערשט אפגעאטעמט אביסל פון צרות און
שרעק אין דער צייט פון די דייטשע אקאפאציע.

גרויסע גליקן האבן מיר נישט געהאט ביי די דייטשן.
מען האט אבער זיך געקענט פרייער פילן און אויך זיך
ארגאנעזירן. מהאט ערלויבט דער ציוניסטישער באוועגונג
אין זייך טעטיקייט. מיר האבן זיך איינגעארדנט אטורן
פעראיין, אפילו געפרווט אויפשטעלן דורך וואווען

נאוואק, אלינקע פועלי-ציון פארטיי. דער עיקר גענום איז געווען, וואס עס איז דערגאנגען צום אויפשטעלן איידישע געמינא.

סאיז געווארן לעבענדיק אין שטעטל. די געמינא איז אויסגעוועלט געווארן מיט אנצחון פון ציוניסטישן און האנטווערקער בלאק. אבא ביאליק איז דורכן בלאק אויסגעוועלט געווארן אלס פרעזעס אין געמינא און סאיז איינגעשטעלט געווארן אמוסטערהאפטן ארדענונג אין שטעטל. די מקוה האט בעקומען איר תיקון. אויך די גרויסע שול האט בעקומען אאנדער פנים.

סהאבן אויפגעהערט די שיקאנעס פון "עירוב", און אלע האבן שוין געמעגט טראגן אום שבת...



אלאסקער

משוגעים און קאליקעס

פונקט ווי אלע אנדערע שטעט איז אויך לאסק געבענטשט געווען מיט אירע נאראנים, משוגעים און קאליקעס. קיין ספעציעלער אנשטאלט, וואס זאל פאר זיי זארגן איז נישט געווען אין שטעטל. און ווער סהאט געהאט דאס "גליק" צו האבן אמשוגענעם אין דער משפחה האט זיך געהאלטן מיט זייַן "פעקל", אדער דעם אונגליקליכן ארויסגעשיקט אין גאס ארייַן. קיינער האט זיך אויף "זיי" נישט אומגעקוקט אחוץ מיר, חדר-יינגלעך. מיר זענען דאס געווען זיירע "אפוטרופסים", משטיינס-געזאגט. סזענען געווען רואיקע משוגעים און ווילדע, סעזאן און יאר-משוגעים. געווען ארטיקע און אויך צוגערייזטע. די מיושבדיקע צעווישן די גייסטיק-קראנקע איז געווען אסתר-רחל, דעם בלינדן העניכס ווייב. איר משוגעת איז בעשטאנען פון ריידן און טראגן רכילות איבערן שטעטל און גאנצע שעהן רעדן פון פייער אין פון וואסער. יעדער האט זי גוט געקענט און זיך בעצויגן צו איר מיט געדולד און רחמים. זי האט צייטנווייז אויך געהאט רואיקע טעג און געמאכט אאיינדרוק פון אנארמאלן מענטש.

אסתר-רחל האט אויך געהאט א אייגענע "דירה" און צוויי זון. די "בארעבאנטשיקעס" האט מען זיי

גערופן. דעם קרויץ פון אלע משוגעים האט געטראגן דער "משוגענער אברהם'על, זיינע משוגענע איינפאלן זענען שטענדיק בעגלייט געווען מיט "חכמות", און אמאל גוט אריינגעזאגט "אשיינעם בעל-בית" און אפילו דעם רב. זער אפט האט ער איינגעפונען, אז שויבן זענען איבעריק ביי פערשידענע שטאט בעלי בתים. פלעגט ער זיי טאקע מיט אשטעקן אויסהאקן, און זאגן, אז שמואל גלעזער האט פשוט נישט אויף אשטיקל ברויט און ער איז דער איינציקער וואס זארגט וועגן זיין פרנסה. ער איז געווען אסעזאן משוגענער. זיך בערואיקט, גוט אויסגעזידלט אגרויסע צאל מענטשן, אויסגעהאקט אצענדליקער שויבן און ווידער געווארן אמענטש מיט אלע מענטשן גלייך. ביז צו אנייעם משוגעת אנפאל. ביים לעצטן אנפאל האט ער בעצאלט מיטן לעבן. אין קאלומנא האט זיך אים פערגליסט איינהאלטן דעם שנעל-צוג קאליש-ווארשא, און געווארן צושניטן אויף שטיקלעך.

כדענק, אז אין חדר ביי הערשל וואלער האבן מיר געהאט אטאג טעגליכן ספעקטאקל מיט שמואל יהודהן, אשר שוחטס זון. אצעדרייטער געווען, אגרויסר יינג צעווישן קליינע האט געמאכט העוויות, אז אלע האבן געפלאצט פאר געלעכטער. אשר שוחט מיט זיין פערלאזן לאסק האט ער בערייכערט פאביאניץ מיט נאך אצודרייטן עקסעמפלאר.

לייזער מאכל, ביי די ביקלעך, איז ענדלעך געווען מיט זיין צודרייטקייט צו שמואל יהודהן. אבער מער

פערטעמפט און ריידעוודיק. און גערעדט האט ער צען מאל אווארט. און אזוי אנגערעדט גאנצע שעהן אן אפיצל תוכן און אן אציל. ער איז אבער געווען הארכזאם ביי ארבעט. ביים טאטן זיינעם פלעגט ער פערעכענט ווערן צו אגוטן ארבעטער און אויך געהאט אגעפיל צו ארבעטס דיסציפלין. געהאנגען אויסצוטריקענע בלייזן, האט ער עס געטוען אזוי שנעל ווי ער האט גערעדט.

העשקא מיט די פישצ'אלקא, איז געווען ארואיקער, וואס איז משוגע געווען אויף אסאך עסן און טרינקן. שפעטער נאך-פייפן אויף זיין פישצ'אלקא און אלע אוירן טויב געמאכט. די ערשטע מענטשליכע געבראכן פלעגט ער מאכן פראנק און פריי, ווי יעדעס הינטל.

דער משוגענער יעקוב. קינדער האבן געזאגט, אז ער פערדרייט געווארן פון "אסאך לערנען".

יעקוב איז געווען דעם טויבן מרדכי'ס ברודער און אשטענדיקער גערער חסיד. זיין משוגעת איז בעשטאנען פון אגאנצן טאג מורמלען און ריידן צו זיך, ווי ער וואלט געלערנט מיט אצווייטן אפרק גמרא. גאנצע וואכן האט ער זיך פערנומען מיט איין פונקט, מיט איין משנה, אדער מיט איין שטיקל גמרא. נאך אדורכמערמלען אשטיק גמרא פלעגט ער אויפהייבן אהאנט און זיך פרעגן: "יעקלע, דו פערשטייסט שוין? חזר איבער נאך אמאל". און אזוי ווייטער.

אמענטש מוז דאך אמאל שטארבן! האט יעקוב קיינעם נישט דערציילט, אז אים איז שטארק קאלמוטנא אויף דער

וועלט. נאך עטליכע טעג זיך נישט בעווייזן אין גערער שטיבל איז יחיאל קוטנער אראפ אין קעלער אריין און געטראפן יעקובן אטויטן אין בעט. דאס שטעטל האט אים געמאכט אשיינע לוויה. מיר האבן אויך זוכה געווען פון משוגעים גאסטראלן. פון זדונסקא-וואלע האט געפלעגט קומען נאך לאסק אגייסטיק-קראנקע פרוי, חנצ׳ע-פראדל האט זי זיך גערופן, די וואלער כאבעלאקעס האבן געפלעגט בעצאלן דעם לאסקער מאנעלע פורמאן ער זאל זי אביסל נעמען קיין לאסק, זאלן די לאסקער קינדער אויך הנאה האבן פון זייער לעבן.

סאיז טאקע פרייליך געווען מיט חנצ׳ע פראדלן. געווען אפגעריסן און אפגעשליסן, פערוויקלט מיט שמאטעס. יעדן טאג נייע שמאטעס פון פערשידענע קאלערן. בדרך כלל האט זי קיינעם נישט געצ׳עפעט. אז מהאט זי דערצערנט, אז מיר האבן זיך גערייצט מיט איר און זי גערופן מיט "שיינע ווערטער", איז זי ארויס פון די כלים. געווארפן שטיינער, געשאלטן מיט קללות פון די תוכחה. אויפגעהויבן דאס קלייד און געלאפן איבער די שטאט. דער שטאט ז׳אנדאר האט זי יעדעס מאל צוריק געשיקט מיטן עטאפ קיין זדונסקא-וואלע. מיט אמאל איז דערהאלט געווארן אגוטע בשורה, אז חנצ׳ע-פראדל גרייט זיך צו מאכן אבריח...

אענדליכער טיפ איז געווען "בערעלע וועשער", ביז היינט ווייסט קיינער נישט פון וואנען דער "חסר-דעה" האט געשטאמט. ווען אבער ער איז ערשינען אין שטעטל האבן די קליינע חברה געמאכט אלעבן. עס

זענען אפאר טעג געווען פריילעך מיט בערעלע וועשער. זייך פערשווינדן האט שטענדיק געמאכט ארושם: פטור געווארן אשלאק.

אחוץ די אויבן דערמאנטע משוגעים איז דאס שטעטל ערשיטערט געווארן, איך משך פון יארן, אז אפיין מיידל, אדער גאר צוויי מיידלעך פון גוטע פאמיליעס זענען "אראפ פון זונען". איינע פון זיי איז געווען שטארק אגרעסיוו, און האט געווארפן אפחד אויף אלע מארק-ווינער. "אדיבוק", האט מען געזאגט איז איר אריין. גוטע-יידן און עטליכע דאקטוירים האבן, מיט גאטס-הילף, ארויסגעטריבן דעם דיבוק פון דעם מיידל. דאס שטעטל האט זיך ווידער בערואיקט אויף אגעוויסע צייט און דאס מיידל האט מיט מזל חתונה געהאט, כדת משה וישראל, געהאט פיינע און גוטע קינדער, אפשר גאר זוכה געווען צו אייניקלעך, וועלכע זענען געגאנגען קיין כעלמנא...

צווישן קאליקעס, הויקערס, בלינדע, שטומע און לאמע איז מרדכי קאז'אלס זון געווען דער "שטומער פרעזעס". איינג מיט ביינער, שטארק ווי אייזן, דערצו אגוטע בעציאונג צו חדר-יינגלעך. ער פלעגט ארבעטן ביי דוד שמעונס און פלוצלינג פערשווינדן פון שטעטל.

אויך ביי קריסטן זענען געווען עטליכע קאליקעס. איינער אפאלאזשירטער, געווען קרום און לאם און האט אבער געהאט שכל פיינט-צו-האבן יידן. מיר האבן אים

קיינמאל נישט פערטשעפעט. ער אבער, האט תמיד געפלעגט
אקעגנטראגן "אפזמון", זעענדיק איידיש יינגל:
"זשידזיע האמידז'יע, זא טאבאן ג... אידז'יע". נאך
אזא "פזמון" האט ער געדארפן רחמים...

אצווייטער פוילישער קאליקע, וועלכער האט זיך
געשלעפט אויף-אלע-פיר, האט יעדן זונטאג זיך געריטשט
אין קירך אריין און פון דארט צוריק אהיים.
ארויאיקער געוועזן. נישט איינמאל האבן מיר אים
געהאלפן אריבערגיין איבער בלאטעס און ריווער.
קיינער האט זיך אזוי שטארק נישט פערנומען מיט
משוגעים און קאליקעס, ווי מיר יינגלעך. די עלטערע
מענטשן האבן געהאט זיירע דאגות, סהאט זיי נישט
געקימערט, נאך אמשוגענער אדער ווייניקער איינעם.
פאר אונדז איז דאס געווען אטייל פון חדוות החיים,
ווו צופארברענגען "אפריילעכע שעה", זעענדיק ווי
גאטס באשעפעניש פייניקט זיך אויף דער וועלט.
קינדער,געבוירענע "סאדיסטן", זענען ממש געווען
גליקלעך ביי אזא געלעגנהייט, צו קענען זיך
ארומשלעפן, נאך-לויפן אין געזעלשאפט פון גאטס
געשטראפטע ברואים.

יחיאל נוימן

קצבים און פורמאנעס

פונקט ווי ביי די טרעגערס, איז דאס קצבישע פאך איבערגאנגען פון דור צו דור בירושה. די קצבים משפחות האבן שטארק אפגעהיטן, אז דאס פאך זאל,חלילה, נישט אויסגעכאפט ווערן פון זיירע הענט. יעדע פאמיליע האט געהאט א אייגענע יאטקע אין די יאטקע-גאס און אויך אין מארק.

בעוווסט זענען געווען די שמואלעוויץ'עס, טענענבוים, שטרינעס און די יורשים: שמואל און יעקל. אלע, כמעט, זענען געווען שיינע בעלי בתים פון שטעטל און האבן געשפילט ערנסטע ראלן אין געזעלשאפטליכן לאבן.

אחוץ זיי זענען אין שטעטל געוועזן נישט אפיציעלע קצבים, אזוי גערופענע שטוב קצבים, ווי ארון-דוד און אביגדור, וועלכע האבן ביי זיך אינדערהיים איינמאל אין וואך אפגעשחטן אקעלבל אדער אבהמהלע און דאס פלייש פערקויפט צעווישן זיירע שטענדיקע קונים. אלייך זענען די שטוב קצבים געגאנגען אין די דערפער און איינגעקויפט קעלבלעך ביי די פוירן, און דאס אהיים געטריבן, און אויך אמאל אהיים געשלעפט אויף די פלייצעס אינטערגעשטופט ביי עק.

פון דעם אלעם האט די פאליציי נישט געטארט ווו סן. נישט איינמאל זענען צוליב געשעפטס-ענינים פוירגעקומען גרויסע קריגערייען צעווישן די קצבים און זיך אויך פון צייט צו צייט אביסל צושלאגן...

אגרויסן אנטייל אין דער אמפערונג צעווישן די אפיציעלע קצבים אין די שטוב-קצבים, האבן גענומען די פוילישע שטאט "קיילער". זיי זענען געווען די שטענדיקע אפנעמער פון די טריפה׳נע טיילן פון די יידישע שחיטה, די "זאדיקעס", אדער אטריפה געווארענע בהמה.

די "קיילער" האבן אויסגענוצט דעם קריגערישן מצב פון די יידישע קצבים און אראפגעקוועטשט דעם פרייז פון די טריפה׳נע שחיטה.

סהאבן נישט געהאלפן די פערמיטלונגען פון שיינע יידן און אפילו פון שטאט רב צעווישן די צדדים, ביז זיי האבן זיך נישט גענוג ארומגעקריגט און אויסגע-זידלט. אגרויס געשלעג האט תמיד געהאלפן. די שלעגער און די געשלוגענע האבן זיך ערשט דענצמאל בערואיקט. זעלטן-וועך האט זיך אין די קריגערייען אריינגעמישט די ארטיקע פאליציי, ווייל אין אזא פאל האט עס ביידע צדדים צוטייער געקאסט... נאך אזא געשלעג, האט גאט געהאלפן, אז סאיז אלענגערע צייט געווען שטיל און רואיק אין דער יאטקע גאס. יעדער פון קצבים האט זיך ווידער גענומען צו זיין טעגליכער ארבעט.

אזוי לאנג ווי איך געדענק, פון מיין קינדהייט אן ביזן חורבן, האט זיך אין דעם וועלטל גארנישט געענדערט. פרנסה, איז געווען די תשובה פון יעדן צד. פרנסה!

פורמאנעס

דאס פאך האט זיך אין גרעסטן טייל געפונען אין יידישע הענט. עס איז אבער געווען אשווער שטיקל ברויט! דא האט מען געמוזט אויך מפרנס זיין אפאר פערד, אחוץ די משפחה. זארגן פאר הונדערטער איינריכטונגען און צו דעם אלעם האבן פרנסה. געווען אגרויסע מחנה דראשקא-רזשעס , וועלכע האבן זייער חיונה געצויגן פון די באן סטאציע, און אין זומערצייט פון לעטניקעס. זייער ארט איז געווען ארום מאיר מאנדלס פלומפ. צווישן זיי איז געווען אשטענדיקער געיעג נאך "אפארשויך" צו דער באן. נישט ווייניג קריגערייען און געשלעגן האבן געפלעקט ערשטערן דעם מארק-ווינקל, מיט קנאלן פון די בייטשן איבער די פורמאנישע קעפ, און זער אפט האט איינער געשמיסן דעם צווייטנס פערד. אלס צוליב פרנסה. זער ענדלעך צו די דארשקארזשעס זענען געווען די פורמאנעס פון די ריסארקעס. אטייל פון זיי האבן אויף זיירע ריסארקעס געפירט פארשוינען און געהאט "חזקה" צו פארן קיין זעלעוו, ווידאווא און סטערצעוו. אזא רייזע איז ענדלעך געווען צו חיבוט-הקבר. אחוץ הוצאות הדרך, פלעגסטו אויסשטייגן מיט צובראכענע ביינער.

אדריטער סארט פורמאנעס, זענען געווען אייגנ-
טימער פון פראכט-וועגן. זיי האבן געהאט זייער שטרעקא
לאסק-לאדז׳. דא האבן פונקציאנירט רואיקע געמיטער,
ערנסטע מענטשן: ווי יהודה לייב, איטשא ביק און נאך
עטליכע. די אַרטיקע סוחרים זענען געווען די ברויט-
געבער, און די פורמאנעס האָבן זיך כשר פערדינט זייר
פרנסה און אויך אגוטן נאמען.

אין די 30-סטע יארן האט זיך דאס גאנצע פורמאן-
וועלטל ערשיטערט און כמעט חרוב געוואָרן.

די אטאמאבילן און אטאבוסן האבן איינציקווייז
אוועקגערוקט די פערד מיט די פורמאנעס צוזאמען פון
אַלע פונקציעס. געבליבן זענען, אויף אזכר לטיב,
עטליכע "גומיאנקעס", וועלכע האָבן קורסירט צו דער
באַן. סהאָט זיך אַנגעהויבן אַנייע וועלט פון אטאמאבילן
און אַטאָבוסן.



זאב

לאסקער רעוואלוציינערן

די מעשה האב איך געהערט דערציילן פון מענטשן, וועלבע האבן מיט זיירע אייגענע אויגן געזען, וואס האט זיך געטוען אין שטעטל אין יאר 1905. די אפקלאנגען פון דער גרויסער רעוואלוציע, קריגערייען און געשלעגערייען האבן זיך נישט געענדיקט. יארן לאנג האבן זיך משפחות אין שטעטל, פערנומען מיט מאכן חשבונות וואס איז פוירגעקומען אין 1905. אין רוסלאנד האבן די ס"ס מיט זיירע פערבונדעטע בעשלאסן אראפצווארפן דעם טירן צאר ניקולאי אלעקסאנדעראוויטש "ירום הודו" פון בענקל. זיי האבן אבער דאס נישט געקענט אויספירן אָן דער הילף פון די לאסקער רעוואלוציאנערע כוחות. איך אזעלכע זענען ביי אונדז געווען גרייט ביז מסירות הנפש. נאר געווארט אויף אצייכן, אויף דער אמתר מינוט.

אביסל יונגע בחורים, געזעלן פון פערשידענע בעלי מלאכות, האבן זיך פעראייניקט און בעשטעטיקט דעם גזר-דין אויפן רוסישן "צאר". די "אחדות" יינגען האבן געזונגען רעוועלוציאנערע לידער "אוי די פאניע גנב, אוי די פאניע גנב" און אפגעהאלטן געהיימע פער-זאמלונגען אויף וועלכע סאיז איינשטימיק בעשלאסן געווארן קודם-כל דעם גזר-דין אויפן נאטשאלניק פאוויאטאווא "דער טוטער", אויף מרדכי יעקל-מרדכיס און מאיר'ל לאקאווער. מילא, האבן אלע

געפרעגט, דערשיסן "אגוי" אשונא-ישראל, און דערצו דעם צארס אקרוב, פערשטייט מען, דאס הייסט רעוואלוציע. אבער פארוואס זיך טשעפן צו שטעטישע יידן? וואס פארע שייכות האבן זיי מיטן צאר ניקאליי? נעמט און פרעגט זיך ביי "חיים פון קאמיטעט", ער האט עפיס יא אויסגעטייטשט דורך "אפילפול", אז די צוויי יידן זאלן האבן דערציילט די גאנצע מעשה דעם צאר ניקולאי בכבודו ובעצמו און אזוי אים אפגעעראטעוועט פון אזיכערן טויט. און טאקע דעריבער, פאר די מעשה זיי ביידע אויך דערשאסן. סאיז אויך פורגעקומען אין שטעטל "אאלגעמיינער שטרייק". און "שטוקיע ברויט" האט דרייסט שפאצירט איבער אלע שטאט געוועלבער און ווארשטאטן, געפאדערט; "היינט איז א אלגעמיינער ארגאנעזירטער טאג" פארמאכט די געוועלבער, פערלאזט די ארבעט!

דערציילט אומעטום, אז אין ווארשא האט חיים שולמאן, "דער גרויסער העלד", דערהארגט דעם גענעראל-גובערנאטאר "סקאלאן". ווער סהאט געוואלט האט פערמאכט זיין קלייטל, ווייל אויף אפדיון האט ער סיי-ווי נישט געהאט קא אויסזיכט. די רעוואלוציע האט זיך, דאנקן גאט, געענדיקט און דער צאר איז ווייטער געבליבן צאר ביז 1917. ערשט לענין מיט טראצקן האבן אים קליין געקרוגן. אבער דאס שטעטל אונדזערס האט געהאט אזער גרויסן אנטייל אין דעם אלעם. בעזונדער דער גרויסער רעוואלוציאנער גאדל ר... מען דערציילט וועגן זיין גבורה נסים ונפלאות.

אין טאג פון "אלגעמיינעם שטרייק" קעגן דעם רוסישן "אימפעראטאר", האט ער געטראפן זיין מוטער וואשן אגרויסע וועש. וואס הייסט, הײנט אין אזא "יום הקדוש" וואשט מען וועש? מיטן גאנצן רעוואלוציענערן כוח האט ער אויסגעדרייט די באליע וועש אויף די פאדלאגא.

מקען זיך פוירשטעלן, וואס פארע "מהפכה" אזא באליע וועש האט אנגעמאכט אויף די ליימענע פאדלאגא פון דעם ארימען שטיבל. כגלויב, אז דער צאר, ווען ער האט זיך דערפון דערוווסט האט אויף פונדעם געהאט גרויס עגמת-נפש.


און פעטערבורג און אין מאסקווא איז שוין פון לאנג געווען רואיק אין דער גרעסטער טייל פון די רעוואלוציאנערן האבן געפונען זייער רו ארט אין סיביר און דער צאר ניקאללי אין זיינע פאלאצן. אבער אין לאסק האט זיך דער געראנגל ארום דער רעוואלוציע ווייטער געצויגן, און משך פון אסאך יארן. כמעט יעדן שבת האבן די צוויי "וואכמירשטצעס": קאש און גאשינסקי געהאט צו טוען, אום איינצושטילן די נאכווייען פון די גרויסע רעוואלוציע קעגען צאר. בעיקר איז געווען זייער ארבעט אויסצומיידן די שטענדיקע געשלעגערייען און קריגערייען צווישן די באבעלקיס און פענדריקעס.

כמוז מודה זיין, או מיר איז נאך ביזן היינטיקן טאג נישט קלאר געווארן דער סוד פון דעם לאנג יעריקן שטאטישן סקאנדאל. אויך אביסל גוטס איז פערבליבן פון

יענער צייט: דער ארבייטערשאפט האט זיך אטראפעלע פערלייכטערט זייך מצב און אויסגעקעמפט אקורצערן ארבעטס-טאג. היינט וואלט מען עס גערופן פראפעסיאנאלע ערגרייכונגען. דעמאלט האט דאס ביי אונדז גאר קיין נאמען נישט געהאט. א ארבייטער האט געארבעט ביי יעדן מייסטער פון 12 - 13 שעה אין טאג. אנגעהויבן ארבעטן זונטאג פרי און געענדיקט פרייטאג פאר-נאכט. קורצע איבערייסונגען זענען געמאכט געווארן אויף "ארייננצוכאפן" דאס עסן, דאווענען מנחה און מעריב און א הפסקה ביי נאכט אויף אפאר שעה שלאפן. סאיז נישט געווען קיין קערפערשאפט, וואס זאל זיך מעגן מישן אין די פערשידענע חלוקי-דעות צווישן ארבעטער און ארבעטסגעבער. און אזעלכע סיכסוכים פלעגט שטענדיק דעצידירן דער מייסטער אליין, אדער דעם מייסטערס ווייב. אך און וויי איז געווען דער גורל פון אלערן-יינגל. ביי יעדן בעל-מלאכה איז דאס "לערנינגל" געווען אין די ערשטע צייט אקליין משרת'ל; געוויגט דעם מייסטערס קינדער, געגאנגען שליחות, געהאלפן אין שטוב די מייסטערין, און איר ווירטשאפט. אחוץ דער פערשקלאפונג, האבן די עלטערע געזעלן כמעט ביי אלע בעלי מלאכה געפלעגט "חוזק מאכן" פון די ניי-געקומענע לערנינגלעך. גאר טרויריק איז געווען דער גורל פון אצוגערייזט לערנינגעל. ביז ער האט זוכה געווען צו לערנען דאס "פאך", האט יעדעס "לערנינגל" געמוזט אדורכגיין עטליכע מדורות פון גרויסע צרות מצד די "ווילע יינגן", ביז ער האט זיך איינגעקויפט אין די חברה. און תוך

געגומען, איז אין יענער צייט נישט געווען קיין גרויסער אונטערשייד צווישן בעלי-מלאכה און זייערע געזעלן. דערזעלבער לעבענס-ניוואָ, קולטור באַדערפעענישן, וווינונגס-באַדינגונגען און אַזוי ווייטער.

ערשט בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין ערשטן וועלט קריג הויבט זיך אָן, אין אַשנעלע טעמפּאָ דער אויפשטייג פון פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אין לאָסק.



יחיאל נוימאן

א יידישער בירגערמייסטער אויף א טאג

זאלמאן ר' הערשלעס, מאיר רוזנבלום'ס ברודער, איז דורך א צופאל געווען איין טאג בירגערמייסטער פון לאסק. בעתן אויסוועלן דורכן שטאטראט דעם בירגער- מייסטער האט זיך געשאפן חילוקי דעות אין די קריסטליכע ספערן ארום דעם יידן פריינטליכן פערזענדליכקייט פון ברזעזינסקי. היות ווי די יידן האבן געהאט א מערהייט אין שטאטראט און צו זיי איז אויך צוגעשטאנען דער פוילישער ראטמאן בראזינסקי פון פפ"ס, איז זאלמען רויזנבלום אויסגעוועלט געווארן אלס בירגערמייסטער. צו מארגענס האבן זיך די פוילישע ראטמענער ארומגעזען ווי גרויס דער דורכפאל איז צוליב זייער געגנשטאנד צו ברזעזינסקיס קאנדאטור אלס בירגערמייסטער און זייער שטעלונג האט געבראכט צום אויסוואל פון א ייד אויף דעם הויכן פאסטן, האבן זיי צו מארגנס ווידער גערופן א זיצונג פון שטאטראט און געפאדערט נייע וואלן. דאס מאל האבן זיי שוין בעל-כרחם מסכים געווען צו ברזעזינסקיס קאנדאטור און ער איז אויסגעוועלט געווארן אלס שטאט פרעזידענט, און זאלמאן רויזנבלום אלס וויצא-בירגערמייסטער. פון דעם פאל האבן די קריסטן אין לאסק געלערנט א פרק אין שטאט פאליטיק און ברזעזינסקי איז ביי יעדע שטאטראט וואלן ווידער געווארן אויסגעוועלט אלס שטאט בירגערמייסטער ביזן פאלן פון לאסק אין די הענט פון די נאצים.

מרדכי אלעי

רְחוֹב...

מַכֹּלֶת, מִסְפָּרָה, בֵּית מְלָאכָה —
אֲנִי מִסְתַּכֵּל בְּכֻלָּם,
בְּכֻלָּם מֵאַדְמַת קָדְשִׁי בְּרָכָה
לְבָנִים שָׁבוּ לִגְבוּלָם.

מִסְעָדָה, חַיָּט, בֵּית סְפָרִים,
כְּלֵי רֶכֶב, חֲמוֹר וָסוּס —
אֲלֵיהֶם כֻּלָּם עֵינַי אָרִים,
וְלִבִּי בִּי יָשׂוּשׂ.

לִבִּי, הֲתִזְכּוֹר חֶרֶב הַצָּרִים
בְּלַיְלָה נַסְתָּ נוּס?
עַכְשָׁו אַתָּה בֵּין אַחִים יְשָׁרִים,
וְכָל אֶחָד עָלֶיךָ יָחוּס.

אַל תִּשְׁמַע לְדִבַּת פְּתָאִים,
אַל תֵּפֶן אֶל דְּבָרָם —
הִנֵּה עוֹד יָמִים בָּאִים
וְקֶרֶן עַמִּי תָּרֻם.

וּכְאוֹר שִׁבְעַת הַיָּמִים,
בְּאוֹר שִׁבְעָתַיִם,
יִזְרַח צַדִּיק, יִפְרַח תְּמִים
מִבִּרְכַּת שָׁמַיִם. — — —

דמויות ואישים

לאסק וחכמיה

הסופר פנחס זליג גליקסמן מעיר לודז', שכתב ספר "תפארת אדם" לזכרון אבותיו שהיו ברובם בני לאסק, רבנים ולומדים, הקדיש ספר מיוחד על לאסק וחכמיה.

הוא מעיד על עצמו שחקירותיו בנושא זה הן מבוססות על רשימות, שנשארו לפליטה בפנקסי הקהילה מתוך עשרות שריפות, תבערות ודליקות שהיו בלאסק מאז קיומה כקהילה יהודית.

לאסק אינה קהילה עתיקה כמו קאליש, לובלין ופוזן, אבל גדולה בשנים משאר הקהילות בשכנותה, כגון פיוטרקוב, זדונסקה-וואלא ופביאניץ.

תאריך מדויק על הוסדה של לאסק אינו ידוע. סבורים שהיהודים התישבו בה בעודנה נחלת בעל האחוזה לאסקי במאה השש עשרה. במשך מאות שנים פיתחו היהודים את לאסק ועשוה למרכז של מסחר ומלאכה ונקראה אז בפי אנשי המסחר בשם "דאנציק הקטנה" או "ברסלה הקטנה". על כסא הרבנות של הקהילה ישבו צדיקים גדולים בתורה ומחברי ספרים חשובים בהלכה ואגדה. הרבה תלמידי חכמים גידלה לאסק אשר בעוזבם אותה חיפשו כסאות רבנות בקהילות ישראל בפולין ובארצות אחרות. לאסק נחשבת מזה מאות שנים למקום תורה גדול. רוב אנשי הקהילה היו קובעים לעצמם עתים לתורה. גם בעלי-המלאכה שבה היו מוקירי התורה ולומדיה. פירנסו את

בחורי הישיבה שבעירם ולקחו להם חתנים למדנים על "קעסט" וכילכלום שנים רבות.

לאסק נחשבה ל"עיר פרטית" השייכת לפריץ לאסקי, לפיכך היה מצבם של היהודים בה "נוח יותר" מאשר "בערים של המלכות".

גם בעלי האחוזה מצאצאיו של לאסקי לא היו רשעים מהסוג שונאי ישראל ודאגו לשלום הישוב והתושבים, לכן הרבו היהודים להתיישב בה, והיו במשך מאות השנים לרוב מניינה של העיר. ברשיון הרוזן הקימו היהודים לעצמם בית מדרש ועל ידו רכשה הקהילה מגרש גדול לבית הקברות. בית העלמין הזה נועד אז להיות מקום קבורתם של הנפטרים מכל העיירות שבסביבת לאסק, כמעט במשך מאה שנים. ובשנת 1880 בערך, רכשה קהילת לאסק מגרש חדש לבית עלמין שני בקרבת העיר ולפני 70 שנה בערך, נוסד בלאסק בית עלמין שלישי במרחק של קילומטר מן העיר בדרך לופטיק. על המצבות בבתי הקברות נרשמו קורותיה של הקהילה. עד פרוץ המלחמה העולמית השניה אפשר היה לקרוא מעל המצבות על גדולתה ותפארתה של העיר.

הנאצים מחקו כליל את הקורות של הקהילה, בעוקרם את כל המצבות בכל שלושת בתי העלמין. הפולנים עושים כעת את השאר, כדי למחוק את זכר היהודים מעיר לאסק. קורות הקהילה שנכתבו במשך מאות שנים בפנקסי הקהילה, נעלמו ונשרפו כאמור לעיל "בשריפות" ובכל מה שנשאר כתוב בפנקסי הקהילה הנוצרית של לאסק, יש זכר זעיר

על חיי היהודים בה. לצערנו, יש להסתפק לע"ע ברשי-
מות של הסופר גליקסמן מלודז׳, שרשם בשנת 1926,
רשימות של רבנים שישבו על כסאות הרבנות בק"ק
לאסק. הראשון ברשימה הוא ר׳ מאיר בן אליקום גץ.
אחריו ישב על כסא הרבנות בנו ר׳ אליקום גץ ואחריו
ר׳ אברהם גץ. כשנפטר הרב ר׳ אברהם גץ נתמנה ר׳
נתן לממלא מקום הרב.

רבי ישעיהלע מפשדבורז׳

בספר יזכור פיוטרקוב מזכיר מר מ. ש. גשורי
את ר׳ ישעיהלע מפשדבורז׳, שהיה נכדו של רבי מאיר
גץ. ישעיהלע היה בנו של ר׳ מאיר גץ שמושבו היה
בלאסק, והוא השאיר אחריו בן יחיד קטן ישעיהו, שברבות
הימים נעשה לגאון גדול ולמיסד בית צדיקים בפשדבורז׳
שהתקיים במשך דורות אחדים.

ר׳ ישעיהלע - כך נקרא בפי הבריות - גדל
בלאסק ועוד בילדותו הצטיין בחריפות שכלו, בצדקתו
ובשקידתו בלימודיו. מר גשורי מוסיף: העיירה לאסק,
הרחוקה מפיוטרקוב כשבע פרסאות, נחשבה למקום תורה
בפולין. על כסא רבנותה ישבו גדולי תורה נודעים
ונמצאו בה תלמידי חכמים מצוינים רבים, שחיברו ספרים
בהלכה ובאגדה. רבים מתלמידי הישיבה בלאסק נעשו
למורי הוראה ומרביצי תורה בישראל. בעיר זו גדל מייסד
בית הצדיקים ושושלת בית ולטפרייד (אהבת עולם)
מפשדבורז׳.

מכאן באה רשימה ארוכה כמו באזכרת נשמות, רבנים ואנשי המעשה: <u>הרב ר' פנחס זליג, הרב ר' אברהם הכהן</u>, <u>הרב ר' צבי בן ר' פנחס, הרב ר' מאיר צילך</u>. בימיו נראו ברוב קהילות נציגי החסידות מלובלין ומפשיסחה. בימיו נתן, הגרף טעאפיל וויצעק זאלוסקי, בשנת 1790 חוקה, אשר לפיה ינהלו היהודים את קהילתם. לפי החוקה הזאת: 1) מותר ליהודים תושבי לאסק לקיים את מצוות דתם, להחזיק בית עלמין ושאר מוסדות שהם זקוקים להם. 2) חובתה של הקהילה להחזיק רב שהוא ראש שבתפקידי הקהילה, אולם הוא יוכל להתמנות רק ע"י "החצר".
"החצר" רשאית גם לפטרו ולמנות אחר במקומו, לפי הצעת ראשי הקהילה. וכאן באים סעיפים שונים על ארגון המוס-דות השונים כגון בית דין, ראשי העיר וסגנים, "דאזארים", שוחטים, חזנים, שמשים, מלמדים ונאמנים. פיסקה מיוחדת אוסרת על ראשי העיר, לתת לעניי ערים אחרות לבוא אל העיר לקבץ נדבות. בהמשך החוקה קובע הגרף את גודל המסים אשר הקהילה חייבת לשלם ולספק לחצר מדי שנה בשנה: כגון, ארנונה 6000 זהובים. בעד החזקת בתי מרזח 400 זהובים, מן שחיטת בהמות 400 ז', בעד נקיון-ארובות-העשן 200 ז', מס האופים 200 ז'. סוחרי ארג, סוחרי ברזל, סוחרי מלח שילמו מס משקלות ומס המסחר. מלבד כל אלה חוייבה הקהילה להעלות "דורונ" ל"חצר" שלוש פעמים בשנה, לחג הפסחא, לחג הירוק ולחג הלידה: רבע השור מן המובחר, 25 ליטראות חֵילב מהותק, ראש שלם של סוכר קשה, 3 ליטראות קפה, 3 ל' שקדים, 3 ל' אורז, 3 ל' צימוקים גדולים ושלוש ל' צימוקים קטנים.

הרשימה מכילה גם כל מיני בשמים ותבלינים. לבסוף מחייבת "החצר" את היהודים לקנות אצלה תבואות וירקות, כפי שתשים "החצר" עליהם.

ארבעים שנה ישב הרב ר' מאיר צילך על כסא הרבנות בלאסק והזמן הזה נחשב לתקופת הזוהר בעיר. בשנת תקפ"ו - 1826 ביום ג' - י"א באדר שני נפטר הרב ר' מאיר והובא לקבורה בבית-העלמין הישן.

באותם הימים נמצא בעיר לאסק חתנו של הנגיד ר' צבי הירש, אשר כונה בפי כולם הרב ר' ברוך גליקסמן, ונקרא בפי כול ר' בנדיט חריף. אשתו רבקה, אשת חיל היתה חכמה וצדקת, אחרי מות אביה קבלה בירושה את רכוש אביה והיא שניהלה כל העסקים בהצלחה. ומשפחת גליקסמן זכתה לעושר, ובעושרה עשתה צדקה עם עניי העיר בימי מצוקה ורעב, כשפקדה הבצורת את פלך פיוטרקוב. על מצבתו בבית העלמין הישן היה כתוב: "ברוך צדיק תמים פאר העיר".

אחרי מות הרב ר' מאיר צילך מונה לרב ואב בית-דין הגאון החריף הרב ר' זאב וואלף הכהן. בפי תלמידי חכמים נקרא ר' וועלוול חריף. ידוע היה כ"מתנגד", אבל נמנע מלבוא בויכוח עם חסידי קוצק אשר בעיר, כי עניו היה האיש. עשר שנים ניהל את הקהילה בתבונה והעמיד תלמידים הרבה ובשנת תקצ"ה - 1836 נאסף אל עמיו.

התבערות הגדולות שפקדו את לאסק מדי פעם בפעם הרסו בין לילה את רכושם של התושבים. בימים ההם לא

נמצא תושב בעיר שלא היה,"נשרף פעמים אחדות בימי חייו. כל בתיה היו בנויים עץ וגגותיהם מכוסים קש ורעפי עץ ודבוקים אחד לשני. מכבי-אש מאורגנים טרם היו לה. אם יצאה אש מאחד הבתים,עמדו תושבי העיר הסרי אונים. כל אחד הציל אשר הציל,והצדיק את הדין.כך היה גורלו של ר' אברהם אבוש לבית קצנלבוגן, איש עשיר היה, תלמיד חכם,צדיק ומקובל. אולם בעת צרה זו לא נפל ברוחו, חיבר ספרים על מגילת קוהלת והצליח לבסוף להתקבל כמורה צדק ומגיד בעיר סוכטשוב. בנו ר' יהושע שמואל הוציא את ספרו בעזרת נדיבי לב בעיר וורשא.

באותה תקופה חי בלאסק ר' אברהם אליעזר דמשק מתלמידיו של הרב ר' מאיר צילך. מופלג בתורה וחיבר ספר בשם "אבני קודש", הכולל חידושים בתלמוד ובפוסקים. מכיוון שלא מצא פרנסה בלאסק עבר לגור לעיר קראקא,שם נפטר בשיבה טובה.

הרב ר' אהרון פיוטרקובסקי גם הוא מתלמידיו של הגאון ר' מאיר צילך. בפי הבריות נקרא בשם ר' אהרון חריף. כל ימיו הרביץ תורה לבחורי העיר וגם בחורים מערים אחרות למדו תורה מפיו. ר' אהרון היה חסיד מחסידיו של הצדיק ר' פישל'ה מסטריקוב. אף-על-פי שהיה עסוק כל ימיו בלימודי קודש מצא זמן לעסוק גם בחוכמת החשבון. בכל יומא דפגרא היה רגיל לבוא לבית ר' ברוך בנדיט גליקסמן ללמוד יחד את טבלת הלוגריטמים. כל בני משפחות פיוטרקובסקי בלאסק מתייחסים כבנים ובני

בנים למשפחת ר' אהרון. דיין בבית דינו של ר' מאיר צילך ידוע היה הרב ר' חננאל בן ר' שמעון. רוב ימיו עשה בתפקיד דיין בקהילת לאסק והרביץ תורה ברבים.

גם הרב ר' אהרון בן אברהם היה דיין ומורה הוראה בקהילת לאסק ונקרא ר' ארון נאמן. צדיק גדול ותלמיד חכם, איש צנוע וחשוב מאד בעיני חכמי קהילתו.

מקרה עצוב

בשנות 1840 בערך, נעשה בלאסק דבר היוצא מגדר הרגיל. חלק מתושבי לאסק היהודים התפרנס ממסחר הסחורות שהובאו מעבר לגבול, מגרמניה. והיו ביניהם "גונבי גבולות", ע"י שוחד שנתנו לחיילי המשמר, הצליחו להביא סחורות מגרמניה ללאסק בלי תשלום המכס.
לא הועילו השרים לעניני הכלכלה בממשלת פולין לעצור בעד תנועת המסחר הזה וגם השוטרים שערכו חיפושים מידי פעם לא עצרו את פעולתם של "גונבי הגבולות".

לצערנו, קמו מבין אנשי לאסק מלשינים אשר מסרו את "גונבי הגבולות" לידי השוטרים. היה הכרח לשחד גם את המלשינים העומדים לשטן על דרכם. תגרי לאסק שילמו שכר קבוע למלשינים האלה מדי שבוע בשבוע: דמי "בל יחרץ לשונו". המלשין הראשי, אמנם, היה יהודי חרד ובעל אשה וילדים, אבל מצא את ההלשנה כמקור לפרנסה.
הסוחרים נלאו לשאת את "העלוקה" הזאת והחליטו להכותו נפש. כך עשו. באחד הלילות "נשחט" המלשין

כאטש זיין פעדאגאגישע שיטה פון לערנען עברית איז אויך שוין אין יענער צייט געווען פערעלטערט, האט ער אבער געהאט אגרויסן ערפאלג, ביי אונדז, בית מדרש בחורים, מיט זיין פריילעכקייט ביים לערנען זיינע תלמידים און זיך געפרייט פון זיינע טאג טעגליכע הצלחות. פאר יעדן שעור האט ער געהאט אספעציעלע דערציילונג, וועגן לעבן אין ארץ ישראל און אויך פול הלצות, וועגן לידלעך מיט געזאנג, (געווען אשלעכטער

זינגער), וועגן יצחק קאַצענעלסאָנס שירים און זיינע שריפטן. נאָך אַזאַ האַרציקע הקדמה האָט ער מיט זיינע תלמידים נישט געדאַרפן שווער אַרבעטן.

מיר, האָבן פשוט געטרינקען מיט דאָרשט יעדן פסוק פון תנ"ך, בעזונדער פון "נביאים אחרונים" מיט זיינע משכילישע בעמערקונגען. דער גרעסטער נצחון פון זיין לערנען איז געווען, וואָס אין אַגאַר קורצער צייט האָבן מיר זיך מיט אים פריי אַדורכגעשמועסט אין עברית, און אַפילו דיסקוטירט מיט אים אין העבּראַיש. אָן זיין ווייסן האָבן מיר זיך פּערשאַפּט "העפטן" צוגזעלבּסט-לערנען העבּראַיש און פון דאָרט געבּרענקט אַרייע אויסגעחזרטע גאַנצע זאַצן פאַר אים אין אונדזערע דעבּאַטן. ער האָט עס אָבער באַלד דערשמעקט און זיך פריילין און גוטמוטיק אויסגעדריקט: "אתם גנבים של זהב, אין כמוכם" !

מקום השיעורים היה בביתם של מינדזע ואפרים נאוסקוביץ בעלית הגג בבית ר' שלמה נוסקוביץ. לאחר כל שעור הכינה מינדזע ארוחת ערב לכולנו. ארוחה זאת גם היא נחשבה לנו כשעור. כשלוש שנים למדנו אצל ר' קאפל, אולם ההספק שלנו בתנ"ך, בידיעות השפה והדקדוק היה, כאילו למדנו עשר שנים ומעלה. באחרונה חדלנו להשתמש בכריסטומתיה, כי-אם בספרי שירה של ביאליק, טשרניחובסקי, יעקב כהן ושניאור. אהבה רבה היתה לו לדקדוק וממנו הרביץ לנו במידה גדושה בשיטה קלה ופשוטה עד שהכללים היו מובנים לנו ושיננו אותם בע"פ. מעניין לציין, שהסידור של הכללים היה כזה והתרגילים

שעל-ידם היוו דרגת מעבר לכללים הבאים. שיטה זאת מצאתי לאחר שנים רבות אצל הבלשן יעקב שאפירא. לזכותו של ר' קאפל יש לומר שפתח לפנינו את שערי הספר העברי, חייב אותנו לקרוא רק עברית, והספריה המקומית רכשה, לפי המלצתו, עשרות ספרים חדשים למעננו. ר' קאפל ידע לדרוש מאת תלמידיו אהבה לא לעצמו רק לרעיונותיו.

משום כך דשנו "באלט ניי לאנד" של הרצל בתרגומו של נ. סוקולוב חדשים אחדים וניתחנו את הטיפוסים כאילו היו בתוכנו אז. לעיתים היה הויכוח סוער בינינו ור' קאפל שולט בנו ביד רכה, בטוחה ותקיפה. תשובותיו בויכוח היו תמיד בהשכל ודעת ורוח טובה, והעביר את סירת הוויכוחים בשלום על פני נחשולים שונים ובין סלעים ופגעים בלתי צפויים.

עודנה עומדת לפני אותה דמות נלבבת עם החיוך הרך-החמים על שפתותיה ואותו הברק המיוחד בעיניו קצרי ראות. כעבור שנים נפגשנו, ואני מורה צעיר בלוטובוב, סיפרתי לו על העבודה שלי ועל הקשיים בהם אני נפגש, והוא הקשיב וחייך באותו חיוך נלבב ובמבטי העינים גם יחד, כמו אז.

ר' קאפל זשיטניצקי עודנו חי בלבי מראשית פגישתי איתו ולא ימוש מלבי כל הימים.




זאב

ר' שלמה און אפרים נאסקאוויטש

איידער איך וועל דערציילן וועגן מיין טייערן פריינד און לערער אפרים, מוז איך איך געציילטע ווערטער איבערגעבן, וועגן זיין היים און פאטער ר' שלמה. מען האט אים גערופן ר' שלמה מוהל ווייל מער ווי 50 יאר האט ער בדחילו-ורחימו געטועט דאס שליחות פון אונדזערע אבות און יעדעס געבוירענע יינגל איך לאסק און אומגעגנט זענען דורך אים געב-רענקט געווארן לבריתו של אברהם אבינו.

אייד מיט אשטענדיקן גוטן הומאר, און אווארם יידיש הארץ. אבעל-תפילה מיט אלויטער קלורן טענאר, וועלכער האט גוט געקענט דעם נוסח פון אלע תפילות, אנהויבענדיק פון אראש - חודשדיקן הלל און מוסף,ביז די שיינע ימים-נוראים-דיקע תפילות, זיין קול האט שטענדיק געקלינגען איך בית-המדרש ווו אזילבערן גלעקל. זיין דאווענען האט שטענדיק פארשאפט גרויס פארגעניגן אלע צוהערער. אייד אלמדן און איראַ-שמים, וואס האט נישט געבלאזן פון זיך, נישט אויסגעמיטן צוהאלטן אויכוח אפילו מיט אחדר יינגל. אנטייל גענו-מען איך אלע געזעלשאפטליכע אונטערנעמונגען, און צו יעדן עניך געהאט אגוטן געזעלשאפטליכן צוגאנג.

לאנג יעריקער דאזער איך דער יידישער געמינע, און ראטמאן איך שטאט-ראט. צווישן זיך האט מען גערעדט, אז ר' שלמה איז א"מתנגד" (אמאל אלעקסאנדערער חסיד)



און איז אויך פערמישט מיט דער חיבת-ציון באוועגונג, שלעכטע צינגער האבן גע-זאגט, אז ער איז גאר באמת אציוניסט, רחמנא-ליצלן. מיר יונגע בחורים האבן אים געקענט אלץ אגוטן מענטש, אפיקח מיט זער אסך גוטע תכונות. געהאט אייזן גע-וועלב פון וועלכן ער האט געצויגן פרנסה. געהאט זון און טעכטער, ווי עס פאסט פאר אשיינעם ייד אין שטעטל, אלע זיינע זון און טעכטער, זענען געווען צע-וישן די גוט-ערצויגענע לאסקער קינדער. דער נאנס-טער און ליבסטער,דער וואס האט געירשנט פון זיין טאטן אלע גוטע מידות, דער פריינט פון אונדז אלעמען, דער חבר פון יונג און אלט, דער איבערגעגעבנסטער חבר צו דער געזעלשאפט, דער קיינמאל נישט מיד-ווערענדיקער - ציוניסטישער עסקן איז געווען א פ ר י ם.

אפרים נאסקאוויטש איז געווען אמוסטער פאר אונדז יונגערע בית-מדרש בחורים. אין די שפעטערע יארן, איז דאס יונגע פארל מינדל און אפרים געווען ממש די אמת'ע וועגווייזער פון אונדזער ציוניסטישער

יוגענט. זייער קליין בוידעס שטיבל נאך זייער חתונה, איז געווען דאס ארט פון העברעאישע אוונט קורסן, ווו דער אלטער ז׳יטניצקי האט אונדז געלערנט עברית און תנ"ך, ביי זיי האבן מיר שטענדיק באקומען אקטועלע ביכער צום לעזן עברית און יידיש, ביי זיי האבן זיך געפונען אלע צייטונגען, די "הצפירה" דער "היינט" און דער "מאמענט".

שפעטער ווען זיי זענען איבערגעגאנגען וווינען אין אבא ביאליקס הויז, האט זיך דער קרייז פון אפרים׳ס חסידים פארברייטערט. דאס איז געווען די איינציקע שטוב אין שטעטל, וואס יעדער האט זיך געקאנט אויסרעדן דאס הארץ, און אויך אנטייל-נעמען אין ערנסטן ויכוח. די שטענדיקע געסט ביי מינדלן און אפרים זענען געווען תנחום ביגעלאייזן, יצחק הירש, לייבעלע בארנשטיין, זכריה רייכבארט, און מיר קליינע חברה.

יענע יוגנט יארן, די געשטאלטן און כאראקטער פון מינדלן און אפרים, זייער ווארעמע שטוב, זענען טיף איינ-געקריצט געבליבן אין מיין זכרון. איך ווער פון אונדז געדענקט נישט די "שלום-עליכם" אוונטן? אפרים איז געווען דער בעסטער דעקלאמירער, יעדער אוונט אזעלכער, מיטן אנטייל פון אפרים׳ן איז פאר אונדז געווען אקינסטלעכער געניס. סהאט געניגנט צו זאגן, אז דער אוונט איז רעסעזשירט דורך אפרים נאסקאוויטש, אז עס זאל ביי יעדן ארויסרופן אשמחה מיט דרך-ארך צוזאמען. אויך אין פריוואטן לעבן, אפילו אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע האבן אלע געשעפט דערמונטערונג, און

דערהויבענקייט, פון זיין זאפטיקן הומאר.

אזוי ווו זיין פאטער, האט אויך ער זיך פארנומען מיט יעדער געזעלשאפטליכע הארבעט. די שטאט ביבלאטעק, די ציוניסטישע באוועגונג, דער יידישער ספארט-קלוב "מכבי", די דראמאטישע סעקציע, און שפעטער די יידישע קהילה, אויך אלס לאווניק אין דער לאסקער שטאט פארוואלטונג, ער האט פשוט נישט צייט געהאט צוזארגן פאר זיין אייגענע פרנסה. דער ענין פרנסה איז ביי אים געווען אנעבן-זאך, דער עיקר זיין אמענטש מיט איניציאטיוו, אלעבענדיקער נערוו פון דער געזעלשאפט, אהארציקער מדריך פון אלעמען.


דערפאר האבן מיר אלע אים שטארק ליב געהאט, ווער געדענקט דען נישט, די שבת-דיקע "שלוש-סעודות" ביי מינדלן און אפרים אין שטוב! פונקט ווו חסידים ביים רב'ן, זענען מיר געזעסן ארום ביים טיש און פערהאנדלט וועגן אפראבלעם, וועלכער איז געשטאנען צו יענער צייט אויפן טאג-ארדנונג, דערביי פארביסן ברויט מיט הערינג און נאך-געטרינקן אפעסעל ביר.

שוין באלד אדורך 50 יאר פון יענער צייט, און איך זע אים אלעבענדיקן פאר מיינע אויגן; פרייליך און פול מיט התלהבות, כגעדענק אים אויך אלס ל"ו-ניק פון אזעלכע מעשים טובים, וואס נאר יחידי סגולה האבן זיך מיט זיי פארנומען.

נאך אין יאר 1936 האט די ציוניסטישע ארגאניזאציע באשטימט פאר אפרים נאסקאוויטש און פאמיליע אסערטיפיקאט

צו פארן קיין ארץ ישראל, אבער ליידער צוליב זיין אקטיוויטעט האט ער זיך נישט געקאנט באפרייען צו פארן. ווו עס האבן איבערגעגעבן אונדזערע לאסקער חברים, איז ער אומגעקומען דורך די היטלעריסטישע רוצחים אין דער לאדזער געטא, מינדלן מיט זייער יינגסטע טאכטער פייגעלע האט מען ביי דער ליקווידאציע פון דער לאדזער געטא אין יאר 1944 געפירט קיין אשוויץ, אין דארט האט מען זיי אומגעבראכט.

זאלן די אנגעשריבענע ווערטער אונדזערע דינען ווו אגעשטעלטע מצבה אויף זייערע נישט בעוווסטע קברים.



זאב אחי שרה

ר' דניאל פלאכטא

עלי לצלול למעמקים לדלות משם פנינה יקרה, דמות מלבבת, מדגולי דמות, דודי דניאל. מדי הגותי בו מציף אותי רגש חם ומאיר. מין "חזון איש" היה מהלך בעיירה ואש גדולה של אהבת השם, תורתו ומצוותיו יקדו בו. שתי אהבות גדולות - אהבת קונו ואהבת הרבי חברו יחדיו בדודי דניאל, לשתיהן היה מסור בלב ונפש. אצל בני עירנו, החיים איתנו כיום, שמורה דמותו החיצונית ומזכירים אותו כ"תמהוני", שכל חייו, מאז בואו אלינו ולקח את "רבקה'לע הקצרה" לאשה והוליד בנים ובנות, חי חיים של דחקות ושל חלי וצער. רק קצת מן האמת יש בזה.

נכון הוא שבקושי מצא לחמו. באלף נסיונות נוסה ובאחד עמד והצליח בקושי. עד שהתחיל לסחור בסיד לא ידע פרנסה מהי. גם בפרנסה זו היתה רתומה כל המשפחה ואחיו יהודה-זלמן בתוכה. כולם היו עסוקים וכולם דאגו והוא בתוכם, רק בלי דאגות. "דער אויבערשטער וועט העלפן"! השם יעזור! זאת היתה מימרא השגורה על פיו: "דער אויבערשטער וועט ווייטער העלפן"! השם ימשיך לעזור! בין יריד ליריד, בין יום שוק אחד למשנהו היה נוסע לימים אחדים לרבי מסוכטשוב, ר' אברהם בורנשטיין זצ"ל, וחוזר משם כאילו שב מבית הבראה. עשרה מונים היה מחליף את צורתו. מי שראהו רובץ על עגלה מלאה סיד, כשמתוך האבק הסידי מבצבצים פנים צמוקים, מעוטרים זקן שחור כעורב, ושתי עינים שחורות ואש תמיד תיקד בהן,

היה אומר לנפשו: נעבעך, מסכן! ואיש לא ידע שראה באותה שעה את "האדם המאושר בעולם כולו". הוא תבע מעצמו את השלמות: שלמות יהודית חסידית, שלמות בריכוז כל-כולו בעבודת הבורא.

לכן התפלל תפילת שחרית במשך כל היום, קטעים קטעים בהפסקות. בקטע יותר קל הריכוז. על-אף בריאותו הרופפת (למחלתו קראו "מגן דניאל") עשה זאת ללא פשרות וללא לאות, סוער בשעת התפילה, בבחינת "כל עצמותי תאמרנה", וביחידות התפלל תמיד בביתו. ל"אלטן גערער שטיבל" הלך בימי שבת ומועד רק לקדושה ולקריאת התורה. המסירות הסגפנית לתפילה, לענווה ולרבי שלו, גבלה ממש עם הקדושה שראה בכל מצוות "עשה". לא עשה האיש פדות בין קטנות וגדולות, אלא העלה אותן לדרגת "נשגב".

לדוגמה אזכיר, הכנות בביתו לקראת חג הפסח. בביתו בנה לעצמו תנור לאפית מצות. הקפיד בקנית הקמח ל"מצה שמורה" מאותו מקור, שהרבי מסוכטשוב רכש את החיטים ונטחנו בהשגחתו. ימים אחדים לפני חג הפסח היה ביתו כבר נקי מחמץ. "למים שלנו" היה הולך עם רבקה'לע אל הפלומפ (באר) אשר בשוק ושמחת מצווה היתה נסוכה על פניו. בבת-צחוק של צדיק תמים היה נושא את הדלי מכוסה בבד נקי וטהור הביתה. מי יכול להידמות אליו באותה שעה? בליל ביעור חמץ היה ער ולמד, חזר ולמד מכל המקורות על מצוות אפיה של המצה. לא פסוק פומיה מגירסא עד עלות השחר. למחרת, בערב החג, בשעה 12 היה הכול מוכן להתחיל באפיה. יהודה-זלמן אחיו היה האופה. אחי אפרים ויחיאל בנו של ישראל-יצחקל, אני ואחי זליג, יהושע של ר' יחיאל שמחה ושרה אחותו, כולנו היינו

מגוייסים לעבודת "החיפזון" ולכל אחד היה תפקיד מיוחד. הדודה רבקה ז"ל היתה יושבת ומחכה לשקית הקמח אחת-אחת שהוצאה ממסתרים.

בשירת "ההלל" נפתחה מלאכת הקודש וכל הידיים עמלו בחיפזון. הדוד דניאל טייל בין העובדים ובדק את המכשירים ונקה פה ושם פירורים במללו: "לשם מצות מצווה"! במשך שעה וחצי עבדו כולם בנשימה אחת ובשירה עד שנתרוקנו שקיות הקמח וסל המצות נתמלא. תם ונשלם, הכריז הדוד דניאל, שבח לאל בורא עולם! שולחן העבודה הוצא לחדר השני וכולנו, הגדולים עם הקטנים, השתלבנו למחול חסידי שקט. הניגון הצמיד אותנו לריקוד המצווה ואושר בלתי מוגדר אפף את כולם. הדוד דניאל סיים: לשנה הבאה בירושלים! תבואו בנים בחג, אל תשכחו לבקרנו!

בביקור כזה היה הדוד דניאל אוהב להרעיף על לבנו את חידושיו מן "הזוהר" הקדוש. הדודה הגישה כיבוד והדוד עולה בסולם יעקב אבינו. כשרון מיוחד היה לו להסביר את דברי רבו. אמרותיו היו תמיד מתובלות בהומור מועט המחזיק את המרובה.

כל מסיבה משפחתית כזאת היתה מתעלה לשמחה של מצווה. בשעה שנאמר "ניגון" (דודי לא ידע לשיר, אבל אהב להקשיב קשב רב לזמר חסידי) היה מרים ראשו לתקרה ומבטו כיוון לנקודה רחוקה רחוקה מאד... הניגון השרה עליו רוח טובה. לפעמים רחוקות היה משתתף "במלווה-מלכה" חסידית כשהיא התקיימה בביתנו. (אמא היתה שולחת לקרוא לו) וקרה, לעתים רחוקות, שלקח לעצמו רשות הדיבור

המסובים הקשיבו לו (בכל זאת היו לו מעריצים בין החסידים) החדר היה ספוג רזין דרזין. עיני המסובים תרו אחרי כל תנועה מתנועותיו. הוא הדגיש, שכל מה שאומר בשם אומרו, הרבי, הוא אומר. נוצרה דביקות חמימה בקהל ונהנו מזיוו. נוצרה הרגשה, שהדוד דניאל הוא שלהבת יהודית בוערת תמיד...

למחרת היו האברכים מרכלים בשטיבל אחריו ואומרים: עשרה קבין של דיבור לדניאל זה והכל משל הרבי שלו, וכמה קבין יש לרבי שלו בכבודו ובעצמו? (קנאה חסידית). ידענו שבגיל הבחרות היה דניאל מתלמידיו של הגאון הרב ואדמו"ר ר' אברהם בורנשטיין מסוכטשוב. ממנו קיבל את התואר "צורבא מדרבנן".

על-אף הימצאו בלועם של הנאצים המשיך בדרכיו ובאורח חייו, כאילו חי בעולם חופשי. היו שואלים אותו: ר' דניאל, מה יהיה בסופנו? מענו היה שקט: "דער אויבערשטער וועט ווייטער העלפן", התחזקו וחייו!

עקב התנזרותו מכל מאכל מבושל במשך השנים האחרו- נות הגיע לאפיסת כוחות. ביום החיסול של גיטו לאסק, לא יכול היה לצעוד במצעד קהל המגורשים לכנסיה הנוצרית. בדרך פיגורו נורה הוא ואשתו רבקה ז"ל ע"י הרוצחים ונקבר בקבר אחים בבית העלמין.

ר' שלמה בעסערגליק

פינף, האלב זעקס פארטאגס, איז ר' שלמה געזעסן געוואַרט אויף זיינע דריי תלמידים, וועלכע האבן ביי אים געלערנט אין משך פון צוויי יאר צייט אפרימארגן-שיעור. איך און איטשע וואלף האבן מיר זיך כמעט קיינמאל נישט פערשפעטיקט צום שיעור, אבער שטענדיק האבן מיר געדארפט צוווארטן אויף שמואל דאנוול קייזער.

ר' שלמה איז שוין געזעסן און געוואַרט אויף אונדז ביים טיש אין זאל און געווען פערטיפט אין אספר. מיטן אונדזער ארייגקומען האט ער דאס ספר צוריקגעשטעלט אין ספרים-שאנק אויף די אויבערשטע פאליצעס.

אין שטוב איז געווען אין ווינטערצייט ווארם און אשטענדיקער גוטער געשמאק האט זיך געפילט פון אלעם. זומער זענען די פענסטער געווען אפן און פון העניך יידע משהס הויף האבן ארייגעדרונגען פערשידענע "גוטע געשמאקן". שטיל האבן מיר געלערנט מסכת "זבחים" "חולין" מיט תוספות און פרקים אין "משנה תורה" פון רמב"ם: הילכות מאכלות אסורות און הילכות שחיטה.

אספעציעלן טעם איז געווען אין זיין לערנען, ביז

הײנט קלינגט מיר נאך אין די אויערן זײַן ספּעציעלער שטילער האַרציקער ניגון און געדענק גוט די פערגלײַ־כונגען, וואָס ר׳ שלמה האָט געמאַכט צװישן די שטעלונגען פון די תנאים, אמוראים אין "תלמוד" און דער שוני אין קלײנע נואַנסן פון רמב"ם אין משנה תורה.

בײַ דעם האָט ער תמיד, מיט אײן האַנט־פינגער שפּאַצירט איבער זײַן שײנער שוואַרצער באָרד און געקוקט מיט ליכטיקע אויגן אויף יעדן פון אונדז.

ר׳ שלמה האָט געהאַט גענוג צײַט זיך צו פאַרנעמען מיט מסחר בשותפות מיט זײַן שוואָגער יעקב־לײב־קײזער. דער עיקר אָבער איז בײַ ר׳ שלמהן געװען "חסידות". נישט סתם אחסיד, נאָר אחסיד און דערצו אמקובל.

שמואל זאַנוול קײזער האָט אין די שפּעטערע יאָרן געפּלעגט דערצײלן סודות פון ר׳ שלמה׳ס שטוב. פּונקט װי ער האָט געלערנט מיט אונדז "תלמוד", האָט ער געהאַט אַגרופּע ײנגע לײַט פון שטיבל, וואָס האָבן בײַ אים געלערנט "רזין עילאין", פּרקי "זוהר הקדוש" אין דעם גײַסט פון די ײדישע מיסטעריע. װײַט פון "סיגופים" און זעלבסטפּײַניגונגען האָט ער געפּרעדיקט פאַר זײַנע צוהערער ליבע צו גאָט ב"ה, צום פאָלק־ישראל און זײַן תורה.

מילא, דאָס וואָס ר׳ שלמה האָט אַלס "מקובל" געטוען און פאַרשפּרײט "תורת הקבלה" צװישן די גערער חסידים, האָבן געװוּסט אײנצעלנע, אָבער אַז ער

איז געווען אגוטער בעל תפילה, אהייסער דאווענער אין די "ימים הנוראים" און אין אנדערע ימים טובים האבן אלע געוווסט. מיט זיינע ספעציפישע וועגן האט ער יעדן אנגעשטעקט מיט התלהבות, מיט דבקות און פעראייניקט "די וועלט" מיט די אויבערשטע וועלטן. נישט בלויז ביים דאווענען, ביי יעדן פשוטן ניגון האט ער געהאט "זיינע" וואריאציעס (היינו רופט מען עס עיבוד, איבערגעארבעט). פון אפשוט "זמערל" האט ער געמאכט "אתפילה", אדער גאר אפריילעך לידל, וואס האט ארויסגערופן אאינערליכע שמחה און סהאט זיך יעדן געצויגן צום טאנצן. דאס האבן אלע געפילט אין אלטן גערער שטיבל. ביי אנדערע געלעגנהייטן איז ר' שלמה געבעטן געווארן "זאגן אניגון". תיכף האט ער געהאט גרייט אניגון, וואס איז געווען צוגעפאסט צום טאג צו דער שעה און שטארק געווען צוגעקניפט מיט יעדן איבער-גאנג, אדער איבערחזרן זיך צו איינעם אגרויסן ניגון, וועלכער האט אפגעשטאמט פון "היכל הנגינא", רואיק און שטורמיש, זיך געהויבן און שטאפלווייז צוריק אראפגענידערט אום זיך אויפדאסניי ארויפצוהייבן אין יענע הייכן און ספערן פון יחוד קוב"ה ושכינתיה.

מיט דער זעלבער דביקות האט ר' שלמה אויך גע-טאנצט זיין ספעציעלן חסידישן טאנץ. באטש געטאנצט בצוותא, איז ר' שלמה געווען מיט זיינע בעוועגונגען אין אגאר אנדערע וועלט, אין אוועלט פון "בוצינא דנהורא".

דער ניגון זיינער און זיין טאנץ האבן זיך

צוזאמענגעגאסן און משפיע געווען איינער אויפן צווייטן.

מיין טאטע ע"ה האט געפלעקט זאגן אויף ר' שלמה בעסערגליק, אז ווען ר' שלמה זינגט און טאנצט, איז, כביכול, ווי די "שכינה" וואלט דאס געטון, און דאס געזאנג זיינס איז בבחינת "אוריתא בנגינא, שכינתא בנגינא, ישראל סלקין מגו גלותא בנגינא". כמוז דערמאנען די אלגעמיינע מיינונג פון דעם גרעסטן טייל פון חסידים, מקורבים צו ר' שלמה'ן, וועלכע האבן אויסגענוצט זייער אפווענהייט פון אמסיבה און גענומען ריידן, דרך אגב, וועגן ר' שלמה בעסערגליק, ווי וועגן אקדוש אגרויסן צדיק. ר' הערשעלע ראזענבלום האט זיך אפילו דערלויבט צו זאגן, אז ר' שלמה איז די "נשמה יתרה" פון גאנצן שטעטל בלויז פון "נגלה" זייט. ווער ווייסט צו וועלכע "הייכן" ער דערגרייכט אין זיינע "נסתר" וועגן. ר' בן-ציון הורוויץ האט אויסגענוצט די פוזע וואס זיין שווער ר' הערשעלע האט געמאכט און צוגעגעבן, אז אין "גערער-הויף" זאל מען האבן געזאגט אויף ר' שלמה'ן אז ער איז אגלגול פון שלמה המלך און זינגט אשטענדיקן "שיר השירים". אלע זיינע ניגונים זענען פון זעלבן קוואל, פול מיט ליבע צום בורא-העולם. ר' משה אהרון האט פערענדיקט און צוגעגעבן: מיר דאכט זיך תמיד ווען ר' שלמה זינגט הערט זיך דאס געזאנג פון "הסבא דסביך" ר' אהרון הגדול מקארלין.

אזוי האבן זיך אלע בעצויגן מיט אהארציקן דרך

ארץ צו ר' שלמה'ן און אים איינגעהילט מיט שטילע
תשבחות, שלא בפניו.

דאס זענען נאר קורצע שטריכן וועגן דאס ליכטיקן און טיירן יידן ר' שלמה בעסערגליק. שכנים און זיינע נאענטע מענטשן צו אים, וואלטן זיכער געהאט צוצוגעבן וועגן זיינע טאג-טעגליכע מעשים טובים אן אסוף. ווי גרויס איז דער צער וואס אזא פלאמענדע נשמה,אזא געטליכע פערזענדליכקייט איז אזוי טראגיש פערפייניקט געווארן דורך די רוצחישע הענט אין כעלמנא...

מֵחַלּוֹנִי רָאִיתִי הַקְּרוֹנוֹת הַמְּמֻלָּאִים, הָעֲמוּסִים,
שָׁמַעְתִּי שַׁוְעָתָם עַד לַשָּׁמַיִם, הָאֲנָקוֹת הַנֶּאֱלָמוֹת מִכְּאֵב, –
אֲהָהּ, קְרוֹנוֹת הַדְּוַי, טְעוּנֵי חַיִּים וּמוּבָלִים לַמָּוֶת! הַסּוּסִים,
הֵם צָעֲדוּ, הָאוֹפַנִּים גַּם הֵמָּה נָעוּ, הִתְגַּלְגֵּל וָסֹב...

„הַגֵּרוּשׁ לְמַחֲנֵה הַהַשְׁמָדָה"
י. קצנלסון

דער גבאי ר' שמעון און אברהם ווארשעווער-קארן

צעווישן די שיינע געשטאלטן פון אונדזער לאסקער
רישע גאלעריא, שיינט ווו אגרויסער פערל די פאמיליע
רך. צווי ברודער זענען זיי געווען ר' שמעולה
ארשעווער און אברהם ווארשעווער.

ר' שמעולה ווארשעווער, איינער פון די שיינע
לי-בתים אין שטעטל. דער הויפט גבאי פון בית המדרש
ר פיל יארן. שטענדיק עלעגאנט געקליידעט, און אגוט
פלעגט שווארץ בערדל. יעדן טאג געדאווענט
שכמה אין בית המדרש און געזארגט פארן גוטן ארדענונג
ר די בחורים און לומדים. שטענדיק אשמייכלדיקער,
רלו ווען ברוך שמש, דער קפדן, האט זיך פאר אים
רקלאגט אויף אונדז בית מדרש בחורים, דערציילענדיק
ס וועגן אונדזערע מעשים טובים... פאפולער געווען
ר שטעטל, אדאנק זיין ברייטע האנד אויף אלא צדקה
רעקן, און זיין בעציאונג צו יינג און אלט מיט יראת
נוד, און גרויס דרך ארץ צו תלמידי חכמים. דאס בית
רש איז אויך געווען אשטענדיק ארט פאר וויכטיקע
רזאמלונגען און געשעענישן אין קהילה לעבן. דא האבן
ררשנט דרשנים ווי ר' גרשון, אשליח פון ארץ ישראל,
רנער פון דער ציוניסטישער ארגאנעזאציע און סתם
רפים. ר' שמעון קארן איז נישט איינמאל שטארק
נעגריפן געווארן דורכן רב און חסידים פאר זיינע

גוטע בעציאונגען צו די ציוניסטישע מעשים, וועלכע זענען געטוען געווארן אונטער זיין שוץ אין בית המדרש. ר' שמעון ווארשעווער איז נישט געווען בלויז גבאי, נאר אויך ארודף שלום, אנאביעקטיווער אדמיניס- פון בית המדרש.

ענדלעך צו זיין ברודער ר' שמעון אין כאראקטער און מעשים טובים, איז געווען אברהם ווארשעווער מיט דעם אויסנאם, וואס ביי אברהם ווארשעווער זענען געווען 7 טעכטערלעך און האט שווער געארבעט אויף פרנסה. אגוטער מענטש און אגוטער חבר צו אונדז קליינע בחורים און "לאבוזעס". גענומען אונדז שטענדיק אונטער זיין שוץ און נישט געלאזט אנעולה טוען. אברה'מל ווארשעווער איז געווען אפריינד און אין געוויסע מאמענטן אפילו אטאטא צו די יוגענדליכע, וועלכע האבן זיך אפט צוזאמענגעטראפן אין "גן עדן התחתון" אין דער "זודע פאבריק". צוגעלייגט אגוטע האנד צו יעדער געזעלשאפטליכער אונטערנעמונג און ערליך פערדינט זיין ליבן נאמען אפריינד פון אלעמען! צוזאמען מיט די 2000 יידן פון אונזער שטאט איז ער און זיין פרוי מיט אייניקלעך פערפייניקט און פער- ניכטעט געווארן אין "כעלמנא".

דער גבאי ר' שמעון און אברהם ווארשעווער-קארן

צעווישן די שיינע געשטאלטן פון אונדזער לאסקער ייִדישע גאלעריא, שיינט ווו אגרויסער פערל די פאמיליע קארן. צווי ברודער זענען זיי געווען ר' שמועלה ווארשעווער און אברהם ווארשעווער.

ר' שמועלה ווארשעווער, איינער פון די שיינע בעלי-בתים אין שטעטל. דער הויפט גבאי פון בית המדרש זער פיל יארן. שטענדיק עלעגאנט געקליידעט, און אגוט געפלעגט שווארץ בערדל. יעדן טאג געדאווענט בהשכמה אין בית המדרש און געזארגט פארן גוטן ארדענונג פאר די בחורים און לומדים. שטענדיק אשמייכלדיקער, אפילו ווען ברוך שמש, דער קפדן, האט זיך פאר אים פערקלאגט אויף אונדז בית מדרש בחורים, דערציילענדיק אים וועגן אונדזערע מעשים טובים... פאפולער געווען אין שטעטל, אדאנק זיין ברייטע האנד אויף אלא צדקה צוועקן, און זיין בעציאונג צו יינג און אלט מיט יראת הכבוד, און גרויס דרך ארץ צו תלמידי חכמים. דאס בית מדרש איז אויך געווען אשטענדיק ארט פאר וויכטיקע פערזאמלונגען און געשעענישן אין קהילה לעבן. דא האבן געדרשנט דרשנים ווי ר' גרשון, אשליח פון ארץ ישראל, רעדנער פון דער ציוניסטישער ארגאנעזאציע און סתם מטיפים. ר' שמעון קארן איז נישט איינמאל שטארק אנגעגריפן געווארן דורכן רב און חסידים פאר זיינע

א"יהי רצון" נאך-בענטשן מיט ארפואה שלמה. אין ערגסטן פאל האט מען נאך צו דעם אלעם צוגעגעבן, מעסטן "דעם הייליקן ארט", "רייסן קברים" אריינפאלן אין ארון קודש מיט רחמים געשרייען, צינדן ליכט און זאגן תהילים און דער אויבערשטער, האט בדרך-כלל געהאלפן. אין ערגסטען פאל האט מען גערופן דעם פולישן דאקטאר, ווען דער קראנקער האט שוין געגויסנט. אין טאמער האט אקראנקער מענטש אויסגעהויכט זיין נשמה האט סגאנצע שטעטל אנטיילגענומען און זיין לוויה און אריינגע- ווארפן אפאר גראשן אין דער "צדקה תציל ממות" - פושקע און יוצא געווען מיט מחילה בעטן.



זינגער האט געפירט אשטארקע אגיטאציע קעגן דעם אלעם און אויסגעלאכט די אלע אויבן דערמאנטע מיטלן און געמאכט זיי צו שאנד און צו שפאט. מיר מוזן מודה זיין, אז טראץ דעם וואס זינגער האט זיין פראפאגאנדע געפירט נישט אויף ערציערישן און קולטורעלן אופן,האט

ער דאך אריינגעדרינגען דעם באוווסטזיין, אז די "באבסקא רפואות" און אמונות טפלות האבן מער נישט קיין ארט אין צוואנציקסטן יאר הינדערט, ער האט אבער געהאט אגרויסן רעספעקט פאר געזעלשאפטליכע טוער און גוטע מעשים. ווען ער האט זיך דערוווסט, אז אין שטעטל עקזיסטירט "אלינת הצדק" איז ער פשוט אויפגעשפרונגען פאר שמחה. סטייטש, מענטשן מידע נאך אטאג שווערע ארבעט פארלאזן זייער ווארם בעט און גייען אויף אגאנצע נאכט בעדינען אקראנקן?

פון דאנען האט ער ארויסגעדרינגען ווו געזעל-שאפטליך דאס שטעטל איז געווען געשטימט. דאס האט אויך אויף אים געווירקט, אין משך פון דער צייט איז ער געווארן זער פאפולער אין שטעטל. אפילו אין דער גרויסער שול האט ער זיך ערווארבן אגוטן נאמען און מיט דער צייט האבן אלע אים מוחל געווען די אמאליקע לייכטזיניקע אויסדריקן אויף זייערע אדרעסן.

געהאט אלייכטע האנט צו צען-רייסן און אגוט הארץ צו ברואיקן. וועגן זייען איבערגעבנהייט צו די יידישע בעפעלקערונג אין די גרויזאמע טעג פון דער געטא, דערציילן אלע שרידים מיט גרויס כבוד, זינגער האט זיך ארויסגעוויזן מיט זיין גאנץ גוטקייט ביי יעדער געלעגנהייט. בעזונדער ווען סאיז פאר די לאסקער געטא - יידן אויפגעמאכט געווארן דאס ספעציעלע שפיטאל אין געטא. ווו די עדות-זאגער דערציילן, פלעגט ער דארט זיצן טאג און נאכט, ווען סהאט זיך אין שפיטאל גענוי-טיקט זיין אנוועזנהייט.

צוזאמען מיט זינגערן מוזן מיר דערמאנען מיט גרויס ערע די צוויי לאסקער קריסטליכע דאקטוירים ד"ר יאנקאווסקי ז"ל און ד"ר באל יבל"ט און זיי פערשרייבן אין בוך אלס "חסידי אומות העולם" פאר זייער הילף, וואס זיי האבן דערלאנקט די פערשמאכטע געטא-יידן בשעת די עפידעמיעס און קרענקן אין די טראגישע יארן.

עטליכע טעג פאר די אויסזידלונג אין 1942 איז זינגער מיט זיין פרוי אפגעראטעוועט געווארן דורך קריסטן, וועלכע האבן זיי אויסבעהאלטן ביזן סוף קריג. צווישן די ערשטע, וועלכע האבן זיך אומגעקערט אהיים אין שטעטל איז געווען זינגער. יעדערער פון די באפרייטע דערציילן, וואס פארע טובות און זארגן האט זינגער פאר די אלע געטוען. זינגער האט ארגאניזירט אקאמיטעט צו דערלאנגען הילף די נויטבעדערפטיקע. אנגעבינדן זיך אין דעם לאדז'ער יידישן-צענטראל-קאמיטעט אום צו קענען געבן גרעסערע הילף דעם "קליינעם עולם" פון די צובראכענע און קראנקע לאסקער שארית הפליטה. זינגער האט ארויסגעוויזן אשטארקן אינטערעס פאר יעדן איינעם, וועלכער סהאט זיך גענויטיקט אויף הוצאות הדרך קיין ארץ ישראל. געווען אמליץ-יושר פאר די, וועלכע האבן זיך גענויטיקט אין הילף פון דער ארטיקער מאכט.

בעזונדער זענען מיר אלע חייב אים צו דערמאנען מיט גרויס כבוד, פאר זיין מיטהילף אסתרל זענדל צו בעערן די געפאלענע אין טאג פון דער אויסזידלונג און אלע זענען באגראבן געווארן אין אקבר-אחים, מיט אמצבה און אגעהעריקן אויפשריפט ווו עס פאסט פאר די קדושים:

ר׳ העניך זענדל מיט זיין פרוי, ר׳ דניאל פלאכטע מיט זיין פרוי, ר׳ משה פאלעק מיט זיין זון יעקב, בלומע ליפמאנס, וויטל שיראצקי און אירע זון, ר׳ נתן שיראצקי מיט זיין פרוי, רייזל ביאליק, רודא די שוויגערן, ר׳ קלמן קופערט, גאלדא באמס,ר׳ לייזער קליין, ר׳יעקב קארן,רבקה גלייטמאן, די טאכטער פון יצחק פיאטרקאבסקי, ליפקאוויטש משה און אנדערע. צוזאמען 39 קדושים. די קברנים זענען געווען שמעון יורמאן, שלמה דזיאלאווסקי און נטע ביגעלאיזן.

שרייבענדיק די נעמען, שטיקט מיר אין האלדז, טרערן רינען פון מיינע אויגן און זאג "קדיש" נאך יעדן איינעם פון זיי; מאן און פרוי אדער קינד, אלע זענען געווען קדושים, יעדער פון זיי איז מיר הייליק און טייער.

אונדזער בוך זאל דאס זיין ביי אייך דער גרויסער "קדיש יתום" אויך אויף אלע אנדערע אונבעוווסטע קברים ווו עס רוען די ביינער פון אונדזערע מאמעס און טאטעס, שוועסטערן און ברודער און טייערע יונגע נשמהלעך, וועלכע זענען אזוי טראגיש אומגעקומען דורך די נאצישע רוצחים.

און פאר אונדזער פעלצ׳ער זינגער שטעלן מיר אין הארצן אנר תמיד, אשטענדיקן יאר צייט ליכט און אויף אלע יארצייטן וועלן מיר אים דערמאנען און אויסקריצן זיין נאמען אויפן לוח פון ארגון יוצאי לאסק און בלייבן פעראייביקט אין לאסקער "יזכור בוך".

וועלוול משהלעס

זאב משהלס

ר' אבא ביאליק

איינער פון די פאפולערסטע און געאכטעטע עסקנים אין שטעטל, איז געווען ר' אבא ביאליק. מקען זאגן, אז דורות לאנג האט לאסק געווארט אויף זיין אנקומען. זיין איבערגעבנהייט צו אלע געזעלשאפטלעכע ענינים, סיי פילאנטראפישע, סיי פאליטישע האבן אים, מיט רעכט, באשאנקן מיטן אויבן-אן צווישן די שטעטישע עסקני ציבור.



דער בעלי-בתישער עולם האט זיך געגרויסט און שטאלצירט מיט אים. ביי יעדער געלעגנהייט אים ארויסגערוקט אלס זייער פירשטער צו יעדע ערנסטע אק-ציע, זייענדיק זיכער מיט זיין ענטוויקלטן חוש פאר געזעלשאפט-ליכע ארדענונג. די עלטערע בעלי-בתים האבן ספעציעל געשעצט ר' אבאן; זייענדיק אזון פון ר' שמואל ביאליק דער "קאנטאניסט", דער איינציקער געכאפטער קאנטאניסט פון שטעטל, אלט זייענ-דיק נישט מער ווי 8 יאר. אזוי האט זיך אין סוף 18-טן יאר הונדערט "ניקאליי דער ערשטער" באזארגט מיט איבער-געבענע סאלדאטן. דעם גרעסטן טייל "געכאפטע" יידישע קינדער האבן די "ערציער" אפגעשמדט. אטייל, וועלכע

האבן זיך געהאלטן ביים יידישקייט, זענען פערפייניקט געווארן ביז צום טויט. גאר אקליינער פראצענט "עקשנים" האבן נאך 25 יאר דינען דעם "קייסער" זיך אומגע-קערט אהיים. ר' אבא ביאליקס פאטער איז דורך די "רוסישע ערציער" פערקויפט געווארן, ווי יוסף צו די ישמעאלים, צו אמאסקאווער מיליטער-שניידער און ביי אים האט ער אפגעדינט זיינע 25 יאר. זיך אומגעקערט "איד" אהיים קיין לאסק און אויפגעשטעלט אמשפחה אין שטעטל. דער עלצטער זון אבא, איז געשיקט געווארן לער-נען אין אלע "חדרים" און נאך די חדרים לערנען אין בית-מדרש, כנהוג בישראל. אלט זייענדיק 14 יאר איז זיין פאטער ר' שמואל דער קאנטאניסט, נפטר געווארן. איבערגעלאזן אלמנה מיט 5 קינדער. די אלמנה האט גענומען איר עלצטן זון אבא צום ראספעשער רעבן (ר' שמואל איז געווען א אנהענגער פון ראספעשאווער צדיק) און מיטן צדיק'ס כוח ארויפגעלייקט דעם עול פון דער משפחה אויף דעם 14 יעריקן בחור. זאגענדיק צו אים: "אהוב את המלאכה ושנא את הרבנות". אבא האט זיך אויסגעלערנט אין לאדז' דאס שניידער פאך און איז מיט דער צייט געווארן דער איינציקער שפיידער פון הויז.

אין אקורצע צייט האט ער זיך ערווארבן אגרויסע קונדשאפט צווישן אלע שיכטן פון די לאסקער בעפעל-קערונג, וועלכע האבן זיך גענויטיקט אין באשטעלטע און עלעגאנטע בגדים. חתונה בגדים פאר חתנים, שטאטישע נגידים, רעגירונגס בעאמטע, לערער און פריצים האבן זיירע בגדים באשטעלט נאר ביי ביאליקן. אין משך פון יארן זענען זיינע ברודער אונטערגעוואקסן און

ערמעגליכט דעם עלצטן ברודער אבאן צו ווערן זאלבס-שטענדיק.



נאך דעם ווי ער האט חתונה געהאט מיט לאה, שמואל-לייב שעקריס טאכטער, האט ער גענומען וואנדערן איבער שטעט און לענדער (געווען אציילט אין ענגלאנד), זוכנדיק אארט אויפצושטעלן זיין אייגן גע-צעלט. ער האט זיך צום סוף אומגעקערט אהיים, קיין לאסק, איינגעארדנט זיך מיט דער צייט און געהאט פרנסה בריווח. געבענשט פון הימל מיט אגוטהארציקע פרוי, פעאיקע און געלונגענע קינדער וואס יעדערעס איז שפעטער געווען אריגנל אין די לאס-קער גאלדענער-קייט פון דער געזעלשאפט.

ר' אבא האט מיט זיין פלייס און מיזאמער ארבעט אוועקגעשטעלט אשיין נאציאנאל און ציכטיק פאמיליע הויז אין שטעטל. די געזעלשאפט האט ביי ר' אבא ביאליק ענטדעקט אגרויס הארץ פאר גוטע מעשים און אים טאקע איינגעשפאנט צו יעדן ענין. חברת הכנסת כלה - אבא, חברת חייטים - אבא, אגמילות חסדים-קאסא. אין יאר 1908 - אבא, אביליגע קיך אין מלחמה צייט - אבא, גבאי אין שול - אבא. ווער איז אומשטאנד אויסרעכענען זיינע אלע ווילטעטיקע מעשים וואס ער האט אפגעטון דרך אגב? ווער סהאט נאר געהאט אשווער הארץ און געווען באלאדנט מיט דאגות, האט ער עס אנגעטרויט ר' אבא ביאליק. אבא ביאליק האט צו יעדער אונטערנעמונג לטובת הכלל צוגעלייקט זיין גוטע האנט.

ראטמאַן אין שטאָטראָט און ראש־הקהל אין דעם ועד הקהילה.

אַלס אויסגעוויילטער דורכן ציוניסטיש־מיזרחיס־טישן און האַנטווערקער בלאָק, האָט אַבא ביאַליק געמאַכט דעם ערשטן אָרדענונג אין דער יידישער געמינא נאָך הונדערטער יאָרן.

דער געלונגענער צוזאַמענשטעל פון דער קהילה פערוואַלטונג, האָט געשאַפן גוטע פערהעלטענישן פאַר אָרעגולערן צוזאַמענאַרבעט, אפילו מיט די "אגודהשע" חברים אין קהילה: ר' דוד זילבערשטיין און בן־ציון הורעוויץ.

צו דעם אַלעם האָבן איִם צוגעהאָלפן די פּעאיקע און אינטעלעקטועלע יינגע כוחות, מיט וועלכע ער האָט זיך אַרומגערינגלט. זיי, וואָס האָבן פון שטענדיק אָן גע־שטרעבט צו אַדעמאָקראַטישן צוזאַמענאַרבעט לטובת הכלל, ווי למשל זכריה רייכבאַרט, לייבעלע באַרנשטיין, אפרים נאָסקאָוויטש, יחיאל זילבערשטיין, אברהם בוראַקאָווסקי, משה ליפּמאַנאָוויטש און נאָך אַנדערע.

כמוז זיך דאָ אָפּשטעלן אין טיף אָפּטעמען. כהאָב דערמאָנט ר' משה ליפּמאַנאָוויטש צווישן די טעטיקע און איבערגעגעבענע צו ר' אַבא ביאַליק און דער קהילה פערוואַלטונג. כקען זיך אָבער נישט בעגעניגענען מיטן בלויז דערמאָנען זיין גוטן נאָמען. ר' משה ליפּמאַנאָוויטש איז געווען אייד אפיקח, אתלמיד־חכם און אַלעקסאַנדערער חסיד. אַפּלייסיקער סוחר און אמוצלח אין זיין מסחר. געהאַט אַשיין גאַלענטערי געשעפט אין מאַרק און אַגוטע פאַמיליע־הויז, וואָס האָט געשמט מיט די פּראָמינענטע פיגור פון זיין מוטער בלומא ליפּמאַנס. אחוץ זיין

געשעפט איז ר' משה שטענדיק פערנומען געווען מיט אוזיכטיקן מצווה ענין. ווען סהאט זיך געגרונדעט אין שטעטל, אין די ערשטע-וועלט-קריג-יארן, דער "מזרחי" פערבאנד, האט ער געהאט כוח און דרייסטקייט זיך איבערצוגעבן מיט לייב און לעבן דעם ציוניסטישן געדאנק, כאטש זיינע שטיבל חסידים האבן אויף אים קרום געקוקט. ער פלעקט ביי זיך אין שטוב איינארדענען זיצונגען פון מזרחיסטישן וועד, זיך איבערגעבן מיט אגיטאציע פארן "ציוניסטישן בלאק" צו די שטאטראט און יידישע קהילה וואלן. ער איז טאקע אויסגעוועלט געווארן צוזאמען מיט ר' אבא ביאליק אין דער קהילה פערוואלטונג דורכן "ציוניסטישן בלאק" און געווען זיין רעכטא האנט. ער האט געפירט אלעבהאפטא קולטורעלע און געזעלשאפטליכע טעטיקייט אויך אויסער דער קהילה פערוואלטונג. לאנגע יארן איז ער געווען פרעזעס פון דער גמילות חסדים קאסא. אדאנק זיין פילאנטראפישע טעטיקייט האט די "יידישע ארימקייט" אין שטעטל געהאט אגוטן "טאטן" אין א אנמידליכן עסקן פאר אלע אלמנות און יתומים. ר' משה ליפמאנאוויטש איז געשעצט און באליבט געווען דורך אלעמען פאר זיין אויפריכטיקייט און אמת'ע יידישע נשמה. ער איז אויך געווען אזער סענטימענטאלער רעדנער און נישט נאר אנאה דורש, נאר אויך א נאה מקיים.

ר' אבא ביאליק, האבנדיק די גרויסא סימפאטיע פון דעמאלדיקן קרייז-שעף רודה, איז דעם ראש הקהל געלונגען אדורכצופירן אגרויסע קהילה-רעפארמע און צענטראלעזירן אלע געלט הכנסות פון

דער שחיטה, מקוה, חברה קדישא און אנדערע קהילה געלטער אין די הענט פון דער קהילה פערוואלטונג.

אין משך פון אקורצע צייט האט אלס בעקומען אתיקון: פערפוצט די גרויסא שול, איינגעארדנט די מקוה, געבויט אגדר ארום דעם נייעם בית-עולם און נאך פיל אנדערע מעשים טובים אויפן סאציאלן געביט.

ר' אבא ביאליק איז קיינמאל נישט מיד געווארן אין זיין קאמפ קעגן די "חסידישע קנאים", וועלכע האבן בשום-אופן נישט געקענט פערדייען דעם נייעם ארדענונג. ביי יעדע נייע וואלן צום קהילה-ראט, האבן די "אגודה" און חסידישע קרייזן שטארק געקעמפט אום צו געווונען די מאכט איבער די קהילה פערוואלטונג. דער עיקר קאמף איז געווען געווענדעט קעגן אבא ביאליק. אזוי האט ער טריי געדינט זיין שטעטל ביז 1937. איאר שפעטער איז ער נפטר געווארן, אלט זייענדיק 65 יאר.

כמעט 20 יאר, אָן אַפרו, מיט שטענדיקע אנשטרענגונגען, פערנאכלעסיקט זיין פרנסה, זיין געזונד, אלץ האט ער געאפערט לטובת זיינע שטאטישע יידן. אין ברען פון זיין טעטיקייט האט ער תמיד געדענקט, אז ער דינט די יידישע בעפעלקערונג און דעם ציוניסטישן אידיעאל. אפלאמענד ליכטיק הויז איז געווען ביי לאה און אבא ביאליק.

ביזן היינטיקן טאג וואנדערן ליכט-שטראלן פון יענעם ווינקל און דערמאנען די גרויסע איבערגעבנהייט צו אלעם וואס איז אים געווען ליב און טייער.

איגודים כלכליים

הישוב היהודי בלאסק - דמותו הכלכלית והסוציאלית

הישוב היהודי בלאסק בשנות 1930-40 מנה 3500 נפש בערך. הרכבו של הישוב היהודי היה בערך 60% גברים ו-40% נשים. במשך שנים רבות לא התוספו משפחות יהודיות וגם הריבוי הטבעי לא העלה משקלה של האוכלוסיה היהודית, שכן התמותה וההגירה נטלוה.

האוכלוסיה היהודית היוותה פסיפס מגוון ביותר מבחינה כלכלית וסוציאלית. היהודים חיפשו פרנסה והיכו שורש בכל ענפי המשק, החל מחרושת, מלאכה וגומר בשרותים. רב גווניותה של יהודי לאסק הצטיינה בכך, שלא היה מקצוע או משלוח יד אשר ניתן להם לעסוק בהם ולא עסקו בו.

בקשת המקצועית, המשקית והכלכלית בלטו המסחר והמלאכה, רק חלק קטן התפרנס מתעשיה זעירה ומשרותים שונים. בחלוקה הסוציאלית, בלט במיוחד, המעמד הבינוני, שאליו השתייך רוב מנינו ובנינו של הישוב היהודי בלאסק. היו סך-הכול כשני מנינים יהודים עשירים וגבירים; בעלי בתי מסחר גדולים לטקסטיל, חומרי-בנין, סידקית ומכולת, טחנת קמח, מנסרת עצים, בורסקאות מכנית, תעשית שמנים, בתי דפוס וסוחרי תבואה. לאחדים מהגבירים והעשירים היה מעמד מכובד בעיריה, בועד הקהילה ובמוסדות צדקה שונים, כמו כן בקשרים עם שלטונות העיר והמחוז.

בשנים האחרונות לפני המלחמה הוטלו מסים כבדים ע"י האוצר הפולני ובמיוחד מס המחזור (אוברוטובה) אשר פגע קשות במסחר היהודי בכל פולין. בעבור אי-יכולת לפרוע את

המסים שהוטלו עליהם, נשלחו סוחרים יהודים רבים למחנה עבודה ב"קרטוז-בערעזא", בתי מסחר שלהם הופקעו ע"י השלטונות, האוצר מינה קומיסאר לניהול העסק. הגזירות האלה פגעו רק במקצת יהודי לאסק, היות וחלק ניכר מהם התפרנס ממסחר זעיר שהתבטא בהעמדת דוכנים בכל יום החמישי בשבוע (יום השוק) ובשאר הימים נסע לשווקים שהיו בערים הסמוכות (יום ב' - ווידאווא, יום ג' - שודעק, יום ד' - זעלאוו). אך גם מסחר זעיר זה נפגע קשות בשנים האחרונות עקב ההתפרעויות האנטישמיות בימי השוק.

כאמור, עסקו יהודי לאסק בענפי פרנסה מרובים ובראשם המסחר. ע"מ להזכיר לקוראי ספר זה את הרכב הפרנסות של הישוב היהודי בעיר, מוגשת כאן רשימה מפורטת במספרים ובה המקצועות, המסחר והשרותים בהם התפרנסו יהודי העיר.

פ ר ט י ם - איינצעלהייטען		
מ ס ח ר:	מכולת - קולוניאל געוועלבער	13
	טקסטיל - שניט סוחרים	4
	סידקית - גאלאנטערי געשעפטן	4
	עורות - לעדער שניט און צוגאבן פאר שוסטערס	1
	פחם - קוילן הענדלער	4
	תבואות - תבואה סוחרים	9
	דגים - פיש הענדלער	3

פרטים - איינצעלהייטען	
יין - ווייך הענדלער	2
ירקות - גרינצייג הענדלער	5
ביצים - אייער הענדלער	1
אוזים - גענז הענדלער	2
מטפחות ושטיחים - טיכלעך און דיוואנעס	5
עצים - הולץ פלעצער	2
מכשירי כתיבה וספרים - שרייב מאטריאל און ביכער	3
דברי סריגה - סוועדערס און וואל-זאכן	1
כלי-בית - געפעס און קוך זאכן	4
ברזל וחומרי בנין - אייזן געשעפטן	3
חלקי חלוף - טיילן פאר רוווערן און מאשינען	2
סיגריות - הורט-ציגארעטן געשעפטן	2
צבעים - פארבן געשעפטן	2
תחנות דלק - בענזין סטאציעס	2
סבון - זייף פערקויפערס אופן מארק	3
סוחרי בהמות ושונות - דארפס גייער	4
פנסיונים - פענסיונאט אייגענטימער און זומער-צייט	4
מסעדות - רעסטוראנען	5
קונדיטוריות - צוקערניעס	4
מאפיות - בעקרייען	9
פיטום - פאשארניעס פון בהמות	1

פרטים - איינצעלהייטען	
פיטום - פאשארניעס פון געגז	1
מסגרות וזכוכיה - רעמען און גלעזער	1
כפות עץ - קוכלעפל פערקויפער	1
רוכלים - פעדלער אין די שטובן	1
סוחר פרוות - פעלצן הענדלער	2
צמרן - וואטן-מאכער	1
חרושת ומלאכה:	
הייטים לגברים - מענער שניידערס	50
חייטים לנשים - דאמען שניידערס	5
סנדלרים - שוסטערס	21
תפרים - שטעפערס	8
- - טרעפע מאכערס	4
כובענים - היטל מאכערס	5
פחחים - בלאכרז'עס	6
ספרים - פריזיערס	5
שענים - זייגער מאכער	3
נגרים - טישלער	2
תופרי לבנים - וועש נייער	8
זגגים - גלעזערס	2
מסגרים - שלוסערס	2
כורך ספרים - איינבינדער	2
פרונים - קירז'נער און פעלצן מאכער	2

	פ ר ט י ם - איינצעלהייטען
22	בורסקאים - גארבער
1	עושה-מסרקות - קאם-מאכער
2	עושה חבלים - שטריקן-דרייער
2	עושה גרביים - שטרימפ-מאכער
2	חלבנים - שווייגער
2	רצענים - זאטלער
3	עושה נעלי בית- לעדער און שטוב לאטשען מאכער
2	עושה מוצרי ניר- טיטן מאכער
1	עושה קרשי כביסה - וואש ברעטלעך מאכער
8	קצבים - יאטקעס פליישער
3	צבעים - שטוב-מאלער
4	חקלאים - ערד בעזיצער און בעארבייטער
1	חוצב מצבות - מצבה קריצער
2	בתי דפוס - דרוקערייען
1	טחנת קמח - מעל מילן
1	טחינת גריסים - קאשע מאכער
3	בתי-בד תעשית שמנים - אייל מילן
2	בית"ר לאריגה - וועבערייען
3	ביח"ר לגזוז - סודע וואסער מאכער
1	מנסרה - טארטאק
1	מבשלי סבון - זייף קאכער

פרטים – איינצעלהייטען	
אורגים – וועבערס	29
משחילים – רייגערס	2
קושרים – אנדרייערס	1
שזירה – שערערס	1
מסיק במקוה – מקוה הייצער	1
שרותים:	
סבלים – טרעגער	8
בעלי מרכבות – דרושקארז'עס	12
בעלי עגלות משא – פראכטוועגן	4
בעלי מונית שרות – טאכסי	1
בעלי אוטובוסים – אוטו בעזיצער	6
מרכז חבילות – שפיליטער	3
מתווכים – מעקלער	4
תווך עבודה – ארבעט פערמעקלער	1
מעגילה – מאנגעל	3
נושאי חלב – מילך טרעגער	3
קבלני משנה – אנטיפיונערן (בוי אונטערנעם)	2
בדחן וכלי זמרים – בדחן און קלעזמרים	6
חלפנים ומלוים בריבית– געלט טוישער, פראצענטניקער	5

פרטים - איינצעלהייטען	
פקידים - בעאמטע	7
פקיד יערות - וואלד שרייבערס	2
שדכנים - שדכן	1
כותב בקשות - פאדאניע שרייבער	1
במאי - טעאטער רעזשיסור	1
טכנאי שיניים - צאן טעכניקער	2
חובשים - פעלדשער	2
רופא שיניים - דענטיסט	2
רופא כללי - דאקטוירים	2
שרותים דתיים:	
רבנים - רב העיר	1
דיינים -	3
שוחטים -	6
מנקרים -	1
משגיחים -	1
מוהל -	2
חזנים -	2
שמשים -	2
הוראה:	
מלמדים -	15
מורים ומורות בבית ספר עממי	6
מנהלי בתי הספר (תלמוד תורה ובית יעקב) ו"תרבות"	3
ס"ה	121

אני חב תודה לאחי יחיאל בעבוד הכנת החומר הזה ורכוזו אשר כל יוצא לאסק ימצא בו תמונה מציאותית משנות 1930-40. מתוך הקשת הרחבה הזאת אנסה להלן לתאר ולפרט מספר ענפי פרנסה של בעלי מלאכה.

א. חייטות.

היו מספר חייטים אשר הכינו חליפות ומעילים למזמינים מתוך אנשי העיר ומכובדיה, ראשי השלטון, בעלי האחוזות (שווייצר), ופקידי המוסדות. רוב החייטים הכין לבוש סטנדרטי, אשר העמיד אותו למכירה בדוכנים ביום החמישי בשבוע, רובם התפרנס מזה בכבוד. אמנם היו כאלה שהמזל לא שיחק להם במלאכה זו, אבל היו ביניהם אשר נמנו עם עשירי העיר.

ב. סנדלרות.

לרוב הסנדלרים היו חנויות לממכר נעליים. גם אצלם עיקר הפדיון היה בימי החמישי של השבוע, כשאכרי הסביבה, לאחר מכירת תוצרתם ערכו את קניותיהם. היו גם סנדלרים שבחלקם הגדול עסוקים היו "בהזמנות לפי המדה". אך לא הרי חייטים כהרי סנדלרים, לסנדלרים היו כבר מתחרים פולניים. העבודה בעבור תושבי העיר לפי הזמנות, היתה בממדים קטנים בהרבה לעומת עבודת החייטות.

ג. תפרים.

אלה בעיקר התפרנסו מסנדלרי המקום. היו בעיר כ-8 תפרים ולכל אחד היו כבר מספר סנדלרים משלו. כאן יש לציין, שגם הסנדלרים הפולניים היו נאלצים להזמין את סחורתם אצל התפרים היהודים, עקב העדר תפר פולני בעיר.

ד. אופים וקצבים.

בעלי מאפיות ואטליזים התפרנסו, כמובן, מהאוכלוסיה היהודית בעיר. פרט לפדיון מוגבר בימי החמישי בשבוע מעוברי דרך, מכפרי הסביבה וכן בעונת הקיץ, ממקומות קייט שונים סביב העיר. (וויעבירזשין, קולומנע-טעאודורי). האופים והקצבים סיפקו מתוצרתם לחנויות במקומות אלה, שגם הם היו מאוכלסים כמעט מיהודים בלבד.

ה. פחחים, שענים, צבעים, נגרים ורפדים. -

כל בעלי מקצוע אלה התפרנסו בקושי מעבודתם, רובם עסק גם במסחר במוצרים מוגמרים ממקצועם, על-מנת להשלים את מקור פרנסתם. גם כאן, כמו בכל יתר המקצועות, היו מצליחים פחות ומשיגים הרבה.

היו סוגי מפרנסים אשר היו ספק בעלי מלאכה וספק בעלי עסק, כוונתי כאן לקבוצת סבלים עם עגלות וסוסים.

כל יוצאי לאסק, בודאי זוכרים, איך בשוק מול חנותו של ר' זליג קוזמין עמדו מספר עגלות עם סוסים, שצלעותיהם נפולות היו ואפשר היה לספור אותן מרחוק. בעליהם יושבים על מדרגות אחת החנויות, או מסביב לבאר (הפלימפ) ומחכים שיבוא מישהו להזמינם להובלה או לסבלות כלשהי. עניים מרודים היו כולם ובקושי מצאו את לחמם. לא פעם כלה היום והסבל לא השיג אפילו מספר פרוטות תמורת ק"ג חציר שנתן לסוסו. די אם אזכיר מספר שמות, כגון "דער געלער מרדכי, דער געלער וועלוועל, שמאי דעם געלן מרדכעס, אליהו

דעם געלן מרדכעס, הערשעל טרעגער' ועוד. לא אוכל להבין עד היום, שלמרות הדחקות הזאת שוזי בה דער געלער מרדכי, כל בניו הצטרפו למשפחת העגלונים ובנו את עתידם על עמידה בשוק והמתנה שמישהו יזדקק להעברת סחורה או רהיט ממקום למקום?

מי יודע? אולי בכל זאת היה מה שהוא נסתר במקצוע זה? !

תעשיה וחרושת זעירה:

א. בורסקאות.

הנני רואה את הבורסקאות (הגארבערייען) בלאסק לא כמלאכה, אלא כחרושת זעירה. הרבה שנים עיבדו הבורסקאים את העורות בצורה פרימיטיבית, בלי כל עזרה מכנית, אך בשנים האחרונות רוב הבורסקאים רכש מכונות ועבר לעבודה מכנית. העיר לאסק על הבורסקאים שלה, היתה מוכרת בסביבה ואפילו בווארשה הרחוקה, כעיר תעשית העורות. כל הבורסקאים, להוציא מן הכלל אחדים מהם, התפרנסו יפה מאוד מעיסוקם. מסחר העורות התפתח עד-כדי יצוא עורות מעובדים ויבוא חומר גלם מחוץ לפולין. הגארבער-גאס היה ידוע בריחו הספציפי, אבל גם ידוע בטעמו הטוב של פרנסה ולמעלה מזה.

ב. תעשיות אחרות בעיר.

כחרושת ותעשיה יש לציין את המנסרה (הטארטאק) של אחים ברז'עזינסקי, טחנת הקמח של קנטו-רוביץ ושותפיו, תעשית השמנים של בירענצווייג,

אוקלאדעק וליסנער. בתי חרושת למשקאות קרים, בירה ומי דבש (מעיד) של אחים קוכמן ויצחק ביגלאייזן (מקודם הערשעלע רוזנבלום). בית חרושת לאריגה של אברהם ברז'עזינסקי ואברהם הערש נוסקוביץ. כל אלה היו מפעלים אשר חשיבותם בכך שהיו המספקים היחידים של מוצריהם לכל העיר והסביבה. אעפ"י שהמועסקים היהודים במפעלים היה יחסי קטן, אולם בעקיפין נהנה כל הישוב היהודי מהם.

ג. ראשית הקואופרציה:

בשנים האחרונות לפני מלחמת העולם השניה פעל "הדז'וינט" בפולין בהקמת מפעלים שונים על בסיס של קואופרציה. כך להכונת הנוער היהודי למקצועות שעד אז היו ברובם בידי הפולנים והגרמנים. אחד המפעלים המפוארים, מפעל אריגה, הקים "הדז'וינט" בעזרת הבנק ומוסדות אחרים בעיר. מפעל האריגה היה מבוסס בהתחלה על קבלת עבודה מבעלי מפעלים גדולים יהודיים בלודז'. עשרות בחורים אשר היו סמוכים על שולחנם של הוריהם ללא דאגה לעתיד, התעוררו פתאום ומצאו בפעולת "הדז'וינט" עתיד לחייהם. חלק ניכר התחיל מיד ללמוד את המקצוע בעיר פאביאניץ והוחל בארגון הכספים למען רכישת מכונות. כל בעל מקצוע שהגיש בקשה לבנק יכול היה לקבל את העזרה המכסימלית להשגת המכונות הדרושות. כך שבמשך זמן קצר הוקם מפעל-אריגה-מאורגן אשר פרנס עשרות משפחות בעיר.

הזרימה של הנוער, ללימוד חייטות, סנדלרות, תפרות, אפיה ומקצועות דומים לאלה הופסקה לזמן מה ומקומה תפס מקצוע האריגה. רצוי לציין שהודות למפעל הזה התפתחו גם מוסדות אחרים בעיר, כגון הבנק וגמילת חסדים קאסע ע"י הגדלת הון החברים ופעילות שוטפת.

ד. מוסדות פיננסיים.

גולת הכותרת של כלכלת יהודי לאסק היו המוסדות הפיננסיים ובראשם "הגמילת חסדים קאסע" ובנק הקואופרטיב. לא היה אחד מהסוחרים הקטנים ובעלי מלאכה שלא נעזרו ע"י המוסדות הנ"ל. לא פעם הצילה הלואה כזאת את מקבלה ממצוקה כספית, שבלעדיה לא יכול היה להמשיך במלאכתו. כדאי להזכיר את ההלואות שניתנו לעגלונים וסבלים למטרת קנית סוס חדש במקום זה שמת.

על המוסדות הנ"ל חובה לספר רבות בספר זה, על הוסדם, מקורות ההון שלהם, הפעילות השוטפת ועסקניהם הרבים. אינני רואה את עצמי מצויד במספיק ידיעות על המוסדות הפיננסיים בעיר, כי הפעילות בהם היתה נחלתם של הדור המבוגר יותר. ואלו אני בשנות ה-30 הייתי עדיין בין הדור הצעיר שהקדיש את זמנו, מרצו וכוחו למען התנועה הציונית והגשמה.

לסיום: בתאורי את דמותו הכלכלית של הישוב היהודי בלאסק, שהינו, למעשה, חתך של כל הישובים היהו-דיים בערים הקטנות בפולין, רצוני שכל קורא ייזכר איך הוריו, קרוביו ושכניו עמלו במלאכה, מי במסחר ומי בשרותים שונים. כל זאת ע"מ לפרנס את משפחתו, לחנך את בניו ולהמשיך בחיים יהודיים. לבסוף בא הכורת הנאצי ושם קץ לקהילה הקטנה והמפוארת הזאת שהיתה מושרשת במקום במשך דורות.

קהילת לאסק היתה קטנה, אך תוססת ותרבותית, הדור הצעיר הגיע להכרה סוציאלית ולאומית. לולי המלחמה האיומה הזאת, היו ראשוני חלוצי לאסק בישראל זוכים לראות מאות ואולי אלפים מבני עירם נוהרים אחריהם ובאים לישראל.

שרגא נויכן

לאסקאי

נשים צדקניות בעיירה

רובם של החברים מלאסק, שמוסרים על מצב האוכלוסיה מהשנים לפני השואה, מציינים בעיקר, שהאוצר הפולני הוא הוא שדילדל ורושש את האוכלוסיה היהודית. הם מדגישים, שבגלל המסים הכבדים נסתם מקור הפרנסה של בעל המלאכה היהודי, המסחר והתעשיה הזעירה.

אינני אומר, שהדברים אינם נכונים בכל מאה האחוזים, אבל גוזמה בוודאי שיש בזה. דרכו של אדם, באשר הוא, להתאונן על משרד האוצר שהוא דורש את חלקו ברווחיו של הסוחר ושל אדם העובד. מאז ומעולם עיניו של האדם הפשוט צרות באנשי "מס הכנסה" ואפילו במס העיריה, המשתלם בעד השירותים הניתנים לאזרח ונראים לעין, מסרבים האזרחים לשלם, או דוחים את תשלומיהם מתוך צרות-עין בלבד. טבעו של האדם הפשוט בכך ואין להרהר אחרי הפסיכולוגיה ומחקריה.

אבל את לאסק בהתחלת המאה הזאת אי-אפשר להשוות לשנות העשרים והשלושים תחת שלטון העצמאי של פולין. בימים ההם, שתנועת "הבויקוט" טרם התפתחה והיהודים כאילו שלטו בעולם המסחר בפולין, היו בלאסק על כל 100 יהודים 96 עניים. לאסק וגם שאר העיירות אשר בסביבה היו אז מוצר חי של העיר "קבציאל" ביצירות "מענדעלע", מין "עמק הבכה", שהרבה מן המבקרים של מענדעלע כופרים בזה. אני חושד במבקרים האלה שהם לא זכו להיות ואפילו להציץ לאותן העיירות. אני ועוד כמוני שחיים

עודנו וזוכרים את לאסק ואת ענייה בימים ההם, מתפלאים איך ובאיזה נפלאות קיים היה ישוב יהודי זה.

נסים התרחשו יום-יום. נסים, שמקורם לא בחברות צדקה, שמעשיהן היו בפרהסיה, אפילו בפירסום יתר, אלא בקבוצה גדולה של נשים צדקניות, שעשתה מעשים של יום-יום ללא פרסום וללא הנהלת פנקסים. אשה כמתנת ידה אשר ברכה השם. עודני מהסס, אם לפרסם את שמות הנשים הצדקניות האלה, אולם "אור החסד" שהיה טמון בפעולו-תיהן של אלה, עודנו מאיר מתוך המחשכים של העבר עד היום. מכיוון שאנו עוסקים בהזכרת מעשה צדקה של איגודים, אירגונים וחברות, שנעשו בפרהסיה לטובת הציבור היהודי הנזקק בעירנו, נחטא, אם לא נספר מעט מן המעשים הטובים של הנשים החסודות האלה. לרוב נעשו הדברים ללא ידיעת הבעלים. והיו אלה בבחינת "מתן בסתר" שרק הבן-הבת, "השליח" ידע על כך, או החנוני, מוכר הדגים, הקצב והאופה שמרו על סוד המעשה. <u>דבורה אשת ר' טוביה שרצקי</u>, אמא של מרדכי שרצקי ז"ל, היא היתה רוח החיה בכל החבורה הזאת ופיגעלע אשת ר' וואלף שרצקי היתה המייעצת הראשית ומספקת תקציב לפעולות אלה. היתה קיימת רשימה מפורטת של כל המשפחות בעיר והכתובות, הנזקקות לעזרה זמנית, רשימה מיוחדת הנזקקות לעזרה מתמדת, רשימה מיוחדת של המשפחות הנזקקות לעזרה לשבתות ולחגים, בפרט לחג הפסח.

והיתה רשימה אחת, שהכותרת שלה היתה "הכנסת כלה". זאת היתה מונחת בתיק לחוד. כותב השורות היה במשך שנתיים, מזכירה של די "טויבע דבורה" בהתנדבות.

ניהל את החשבונות של ההכנסות וההוצאות שלה. כך נודע לו כל סוד ושיח מהנעשה בעולם טמיר זה. וזה לשון הנהלת החשבונות:

22.5.1918

שכר לימוד בעד... למלמד...	12 מארק
ללייבעלע שוסטער בעד 2 זוגות נעלים ל...	" 9
לשמעון-בער שבוע לחם וחלות ל...	" 4.30
ליורש בעד בד ל...	" 3.50
לשמואל-קצב בעד קאפ פלייש ל...	" 2.10
לשטרינא בעד לונגע לעבער ל...	" 2.10
½ קערץ קאראפעל ל...	" 2
למושה פאליק 4 פונט העכטלעך ל... ל... ל...	" 7
ליואל שניידער בעד 4 זוגות הויזן בשביל... ובשביל...	" 11.50
לרפאל היטלמאכער בעד 3 היטעלעך בשביל... ל... ל...	" 9
2 פיבלעך האלץ ל... ל...	" 11
לדבורה מירל בעד 4 ק"ג סוכר שחור ל...	" 2

כך נמשך דף ארוך של ההוצאות, שדבורה שרצקי קראה מתוך פתקות-קניה, שעליהן היו חתומות החנוונים או המקבל. שם המקבל היה רשום בשמו המפורש וכתובתו. כך היתה גם רשימת ההכנסה מסודרת כל מארק, לפעמים גם רובלים זהב וכסף. (לרובלים של נייר לא היה אז כל ערך). מעניין לציין שלא חסרו כסף אף פעם. על השאלה

מאין "הווייבער" מקבלות כסף? ענתה לי בצחוק, פון די "קניפלעך". מתוך רשימת ההכנסות ידעתי את רשימת הנשים שפעם פיגרו בתשלומים ועלי היה לכתוב תזכורות.

בפיסת הנייר שיש ברשותי אפשר ללמוד מן הפרטים שבו על הכלל. וכאן רשימה קצרה של נשים צדקניות,שפעלו בסביבה שלהן, בשלחן אוכל והלבשה, נרות לשבת ויין לקידוש "וטשאלנט" עליהן היתה צריכה להיות עין פקוחה על "הבית" אם, חלילה, יחלה מישהו בו ויצטרכו פעלצ'ר או לרופא. על עקרת הבית הזאת הוטל במקרה כזה לפנות למשהלע בורנשטין, שהיה אז גבאי "בלינת הצדק".וכך היה כתוב: אחדות על-שם הבעל ואחרות בשם ושם המשפחה:

פייגעלע שרצקי
מינדל זאנוועלס
גאלדע ביילע
רחמה ליסנער
דבורה שרצקי
בראנע ראובן שלומ'ס
דאבריש העניך יודע משה'ס
משה פאליקס ווייב
שלמה מייטע שמחהלעס ווייב
פייגע ליפשע
רויזע חיים וואלפס
פייגע דעם טויבן שלומ'ס
מרדכי בארדס ווייב
אברהם לעווקאוויטשס ווייב

יעקוב לייב קייזערס ווייב
שלמה בעסערגליקס ווייב
שמחה-לייבס ווייב
אהרון וויערניקס ווייב
דער קאמאכערס וייב
לייביש לויס ווייב
שווארצן אברהמס ווייב
משה בעקערס ווייב
בן ציון הורביצס ווייב
לייזער מאכלס ווייב
שמעון פוקץ'ס ווייב
לאה ביאליק
דעם יורשס ווייב
שמעון בערס ווייב

שלמה קורנס ווייב
דוד שמעונס ווייב
חנה מירל ליפמאנאוויטש
רייזל פאלקא
לאה'לה כץ

מאיר באמס ווייב
בלאשקן בעקערס ווייב
ריפטשא רייכבארט
ועוד ועוד.

די דערמאנטע זענען נאר אטייל, וועלכע זענען געבליבן ביי מיר פערשריבן. נאר דבורה, זכרונה לברכה, האט אלעמען געדענק און ווי אמזמור מיר פוירגעלעזן ווער פון זיי שיקט "וואכנגעלט" און ווער פון זיי קאכט דאפעלטע פארציעס און בעזארגט זיי דורך אייגענע שליחים צו די ארימע משפחות.

אלה שהזכרתי מתוך הדף שברשותי, הן רק חלק מן המחנה הגדול של נשים צדקניות שפעלו במשך שנים רבות בהנהלתה של דבורה שרצקי. דבורה רק היא ידעה את כולן בע"פ. היא, בעשותה את סיכום החודשי מתוך מחבדתה, הייתי אני רושם את התורמות "דמי שבוע". זה נחשב לתקציב היסוד שלה. את אחרות שבהן, רשמתי בין הפועלות יום-יום לטובת אותן המשפחות הנזקקות, כגון, המבשלות ארוחות כפולות בביתן, לעצמן ולמשפחה המאומצת. הילדים בבית היו שליחי המצווה. כל זה נעשה בשקט ההולם למתן בסתר. היו מקרים שדבורה היתה זקוקה להשיא "בוגרת" ובתקציב השוטף אסור היה לגעת, כולו היה קודש להאכיל רעבים. אז נמצאו שתי עקרות-בית מכובדות. יצאו מלובשות כבנות מלך, כאילו הלכו לתפילת "כל נדרי". מטפחת משי לבנה בידי אחת מהן וחזרו על בתי העיר,(בדלגן

על בתים שונים). בעיר ידעו כבר לכבד את בואן. מפעל כזה של שתי "גבירות העיר" הספיק להביא לחופה אחת הבנות כדת משה וישראל. לא חסר לזוג הצעיר משרוך-נעל עד למלבושי כבוד כמו לבנות הגבירים בעיר. ועל שמחת מצווה כזו, היה גם הרב ר' יענקל'ע מסב לפעמים עם בעלי השמחה עד הסוף.

דבורה שרצקי זכתה לעלות ארצה, פייגעלע שרצקי שלחה את בנה דוד ארצה, באומרה לו: אם אתה רואה את ארץ ישראל כנקודת אושר לעצמך, הריני מוותרת על אושרי אני, אף-על-פי שאתה הגבר היחידי בבית, צאתך לשלום! זכותן של אלה, אמהות לאסק, תעמוד לנו ולבנינו!



אלאסקער

סוחרים און האנטווערקער פעראיין

סוחרים און בעלי מלאכות האבן זיך ארומגעזען, אז אויב זיי וועלן זיך נישט ארגאנעזירן, וועלן זיי גאר אין אקורצע צייט דארפן שטיין אין די רייע פון בעטענדע אהלוואה: אין די גמילות חסדים קאסא.

האבן זיך די קליינע-סוחרים און בעלי מלאכות פערזאמעלט אויף אספה און בעשלאסן גרינדן אבשותפות-דיקן פעראיין פאר בשותפותדיקע דאגות.

דער לעבענדיקער נערוו פון דעם פעראיין איז געווען דער ענערגישער און שטענדיק גוט געשטימטער דוד וויוויעצקי. צוטרעדנדיק צו קאנסטרוקטיווא מעשים האבן זיך ארום דעם פראיין צוזאמענגעקליבן די שענסטע יידן פון צעווישן סוחרים און האנטווערקער. שבתי קאכמאן, ישראל טאפארעק, יעקל דוד אקלאדעק, לייזער סימעל, שלמה נאסקאוויטש, אבא ביאליק, הערש לייב ביגעלאייזן, וואלף קאנטאראוויטש, דער פלצ'ער יהודה זינגער, אבא פיאטרקאווסקי, לייביש ליפקאוויטש, זכריה רייכבארט און אברהם בוראקאווסקי (ווו זענען די לעצטע צוויי נישט געווען?)

אלעם ערשטן איז גערעדט געווארן וועגן גרינדן אבאנק, וועלכע זאל קענען געבן קרעדיט; גרינדן אקאאפעראטיוו, וועלכער זאל בעזארגן זיינע מיטגלידער

מיט סחורות און פראדוקטן אויך ביליגע פרייזן. די הויפט אויפגאבע, דערציילט יעקל לעווקאוויטש, האט אויף זיך דער פעראיין גענומען צו שטיין אויף דער וואך אום צו פערגרינגערן דעם שטייערן-יאך פון די האנטווערקער און סוחרים. פאדערן ביי דער שטייער מאכט עס זאל אין די שאץ-קאמיסיע אויך זיין פערט-רעטן יידישע פוירשטער פון סוחרים און האנטווערקער פעראיין, ווי אויך אויפמערקזאם מאכן דעם שטייער-מאכט אויף דער נישט גערעכטיקייט באפליכטן בעלי-מלאכה אז יעדער מוז אויסקויפן 2 ערלויבענישן:

היו אלה דמדומים של ימים גדולים, שבאו אחר כך בתנופה רבת היקף, לדור שפילס לעצמו נתיב רחב לקראת אור ודעת. בין חובשי בית המדרש נמצאו זה כבר בחורים צמאי דעת שהציצו בספרים חילוניים, נמשכו אחריהם וקראו בהם בסתר. ואוי לזה שנטיה זו נודעה ברבים ולבית הוריו. היו מקרים שהורים קרעו והעלו באש ספרים שבניהם הביאום הביתה ונראו בעיניהם בלתי כשרים. איך אני בא לקטרג חלילה על ההורים שומרי המצוות, שדבקים היו באמונתם הכנה, שרק מלך המשיח יגאל אותנו ויביאנו לארץ הקודש. - ברטט של כבוד אנו מעלים את זכרם על דל שפתותינו, באהבה אנו זוכרים "הגירסא דינקותא", התורה והחכמה שלמדנו מפיהם. - ברצוני רק להעלות כאן ולהדגיש את הקשיים ואבני הנגב שנערמו בדרכם של בנים מבתים אלה, שפילסו להם דרך לתנועה החלוצית.

במרוצת הזמן התחילו השומרים מקן לאסק לצאת להכשרה לקיבוצים, אך לארץ הגיעו מהם מעטים.

זכור לי מקרה כשאלטה ביאליק (בת ר' דוד'ל ביאליק) - אחת השומרות הנלהבות - אושרה לצאת לקיבוץ הכשרה. ההורים אסרו זאת עליה. בכל-זאת בבוקר בהיר אחד עזבה את בית הוריה ונסעה לקיבוץ הכשרה בכרובישוב. כשדבר נסיעתה נודע להוריה, התאבלו ממש. מישהו סיפר לאמה, שבתה עדיין מסתתרת בביתו של ר' אבא

ביאליק. האם הלכה לשם ולא מצאה אותה, ישבה שם ליד הדלת כל הלילה עד למחרת הבוקר. - היא לא תעזוב את המקום עד שלא יחזירו לה את בתה, אמרה.

כמה מוזר הוא כל זה היום, ממש לא יאמן כי יסופר - ובכל זאת, זאת היתה המציאות של העיירה אז.

כשחזרה אלטה מההכשרה ללאסק סיפרה רבות על הקיבוץ, דיברה בהתלהבות על האידיאל הגדול של חיי העבודה, על "דת העבודה", על האדם העברי החדש והחברה החדשה שקמה בארץ-ישראל.

נישאה לאברהם נחום שירדזקי, - גם הוא חניך השומר הצעיר. הם עלו לארץ בשנת - 1932 וחיו בירושלים.

לאחר עלייתי ארצה, בקיץ שנת 1934 -, נודע לי שהיא חולה אנושה אחרי לידה, ושוכבת על ערש-דוי. הייתי אז במושבה מגדיאל ועדיין עולה בלתי ליגאלי בארץ. למרות החשש בפני "עין-רעה", נסעתי לירושלים לבקר אותה. לצערי, לא היתה עוד בחיים. נפטרה ימים מספר לפני בואי. ראיתי את אברהם נחום באבלו על אלטה - עטוף צער ויגון, אדם שבור שגורלו התאכזר לו, ישב, ושפתיו דובבו בלי-הרף - אלטה, אלטה...

את חייו המשיך אברהם נחום ללא שמחה. בלב דואב זכר את אשת נעוריו.

הלך לעולמו באבו אחרי קום המדינה - נשמור את זכרם!

עברו שנים. כרגיל בתנועות, אחרי עליה באה ירידה. כן גם היה בקן השומר בלאסק. אחרי ההתלהבות הגדולה באה ירידה. חלו תמורות בקן, בעיקר בהנהגה.

אלה שעמדו בראש הקן התחילו לפרוש בגלל סיבות שונות, אישיות ואידיאולוגיות, ומשבר פקד את התנועה בעיר. הפעילות הצטמצמה. היו עזיבות בגלל השקפות שנגדו את התנועה וסתם נשירות. כעבור זמן דעכה האבוקה שכה הלהיבה והאירה את לב הנוער בעיר.

התנועה אמנם היכתה שורשים בלב החניכים,אך הקן בתור שלמות, חדל להתקיים.

עברו שנים מעטות ובא"י פרצו מאורעות של שנת 1929. רוח חדשה נשבה שוב ברחוב היהודי. אוירת א"י וקיבוציה אפפה את הכל. הנוער היהודי הרגיש שעליו לקום לעזרת אחיו בא"י. דברו על רשום מתנדבים לעזרת "ההגנה" בא"י ועוד. נוסדו קיבוצי הכשרה בעיירות פולין, התארגנו תנועות נוער חלוציות שנהפכו לתנועות עממיות על כל גווניה. קם נוער מבני העם, בחורים ובחורות חופשים מפחד ודעות קדומות - חסונים וצעירים, מכונפי חזון הגאולה ובטוחים בייעודם החלוצי, הסולל דרך לאומה המתחדשת בא"י.

גם בעירנו התאספה קבוצה קטנה של בחורים ביניהם יוצאי "השומר-הצעיר", בני סוחרים וחנונים, והחליטו ליסד סניף של תנועת החלוץ בעיר. כך קם אצלנו סניף של התנועה הגדולה "החלוץ הכללי" בפולין.

לסניף החלוץ הצטרפו חברים חדשים. התחיל לפתח פעילות רחבה בעיר, פעל רבות למען הקק"ל. למדו עברית וצלילי השפה העברית ושיריה נשמעו בכל מקום שם התאסף הנוער. דיברו והתווכחו על האדם העברי החדש, על החברה החדשה שתקום בא"י, על חיי הקומונה בקיבוצים בלי מנצלים ומנוצלים, על האמונה באדם ועוד אידיאלים יפים כאלה.

הראשון שעלה ארצה מבין חברי החלוץ היה זליג בורנשטין. הוא קבל "סרטיפיקט" (אישור לעליה) ממשרד הארץ ישראלי בוארשה עפ"י זכות מיוחדת.

לפני עלייתו נערך לכבודו נשף פרידה גדול, מטעם אגודת הציונים ו"גדוד הקק"ל", לאות הערכה לזליג, שכיהן "כמורשה" הקהק"ל בלאסק שנים רבות. הנשף התקיים בביתו של משפח' אפרים נוסקוביץ. הרבה ברכו אותו, הביעו הערכה ודיברו בשבחו על פעילותו המסורה רבת השנים למען הקהק"ל.

בשירה ורקודי הורה סוערים התכנסו גם חברי החלוץ למסיבת הפרידה לכבוד זעליג בורנשטין, בלילה האחרון לפני נסיעתו. ("עפעס אקלייניקייט") חלוץ ראשון מבין חברינו, מסניף לאסק עולה לא"י! בשמחה ורינה עד אור הבוקר חגגנו את עלייתו. רבים מבני העיר ליוו אותו לתחנת הרכבת בברכת עלה והצלח! ולהתראות בא"י העובדת!

חברי החלוץ מהסניף יצאו להכשרה, עברו לחיים חדשים של עבודה וחיי קומונה בקיבוץ. הסתגלו לעבודה פיזית שלא היו רגילים בה, עבדו בעבודות שונות וקשות, במנסרות, בחטיבת עצים אצל יהודי העיירה, ואפילו לשואבי מים היינו, כי שאבנו את המים "מהמקוה" של בית-המרחץ. החלוצים בקיבוץ לא זלזלו ולא בחלו בשום עבודה קשה. כל עבודה, טובה היתה בעיניהם ועשו אותה באהבה, וחלמו על עליה לארץ ישראל. אולם תורם לא בא. באו ימים קשים של גזירות והגבלות. האנגלים סגרו את שערי הארץ בפני העליה החלוצית.

בלית-ברירה התכוננו החלוצים לבלות שנים בקיבוצי ההכשרה בתנאי סבל קשים וחוסר מזון מספיק וברוחם לא נפלו. רעבו, שרו והמשיכו לרקוד - כך זה נמשך שנים.

והנה נפלה הסיסמה: לפרוץ את ההסגר ולעלות! ביודעים ובלא יודעים עלו, כי קצה נפשם בגלות ולא יהיו שערי הארץ נעולים בפני צעירים יהודים צמאי מולדת. אפילו האימפריה הבריטית הגדולה לא תוכל להם!

לפי צו מגבוה התחילה העליה הבלתי ליגאלית בכל הדרכים.

עננים כבדים התחילו לכסות את פני השמים באירופה, הסימנים הבולטים שנראו באופק, העידו, כאלף עדים, על הזעזועים הקשים העומדים לבוא. האנטישמיות הרימה ראש ואיימה. בגרמניה עלה היטלר לשלטון והבטיח להשמיד את העם היהודי - ולא האמינו - אולי כן האמינו?... האמינו אולי יותר מדי בשר של האומה ובמצפון העולם - -

אחד שעלה ארצה לפני המלחמה, מבין החלוצים מסניף לאסק, היה זכריה רוקמן ז"ל, חלוץ ותיק שישב בקיבוץ ההכשרה שנים רבות. הגיע לארץ בשנת 1937 וחי בכפר-סבא. היה פעיל "בהגנה", השתתף במלחמת הקוממיות ונפל בקרב בשרון הצפוני. אנו מזכירים את שמו בגאון!

אברהם קוז'מין



עסקני הקק"ל







צבי מיכאלי (מיכאלוביץ)

וועגן געזעלשאפטליכן לעבן אין שטעטל

וויצ"ו פרויען פערבאנד.

די פרויען ארגאנעזאציע וויצ"ו האט זיך אין דער גאנצער צייט פון איר עקזיסטענץ אקטיוו בעטייליקט אין אלע ציוניסטישע טעטיקייטן פון דער ציוניסטישע ארגאנעזאציע אין לאסק. אירע חברות האבן אריינגעדרונגען דורך זיירע מעשים טובים דעם נאציאנאלן פאלקס געדאנק, כמעט אין יעדער שטוב. זייער פלייסיקייט האט ארויסגערופן ביי דער יידישער בעפעלקערונג גרויס דרך ארץ. אין שפיץ פון לאסקער וויצ"ו איז געשטאנען ריווא בוראקאווסקי און אין דער פערוואלטונג:ביילה כאבעלסקי, אלטא קעמפינסקי, רוחמה וואלקאוויטש, טאלא מיכאלאוויטש און אנדערע. ארום דער וויצ"ו, האבן זיך כמעט שטענדיק געפארעט און אנטיילגענומען אויך יינגערע מיידלעך פון "הנוער הציוני" און נישט אפיציעל זיך גערופן "יונגע וויצ"ו".

פון צייט צו צייט האט וויצ"ו איינגעארדנט "באזארן" לטובת הקרן הקימת אין שטאט. די באזארן טעג, האבן תמיד געשאפן איום-טובדיקע ארץ ישראל שטימונג ביי אלעמען. אפילו חסידישע פרויען, האבן געגעבן "מתן-בסתר" לטובת די וויצ"ו טעטיקייטן. אויך אין פאליטישן זין האט וויצ"ו געהאט אבכבוד ארט אין שטעטל. פאר פערשידענע וואלן, אינערליכע און

אויסערליכע האט וויצ"ו ארויסגעוויזן די נאציאנאלע יידישע נאענטקייט און געהאלפן פערשטארקן אונדזערע פאזיציעס. געציילט האבן זיי ביז 70 פרויען און פיל סימפאטעקער. זייער געבענטשטער טעטיקייט איז דורך די נאצים פערלאשן געווארן.

"הנוער-הציוני"

אין 30-סטן יאר איז ביי אונדז ענטשטאנען די ציוניסטישע יוגענט ארגאנעזאציע. יוגענדליכע, וועלכע האבן געענדיקט די פוילישע שולע און די מאטעריעלע מעגליכקייטן צו ווייטער-לערנען האבן זיי נישט געהאט, האבן זיי זיך געפונען ווי ליידיגייער אין אפוסטן הלל. דא זענען זיי צוהילף געקומען די עלטערע חברים: יחזקאל קעמפינסקי און די געלע עטא; זיי צוזאמענגע-קליבן און פערבינדן מיט ציוניסטישן אידעאל "הרצליה". געדינגען אלאקאל ביי משהלע בארנשטיין אין הויז און דארט אנגעפאנגען זייער טעטיקייט. צו אלעם ערשטן, גענומען ערנסט לערנען די יידישע געשיכטע, די ציוניסטישע געשיכטע און געפלאנצט באוווסטזיין אין אקטועלע פראבלעמען פון אונדזער פאלק אין גלות און אין ארץ ישראל און געלערנט עברית.

געווען זענען 2 קבוצות. די עלטערע האט געפירט יחזקאל קעמפינסקי און די יינגערע די געלע עטא. דער ציל איז געווען: לערנען און לעזן און זיך ערנסט גרייטן צו גיין אויף הכשרה. דער עיקר, זיין גרייט מיט אלעם צו פארן קיין ארץ ישראל. דער ערשטער, וואס

איז געגאנגען פון צעווישן זיי אויף הכשרה, איז געווען הערש יוסף מיכאלאוויטש. אין שטעטל טורעק איז געווען אגוטער הכשרה פונקט פון החלוץ הכללי, מיר האבן דארט זער שווער געארבעט. שפעטער זענען אויך געקומען צו אונדז אויף הכשרה, שפרינצא סענדזיעווסקי און שמואל וויגאצקי, אויך קלארא ברוסט האט אין טורעק אדורכגעמאכט איר הכשרה. הערש יוסף און קלארא ברוסט זענען בעשטעטיקט געווארן דורכן צענטראל קאמיטעט צו עליה. אום איינצושפארן אסער-טיפיקאט איז נגזר געווארן פון "אויבן", אז פון מירביידן זאל ווערן א פארל דורך פיקטיווע חופה וקידושין. אונדזער רב האט צו דעם נישט מסכים געווען. די עלטערן האבן זיך דערין אריינגעמישט און האבן צום סוף אויסגעפוילט ביים רב, אז מתית-שוחט זאל געבן חופה וקידושין. דא האט זיך דאס "מיליטער דינסט" אריינגעמישט און צונישט געמאכט דעם גאנצן פלאן. אזוי האבן מיר זיך לויטן דין אויך געגט. קלארא ברוסט איז טאקע געפארן קיין א"י און איך בין געגאנגען צום מיליטער.

בקער זיך צוריק צום "הנוער הציוני". דער לאקאל אין מארק איז פאר אונדז געווען ענג און די שכנים האבן פון אונדז נישט געקענט אויסהאלטן. מיר האבן געפונען א צווייטן לאקאל ביי מאכל שראצקי, אגרעסערער און בעקוועמער לאקאל ווי סאיז געווען דער ערשטער. אבער אויך אין נייעם לאקאל האבן אונדז די שכנים נישט געוואלט ליידן. מהאט דאך געדארפט

אטאנץ טועץ, אזינג טועץ און ארום די שכנים האבן
געוואלט רועץ נאך אשווערן ארבעטס-טאג. מיר האבן
נישט געקענט אין יענע יארן זיך פיל רעכענען מיט
דעם, וואס שכנים ווילן. מיר האבן ווייטער מיט מער
טעמפעראמענט געפירט אונדזער ארבעט. מיט דער צייט
איז יחזקאל קעמפינסקי געווארן אונדזער גייסטיקער
פאטער. אויך זייענדיק אויף הכשרה האב איך אנגעהאלטן
אשטענדיקן קאנטאקט מיטן"הנוער הציוני" אין לאסק.

המכבי

סהאט שוין אין לאסק פון לאנג עקזיסטירט אטורן
און ספארט פעראיין. דער פעראיין איז געווען
"אונפארטייאיש" אצוזאמענמיש פון אנטיציוניסטן, פון
אביסל בונדיסטן און קומאניסטן, געווען אזעלכע צווישן
זיי וואס דער עיקר פון זייער טעטיקייט איז געווען
געווענדעט געגן אונדזער ציוניסטישע ווארימקייט. אין
טיילווייז איז זיי געלונגען אין דעם טורן-פעראיין
צו-פירן אנשטאט ספארט איבונגען דיסקוסיעס און אזוי
ארום אפשוואכן אונדזערע פאזיציעס. סאיז זיי אויך
טיילווייז געלונגען אפצורייסן גוטע חברים פון
אונדזערע רייען און זיי פערשלעפן אין זיירע
קאמוניסטישע ווינקעלעך. מיר האבן איינגעפונען, אז
אונדזער חברישאפט אין טורן-פעראיין איז שעדלעך פאר
דער ציוניסטישע יוגענט. בעשלאסן און געטוען. מיר
האבן פערלאזן דעם טורן-פעראיין און גלייך אויפגע-
שטעלט פאר זיך דעם "מכבי".

דער הויפט גרינדער איז געווען שמואליק ביאליק מיט דער הילף פון אלע יונגע און אלטע ציוניסטישע עסקנים. יעדער האט צוגעלייקט אגוטע האנט. אצופאל פון אשרפה ביי משה גדליה פיאטרקאווסקי אויף דער גארצינער גאס, האט אונדז ערמעגליכט צו ערווערבן דאס פערברענטע הויז פאר אגוטן ספארט-זאל. ביז 200 חברים האבן מיר געציילטביים גרינדן. דער הויפט אקטיוו זענען געווען 40 חברים. געהאט אייגענע ספארט אינסטרוקטארן און אויך פרעמדע. מיר האבן איינגע-ארדענט אימפרעזיעס ביים גראבן וולאדעק אין פארק, דורכמארשן דורך די שטאט אין ציוניסטישע יום-טובים. דער "מכבי" האט געהאט זיין ספעציעלע קליידונג, וועלכע האט ארויסגערופן ביי אלע לאסקער איינוווינער התפעלות. צווישן "מכבי" און טורן-פעראיין האבן דאך געהערשט פריינדליכע בעציאונגען. מיר פלעגן בשותפות איינארדענען פיירונגען און אויך ביי געדעקטע טישן כאפן צוזאמען אציוניסטיש זמרל. זעענדיק אפאטאגראפיש בילד פון יענע יארן, דערמאן איך זיך ווי עס וואלט ערשט נעכטן געשען. מיר האבן איינמאל איינגעארדנט אזער אימפאזאנטע דיפילאדע-מארש איבערן שטעטל. דער "מכבי" בלאז ארקעסטער פון זדונסקא-וואלע איז געגאנגען אין דער שפיץ. נאך זיי די לאסקער "מכבי" גרופן יום-טובדיק געקליידעט. יינג און אלט, יידן און קריסטן, האבן אונדז מיט פרייליכע פנימער בעגרוסט. די שמחה איז געווען גרויס, זעענדיק ווי פוילישע גענערעלער שטעלן זיך אפ און סאליטירן דעם "מכבי" מארש. חדשים לאנג האט מען דאוועגן גערעדט אין שטעטל

און יעדער האט זיך מיט פערגעניגן בעלעקט פון דעם
גוטן און שיינעם איינדרוק וואס דער "מכבי" האט
אלעמען פערשאפט.

די ליכטיקע "מכבי" טעג האבן אנגעהאלטן מיט
זייער פולן עקסטאז ביזן פערלאזן לאסק פון שמואליק
ביאליק. שמואליק איז געפארן קיין ארץ ישראל און זיין
ארט האט פערנומען וואוועשע רייכבארט. ער אלס שילער
אין ארטיקן גימנאזיע, האט זיך נישט געקענט אזוי
שטארק איבערגעבן צום "מכבי" ווי עס האט דעם געטוען
שמואליק ביאליק. זקן רייכבארט אלס חבר אין "מכבי",
איז ספעציעל געווען איבערגעבן דעם "הנוער הציוני".
אויך ער איז געווען פערנומען מיט זיינע לימודים,
דעריבער האט מען פון אים נישט געקענט אסאך פערלאנגען.
כמוז דערמאנען מיט אהארץ פול מיט דאנקבארקייט
אונדזער גוטע שכנה זדונסקא-וואלא, דעם "מכבי" און
זיינע פירער, וועלכע זענען געווען ווי אייגענע
ברודער אין געקומען דעם לאסקער "מכבי" צו הילף
ביי יעדער געלעגענהייט. בעזונדער האט זיך אין
מיין זכרון איינגעקריצט דאס ליכטיקע געשטאלט פון
ד"ר לעמבערגער הי"ד פון זדונסקא-וואלא. מיר פלעגן
אים אפט איינלאדענען צו פערשידענע רעפעראטן. זיין
קומען צו אונדז אין שטאט איז יעדעס מאל פערוואנדעלט
געווארן אין איום-טוב.

<u>דראמאטישע סעקציע ביים "מכבי"</u>

מיר האבן געהאט אקליינעם דראמאטישן קרייז. די
גוטע האנט פון אפרים נאסקאוויטש האט מיט דעם
דראמאטישן קרייז אויסגעפירט געשמאקע איינאקטער.



מצעד קבוצת "מכבי" בלאסק ביום 3 במאי חג הלאומי הפולני.



טיול ל"ג בעומר של ארגון "מכבי" בלאסק בשנת (1930.

ווען מיר האבן געוואלט פוירשטעלן א ערנסטע פויר-שטעלונג, האבן מיר זיך געוואנדן צו דער אלטע לאסקער דראמאטישע סעקציע און פון זיי בעקומען, מיט אגוטן רצון הילף. אלטע קעמפינסקי איז געווען איינע פון די בעגאבסטע אמאטארן פון קרייז. די הכנסה פון אזעלכע פוירשטעלונגען זענען אטייל געווידמיט געווען פארן ,קרן הקימת׳ און אויפצוהאלטן אונדזערע אינסטיטוציעס. מיר האבן פוירגעשטעלט אמאל "אמענטש זאלסטו זיין", סהאבן אויך אנטייל גענומען, די געברודער סימעל, סינא יעלין, חמיה פעטקע און נאך אנדערע. רעזשיסירט האט סינא יעלין. ער האט אויך אקטיוו מיטגעשפילט, יעדאס מאל מיט גרויס ערפאלג.

"קיבוץ ביל"ו"

אין יענע יארן האט זיך אין שטאט ארגאנעזירט אקיבוץ הכשרה פון "הנוער-הציוני". יששכר בארנשטיין איז געווען דער איניציאטאר פון דעם הכשרה פונקט. די ערשטע זארג איז געווען צו געפונען ארבעטס-פלעצער פארן קיבוץ. און דאס האט זיך איינגעגעבן. דער עיקר האבן זיך אפגערופן די געברודער ברזעזינסקי, צוזאגענדיק, אז סוועט זיין ארבעטער ווען פאר זיי ארבעט. אין אנפאנג האט דער קיבוץ ביל"ו געציילט 15 חברים און חברות. שפעטער איז דערגאנגען ביז 30. ביי נוח פיעטרקאווסקי אין הויז האט דער קיבוץ געפונען אגרויסן צימער, וועלכער איז געווארן געטיילט אין צווייען. איין טייל פאר חלוצים און דער צווייטער פאר חלוצות. פון נוח'ל-נתן ווידאווערס, האט דער קיבוץ

ביל"ו געהאט אלע הנחות. ער האט זיך בעצויגן צו זיי מיט פאטערישע ליבע און מיט-געזארגט מיט זיי וועגן אלעם,אום דאס חלוצישע לעבן שענער און לייכטער צו מאכן. ארבעט האט דעם קיבוץ הכשרה נישט געפעלט: אויפן טארטאק, ביי אברהמטשע ברזעזינסקי אין וואש ברעטלעך פאבריק, ביי די גארבערס, ביי שטעפער און ביי שניידערס און אין דער צייט פון אויסקאפן קארטאפעל, זענען אגרויסער טייל חלוצים בעשעפטיקט געווען דורך יששכר בארנשטיין.

אין קיבוץ ביל"ו איז געווען אויך אלערער מיטן נאמען שטיין. ער האט אלאנגע צייט אינטעריכטעט עברית צווישן די חברים אין קיבוץ און אויך אין דער "תרבות" שולע. דער קיבוץ ביל"ו האט אנגעהאלטן ביז דעם 38-סטן יאר. דער גרעסטער טייל פון קיבוץ איז עולה געווען קיין ארץ ישראל. צעליב די עליה בעגרעניצונגען פון די ענגלישע מאנדאטארן מאכט אין פאלעסטינא א"י,איז אין יענע יארן געפאלן דער געדראנג צו הכשרה. מיט הארץ ווייטאק האבן זיך די טײַרע הכשרה-חברים אומגעקערט יעדער צוריק אין זיין היים, האפענדיק, אז זיין תור צו עליה וועט סוף-כל-סוף קומען.

מענדעלין ארקעסטער אין שטעטל.

אין די "זודע פאבריק" האבן די מיידלעך און יינגלעך געשפילט אויף מאנדעלינען. מיר האבן מיט ליבע שטענדיק זיך צוגעהערט צו זייער שפילן און אויך מיט גרויס קנאה. די זיסע קלאנגען האבן זיך צעטראגן

איבער דער ארומיקע סביבה און טיף אריינגעדרונגען
אויך אין אונדזערע הערצער. סהאט זיך געשאפן ביי
יעדן פון אונדז אווילן און אדראנג צו לערנען שפילן.
שעיה מאיר ברזעזינסקי איז געווען דער איניציאטאר
פון ארגאנעזירן דעם געמישטן מאנדעלין ארקעסטער. ער
האט געפונען אקריסט, וועלכער האט געארבעט אין
פוילישן סקארב, אמענטש מיט אמוזיקאלישער בילדונג,
ער האט אויף זיך גענומען די לייטונג פון דעם
מאנדעלין ארגעסטער. 10 זלאטעס האבן מיר אים געצאלט
פאר אשעה לערנען. די שפילער זענען געווען: מאיר
קאבעלסקי, זקן און וואוטשע רייכבארט, געברודער
שפילמאן, צוויי ברודער מאנדעל, דריי ברודער
מיכאלאוויטש, יהושע דאווידאוויטש, משה מאנדעל,
שעיה מאיר קארן און אהרן פנחס ברזעזינסקי. א-
ספעציעלער שפילער אויף קלאוויר איז געווען לייביש
פרענקעל. קיינער האט זיך נישט פוירגעשטעלט, אז
לייביש פרענקל, וועלכער האט תמיד געהאלפן זיין
פאטער באקן גוטן לעקעך און פלעווע, זאל אין דער
צייט אויך האבן געהאט די מעגליכקייט זיך לערנען
קלאוויר שפילן. ער האט אונדז טאקע בעגלייט ביי
יעדער ארויסטרעטונג. די אויפטרעטונגען פון דעם
ארקעסטער איז שטענדיק געווען אגרויסע אטראקציע אין
שטעטל. מיר זענען אויך איינגעלאדענט געווארן צו
געבן קנצערטן אין די ארומענדיקע שטעטלעך: זדונסקא-
וואלע, ווידאווע, סטערצעוו און זעלעוו. אין זעלעוו
זענען אויך געקומען עלטערע יידן, שבתדיק געקליידעט,
אונדז הערן שפילן. אין אונדזער רעפעטואר זענען

געוועז אלגעמיינע מוזיקאלישע שאפונגען און אגרויסער
איסוואל פון יידישע נאציאנאלע לידער.

דער אינסטרומענטן צוזאמענשטעל פון ארקעסטער
איז געוועזן: מאנדאלינען, מאנדאלעס, גיטארעס און
קלאוויר. דער ארקעסטער האט אנגעהאלטן צוויי יאר.
עטליכע פון אונדז זענען געפארן אויף הכשרה,אנדערע
זענען געוועזן פערנומען מיט לימודים. אביסל זענען
מיר אנגעזעטיקט געווארן מיט קלאנגען, אזוי איז דער
שטענדיקער גורל פון יוגענט אינטערנעמונגען.
בעזונדער דער אידעאישר דראנג פון "הנוער הציוני"
האט תמיד בעהערשט אלעמענס הערצער.



נקודת הכשרה "בילו" של החלוץ הכלל-ציוני - הקבוץ בלאסק.

זאב אחי מחטשא

מיטן דיכטער יצחק קאצענעלסאן בצוותא

אין משך פון פיל יארן, האט געפלעקט דער דיכטער יצחק קאצענעלסאן קומען צו אונדז פון לאדז׳ יעדן זומער, ער און זיין פאמיליע אויף זומער וווינונג. געוווינט אמאל אויף דער אוטעראטע, אמאל אין וויעוויארצ׳ין און מייסטן טייל ביי פעדן. אין לאסק האט מען זיך באלד דערוווסט וועגן זיין קומען דורך זיין לאדז׳ער פריינט צבי ניימאן, וועלכער האט פון שטענדיק אן געהאלטן אווארימען קאנטאקט מיט די לאסקער משכילים און ציוניסטן.

ברוך, דער "מכלכל חיים" פון די לעטניקאס, האט געבראכט אין שטעטל די ידיעה אנגעשריבן אויף ניימאנס אוועזיט קארטע צו סיני בערקענוואלד, בזו הלשון: "המשורר יצחק" כבר בא. בואו בשבת זו בשעה $4\frac{1}{2}$ להקביל את פניו. צבי.

די איינלאדונג האט געוואנדערט אין שטעטל פון האנט צו האנט, פון מרדכילע שראצקי צו ז.רייכבארט, חמעל גערזאן, תנחום ביגעלאייזן, לייבעלע בארנשטיין, אפרים נאסקאוויטש און צום סוף אין בית מדרש אריין. מאיר בערקענוואלד האט די איינלאדונג אונדז, די קליינע חברה, איבערגעבן די ידיעה אין בית המדרש. שטארק אפגעהיטן פון "אעין הרעה", רופענדיק צו זיך, ביי אנאפענער גמרא, יעדן פון אונדז באזונדער



און מיט אגמרא ניגון איינגע-
זינגען אויף יידיש: ער איז
שוין דא. ער איז שוין דא!
"דעם שבת האלב פינף", קומסטו
צו "פעדן" אויף שלוש סעודות.
ביי מיר ווי אויך ביי יעדן
פון אונדז יינגערע בחורים,
איז דאס געווען אסוד מיט
הארץ קלאפעניש, ביזן בעזוך
און נאך אים. שבת האבן זיך
אלע בעלי-סוד געטראפן אויף אנאפענע ווארענדע, די
עלטערע לאסקער בחורים האבן שוין געהאלטן אין מיטן
אויכוח מיט קאצענעלסאנען איבער שמעון פרוג'ס אלידל,
וואס איז איבערגעזעצט געווארן אויף עברית אין
יענער צייט. באלד האט זיך דער ויכוח פערשארפט ביז
יעדער פון די גרויסע חברים האט געפרווט זיין כוח
מיט פערגלייכן פרוג'ס פויריקע לידער און די לעצטע;
דער דיכטער איז שטיל געזעסן און זיך גוט איינגע-
הערט צום ויכוח.

מיר די פרחי משכילים, האבן וועגן פרוגן דענצמאל
געהאט זער אקליינעם אנאונג. קאצענעלסאן האט אראפ-
געלאזן דעם קאפ און שטיל גענומען רעציטירן עטליכע
פרוג'ס לידער פון אויסעווייניק, און דערציילט,מיט
וואסערע לעבענס שוועריקייטן פרוג האט זיינע לידער
געשאפן: געשריבן אין דער רוסישער שפראך און
שפעטער אויך געשריבן זיינע לידער אין יידיש. דרך-

אגב דערציילט וועגן פרוגס ארבעטן אויף פערשידענע פאסטנס און דערמאנט אגאנצע ריי רוסישע מאנאט-שריפטן, וועלכע האבן פערעפענטליכט זיינע שירים. דאס ערשטע מאל אין אונדזער לעבן האבן מיר זיך דעמאלט דערוווסט וועגן יידישע וויסענשאפטליכער און שרייבער, ווי למשל: דינגבערג, הרכבי, לוואנדא און בן-עמי. בעתן רעדן האט קיינער פון אונדז נישט געפילט ווי די נאכט פאלט צו און אין די נאענטע ווארענדעס האבן זיך בעוויזן נאפט-לאמפן. צום סוף האט דער דיכטער יצחק קאצענעלסאן אונדז צוגעזאגט אופן צווייטן שבת צו ברענגען פרוגס געדיכטן אין עברית איבער-געזעצט דורך יעקב קאפלאן. וכך הווה. אזעלכע גוטע שבתדיקע פגישות מיטן דיכטער האבן אונדז ארייגעפירט היכל פון דער העברעאיש און יידישער ליטעראטור.

מיר האבן זייך אנוועזנהייט אין לאסק אויך אויסגענוצט און איינגעארדנט רעפעראטן אויף פערשידענע ליטערארישע טעמען. אדאנק אונדזער לאסקער גוטען-לופט און שמעקענדיקא סאסנא וועלדער, האבן מיר אין משך פון אסאך יארן, זוכה געווען צו לערנען ביים דיכטער און שרייבער יצחק קאצענעלסאן, זער פיל קאפיטלען פון דער העברעאישער און יידישער ליטעראטור. ער האט אויך אנגעצינדן ביי אונדז אגרויס ליכט פון ליבע צו ארץ ישראל און צום פאלק. דער אונטערפירער צבי נוימאן האט ביי יעדער געלעגנהייט פון די דערמאנטע פגישות דערציילט וועגן זיין בעזוך אין ארץ ישראל און דעביי איבערגעבן קאצענעלסאנס לידער

מיט זיירע מעלאדיאס. אבעזונדערן געשמאק האבן זיינע לידער ארויסגערופן ביי יעדן פון אונדז זינגער. אלייכטן ריטמוס, אפרייען קלאנג, זאפטיק און פאלקס-טימלעך. ממש פאלקס לידער, אין זייר אינהאלט,לייכט און פשוט, ווי געשמאקע לעקעך קיכלעך.

מיט הארץ האבן מיר געפלעקט זינגען זיין שיר המבול: מסוף עולם עד סוף עולם הס, תם כל בשר וכל אדם פס, רק מים, מים, רק מים, מים! אדער זיין "הידד, הידד גינה קטנה! זיינע ליבעס לידער האבן זיך ממש צוגאסן מיט זיירע לירישע קלאנגען איבערן גאנצן שטעטל.

היא נמה-נמה לה
אני קרבתי דום;
על פני מלאכי זה -
עוד רפרף החלום.

כגעדענק ווי ימים נוראימדיק האט געקלונגען זיין "ראש השנה":

ראש-השנה, ראש השנה,
בוא ברחמים בוא!
בוא לברכה, בוא להצלחה
בוא על ארץ פה.

בוא לחיים, בוא לשלום,
על כל עם וגוי!
בוא לברכה,בוא להצלחה,
בוא על ארץ פה.

אין משך פון מיין 42 יעריקער לערער ארבעט אין פוילן און דא אין לאנד האב איך צענדליקער פון זיינע לידער געלערנט מיינע שילער און זער פיל פון זיינע דראמאטישע תנ"כישע שאפונגען אויפגעפירט אין די בתי-ספר קינדער פוירשטעלונגען.
חבל על דאבדין!

וועלוועל משהלאס

דער יידישער טורן און ספארט פעראיין אין לאסק

נאך אין דערצייט פון ערשטן וועלט-קריג 1916 האט זיך ביי אונדז ארגאנעזירט איידישער טורן און ספארט פעראיין. ספערשטייט זיך, אז מיר, בית-מדרש בחורים האבן בלויז הנאה געהאט פון צוקוקן ווי יינגלעך און מיידלעך טורנען, און פערנעמען זיך מיט לייכט-אטלעטיק, שפילן פוטבאל און אנדערע שיינע ספארט איבונגען. געשטאנען איז אין דער שפיץ פון טורן פעראיין אברייטע פערוואלטונג מיט אשטארקן איניציאטיוו מיטן דעמאלדיקן פרעזעס אברהם נאסקאוויטש, דוד דזיאלובסקי, יעקל סימעל, חיים רוגודזינסקי און חיים ביאליק. די שיינגעקליידעטע טורנער האבן ביי אלעמען אין שטעטל ארויסגערופן אדרך-ארץ. בעזונדער אין איומא-דפגרא, ווען דערגאנצער טורן-פעראיין האט דורכמארשירט די יידישע גאסן אין זיין גאנצן פראכט. ממש ווי ביי אונדז אין ישראל אין טאג פון אונדזער עצמאות. געהאט א אייגענעם געדינגענעם זאל ביי די קעמפינסקיס אין הויז, און דארט געפירט זייער טעטיקייט.

די ציוניסטישע ביבליאטעק

ביי די ציוניסטישע ארגאנעזאציע האט עקזיסטירט פון לאנגע יארן אגרויסע און רייכע ביבליאטעק. ווער האט דען נישט געלעזן ביכער פון דער דאזיגער ביבליאטעק?

די איז בעוווסט געוועזן מיט איר רייכן ביכער-אויסוואל פון אונדזערע יידישע און העברעאישע קלא-סיקער ביז דער מאדערנער ליטעראטור. דא האבן זיך גייסטיק אויסגעלעבט יינגע יידישע ארבעטער און חסידישע בחורים, וואס האבן געלעזן די ביכער בגנבה.

די ציוניסטישע און שטאטישע ביבליאטעק איז געוועזן אשטענדיק פליסיקער קוואל פון די יידישע און אלגעמיינע ליטעראטור. ארום דעם לעזער קרייז פון דער ביבליאטעק זענען פון צייט צו צייט איינגעארדנט געווארן

רעפּעראַטן פון אַרטיקע כוחות און פון ליטעראַטן פון לאָדז׳, פּאַביאַניץ און זדונסקאַ-וואָלאַ, ווי הלל צייטלין, יצחק קצנלסון, צבי נוימן און מ. אלעי. די ביבליאָטעק איז געגרונדעט געוואָרן פאַר 60 יאָר בערך דורך איבערגעבענע בחורים משכילים ווי מרדכי שעראַצקי, תנחום ביגעלאייזן, יחיאל זילבערשטיין, לייבעלע באַרנשטיין, זכריה רייכבאַרט, אפרים נאַסקאַוויטש, סיני און מאיר בערקענוואַלד, פּסח יעקובאַוויטש און אַנדערע.

יעדער דור האָט בייגעטראָגן זיין טייל דער בויאונג פון די קולטורעלע אינסטאַטוציע, און געהאַט זיין פערוואַלטונג. די שטענדיק פריייוויליקע ביבליאָטעק-עסקנים האָבן ביי זיך ערצויגן אַניי דור לייענער פון דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור און אויך שטענדיק געדאַגהט פאַר געלט-קוואַלן אויף איינצוקויפן נייע ביכער און האַלטן אין גוטן צושטאַנד די ביבליאָטעק, דער מאַנאַטליכער בייטראַג פון די לעזער האָט קיינמאָל נישט געגוגעגנט אויף איינצוקויפן נייע ביכער און דעקן די הוצאות פון בינדן ביכער. די עסקנים און ביבליאָטעקער האָבן דעריבער, פון צייט - צו צייט איינגעאָרדנט געלט זאַמלונגען און ליטעראַרישע אַוונטן, אויך ספּעציעלע פאָרשטעלונגען, וואָס די הכנסות זענען געווען געווידמעט דער ביבליאָטעק. אין די ציוניסטישע חברה "משכן ישראל" האָבן אויך אַטיי פון די נדרים ביי עלית התורה געוואָרן געשפּענדעט דעם צוועק.



הספריה היהודית - די יידישע ביבליאטעק אין לאסק.

אדראמאטישער קרייז

אין יענע יארן האט פערנומען אבכבוד ארט אין שטעטל דער דראמאטישער קרייז. די "ארטיסטן" זענען געווען באלעבאטישע און פעאיקע בחורים, וועלכע האבן זיך אנגענומען מיט דרייסטקייט און אויסגעפירט גאלדפאדענס, גארדאנס, הירשביינס און שלום עליכמ'ס פיעסן און דראמען. די הויפט ארטיסטן זענען געווען: יעקל סימעל, חמיה פעקסא-קריס, זיינע צוויי טעכטער קריינדל און שרה, סינא יעלין, גדליה לוין, זאנוועל יעלין, רייזל קאמינסקי, מאכלא ווילנער, רחלע קרזעפיץ און רוזשקא צביה. רעזשיסארן זענען געבראכט געווארן פון לאדז' און פון זדונסקא-וואלע, גראמירער און סופלארן זענען געווען אייגענע, אברהם נאסקאוויטש און אנדערע. אויך מאלער פון דעקאראציעס זענען געווען ארטיקע. יעדער ספעקטאקל איז געווען גוט ארגאנעזירט, נאך זער אסאך פראבעס און מאטערנישן האט דאס שטעטל זוכה געווען צו "אפוירשטעלונג", אטעאטער. נאך אזא יום-טוב אין שטעטל, האט מען געהא צו זינגען און צו זאגן. אלע דינסט-מיידלעך האבן נאכגעזינגען די לידער פון דער געשפילטע פיעסע, און גאנצע מאנאלאגן פון יעדע פוירשטעלונג זענען אפילו אין בית מדרש אריינגעדרינגען.

אויף וויפיל איך געדענק, האבן די פיעסעס: "חאסא די יתומה", "חינקע פינקע", "גאט מענטש און טייוועל", "שולמית", "אחשורוש", "בר כוכבא" און נאך אנדערע פיעסעס געמאכט אין שטעטל אגרויסן רושם.

סזענען וואס אַמאל גרעסער געווארן די קרייזן פון טעאטער בעזוכער. דער איינציקער קעמפּינסקי זאל אין שטעטל איז קליין געווארן פאר דעם גרויסן עולם טעאטער בעזוכער. מיר בית מדרש בחורים, האבן געהאט ביי דער דראמאטישער סעקציע אספּעציעלע הנחה. נישט געצאלט פאר איינטריט און אלץ געזען (הינטער די קוליסן...)

איינציקווייז האבן זיך צוגעקליבן ארום דעם דראמאטישן קרייז נייע יינגע טאלאנטן, און די אויבן דערמאנטע "ארטיסטן" האבן זיי אריינגעפירט אין קונסטלערישן קרייז און זיי געבערענקט מיט מזל אויף דער סצענע. סהאט שטענדיק געהערשט אין די דראמאטישע סעקציע, מיט קליינע אויסנאמען, אחברישע דיסציפּלין. געקומען אין דערצייט אויף פּראבן און זיך אונטער-געגעבן, נאך אקליינע אמפערניש מיטן רעזשיסאר,און אנגענומען די צוגעטיילטע ראלע (ווייל אלע האבן געוואלט שפּילן הויפּט-ראלן). דער לאסקער דראמאטישער קרייז פלעגט אויך אמאל גאסטראלירן אין די נאענטע שכנישע שטעטלעך, ווידאווע, סטערצעוו, זעלעו און אויך אמאל אין זדונסקא-וואלע.

יחיאל נוימן

הצה"ר און בית"ר

אלס, פון אלעם גוטן האבן מיר געהאט אין שטעטל. קודם כל געהאט פרנסה ברווח... סהאט זיך פשוט געוואלגערט גאלד אין די גאסן. שולן, חדרים, בתי-ספר, "תרבות" שולן, גימנאזיעס, ביבליאטעקן און ארגעניזאציעס כעפרא דארעא: אלגעמיינע ציוניסטן, מזרחי, השומר הצעיר, החלוץ, הנוער הציוני, וויצ"ו און אויך נייס-פארטייאישע-קאמוניסטן האבן געמאכט אלעבן. (כהאב כמעט פערגעסן צודערמאנען די אגודת ישראל און די פועלי אגודת ישראל). אלע האבן געהאט חברים, מיטגלידער און סימפאטיקער, פראגראמען, צילן, לאזונגען און אמביציעס אויסצולייזן דאס יידישע פאלק מיט דער גאנצער וועלט. בלויז רעוויזיאניסטן און ביתרי"ם האבן געפעלט. האט זיך גאט ב"ה מרחם געווען אויף אונדז און אראפגעשיקט פון פאביאניץ צוויי גוטע בחורים (איטשע ניידאק און לאוונאסקי) און האבן אויפגעשטעלטביידע ארגאניזאציעס מיט אמאל. באלד האבן זיך גענומען די חברה צו ערנסטע ארבעט. אלעם ערשטן, אביסל לערנען ציוניזם מיט ז'אבאטינסקיס פירוש רש"י: פאר וואס נישט טאקע ארץ-ישראל פון ביידע זייטן פון ירדן?

צו וואס דארף זיך אזא גרויסע בעפרייאונגס באוועגונג פערנעמען מיט קויפן ערד, פלאנצן ביימער,



קבוצת ביתר"ים בלאסק

גרופע פון בית"ר אין לאסק.

ערשטע שורה פון רעכטס צו לינקס: ברעם רבקה, ברעם רוחמה, הימלפארב חנה, שיראצקא נחה, מאשקאוויץ חיים וואלף און ביינישׁ ווידאווסקא.

צווייטע שורה: אורבך (טאכטער פון טוביה אורבאך), דוד (אייניקל פון יוסעלע הערצקי), שמולעוויץ שאול, וויביעצקא ליפמאן, טאפארעק הערשיל, רוס נחמיה.

זיצן פון רעכטס צו לינקס: ברעם טובה, טענענבוים אברהם וולף און טענענבוים חיה.

בויען קאלאניעס, דערפער, שטעט אין ארץ-ישראל?! "ענדע-ציל", איז דער איינציקער אויסוועג צו ווערן אויסגעלייזט פון גלות.

נעמט למשל די דעמאלדיקע טעטיקייט פון די ציוניסטישע ארגעניזאציע אין פוילן, מיט גרינבוימען, גאטליבן און די גאליציאנער ציוניסטן, אין וואס איז

זי בעשטאנען? כיבוש הקהילות, וואלן צום סיים, צו שטאט-ראטן, קריגן זיך מיט די "אגודה"! ניין, האבן מיר געזאגט. מיר ווילן נישט אזא ציוניזם! למעשה, האבן מיר ווייטער ווי ביז דעמאלט, געארבעט פארן קרן-הקימת, פערקויפט שקלים, פונקט אזוי ווי אלע ציוניסטישע יוגנט ארגאניזאציעס.

קאלמאן דוינסקי און יצחק גאלדבערג זענען געווען די טעטיקע חברים פון וועד. מיט 30 חברים האבן מיר אנגעפאנגען און באלד האבן מיר זיך נישט געקענט אפציילן. לויט דער רשימה האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער צימער וואס מיר האבן געהאט אין איציק-דאזערס הויז איז פלוצלינג קליין געווארן. אזוי איז עס גוט געגאנגען ביז 1933. מיר האבן זיך אויפגעהערט ויכוחן און אנגעהויבן שפאלטן. ערשטנס, האבן מיר נישט געקענט פערדייען דעם נייעם פראיעקט פון זאב ז׳אבאטינסקי: פערלאזן די ציוניסטישע ארגאניזאציע און אויפשטעלן אנייע, אגרעסערע. צווייטענס, האט אונדז בעסער געפאלן מאיר גראסמאנס פלאן: בלייבן אינעווייניק און קעמפן פאר אונדזער אידעאל.

דער קריזיס איז דערגאנגען צום שארפסטן פונקט מיטן אנקומען פון די טראגישע ידיעה, אז ד"ר חיים ארלאזאראוו איז דערמארדעט געווארן אויפן תל-אביבער ים-ברעג דורך סטאווסקין. דאס האט נאך פערשארפט די מחלוקת אין די ציוניסטישע רייען אין שטעטל. בעזונדער אין רעוויזיאניסטישן לאגער האט זיך געפילט אשרעקליכע מבוכה. סטייטש, האבן אלע געטענהט , בלוט פערגיסן!?

דאס איז אוועג איבערצוצייגן אפאליטישן געגנער? סהאט זיך געטוען אויף טישן און אויף בענק! ערשט נאכן בעפרייאונגס פסק-דין פון סטאווסקין און ראזענבלאטן דורכן ארץ-ישראלדיקן בית המשפט, האבן זיך די געמיטער בערואיקט.

דער צה"ר איז כמעט פערשווינדן פון די לאסקער ארענא. אויף זיין ארט האט זיך געגרונדעט די יודנשטאטס ארגאניזאציע, גראסמאנס פארטיי.

דער פאליטישער טארעראם אבער, האט זיך מיט גארנישט פערקלענערט. אדרבא, סזענען באלד אונטער-געקומען וואלן צום 18-טן ציוניסטישן קאנגרעס. ז'אבאטינסקי האט אדורכגעפירט "אפלעביסציט" אין זיין מחנה איבער די בעשלוסן פון קאטאוויצער קאנפערענץ, סזענען געבוירן געווארן נאך קליינע גרופירונגען מיט שיינע נעמען אויף דער יידישער גאס. "ברית הקנאים", און "ברית החיל". אנס איז געשען וואס פויזנערזאן האט זיך באצייטענס גענומען צו אונדז. ער איז געווען דער יו"ר פון די גראסמאניסטן. מיר האבן זיך ממש מחיה געווען מיט זיין ערנסטע און איבערגעבענע ארבעט. (פויזנערזאן און זיין פרוי האבן אויך זער פיל געלייסטעט לטובת די "תרבות" שולע און אלע אנדערע אינסטיטוציעס אין שטעטל).

אין ארטיקן בית"ר האבן זיך די חברים נישט גענומען צום הארצן די אלע אויבנדערמאנטע געשעענישן

און זיך נישט געמאכט הערן וואס לייטן רעדן.

געפירט העברעאישע קורסן, געשיקט חברים אויף הכשרה קיין וואלא-קאנסטאנטין, איינגעארדנט רעפעראטן, געשאפן פארן קרן תל-חי. ווען די ביתרי"ם האבן זיך אומגעקערט פון הכשרה און נישט בעקומען די סערטיפי-קאטן צופארן קיין ארץ-ישראל, האט זיך מאיר כאבעלסקי געלאזט אין וועג-ארייןמיט עליה ב' און פערפארן קיין ארץ-ישראל ביז לאנדאן...

אין משך פון די ביתרישע טעטיקייט אין שטעטל, האבן בעזוכט אין לאסק גוטע רעפערענטן, ווי ד"ר ליפמאן, לאלעק רייכמאן און אנדערע.

דער בית"ר האט געפירט זיין ערציערישע ארבעט ביז די דייטשן זענען געקומען און האבן מיט איין "גזירה" אלס דערשטיקט.

מיטן געדאנק: אין דבר! נצח ישראל לא ישקר! זענען זיי געפאלן, ווי אלע אנדערע יידישע קינדער אין די ארבעטס-לאגערן, פערשמאכט, פערפייניקט דורך מגיפות און הונגער ביז צום טויט.

"בשוב אד' את שיבת ציון"... מיר בויגן די קעפ, כבוד זייער אנדענקן!

מחטשה טראובה

די "תרבות" שולע

דאס וואס די לדטוטאווער-ציוניסטן, אין אקליינן שטעטל ביי ווילערושאוו האבן געקענט טוען באלד נאכן ערשטן וועלט-קריג; אויפשטעלן אהעברעאישע שולע פון 7 קלאסן, ווו אלע געגענשטאנדן זענען געלערנט געווארן אין העברעאיש, אויפהאלטן אשטאב לערער און לערערינס מיט אלע אנדערע הוצאות, וועלכע זענען מיטן אויפהאלטן אזא שולע פערבינדן; האט אונדזער לאסק מיט זיינע פלייסיקע ציוניסטישע עסקנים, קוים זוכה געווען צו אנאכמיטאג שולע "תרבות" פון 4 קלאסן, און געלערנט האט מען נאר עברית, דאס איבעריקע האבן די תלמידים געלערנט אין דער פוילישער פאלקס שולע. ביז היינט איז קיינעם נישט קלאר געווארן די סיבה פון אזא אונטערשטעליקייט.

פון איין זייט האט די "אגודת ישראל" אין לאסק בעקומען גרויסע פליגל און בכוח פארמאכט אלע חדרים אין שטעטל און אין יאר 1918 געגרינדעט אחדר "יסודי תורה ותלמוד תורה", מיט אלע רעכטן פון אמינדערהייט פאלקס שולע. פון דער צווייטער זייט אין דער ציוניסטישער מחנה האט געפעלט דער "מעוף" צו דעם. מענטשן, וועלכע האבן בעשלאסן אין דעם פאל אויסנוצן אגוטע מידה פון "להסתפק במועט".



די "תרבות" שולע"

ווי איך געדענק, האבן זיך די ציוניסטן פער-
זאמעלט אויף אגרויסע אספה און קליין בעשלאסן.
גענומען די שולע "תורה ודעת" פון דער "מקוה"
און איבערגעפירט אין הויז ביי יעקעלע שמולעוויטש
(קצב). מילא, האבן געזאגט די עסקנים, פון דאנען
וועלן מיר ווייטער שטייגן.דערווייל א קליינא "תרבות"
שולא.

יעקב אהרן ריבאק, זכריה רייכבארט, האחים
קעמפינסקי, אפרים נאסקאוויטש און אויך עטליכע
פרויען זענען דאס געווען דער קאמיטעט, דער אזוי
גענאנטע- עלטערן קאמיטעט.צעווישן די ערשטע עברית
לערער זענען געווען דער לערער שטיין און יששכר
בארנשטיין און נאך איינער פון לאסקער קיבוץ "בילו".
שפעטער איז געקומען צו אונדז משה בערלאנט פון
קאסטאפאל. סהאט געהערשט אין דער "תרבות" שולע
אזער גוטע אטמאספערע, אגאנץ אנדערע ווו אין דער
אלגעמיינער פאלקס שולע. אונדזער שולע איז געווען
די שמחה פון דער ציוניסטישער געזעלשאפט. געלערנט
האבן מיר פון ספר "מולדת" און געלערנט שירים פון
ארץ ישראל און אויך מיט דערצייט אנגעפאנגען צו
רעדן עברית. אויך פוירשטעלונגען אין עברית האבן
מיר פוירגעשטעלט. יעדע פוירשטעלונג פון דער
"תרבות" שולע איז געווען אחוויה פארן גאנצן
נאציאנאלן עולם אין לאסק. כקען נישט פערגעסן די
איבערגעבנהייט פון די חברים ריבאק און פויזנערזאן
מיט זיין פרוי ברליינדל. איינזאך האט געפעלט, תמיד
געפעלט-געלט צו צאלן געהאלט די לערער. די לאגע

אין שטאט, כמעט ביי דעם גרעסטן טייל פון דער יידישער בעפעלקערונג איז געווען אזער געדריקטע. און די וועלכע האבן געהאט צו געבן האבן דאס געטועך טראפנווייס. אונדזערע קינדער פוירשטעלונגען האבן געדארפן, טיילווייז, ארויסהעלפן דעקן דער "תרבות" בודזשעט. כקען זאגן, אז דער שול-גייסט האט זיך שפעטער איבערגעטראגן אין אלע ציוניסטישע יוגענט ארגאניזאציעס. אלעמענס שטרעבונג איז געווען ארץ ישראל. מיר האבן געפילט, כווייס עס גענוי, ווי סאיז געווען ביי מיר, אין אויך ביי מיינע נאענטע, אין די פינסטערע טעג פון אונדזער מאטיראלאגיע האט געברענט אין אונדז דאס ליכט פון בטחון, וואס האט זיך גערופן ארץ ישראל. זייענדיק פערשמאכט, הונגעריק, קראנק און שוואך איז געניג געווען זיך דערמאנען ווי שמואל ביאליק און וואיעקאווסקי האבן אונדז געלערנט טאנצן צו יעדער פוירשטעלונג, און אלץ איז געווארן גרינגער, לייכטער.

זייענדיק אין די גרעסטע פערלעגנהייטן האב איך געזינגען, אין זיך געזינגען, קיינער האט נישט געהערט, די אלע לידלעך פון דער שולע. די תרבות שולע ביי אונדז האט נישט געקענט מער געבן לויט די דעמאלדיקע פינאנסי-עלע מעגליכקייטן, נישט געקענט. אבער נישט ווןסענדיק האט זיך דער נאציאנאלער גייסט איינגעדרונגען ביי יעדן פון די תלמידות און תלמידים. מקען דאס לעבענדיק זען און זיך איבערצייגן ביי די אמאליקע "תרבות" שילער, וועלכע געפונען זיך מיט אונדז דא אין ישראל.

אלאסקער

חדר "יסודי תורה" ותלמוד

אין באפרייטן פוילן, באלד נאכן וועלט-קריג זענען אלע "חדרים" פון אלטן-סיסטעם אין גאנצן לאנד געצוווּנגען געווארן דורך דער פוילישער-מאכט זיך שליסן, אדער נאכצוקומען די פעדאגאגישע און היגיענישע פאדערונגען פון פוילישן קולטור מיניסטעריום.

די "אגודת ישראל" אין לאסק האט אויף זיך גענומען אויפצושטעלן אשולע, וועלכע זאל זיין געבויט לויט די פאדערונגען פון דער מאכט. בראש פון דער קולטור אקציע האט זיך געשטעלט דער רב ר' יעקב מייזלש בכבודו ובעצמו און האט מצליח געווען באיינפלוסן די שטאטישע בעפעלקערונג לטובת דער גרינדונג פון דעם חדר "יסודי תורה ותלמוד תורה" אין לאסק. טראץ דעם גוטן קאמיטעט פון בעקאנטע גבירים און רייכע יידן אין שטעטל, האט שטענדיק געפעלט 90 גראשן צום זלאטע. אשטענדיקער עקאנאמישער קריזיס האט בעגלייט דאס חדר. נאר אדאנק דעם עקשנותדיקן קאמיטעט און אדאנק די פעדאגאגישע דערגרייכונגען איז געלונגען דורך פערשידענע מיטלען צו באזירן דעם "חדר" בודז'עט. שפעטער איז אויך געלונגען אויפצושטעלן אספעציעלן פרעכטיקן בנין פארן חדר יסודי ותלמוד תורה".

הרב ר' לייבל האט באוויגן יהושע פשעדבארסקי צו אגוטע מעשה. פשעדבארסקי האט אוועקגעשאנקן זיינס



קבוצת בנות מבית ספר "בית יעקב".

גרופע שילערינס פון "בית יעקב".

אפלאָץ אין מארק לטובת דעם בנין, על מנת אויף אים צו בויען דאָס "חדר". זונטאג ג' לחודש אלול תרפ"ח איז פארגעקומען דאָס לייגן דעם גרונדשטיין צום בנין. נאָך איאר צייט מיט שווערע אנשטרענגונגען איז אויסגעבויט געווארן אדריישטאקיקער בנין מיט אלע היגיענישע איינריכטונגען. דורך די פענסטער האבן זיך אנגעהויבן דערטראגן זיסע גמרא טענער, חומש געזאנג, און שפעטער אריין אויך קמץ-אלף אָ קמץ בית בָּ ! אויך אביסל לימודי חול 8 שעה אינדעוואָך: פויליש און חשבון. מיט גרויסע וואונדער, מיט א-שטארקע אמביציע פון הרב ר' לייבל מיט זיין קאמיטעט האט דאָס חדר עקזיסטירט און ערצויגן 100-טער גוטע יידן, וועלכער דער צורר האט פערפייניקט צוזאמען מיטן "הייליקן עקשן".

שמעון סימל

די יידישע ביבליאטעק ביי דעם טורן פעראיין

דעם זכות אנצופירן מיטן "טורן און ספארט פעראיין" אין יאר 1924 ביז צום אויסברוך פון צווייטן וועלט קריג, האט די ספארט יוגענט ארויפגעלייקט אויף מיינע פלייצעס (פון שמעון סימל און זיינע פערוואלטונגס חברים). דער עול איז דאסמאל געווען פיל שווערער ווי אין יענע יארן פון 1916. דער טורן און ספארט פעראיין אין לאסק האט שוין געהאט זיינע ספארט טראדיציעס אין שטעטל. די צאל מיטגלידער איז געשטיגן פון יאר צו יאר און איז דערגאנגען ביז 500 אקטיווע ספארטלער, אבער קיין אייגענע ביבליאטעק האבן מיר נישט געהאט. מיר האבן געפילט, אז סאיז נישט גענוג זיך צו פערנעמען בלויז מיט ספארט און אויספלאגן. געזונדע מענטשן מוזן אויך זיין קולטורעל געזונד. סזענען געווען טענות קעגן דער ציוניסטישער ביבליאטעק, אונדזערע חברים האבן זיך דארט שלעכט געפילט. האבן מיר דעריבער בעשלאסן צו גרינדן אנאייגענע ביבליאטעק. אלעם ערשטן האבן מיר אדורכגעפירט אביכער-שפענדונג צווישן אונדזערע מיטגלידער. דער רעזולטאט פון דער שפענדונג האט אבער נישט גענוגענד אויפצומאכן דעם אנשטאלט. האבן מיר בעשלאסן אויף אזיצונג, צו דעם צוועק ארגאניזירן אויפדאסניי די דראמאטישע-סעקציע, וועלכע איז געווען איינגעדרימעלט אין יענע יארן, און מיט עטליכע טעאטער-פוירשטעלונגען וועלן מיר דער ביבליאטעק גוט פונדאמענטירן.

די ערשטע טריט פון דער דראם-סעקציע האבן גלייך געפאדערט געוויסע געלט סומען, וועלכע מיר האבן נישט פערמאגט. האבן מיר זיך דעריבער געוואנדן צום "האנטווערקער פעראיין" אין לאסק, דאס ער זאל אונדז פינאנסיעל ארויסהעלפן דורך אהלואה. דאס האט אונדז געלונגען. בעקומען פון האנטווערקער פעראיין געבארגט אגעוויסע סומע געלט און גלייך צוגעטרעטן צו מעשים. אין עטליכע טעג האבן מיר צוזאמענגעשטעלט ארשימה פון אמאטארן און טעאטר ליבהאבער און באלד איז פערטיק געווארן דער צוזאמענשטעל פון דער דראמאטישע סעקציע. צווישן זיי זענען געוועזן: יחזקאל נאשעלסקי, הערשל פיערניקארז׳, העניך קריס, יהודה אריה קליין, ייטע רייזל נאסקאוויטש, אסתר נאסקאוויטש, שמעון סימעל, משה ליפקאוויטש, אלטע צביה, ייטע קריס, יהודה הערשקאוויטש, קאראלע קריס, זלמן ז׳ולטאווסקי און נאך אנדערע חברים און חברות.

מיר האבן געבראכט ארעזשיסאר פון לאדז׳ און צוגעטרעטן פוירצושטעלן "הערצעלע מיוחס". די פוירשטעלונג האט זיך איינגעגעבן און געגעבן אויך אשיינע הכנסה. מיר האבן גלייך פאר אגרויסע סומע געלט געקויפט ביכער און אויך אפגעצאלט אטייל פון חוב דעם האנטווערקער פעראיין. מיר האבן בעשלאסן ווייטער אויפצופירן נייע פוירשטעלונגען, פילענדיק זיך בכוח עס צו טוען, האבענדיק אייגענע דעקאראציע מאלער און גראמירער ווי אברהם נאסקאוויטש און אויך אגוטע סופלאר אברהם ווייץ. קודם-כל האבן מיר געעפנט די ביבליאטעק, געדינגען אקלייך ווינונג ביים קייזער אין דער גארבער

גאס. אקליינע דירה, אבער אין יענע צייט האבן מיר נישט געהאט די געלט מעגליכקייטן אויף קיין גרעסערע און בעסערע וווינונג. די דראמאטישע סעקציע האט ווייטער פוירגעשטעלט "אריאל אקאסטא", "טאג און נאכט", "דאס פינטעלע ייד". אויך די הכנסות זענען געווידמעט געווען דעם ביכער איינקויף און בעצאלן די אנלייע.

שפעטער האבן זיך צו אונדזער דראמאטישן קרייז געוואנדן גבאיטעם פון שטעטל מיר זאלן געבן אפויר-שטעלונג פאר "הכנסות כלה" צוועקן. די פרויען האבן גענומען אויף זיך דעם בילעטן אויספערקויף און מיר האבן מיט אונדזער פוירשטעלונג חתונה געמאכט, מיט מזל, עטליכע פארלעך אין לאסק. אזוי האבן מיר אויך מיט אונדזערע טעאטער פוירשטעלונגען אויסגעהאלפן ארימע משפחות און אקראנקן בחור, פשוט אים ביים לעבן דערהאלטן. מיר האבן זיך ממש דערפילט אין די ראלע פון נישט שלעכטע אמאטארן. מיר האבן געוועקסעלט די רעזשיסארן און פוירגעשטעלט טעאטער ספעקטאקלן כמעט אלע עטליכע חדשים. מיר האבן איינגעקויפט פאר דעם געלט ביז 1500 ביכער, אפגעצאלט דעם גאנצן חוב דעם האנטווערקער פעראיין און צום סוף געדינגען אברייטן לאקאל פארן טורן פעראיין אין מאיר מאנדעלס הויז.

מיר האבן אויסגעוועלט אנייע פערוואלטונג צו פירן די ביבליאטעק: לייב טאפארעק, שמעון סימל, ש.אוניקאבסקי, אפרים טאפארעק און משה גאלדבערג. דער הויפט ביבליאטעקער איז געווען אפרים טאפארעק. לעזער זענען געווען ביז 200, געטוישט ביכער האט מען צוויי מאל אין וואך. די לעזער

האבן געצאלט אמאנאטליכן ביישטייער. ביי דער ביבליאטעק זענען אויך פאָרגעקומען ליטעראַרישע אוונטן. רעפערענטן זענען געקומען פון לאדז, פאביאניץ און זדונסקא-וואלא. אין די פרייטאג צונאכטס זענען אויך פאָרגעקומען קעסטל-אוונטן מיטן אנטייל פון אקטיווע חברים. כוויל אויך דערמאנען דעם טעטיקן ועד פון טורן פעראיין: אבא קליין, שמעון סימל, העניך קריס, יוסף ווידאווסקי, גדליהו קליין און שמעון אוניקאבסקי. אונדזער טעטיקייט איז געווען אין פארשידענע ספארט צווייגן און לייכט אטלעטישע איבונגען. אלס איז געווען געטיילט אויף סעקציעס און יעדע סעקציע זיינע חוגים מיט אינסטרוקטארן.

מיר האבן פון צייט צו צייט געמאכט פארשידענע אימפרעזיעס אין שטאטישן פארק ביים גראבן וולאדעק. אויספלאגן אין די נאענטע שטעטלעך, אנטיילגענומען אין די פוילישע נאציאנאלע יום-טובים און שטענדיק ערשינען מיט אונדזער נייעם זיידענעם פאן. דער טורן פעראיין האט אויך געהאט אגוטע השפעה אין אלע בעלי-בתישע קרייזן (אחוץ ביי די חסידים). די יוגענט פון פעראיין איז געווען דיסציפלינירט ווו-נאר זיי האבן זיך געפונען, אין טורן זאל, אויך אויף אלע אנדערע ערטער ווו זיי האבן זיך נאר געטראפן. די בעגריסונג "פעסט און שטארק" האט זיי בעגלייט ביי יעדער טרעפונג. סזענען יעדעס יאר פאָרגעקומען אלגעמיינע פערזאמלונגען און די פערוואלטונגען האבן זיך געטוישט. אריינעמענדיק נייע יונגע כוחות.

אונדזער דראמאטישער קרייז און אויך דער טורן פעראיין האבן זייערע טעאטר פאָרשטעלונגען און טורן

אימפרעזיעס פוירגעשטעלט אין קינא זאל, וועלכער איז געשטאנען ווּ סהאט אמאל געוווינט זעליג סאסנא. סזענען דארט געווען גוטע איינריכטונגען פאר 1000 זיץ-פלעצער און אויך אגוטע סצענע.

אזוי האבן מיר געלעבט מיט קליינע שטערונגען ביז צום אויסברוך פון צווייטן וועלט קריג.



<u>הלהקה הדרמטית</u>

אברהם קוז'מין

"גדוד" קהק"ל ופעולותיו

הקרן הקימת לישראל היתה, בלי ספק, החוליה המרכזית בשרשרת הזהב של תנועות הנוער החלוציות על גוניהן בתוך המחנה הציוני. באלפי ערים ועיירות, בכל מקום שם חיו יהודים, פעלו למען הקהק"ל - המכשיר הכספי בתנועה הציונית, לגאולת אדמת ארץ-ישראל. גם אצלנו בעיירה מילאה הקהק"ל אותו תפקיד מרכזי.

ה"גדוד" של הקהק"ל בלאסק היה אירגון עצמאי, על-מפלגתי, בו היו מיוצגים באי-כוח ההסתדרות הציו- נית, תנועות הנוער החלוצי, הנוער הציוני ואירגון ספורטיבי "מכבי" בעיירה. חברי ה"גדוד" היו בוח- רים במורשה ובועד. על חברי הועד הוטלו תפקידים ראשיים כממונים על פעולות שונות. "הממונים" היו אחראיים בפני המורשה, והמורשה היה אחראי לגדוד וועדת הבקורת, שנבחרה באסיפה כללית של ה"גדוד".

"הממונה" לחלוקת קופסאות, למשל, דאג שתימצא "קופסה כחולה" בכל בית ומשפחה שהסכימו לכך ואף להשפיע בכיוון זה. לשם כך חולקה העיר לאזורים. בכל ראש-חודש דאג "הממונה" לשלוח זוגות מחברי הגדוד לכל האזורים להרקת הקופסאות. היה "ממונה" מיוחד על בחורים חובשי בית-המדרש, ועל כאלה שלא העיזו להתגלות כציונים (מפני עינא בישא), אך בסתר אהדו את

התנועה והתחייבו לתרום לקהק"ל כל חודש סכום מסוים. בבחורים ובבחורות האלה היה צורך להיפגש מחוץ לביתם, בכדי לגבות מהם את תרומותיהם. האזור הזה נקרא בשם "רעוויר".

היה גם "ממונה" על "נדרים". בתפקיד זה שימש הרבה שנים יהודה לייב מגדל הי"ד, שהיה אוסף למחרת השבת והחגים את התרומות ש"נדרו" למען הקהק"ל - בעת העליה לתורה בבתי התפילה בעיר. כמו כן העמיד "הממונה" על הנדרים "קערות" לטובת הקהק"ל במקומות תפילה הנ"ל בימים מסורתיים, כמו ערב יום הכפורים והושענא רבא.

היה גם "ממונה" לתרומות "השמחות", שדאג להתרים את בעלי-השמחה ביום שמחתם: אירוסין, התונות ובר מצוה, וכשנולד בן זכר אצל אנ"ש, בודאי שצריך היה לנטוע עץ על שמו של הרך הנולד ביער הרצל.

והיו מקרים שחברי ה"גדוד" נסעו למרחקים, לכפר נידח באופניים בלילה, ברוח ובגשם סוחב, בכדי להתרים יהודי כפרי או חלבן יהודי, שהיה גר יחידי בין הגויים בכפר, כשהיתה שמחה במעונו. היו גם פעו-לות "מיוחדות" "ימי פרח", בקשר למאורע לאומי או חג ומועד לאסוף תרומות; נערכו "ימי פרח" מסורתיים בחנוכה, בט"ו בשבט, בל"ג בעומר וכ' תמוז. נערכו גם נשפים בחנוכה ופורים ע"י ה"גדוד" ואורגנו "באזארים" ע"י נשים ציוניות וויצ"ו שהכנסותיהם קודש היו לקהק"ל. עוד פעולות כהנה וכהנה נעשו על-ידו, שהגדילו והאדירו את הקהק"ל.

בראש הגדוד עמד שנים רבות כמורשה הח' זליג בורנשטין, חלוץ וציוני בלב ונפש. הוא שריכז וניהל את עבודת הגדוד במסירות ובכשרון אירגוני רב. במרצו ובפעילותו האישית שימש דוגמה לאחרים, שנדבקו בהתלהבותו ונסחבו אף הם בזרם הפעילות למען הקהק"ל.


זכורני, בהתאסף הגדוד בכדי לבחור במורשה חדש במקומו של זליג, בעלייתו ארצה, דיברו הרבה מהנאספים בזכותו והובעה הערכה גדולה ודברי שבח לפעלו למען הקרן. מנהל בית-הספר "תרבות" מר משה ברלנט הי"ד, שהשתתף באסיפה, המשיל עליו את המשל הידוע על רב נחמן ורב יצחק שהיו סועדים יחדיו. כשרב יצחק קם ללכת ביקש ממנו רב נחמן שיברכהו. אמר לו, למה הדבר דומה? לאדם שהיה מהלך במדבר, והיה רעב, עיף וצמא. מצא אילן שפירותיו מתוקים וצילו נאה, ואמת המים עוברת תחתיו. אכל מפירותיו, שתה ממימיו וישב בצלו. כשביקש ללכת אמר לו לאילן: אילן, אילן, במה אברכך? אם אומר שיהיו פירותיך מתוקים, הרי פירותיך מתוקים, שיהיה צילך נאה, הרי צילך נאה, שתהא אמת מים עוברת תחתיך? הרי אמת המים עוברת תחתיך. אלא, יהי רצון, שכל נטיעות שנוטעים ממך יהיו כמותך! כך סיים מנהל ביה"ס משה ברלנט: אני מברך את זליג בורנשטין במה שברך רב יצחק את האילן, ואת המורשה החדש שיבוא במקומו שיהיה כמוהו!

איני יודע עד כמה התקיימה הברכה לגבי המורשה החדש, אברהם קוז'מין, אבל כלפי זליג המשל היה נכון וקולע. בצאת כותב שורות אלה לקבוץ הכשרה לפני עלייתו

ארצה, נבחר במקומו דוד ריפשטין הי"ד למורשה וניהל גם הוא את עניני קהק"ל בעיר בהצלחה רבה.

אחת החברות המסורות והבולטות בפעילותה "בגדוד" היתה אלתה ביאליק-קמפינסקי הי"ד. היא ספגה ערכי ציונות בבית אביה ר' אבא ביאליק ז"ל - ראש הקהילה וציוני ותיק בעיר - חניכת "השומר הצעיר" וחדורה רוח התנדבות חלוצית. אלתה כיהנה כמזכירה שנים רבות ב"גדוד". הקדישה את רוב זמנה ואת מרצה להצלחת פעולות הקרן בעיר וטרחה למענו ללא לאות. זכתה והג- שימה את חלום נעוריה לעלות ארצה, אולם גורלה החזיר אותה ללאסק ומשם עם כל יהודי העיירה ל"חלמנו".

היו עוד רבים, ממיטב הנוער בעיר, בנות ובנים מכל התנועות שעשו רבות למען הקרן. מדי שנה נהג ה"גדוד" להתחייב מראש לאסוף סכום כסף מסוים במשך השנה, ותמיד עמד במכסה שקיבל על עצמו. יתרה מזו, כמעט בכל שנה עבר בהרבה את ההתחייבות! בין הערים ועיירות שהצטיינו בפעולתן לטובת הקהק"ל בפולין לא נפקד מקומה של לאסק שלנו. ה"גדוד", שמנה עשרות חברים פעילים, רשם דף מפואר בתנועה הלאומית בעיירה. רשומו היה ניכר וחדר לכל פנות החיים החברתיים והלאו- מיים בעיר. היה למופת ולדוגמה לעיירות הסביבה.



ה ע ו ר ך

נצחון ישראל 1967

בעצם כתיבת "הספר יזכור לאסק" פרצה מלחמת ששת הימים. לא אוכל להמשיך בעבודתי בעריכת הספר עד שלא אביע בשמי ובשם כולכם אתם, יוצאי לאסק, את רגשת האושר העמוקה אשר אפפה את הישוב העברי ואת היהדות בעולם כולו.


כבוד והדר לצה"ל משחרר ירושלים העתיקה, בירת הנצח. ינון לעד זכר גיבורינו, בנינו ובנותינו שנתנו נפשם על שחרורה של ירושלים העתיקה ומסרו לנו בדמם את גדול נצחונותינו בכל הדורות; תיבנה ותיכונן לעד ירושלים העברית! כבוד ויקר ללוחמים במדבר סיני ותהילת-נצח לנופלים בדרך לסואץ וגדות ים-סוף.



שלמי תודה לצה"ל משחרר הרי הגולן ומביס צבאות סוריה! נזכור גיבורינו היקרים בשאר החזיתות, שנפלו בקרבות האכזריים למען השלום המקווה.

התקווה, כי לא ישוב האויב להציק לישובינו וישב ישראל לבטח.

השואה



„כי עליך הורגנו כל-היום"

יצחק קאצענעלסאָן

פון "דאס ליד וועגן ראדזינער"
(געזאנג ג', קאפיטל י"ד)

דאס האט פון באגינען געדויערט ביז שפעט –
מען זעט זיי די בערגעלעך ערד נאך, מען זעט,
מען ליגט, כאטש באזונדער און נאנט אזוי נאנט,
און ס'רעדט יעדעס בערגל און מאנט וואס און מאנט.

מיר מאנען ניט גארנישט, מיר ליגן בארוט –
געשטארבן באגראבן, עס איז אונדז שוין גוט...
שוין, שוין... דאנקן גאט, אפגעקומען די שטראף
די בוימער זיי שאקלען זיך איבער זיי: שלאפט...

יידן מיליאנען דערשטיקט און פארסמט
וואלטן זיך ווינטשן אזא הייפעל זאמד...
מען האט אייך צו קבר ישראל געבראכט –
שלאפט זשע...   פינסטער פאלט צו באלד די נאכט.

און שטילער די פייך שוין און שטומער דער ווייַ –
יתגדל! אָ ווער? ווער זאגט קדיש נאך זיי?
דער רבי, דער רבי זאגט קדיש, ער זאגט
אָ ווינט בלינד, ניט זעהעוודיק קומט און צוטראגט

די ווערטער די טרויריקע ווייט און געשווינט
און ס'ענטפערן יידן אפ אמן איין ווינט.
אליין דער ראדזינער, דער רבי אליין –
דער רבי זאגט קדיש און עמיצער ווייַנט...

ה"שיר על הרבי מראדזין" (דאס ליד וועגן-ראדזינער"), אשר קטע ממנו, במקורו האידי ובתרגום עברי מאת מ. ז. וולפובסקי, מתפרסם כאן - היא היצירה החשובה ביותר של יצחק קצנלסון מתקופת גיטו וארשה.

הפואימה הגדולה הזאת נכתבה בהמשכים בחדשים נובמבר 1942 - ינואר 1943, לאמור, אחרי פעולת החיסול הגדולה, שבה הובלו למעלה מ-300 אלף יהודי וארשה לכבשני טרבלינקי. בפעולת השמדה ענקית זו שיכל אף המשורר את אשתו ואת שני ילדיו, - הפואימה הוקדשה לזכר אשתו חנה. הפואימה היא שיר הלל לסתם-יהודי ולכל עדת בני ישראל. אפילו בפסיביותו של הקולקטיב היהודי לגבי הרוצח רואה המשורר את ההוד שבגבורה. את הגיבור האקטיבי ראה המשורר כנגד עיניו רק עם הפעולות המזויינות הראשונות של האירגון היהודי הלוחם.

הפואימה כולה, בלשון המקור ובתרגום עברי, נכללה במהדורה השניה המתוקנת והמורחבת של "כתבים אחרונים" ליצחק קצנלסון, שיצאה לאור ע"י הוצאת הקיבוץ המאוחד ו"בית לוחמי הגיטאות".

ז.צ.

קינה על החורבן

אָרִיד בְּשִׂיחִי וְאָהִימָה,
וְקוֹל נְהִי אָרִימָה:
אֵלִי, מֶה הָיָה לָנוּ!

אֵלִי קְהִלַּת לַאסק, הָאֵם וָעִיר,
בַּמָּחוֹז, בַּסְּבִיבָה מְקוֹמֵךְ הַבְּכִיר.
עֲלֵי הַשְׁמָדַת הַיְּהוּדִים תּוֹשָׁבַיִךְ
אֲלָפִים מְבוֹנַיִךְ, בָּנִים וּבְנוֹתַיִךְ.

אָרִיד בְּשִׂיחִי...

אֵלִי פַּבִּיַאנִיץ וּזְדוּנְסְקָה-ווֹאָלָא,
עַל רִבְבוֹתֵיכֶן בְּגֵיטוֹ גוֹלָה.
עֲלֵי עִנּוּיֵי אָבוֹת וְאִמָּהוֹת יְשָׁרִים
עֲלֵיכֶם מַצֵּבַת-נֶפֶשׁ שֶׁל הַנּוֹתָרִים.

אָרִיד בְּשִׂיחִי...

עֲלֵי לוּטוֹמִירְסְק, שָׁאדִיק, וְוִידַאווָה וְזֶלוּב,
אִתְּכֶן הַשְׁמִידוּ בְּכִלָּיוֹן עָלוּב.
עֲלֵי אַחִים וְאַחְיוֹת, חֲבֵרִים וּמוֹרִים,
עַל דִּמְכֶם שֶׁנִּשְׁפַּךְ, קְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים.

אָרִיד בְּשִׂיחִי...

עַלֵי רַבָּנִים וְדַיָּנִים, לוֹמְדִים וּגְאוֹנֶיהָ,
חוֹבְשֵׁי-בֵּית-הַמִּדְרָשׁ, הַצְּעִירִים וּזְקֵנֶיהָ.
קַנָּאִים לַתּוֹרָה אֲשֶׁר שָׂרְפוּם זָרִים,
שַׁמָּשִׁים וְעַסְקָנִים שֶׁנִּקְרְעוּ לִגְזָרִים.

אריד בשיחי ואהימה...

עֲלֵי סוֹחֲרִים, עֲמֵלִים וּבַעֲלֵי מְלָאכָה,
שֶׁמִּיגִיעַ כַּפֵּיהֶם לֹא הִתְפַּרְנְסוּ בִּרְוָחָה.
עַל בַּעֲלֵי עֲגָלָה, תְּמִימִים וִישָׁרִים,
סַבָּלִים, קוֹרְאֵי תְּהִילִים ול"ו נִסְתָּרִים.

אריד בשיחי ואהימה...

עֲלֵי בֵּית הַכְּנֶסֶת הַגָּדוֹל וּבֵית הַמִּדְרָשׁ,
גֶּערֶער שְׁטִיבֶּעל הַיָּשָׁן, הגערער הֶחָדָשׁ.
עֲלֵי אלֶכְּסַנדערער ורוֹספִּישוֹבֶּר אֲרִים צְוָחָה,
עַל חָמֵשׁ הַחֶבְרוֹת שֶׁנֶּחֶרְבוּ וְהָלְכוּ נִדָּחָה.

אריד בשיחי ואהימה...

אֱלֵי צִיּוֹנֶיהָ יִיחוּדָם וְדַרְכֵי חַיֵּיהֶם,
"הַנּוֹעַר הַצִּיּוֹנִי","הֶחָלוּץ","מַכַּבִּי" וַעֲסְקָנֵיהֶם.
"וִויצ"וֹ", "טוּרן-פערַאיין, שֶׁהִתְאַגְּדוּ בַּחֲבוּרָה,
קוֹרְאֵי הַסִּפְרִיּוֹת, כּוּלָּם עֲדַת-שֶׂה פְּזוּרָה.

אריד בשיחי ואהימה...

עֲלֵי "אֲגוּדַת יִשְׂרָאֵל", "מִזְרָחִי" וּצְעִירֶיהָ,
"בֵּית יַעֲקוֹב", "יְסוֹדֵי תוֹרָה" וּפוֹעֲלֶיהָ.
עֲלֵי תַלְמִידֵי בי"ס "תַרְבּוּת", שׁוֹכֵן מְעוֹנִים,
שֶׁנִּשְׂרְפוּ וְנֶחְנְקוּ הֲמוֹנִים הֲמוֹנִים.

אָרִיד בְּשִׂיחִי וְאָהִימָה,
וְקוֹל נְהִי אָרִימָה:
אֵלִי, מֶה הָיָה לָנוּ!



נח פיעטרקאווסקי

אין מערדערישע הענט

דאס יידישע לעבן אין די 30-סטא יארן איז ענדליך געווען ווי א קרענק פאר א גרויסן חורבן. די ארימקייט איז געווען גרויס, די סוחרים פעראריםט און האנטווערקער האבן פשוט געהונגערט. פון איין זייט האט דער פוילישער סקארב געשינדן פון אלע די הויט און פון דער אנדערער זייט האבן די פוילישע סוחרים מיט זייערע סינדיקאטן חרוב געמאכט דעם יידישן מסחר. דאס איבריקע האט שוין אויסגעפערטיקט היטלער.

אין די ערשטע טעג פון חודש סעפטעמבער 1939, האבן זיך גלייך ביי אונדז בעווייזן יידישע פליטים פון וויעלון, קאליש, שעראדז און זלאטשעוו. א טייל פון זיי זענען ביי אונדז פערבליבן ביז צו יענעם שווארצן טאג אין 1942. 5 טעג שפעטער האבן ארייגמארשירט אין אונדזער שטעטל די דייטשע ווער-מאכט. פארן ארייינקומען, האבן זיי אונדז בעשאסן פון די לופט, אום זיך פרייליך צו מאכן. פונקט ביי זייער ארייינפאר האב איך געקערט די גאס פאר מיין הויז. די דייטשן האבן פון מיר געבעטן 2 עמערס אנפצופויען די פערד. איך האב זיי געגעבן. נאך עטליכע שטונדן בין איך זיי געגאנגען זוכן און האב זיי געפונען אין מארק. די מיליטער לייט האבן מיר צוריקגעגעבן די עמערס און איך האב זיך גלייך אומגעקערט א היים. דער טאטע מיינער האט

געטענהעט מיט מיר: א מענטש שטעלט זיך איין דאס לעבן צוליב 2 עמערס!

ביז ראש השנה האבן מיר גארנישט געפילט, אז סזענען ביי אונדז דייטשן. ביי יעדן אויפן הארצן איז געלעגן אזא מאסע, וועלכע האט געשראקן און געפרעסט די נשמה, מורא האבנדיק פאר זיין אייגענעם שאטן. דאווענען איז שול אריין און אין בית המדרש, זענען שוין קיינער נישט געגאנגען. די שול איז שוין פערוואנדעלט געווארן אין א פערד-שטאל, און יידן האבן דעם ראש-השנה געדאווענט בגנבה אויף פערשידענע פלעצער. אין דעם זעלבן טאג האבן די דייטשן אפגעשטעלט א וויזיטביים רב ר' לייבל, זיי האבן ביי אים געבעטן ער זאל זיי געבן מענטשן צו דער ארבייט. יחזקאל דער שמש איז געווען דער דאלמעטשער און האט ערקלערט, אז ביי אונדז אין לאסק פערנעמט זיך מיט אזעלכע זאכן דער ראש-הקהל, ר' הערשל נאסקאוויטש. ר' הערשל נאסקאוויטש האט ווידער די דייטשן געשיקט צו זאלמען קאכמאן. זאלמען קאכמאן האט באלד מיטן הסכם פון עטליכע בעלי-בתים געמאכט א רשימה פון ארבייטס מענטשן און זיי בעזארגט די דייטשן. די ארבייט איז דאסמאל בעשטאנען פון איינארדענען שטעלער פאר די דייטשע פערד (די גרויסע שול) און צוגרייטן און צורוימען די דייטשע קווארטירן. דער געלער יחיאל מיט גרינערס זון האבן זיך פערנומען מיטן ערשטן רעסארט און צו דעם צווייטן סארט ארבייט זענען געגאנגען פיל מיידלעך, וועלכע האבן געדארפן טאג-

טעגליך וואשן וועש און פוצן שויבן ביי די דייטשן.

די שטעטישע אינסטיטוציעס און קריסטליכע ערד בעזיצער האבן זיך אויך געוואנדן צו דער יידישע געמינא, וועלכע איז שפעטער בעקרוינט געווארן דורך די דייטשן מיטן נאמען "יודנראט", זיי צוצושטעלן יידישע אומזיסטע ארבייטער.

דעם רב אונדזערן האבן די דייטשן באלד פון אנפאנג געמאכט צו שאנד און צו שפאט. דאכט זיך, אז דאס איז געווען אין סוכות אדער גאר אין שמחת תורה. די דייטשן האבן גענומען דעם רב ר' לייבל אייזנגעהילט אין טלית, און אים ארייגעשטעלט אין דעם מיסטקאסטן, וועלכער איז געשטאנען אין מארק קעגנאיבער משהלע בארנשטיינס געוועלב. אלע פערזאמלטע הענקער האבן זיך מיט דעם גרויסן נצחון גוט אונטערהאלטן. אין דער זעלבער צייט האבן אנדערע דייטשן ארויסגענומען פון א שטיבל חסידים אין די טליתים און זיי געגעבן געשאחטענע גענז צו פליקן אין מיטן מארק. די הענקער-האבן געפלאצט פאר שמחה.

גארנישט בעסער פון די דייטשן האבן זיך אויפגעפירט א גרויסער טייל פון דער פויליש שטאטישער בעפעלקערונג. ווען די יידן האבן זיך אויסבעהאלטן אויסער דער שטאט אויף עטליכע טעג, בעפויר די דייטשע מאכט איז געקומען, האבן די פאלאקן צורויבט די יידישע געשעפטן און געוועלבער, בעזונדער געוועלבער פון פראוויאנט און שניט סחורה.

ביים אריינפאר פון שטאט האב איך געפרעגט א בעקאנטן קריסט, ווי קומט עס, אז אונדזערע פוילישע שכנים זאלן ראבעווען יידישע געוועלבער? איך גלויב נישט! האט דיטריך געזאגט. קום וועל איך דיר ווייזן! שמחה לייב וואלפס שניט סחורה געוועלב איז געווען אויפגעבראכן און אויסגעלערט און אויך צענדליקער. אנדערע געשעפטן. (די גרעסטע טייל יידן זענען געלאפן זיך אויסבעהאלטן אין די ארומיקע דערפער, בעזונדער אין קאלומנע). אויך די נאוואקס און וועסאלק׳ס זענען געווען צווישן די רויבער פון די יידישע געשעפטן.

מיט דיטריכן בין איך צוגעגאנגען צום מאגיסטראט און דארט געטראפן דעם לאסקער פאלקסדייטש "קריגער", וועלכער איז געווארן א אנפירער. איך בין צו אים צוגעגאנגען און געפרעגט: "די זעסט וואס די פוילישע בעפעלקערונג טוט און ראבעוועט איך גאס, וואס וועט זיין פון דעם?" גוט וועט נישט זיין! האט ער, קריגער געזאגט. מיט יידן וועט זיכער זיין נישט גוט, יונגע מענטשן וועט מען שיקן צו צוואנגס ארבייט, די עלטערע און קינדער וועלן ווערן אויסגעזידלט. קריגער האט זיך געשווירן, אז ער האט שוין פיל געוויינט פון דעם טייוולישן פלאן, און טאקע אזוי האט פאסירט, צום בעדוירן.

פרייטיג נאכמיטאג בין איך צוגעפארן צום טארטאק פון די בז׳עזינסקיעס קויפן האלץ, האב איך געטראפן זיך אומקערן אין שטעטל אריין הערשל חיים יעקבס מיטן ווייב, רפאל איניעווער מיט פערד און וואגן ווו עס

געזעסן משה ליפמאנאוויטש און זיין פרוי און זייך מוטער בלומה ליפמאנס. צום דאווענען זענען מיר שוין דעם שבת נישט געגאנגען, און משך פון די טעג האבן מארשירט פֿערשידענע מיליטער פארמאציעס דורך די שטאט. יידן האבן זיך נישט בעוויזן אין די גאסן. אין אפאר טעג ארום איז לאדז' פערנומען געווארן דורך די דייטשן. דאס מיליטער האט זיך נישט געטשעפעט צו די יידן.

אין 3 טעג שפעטער זענען אנגעקומען ספעציעלע דייטשע שטאט-פערוואלטער און סהאט זיך אנגעהויבן די אויבענדערמאנטע צרות מיטן רב, מיט הערשל נאסקאוויטש, און שלעפן יידן צו דער ארבייט. וועד עס האט נאר געהאט א האנט און א פוס האט גענומען יידן צו דער ארבייט. קריגער דער געווארענער גרויסער מאן און ווו נאר עפעס א שטיקל דייטש האט געפאדערט יידן צו ארבייט. יוחנן וואס איז געווען ביי הענין קליגער און יעקל לעווקאוויטש (בערל מינקעיעס זון) האבן צוטראגן צעטלעך פון יודנראט צו די, וועלכע דארפן גיין צו דער ארבייט; אז עס זאל זיך נישט מאכן א סאמאטאכע, מזאל נישט שלאגן קיין יידן, און סתם כאפן יידן אין גאס.

דער יודנראט האט אויפגעשטעלט אזא קאמיטעט און וויפל סהאט זיך געפאדערט ארבעטער האבן זיי לויט א רשימה צוגעשטעלט. אזוי האט דאס געדויערט כמעט 6 חודשים. טאג-טעגליך האט די קאמיסיע צוגעשטעלט יידישע ארבעטער. ביז פסח האט דאס געדויערט, עס איז

נאך נישט געוועזן קיין געסט, יעדער האט נאך געווינט אויף זיין ארט, אבער געשעפטן האט שוין קיינער נישט געפירט. איך האב נאך געבאקן ברויט און מעל האב איך גענומען צו באקן דורך דעם יודנראט. דער פרעזעס איז מיט מיר צוגעגאנגען צו קריגערן און איך האב בעקומען 20 מעטער מעל א וואך צו באקן ברויט, פאר דער יידישער באפעלקערונג.

בערך 5 מאנאטן האב איך געבאקן ברויט פאר די יידישע באפעלקערונג. איין מאל קומט צו מיר ד״ר יאנקאווסקיס פרוי און איז מיר מבשר א גוטע בשורה, אז אלע יידישע בעקערייען וועלן געשלאסן ווערן דורך דער דייטשער מאכט. (דאמאלס האב איך נאך געבאקן צוזאמען מיט העניך רודע די שוויגערינס). איך בין גלייך צו צום פרעזעס און אים דערציילט די מעשה, האט ער זיך אויסגעלאכט דערפון. נח, דו ביסט משוגע! איך האב אבער געוווסט, אז דאס איז אמת, ווייל ד"ר יאנקאווסקיס טאכטער האט שוין דעמאלס געארבייט אין קאנטאראוויטשס מיל, איזאק קאנטאראביטש און מרדכי פייבעל קאכמאן האט מען שוין דאמאלס געהאט ארויסגע-ווארפן פון דער מיל און די דייטשן האבן אלעס איבערגענומען. עס האט טאקי אזוי פאסירט, אלע יידישע בעקערייען זענען פערשלאסן געווארן.

אלס עלצטער פון יודנראט האט צו זיך דער פרעזעס צוגענומען זכריה רייכבארטס צוויי זון, אהרן פנחס בז׳עזינסקי, צוויי זון פון אלימלך פרידמאן, זאלמן וויאקאווסקי, אבא קליין, שלמה לערער און נאך אנדערע,


צוזאמען 18 מאן. דער יודנראט האט אויך געשאפן א
יידישע פאליציי לויט די אנווייזונגען פון די דייטשן,
דאס איז געווען א גרופע יונגעלייט מיט הערשל קליין
אלס שעף. אז דער יודנראט האט געדארפן עפעס אדורכ-
צופירן, ווי למשל צוצושטעלן ארבייטס כוחות, האט
ער זיך גענויטיגט צו האבן זיין פאליציי. די פאליציי
לייט האבן געטראגן א ווייסן באנד אויף דער האנט.
זיי האבן געהאט דאס רעכט צו גיין ביינאכט, ווייל
אין אלגעמיין האט מען נישט געקאנט ביינאכט ארויס
פון שטוב. די בעציאונגען פון די פאליציאנטן צו די
יידישע בעפעלקערונג איז געווען מיט רחמים, נישט תמיד.

אין די וואלער גאס איז לגמרי נישט ערלויבט געווען
צו גיין. אלע זענען געגאנגען דורך די ליקלעך,הינטער
די שול. און אז מען האט געדארפן יידן צו דער ארבייט,
האט דער יודנראט ארויסגעגעבן א ליסטע מיט יעדנס
אדרעס און די פאליציי האט זיי געדארפן צוזאמען
ברענגען. שפעטער, דאס הייסט נאך א יאר צייט פון
נאצי רעזשים ביי אונדז, האט מען געהאט נאך גרעסערע
צרות, ווייל די נאצים האבן אנגעהויבן אוועקשיקן צו
ארבייט ווייט פון שטעטל, אפילו קיין דייטשלאנד. די
אלע וועלכע זענען געווען אויף די ליסטע האט מען
געשיקט מיט דער באן קיין פויזען און אנדערע פלעצער.
(דיין ברודער מאכל און אפרים זילבערשטיין און דיין
שוואגער רפאל מרדכי ביגעלאייזן האט מען אויך ארויס-
געשיקט צוזאמען מיט מיין ברודער קיין נעקלא). ווער
עס האט זיך אקעגנגעשטעלט האט מען גלייך איינגעזעצט

אין תפיסה, דאס הייסט ביי איציק בלעכער אין קעלער, דארט איז געווען די יידישע תפיסה.

ווי אזוי דאס איז געשען געדענק איך נישט גענוי, אין איין טאג האט מען דערהערט א נייע גזירה "געטא"! אלע יידן מוזן פערלאזן זייערע וווינונגען און זיך גרופירן אין געציילטע גאסן, לויטן נאצישן פלאן. אזוי, אז דער מארק איז געווארן יודן-ריין. מען האט געמענט וווינען אין די גארבער גאס, אבער גיין אויף דער גאס איז נישט געווען דערלויבט; נאר אלס הינטן-ארומעט דורך די געסלעך, ווי טילנע, סענאטארסקי, שראקע און אלע ארומיקע געסלעך. אלע קריסטן פון דעם געטא שטח האט מען איבערגעפירט אין די יידישע וווינונגער אריין אויסער די געטא. אפילו כלעבאווסקי ביי די "סאדע פאבריק" האט מען אויך איבערגעפירט. דארט האט געוווינט די פרוי פון אבא ביאליק, איר טאכטער און איידם אברהם בוראקובסקי און פישל ליסנער, זכריה רייכבארט האט געוווינט ביי לייבעלע בארנשטיין, אפרים בארנשטיין האט געוווינט ביי די בזעזינסקעס. עס איז זיך נישט פוירצושטעלן דעם גרויסן כאאס, וואס איז געווען אין טאג פון דער איבערוואנדערונג! אויף דיין מאמע און יעקב סימעל האט מען ארויסגעיאגט. יעקב סימעל האט בעקומען איין הארץ אטאק און געשטארבן. מען האט נישט בעלאזט מיטנעמען מיט זיך נאר דאס, וואס די הענט האבן געקאנט דערטראגן. די נאצים האבן געהאקט און געשלאגן, טרייבענדיק פון די שטובן. א נאצי מיטן נאמען "שטירמער" איז געווען דער "גרויסער שלעגער". נאך

עטליכע שעה איז שוין אין מארק קיין איין ייד נישט געווען. קיינער איז נישט געווארן צוריקגעלאזט נאך עפיס נעמען פון זיין היים.



אין געטא

די ערשטע פראגע איז געווען אין געטא, פון וואנען נעמט מען עפיס צו עסן? אין די גארבער גאס האט געווינט א קריסט לוקאטש. פון דארט האט מען אים ארויסגעטריבן. אין זיין הויז איז איינגעארדנט געווארן דורכן יודנראט א קאאפעראטיוו מיט א צוטיילונג סיסטעם. אביסל מעל, גרויפן, ברויט און אנדערע פראדוקטן. איך האב אויף א וועגעלע געפירט דאס ברויט וואס די פוילישע בעקערייען האבן צוגעטיילט לויט די צאל יידן אין געטא און לויט

וויפל מעל דער מאגיסטראט האט זיי צוגעטיילט ספעציעל פאר די יידן, און אלעס דורך דער פערמיטלונג פון יודנראט. יעדער איינער האט געקרוגן טאלאנען אויף ברויט, אייך יונגל, וואלף גרינשפאנס זון, האט נאכגעמאכט די טאלאנען, און נאך אגעוויסע צייט האט מען דאס יינגל געפאקט. דאס איז געווען עטליכע טעג פארן אויסזידלונג, ספערשטייט זיך, אז דער יודנראט האט געמאכט א שוייג.

די קריסטליכע געוועלבער אין שטאט זענען אויך געווארן ליקווידירט און פאלקס דייטשן האבן זיך אין זיי איינגעארדנט. די פוילישע אינטעליגענץ איז געווארן אוועקגעשיקט אין א לאגער און אסאך פון זיי זענען אנטלאפן. דעם ד"ר יאנקאווסקי האבן די דייטשן געשאסן. דער פעלדשער כוואלני איז געווען א גוטער קריסט. דורך זיין הויז האבן יידן זיך אדורכגעשמוקלט פון מארק אין פאפרזעצ׳נא גאס. מיין טאכטער האט ער אויך אפגעראטעוועט דורך זיין שטוב. זינגער איז אויך געווארן ארויסגעטריבן פון זיין וווינונג און ער האט געוווינט ביי מרדכי בארד. ער האט זיך זער גוט פערנומען מיט די יידישע קראנקע אין שפיטאל. עטליכע טעג פארן גרויסן חורבן איז ער אנטלאפן און זיך אויסבעהאלטן ביי זיינס א קריסטליכן פריינד איןווארשע. נאך דער בעפרייאונג האט ער זיך אומגעקערט קיין לאסק. אויך מיין ברודער האט זיך געראטעוועט ביי קריסטן.

די פויערן זענען ווייטער געקומען אין שטאט

ארײַן פּערקויפן זײַערע פּראָדוקטן נאָר פאַר קריסטן.
די פויערן האָבן אײַנגעקויפט זײַער ערשטע געברויכן
אין סינדיקאַט און אויך אין די דײַטשע געוועלבער.

ווי עס האָט אויסגעזען דאָס געזעלשאַפטליכע לעבן
אין געטאָ? זער טרויעריק! פאַר די מלחמה איז געווען
א גוטע "גמילות חסדים קאַסע" מיט דוד שמעונס אַלס
פּרעזעס. ווען די דײַטשן זענען געקומען, האָבן זיי
צוגערויבט פון דער קאַסע ביז צום לעצטן גראָשן. און
מער האָט שוין די באַנק נישט געקאָנט עגזיסטירן. אין
געטאָ, ווער עס האָט געהאַט אײַן וועדט-זאַך האָט ער
עס פאַרקויפט קריסטן און פאַר דעם געלט געקויפט עסן.
איך געדענק, אז הושענה רבא איז ר' זעליגל קוז'מין
געשטאָרבן און דער רב האָט אים געמאַכט א הספד. דערנאָך
האָט מען שוין קײנעם נישט געמאַכט קײן הספד. וואָס
אַמאָל איז אַלעס ערגער געוואָרן, מהאָט אַרויסגעשיקט
יונגע קינדער קײן סענדזיוויץ צו שווערע אַרבייט
און אַנדערע מיט כוח געשיקט צו שווערע פעלד אַרבייט
און קוילן גרובן און בויען באַן ליניעס.

די דײַטשן האָבן אין אײַן פּרימאָרגן געפאָדערט בײַ
דער יידישער בעפעלקערונג גאָלד. אויך פון אונדזער רב,
אז ער זאָל זיי געבן דאָס גאָלד און זילבער וואָס ער
האָט בעהאַלטן (עס זענען געווען צווישן אונדז מוסרים).
דער רב האָט זיי קיין אײַן וואָרט נישט געענטווערט.
האָבן די דײַטשן גענומען מרים דעם רב'ס פרוי און זי
געשלאָגן אויפן אַלטן בית עולם. מרים דעם רב'ס האָט
גע קרוגן קלעפּ אויך פון א ייד, וואָס איז געלאָפן

אויף דייטשע-ווינדער. דער ייד האט אבער געגעבן שוואכע קלעפ, האט דער דייטש אים אליין דערלאנגט א לעקציע. און ווידער אים געגעבן דעם קאנטשיק ער זאל פעסט שלאגן די רעביצן. צום סוף האט זי אויסגעזאגט ווו דאס גאלד און זילבער געפונט זיך.

ווי אזוי יידן האבן געדאווונט, געגעסן כשר פלייש, געהאלטן שבת, זאלסט זיך גארנישט פרעגן! דיין ברודער אפרים האט מורא געהאט און נישט געשאחטן, אפשר האט ער יא אמאל געשאחטן א הינדל. שלמה, רודע די שוויגע-רינס מיט זיין שותף וויינבערג, האבן געפלעגט אין די ערשטע צייטן עפים ארייננצישמוגלען און שחטן אויף כשר. א ציג, א שעפסל אמאל אויך א אבהמהלע. משה מנדלס זון האט אויך אמאל געשחטן. אברהמעלע פאלקעס זון א שוחט, האט מען געכאפט ביי אזא עברה און אים געשיקט נאך שעראדז אין תפיסה. דער יודנראט האט זיך אריינ-געמישט און אים אפגעראטעוועט, ער איז צוריק געקומען א היים צוהארגעט און צוקלאפט, אזוי אז אין א קורצער צייט איז ער געשטארבן.

מצות אויף פסח האט דאס ערשטע יאר צוגעשטעלט דער יודנראט. שפעטער איז מער קיין מצות נישט געווען. א טייל האט געגעסן חמץ און א טייל האבן 8 טעג געגעסן בלויז קארטאפל. עס איז אויך געווען אין געטא א קיך ביי פוקאטש אין הויז און הונגעריקע יידן האבן בעקומען א האלבן ליטער זופ פון גרויפן מיט קארטאפל און שטיקל ברויט. די אמאליגע נגידים האבן זיך שוין אויפ-געהערט צו שעמען, שוין געהאט אויספערקויפט אלעס.

וואס זיי האבן געהאט. די קיך האט עקזיסטירט כמעט-
ביז צום לעצטן טאג פון דער אויסזידלונג.

די ארומיקע פליטים פון זעלעוו, ווידאווע,שאדעק.
און לוטאמירסק, האבן אין לאסק מיטגעמאכט אלעס וואס
מיר, וואס עס איז געווען מיט אונדז איז אויך מיט
זיי געווען. ביי די איינטיילונג פון פראדוקטן און
וווינונגען, גיין צו ארבייט און אנדערע פליכטן. די
ארומיקע שטעטלעך זענען אפגעמעקט געווארן באלד אין
אנפאנג. דאס ביסל יידן זענען זיך צולאפן אין אנדערע
געטאס אין אומגעקומען אזוי ווי די לאסקער יידן.

מיר האבן געזען בלויז די זעלעווער יידן, ווי
מען האט זיי געפירט קיין „בעלמנא", אין קליינע יינגלעך
האב איך געזען דורכן פענסטער פארן אין עטליכע
אטאמאבילן אנגעפאקט. יידישע יינגלעך, אַנע היטלעך,
אין דערזעלבער ריכטונג - „בעלמנא-גאז-אויוונס."

פון אלטן בית עולם האבן די דייטשן ארויסגענומען
די מצבות און מיר יידן האבן אויסגעגראבן די ביינער
פון די קברים און זיי קובר געווען אויפן נייעם בית
עולם.

אונדזערע קינדער האבן שוין מער נישט געלערנט
אין די חדרים, נישט געהאט קיין שום שולע. בלויז
אין די "סאדע וואסער פאבריק" ביי די בז"עזינסקעס
האט געווינט איינער א לערער "לעווי", ער האט געפלעגט
לערנען מיט עטליכע קינדער. אויך מיינע קינדער זענען
צו אים געגאנגען לערנען, כפלעג אים צושיקן א ברויט
פאר שכר לימוד.

ביים רב (געוווינט ביי משה בעקער) האבן זיך געפלעגט אויפקלויבן א מנין יידן כמעט יעדן טאג און געדאווונט. דיין ברודער אפרים האט אויך דארט געפלעגט דאווענען. באלד נאכן דאווענען זענען זיך אלע שנעל פענאנדערגעגאנגען. די ספרי תורה פון שול, בית המדרש און אנדערע שטיבלעך מיט די חברות. זענען צוגענומען געווארן אין געטא אריין און פערוואנדלט געווארן אין א פריוואט אייגענטום. ווו עס איז געווען א ספר תורה האבן זיך פון צייט צו צייט צוזאמענגענומען א מנין יידן און כאפ-לאפ א דאוון געטוען. דאס איז נישט געווען ערלויבט, אבער די יידישע פאליציי האט זיך פון דעם נישט געמאכט ווסן. אזוי האבן זיך געצויגן א גאנצע קייט פון צרות. עס איז נישט געווען א טאג, א שעה, וואס זאל נישט פאסירן עפיס שלעכץ, אויף יעדן טריט און שריט זענען געווען סכסוכים פון ווייטוק און הונגער. כמעט יעדער מענטש פון די יידישע בעפעלקערונג האט מער געבעטן אויפן טויט ווי אויפן לעבן. דאס איז אלעס אזוי געווען ביז י"א אלול אין יאר 1942.

איך בין געווען אין לאסק ביזן לעצטן טאג פון דער אלגעמיינער אויסזידלונג ווי די "צוררים" האבן דאס גערופן. דאס איז געשען צומארגנס פון דער זדונסקא-וואלער יידן אויסזידלונג קיין "כעלמנא".

די רוצחים האבן דורך דער פאליציי ארויסגעטריבן אלע יידן פון זיירע שטיבן אין געטא, אראפ צו דער סאדע-וואסער-פאבריק. אזוי ווי דאס ארט איז געווען

צוקליין און זיי האבן נישט געקאנט קאנצענטרירן אלע אויף דעס ארט, האט מען אונדז פון דארט ווייטער געטריבן ווי בהמות, מיט געשרייען און קלעפ אויף דער קילינסקעגא גאס. פון דארט, אלע צוזאמען, אין דער פוילישער קירכע אריין. (דאס גאנצע שטעטל איז שוין פון פרימארגן געווען ארומגערינגלט דורך עס-עס, בעלאדנט מיט געווער). ביים ארייננגאנג אין קירכע דורך א קליין טירל האבן די נאצים מיט זייערע צוויי געקליידעטע העלפערס געהארגעט און געשלאגן מיט שטעקענס און באטיקעס איבער אלעמענס קעפ. צווישן זיי איז אויך געווען א בעקאנטער קאלער-שלעגער "פוקס", פון די לאדזער געסטאפא און אויך דער בעוווסטער געסטאפא פירער "ביבאוו" מיט נאך א גאנצע גרופע מערדער.

מער ווי 3500 יידישע נפשות האבן זיך געדארפן ארייננפאקן אין דער קירכע. צווישן זיי זענען אויך געווען יידן פון די ארומיקע שטעטלעך, וואס זענען די גאנצע צייט געווען מיט אונדז אין געטא. כמוז אינטערשטרייכן, אז די טשעכן וואס האבן געוווינט אין אונדזער סביבה האבן נישט מיטגעארבייט מיט די דייטשן, נאך דער מלחמה האב איך זיך דערפון געגנוי דערוווסט.

יידן וועלכע האבן נישט געקאנט אזוי שנעל גיין ווי די נאצישע מערדער האבן געטריבן, זענען באלד דערשאסן געווארן דורך די ס"ס: רודע די שוויגערין, העניך זענדל מיט זיין פרוי דאבריש, העניך קליגער, משה בעקער, דניאל פלאכטע, משה באלצעריק מיט זיין

פרוי און אנדערע. דיין מאמע און דיין מומע רבקהלע מיט דיינע שוועסטערן שרה און מחציה מיט זיירע קינדער זענען געווען אין קירכע. זיי האבן נישט געוואלט ארויסגיין צו די סעלעקציע און איבערלאזן די קינדער. זעלבע פאלן זענען געווען אסאך, וואס האבן נישט געוואלט גיין צו די סעלעקציע צוליב די זעלבע טעמים. אזוי מיין שוועסטער רומקע איז געבליבן אין קירך און נישט געוואלט ארויסגיין. אויך זענען צווישן אלע אנדערע געבליבן מתית שוחט און דער רב ר' לייבל. דער רב האט עפיס געדארשנט, אבער קיינער האט אים נישט געהערט און נישט פערשטאנען. דער פרעזעס האט דערקלערט הויך, אויפן קול, אז דאס איז א ניי מיטל פון די דייטשן צו ראבעווען דאס איבערגעבליבענע יידישע פערמעגן, יעצט וועלן די דייטשן ראבירן אין די שטיבן דאס גאלד און זילבער און דערנאך וועט זיך יעדער אומקערן אין זיין שטוב. דערווייל האט מען גענומען עטליכע יונגע מענטשן זיי זאלן קובר זיין די געשאסענע אין די גאסן. איציקל רפאל מרדכי'ס האט אלעמען געטרייסט: יידן, שטארקט זיך! דאס איז פאר די הילף! מיין טאטע, ר' נתן ווידאווער, און אנדערע אלטע יידן האבן אים אויסגעהערט און ווידוי געזאגט.

עטליכע טעג זענען מיר אזוי געווען צוזאמענגעפרעסט אין קירכע אן א טראפן וואסער, אן ברויט, די קינדער האבן געבעטן וואסער, עטליכע יונגע מענטשן זענען געשיקט געווארן דורכן פרעזעס צום פייערלעשער זאל זיי זאלן ברענגען וואסער. מיין ברודער יאסל איז אויך געווען צווישן זיי, האט אים א פאלקסדייטש

געזאגט: רייס אויס! װען דו קאנסט, און יאסל איז טאקע אנטלאפן און זיך אויסבעהאלטן צװישן קריסטן. מאיר באמס טאכטער האט געבוירן א קינד אין דער קירכע, דער דײטשער פאליציסט "האנשפערגער" האט זי דערשאסן מיטן קינד און די יידישע פאליציי האט זיי קובר געװען.

צומארגנס האט מען מיך געשיקט און האב געבראנגט ברויט און צוטײלט שטיקלעך יעדן אײנציקן. פון דער קיך האט מען געברענגט א ביסל זופ, צום ערשטן האט מען געגעבן די קינדער אביסל עסן. אזוי זענען אדורכ-געגאנגען 2 טעג. אביסל געדרימלט, אביסל געגעסן און געטועך דאס נאטירליכן געברויך אויפן ארט. דינסטאג, װען כהאט געברענגט דאס װעגעלע ברויט, האב איך דערזען, אז אין דער קירכע איז נישט היימליך. אויפן קליינים מארק איז שוין געװען אויסגעשטעלט מאשין געװער. מיך האט מען נאך געלאזט צופירן אויפן װעגעלע דאס ברויט מיט נאך אײניגע בחורים: אײזיק און דוד שלמה. דאס װעגעלע ברויט איז דארט געבליבן שטיין ביים ארײנגאנג און איך בין ארײן אין קירכע צו מײן פרוי און קינדער.

די יידישע פאליציי האט אויסגערופן, אז אלע יונגע מענטשן זאלן ארויסגײן פון דער קירכע צו די סעלעקציע. סזענען ארויסגעגאנגען מיידלעך און יינגלעך און איך בין אויך ארויס צװישן די יונגע. דארט איז שוין געװען דער בעקאנטער "האנס ביבאוו" און ער האט זיך געקליבן מענטשן: "פלאץ!" "קירכע!"

פלאץ האט געהייסן קיין לאדז׳ און קירכע האט זיך אויסגעטייטשט קיין "כעלמנא"... אשאד וואס "ביבאוו" איז נישט געקומען פריער, וואלטן זיך אפשר נאך אפאר יידן אפגעראטעוועט, ער וואלט זיי געגומען קיין לאדז׳.

די וואס זענען בעשטעטיקט געווען קא לאדז׳ (900 יידן) האט מען אוועק געפירט צו די „גליניוועקעס". דארט זענען געווען גריבער און פון דער הויך האבן אונדז געהיטן זשאנדארן מיט מאשין געווער. עס זענען געווען שיינע טריקענע טעג און מיר האבן זיך אין די גריבער בעזעצט, און אפגעלעגן מיטוואך אגאנצע נאכט, דאנער-שטאג אגאנצן טאג. און מיך האט מען ווידער געשיקט ברענגען ברויט ביי דער בעגלייטונג פון מאגיסטראט קאמיסאר. פון עטליכע בעקערייען האבן מיר צוזאמענ-גענומען אוועגעלע ברויט און עס צוגעפירט צו די גליניבקעס. "סהאט קיינים נישט געהונגערט". מיר זענען געווען זאט פון די צרות און זארג, וואס עס וועט זיין מיט אונדזערע פרויען און קינדער, וועלכע געפונען זיך אין קירכע. אזוי איז געבליבן דאס וועגעלע ברויט שטיין און קיינער האט נישט געגעסן...

פון די גליניוועקעס האט מען אונדז 900 יידן איבעגעטריבן אויפן פערדס מארק און די דייטשן האבן בעפוילן, אז מיר זאלן זיי אפגעבן דאס געלד וואס מיר האבן. זיי האבן געמיינט, אז די יידן האבן בעגראבן דאס געלד און געלד אויף די גליניוועקעס. דא האט אויך "ביבאוו" דער גרויסער רויבער פון יידישן האב און

פערמעגן, געהאַלטן ארעדע: "כווייס געגוי, אז איר האט נאך אויסבעהאלטן די ברילאנטן, איך ווייס, אז איר באהאלט עס אין די שיך!" מיין זון האט גענומען אפודלע, און ער איז ארומגעגאנגען צווישן דעם עולם און געדופן, אז יעדער זאל געבן וואס ער האט נאר! מענטשן האבן געגעבן דאס לעצטע וואס זיי האבן געהאט. דוד איילשלעגערס טאכטער איז צוגעגאנגען צו די מערדער און געזאגט, אז זי האט אין אירע שיך עפיס בעהאלטן. איז אשוסטער צוגעגאנגען און האט אויפגעריסן די קלעצלעך און פון דארט ארויסגענומען אלעס. כווייס נישט געגוי וואס.

דורך די צייט איז אנגעקומען א גאנצע גרופא פון די "רויב קאמאנדע" די וואס האבן געפירט די יידן אין אויוון אריין און האבן צוגענומען דעם פרעזעס זאלמען קאכמאן, ביידע ברודער פרידמאן, יעקב כאבעלסקיס יינגל, יעקב פיעטרקאבסקי, שלמה לערער, אברומטשע בז'עזינסקי, און נאך אנדערע, צוזאמען 20 מאן און ארויף גענומען אלע אויף א לאסט-אטא און מיט זיי אוועק.

ביי די סעלעקציע האט "ביבאוו" געפרעגט יעדן וואס פאר א פאך ער האט. אבער ווער האט דען געוואוסט זיינע מחשבות? סקאן זיין אז פיל מענטשן, ווען זיי זאגן, אז זיי זענען שניידערס אדער שוסטערס וואלטן זיי געווארן צוגעטיילט צו גיין קיין לאדז'. מיין זון האט געזאגט אז ער איז "בעקער מייסטער" האט ביבאוו אביסל געדרייט מיט די נאז, אבער ער האט אים געלאזט קיין לאדז'.

נאכדעם אוועקפירן די 20 פערזאָן מיטן פרעזעס
האט מען אונדז ווידער צוריקגעטריבן אויף די
„גלינעיווקעס„ דאס ברויט איז נאך געשטאנען, אבעלע
משה-פאלאקס, האט מיך געהייסן שניידן אויף שטיקלעך
דאס ברויט, איז גלייך צוגעקומען מרדכי פייבעלס זון
און געזאגט: נח סהונגערט מיך! האב איך אים געזאגט,
אז איך טאר אים נישט געבן, אויבן זענען געשטאנען
שומרים מיט מאשין געווער און געקוקט אויף מיין
בעוועגונג. הארך, האב איך אים געזאגט, איך מאך זיך
נישט זען און נעם דיר אליין. דא האב איך געכאפט א
פליק פון א באנדיט מיט אקולבא פון א ביקס אויפן
קאפ. כהאב זיך בעגאסן מיט בלוט און געבליבן
אָנבעוווסטזיין. פנחס לעווין איז געקומען און האט
מיר איינגעהאלטן דאס בלוט און געמאכט א באנדאזש.
פרייטאג פרי איז געקומען דערזעלבער קאמיסאר, וואס
האט אונדז ארויסגעפירט אויף די„גלינעיווקעס" און האט
אונדז ארויפגעפאקט אויף מאשינען און אפגעפירט צו
דער באן, און האט בפירוש געזאגט צו אונדז: קוקט
זיך נאכאמאל גוט אָן דאס שטעטל לאסק, ווייל איר וועט
עס שוין מער נישט זען!!! איך האב זיך אין הארץ
געטראכט - די מערדער וועסט שוין מער דאס שטעטל
נישט זען, אבער איך האב נאך בטחון. סהאט נישט לאנג
געדויערט און די באן האט אונדז געבראכט קא לאדז',
וואס איז געווען מיט די איבריגע יידן אין קירכע
האבן מיר שוין נישט געזען. דערציילט האבן מיר שפעטער
די לאסקער קריסטן, אז אלע וואס זענען געווען אין קירכע
האבן די מערדער אפגעפירט קיין "כעלמנא"...

אין לאדז'ער געטא

לאדז'ער געטא איז א ספעציעלע געשיכטע. אין לאדז' האט מען אונדז ווידער איבערגעקליבן און אטייל אוועק-געשיקט... איך האב בעקומען א דירה און צוזאמען מיט עטליכע לאסקער קינדער האבן מיר זיך דארט איינגע-ארדנט. מיר האבן געטראפן לאסקער מיט "אויפגעשנורעוועטע שוך" ווייל די פוס זייערע זענען געווען געשוואלן. איך בין געגאנגען בארוויס, אויפן וועג האב איך געזען אַ ייד פערחלשט האב איך געשריגן: יידן קומט העלפן אפּראטעווען אַ ייד!! קיינער האט זיך נישט גערירט פון אָרט. האב איך געזאגט צו יעקב כאבעלסקי - דאס איז דאס ריכטיגע "גיהינום", ביי אונדז אין לאסק איז נאך געווען א "גן-עדן".

מיר האבן געקרוגן א ליידיגע שטוב, אפילו א זעקל שטרוי איז דארט נישט געווען. יעדן טאג האט מען געכאפט מענטשן אויף די גאס און געשיקט אין שאכט הויז "כעלמנא". אזוי האבן "זיי" זיך נישט געקאנט אָנזעטיגן מיט דעם יידישן בלוט. אויך אונדזער רייע איז געקומען, ווייל עס איז דערווייל נישט געווען וואס צו עסן. אבער פון די דירה האבן מיר געמוזט אנטלויפן, ווייל זי איז געווען רעגיסטרירט, אז מיר, ביז 10 פערזאן, ווינען דארט. נישט ווייט פון מיר האב איך בעמערקט איין דירה וואס אויף די טיר איז געווען אנגעקלעבט אצעטל פון דער פאליציי, אז די וווינונג איז לער געווארן פון מענטשן, זיי זענען

שוין געווארן אוועקגעשיקט אין אויוון אריין. דארט
האבן מיר זיך בעהאלטן, אריינגייענדיק דורך א זייטיק
פענסטערל. 3 טעג זענען מיר דארט געווען אויסבעהאלטן
אָן עסן און אָן א טרינק וואסער. פלוצלינג האט זיך
בעוויזן א מיידעלע מיט א שטיקל ברויט און א טעפל
וואסער, א בלעכארזשס א טאכטער מיט איר מאמע פון
פראג. דער פאטער אירער האט געהאט א ספר תורה מיט א
שופר און די דייטשן האבן אים שוין געהאט אוועק
געשיקט. מיר האבן געהערט שרייען די נאצים: יידן
ארויס! מיר האבן זיך אלע אראפגעלאזט אין קעלער,
צוזאמענגעפרעסט זענען מיר אזוי געלעגן ביז סאיז
אין דרויסן שטיל געווארן. איך בין ארויס פון קעלער
און האב זיך איינגעהערט, אז אין דרויסן איז שוין
גאנץ שטיל. עטליכע טויזנט יידן האט מען דאמאלס
אוועקגעשיקט צום טויט און צווישן זיי אויך דעם
בלעכארשזס מיידעלע פון פראג מיט איר מאמע.

נאך אפאר טעג, דורשטיג און הונגעריג, זענען מיר
ארויס פון דעם פערחתמעדיגן וווינונג זוכן עפיס עסן.
ברויט קארטן האבן מיר נאך נישט געהאט. מיר האבן
אויסגעפונען דעם "אמט" און בעקומען די ברויט קארטן.
איך גאס האבן מיר צופעליק געטראפן אלאסקער, "אייזיק
בעקער", לייבעש מינקיעס א איידעם, ער האט מיך
איינגעלאדנט אויף לאגעווניצקי גאס 63 צו בעקער ארבעט
און געטראפן דארט ארבעטן נאך עטליכע לאסקער. דער
עיקר, האב איך געטראכט, וועלן מיר האבן א שטיקל
ברויט צום עסן. אין ארבעטס-אמט האט מיך אברהם שטייער

(ער לעבט יעצט אין ישראל) בעשטעטיגט און מיר האבן דארט געארבעט אפאר טעג. 6 קילאמעטער אהין און 6 קילאמעטער צוריק האבן מיר געדארפן גיין יעדן טאג פון ,דערהיים' צו דער ארבייט. איך האב זיך ארויסגעדרייט פון דער ארבייט און מיין זון איז יא דארט געבליבן. איך האב זיי מוחל געווען פאר די זופ מיט דעם שטיקל ברויט,וואס מען האט דארט געקרוגן און בין אוועק ווייטער זוכן א וועג ווי אזוי צו בלייבן לעבן.דאס איז געווען מיין אייננאונאיינציקער ציל. דאמאלס האב איך אויסגעפונען זעליג קרזעפיץ און איציק פארמאנס 2 זון. איציק פארמאנס זון האבן מיך צוגענומען צו זייער ארבייט. זיי האבן געהאט א גוטע שטעל און דארט האב איך געארבייט ביז מען האט ליקווידירט דעם ארבייטס-פלאץ און אונדז אלע געשיקט קיין אַשוויץ, דארט האט מען ווידער געקליבן און אונדז געשיקט אין אמוניציע אפטיילונג.

אשוויץ

איך אַשוויץ בין איך געווען מיט מיין זון און טאכטער. מיר האבן געמאכט פערשידענע טיילן פון גראנאטן און פון באמבעס. דער לייטער פון דער אפטיילונג האט געהייסן חיימוביץ א גוטער מענטש. ספערשטייט זיך, פארן אוועקשיקן האט מען אונדז נאכאמאל איבערגעקליבן, אפגעגאלט די קעפ און איבערגעטון די בגדים. דאס זעלבע האט מען געטון די מיידלעך און אונדז אויף דערוויל גענומען אין ציגיינער לאגער אריין.

די ציגיינער זענען דארט געהאלטן געווארן אלאנגע צייט און צום סוף אויך זיי געשיקט אין אויוון אריין. 2 טעג זענען מיר געזעסן מיט די ציגיינער און אונדז ווידער איבערגעטון מיט די "פאשאקעס" און געפירט קיין "שטאט-הויף" ביי דאנציג. דארט אין א אויסגעהאקטן וואלד אין באראקן האבן מיר זיך געפונען עטליכע מאנאטן און איך האב דארט געכאפט א גרויסע "עליה" ביז טויט קלעפ. די נאצים האבן ביי מיר געפונען א סידורל. ביי די ארבייט אין וואלד איז דאס סידורל מיר ארויס-געפאלן פון דער טאש. און בעוווסטזיין האבן צוויי חברה מיך איבערגעטראגן אויף א ברעט אין באראק אריין. 3 טעג שפעטער האב איך בעקומען א קוואטאק דורכן מויל. דארט האט זיך אויך געפונען יצחק, חיים הערשט איינ־יקל, און ער האט זיך צוזאמען מיט מיין זון געוואנדן צו דעם יידישן דאקטאר (געשטאמט פון רוסלאנד) ער זאל מיר העלפן. האט ער זיי געענטפערט, אז פאר יידן האט ער נישט קיין רעכט צו געבן רפואות, דא איז אלעס פאר קריסטן! פון דארט האט מען מיך אוועקגעפירט אין א ספעציעלן קראנקן באראק. איך האב דארט געטראפן נאך פיל קראנקע מיט הויכע היץ. כווייס נישט ווי לאנג כבין דארט געווען. כבין געקומען צו מיר. איך אפאר טעג ארום האב איך שוין געטרונקן קאפע. פון דארטן האבן מיך אפאר יידן ארויסגעכאפט. דערוווסענדיק זיך, אז מען גייט מאכן אין קראנקן באראק א סעלעקציע, זיי האבן מיך צוריק אריינגעטראגן אין פויריקן באראק און מיך דארט אביסל צוגעפלעגט. נאך א קורצע צייט בין איך שוין ווידער געגאנגען צו דער ארבעט. מיין זון

האט זיך געבעטן ביים אופזער און ער האט אויך מיר רחמנות געהאט און מיר ערלויבט צו וואשן וועש און פאריכטן סקארפעטן אין באראק נומער 13. פער דער ארבעט האט מען בעקומען יעדן טאג צוגאבן פון עסן.

די רוסן קומען

מיר האבן זיך שוין דערוווסט, אז די רוסן דערנענטערן זיך צו אונדז. אין אפאר טעג שפעטער האט מען דעם גאנצן לאגער ליקווידירט און אונדז אוועק-געפירט נאך "דרעזדן" אין דער "שאנדער שטראסע". דארט האבן מיר ווידער גענומען ארבעטן ביי אמוניציע. "ביבאוו", דער אויבענדערמאנטער, איז דא געווען דער לייטער.

די רוסן האבן אין איין נאכט בומבארדירט די שטאט דרעזדען. עס זענען געפאלן טויזנטער טויטע און פארוווּנדעטע. "ביבאוו" האט זיך מיט אונדז געהאלטן און געזארגט פאר אלע. הערשל נטע טויבעלעס איז אויך דארט געווען. זעענדיק, אז עס איז אזא שרעקליכע סאמאטאכע, האב איך גערעכנט, אז ס'איז שוין געקומען די הילף. איך האב זיך מיט די גאנצע חברה געהאלטן אין א בעקערייַ ווו אלע טירן און פענסטער זענען אויס-געהאקט. איך האב זיך גלייך מיט די גאנצע חברה גענומען צו די ארבייט. עס איז מיט אונדז דארט געווען א ס"ס-מאן פון לייפציג און ער האט געזאגט, אז ער דארף נישט הונדערטער "בעקערס" איר וועט אלץ אליין אויפּרעסן! האט מען צום סוף, אויסגעקליבן נאר אמתע בעקער צוויישן זיי מיך מיט מיין זון. עס איז דארט געווען א וויעלונער

ייד, א שניידער, שמואל שמולעוויטש, און ער האט זיך געבעטן: נח, ראטעווע מיך און נעם מיך אלס בעקער.! איך האב אים געהייסן שטיין נעבן אונדז און ער איז געבליבן ארבעטן אלס בעקער.

אין דער בעקעריי האבן מיר געארבייט און געהאט צו עסן. עטליכע וואכן, אזוי לאנג ווי דער שעף איז געווען מיט אונדז. אז מען האט אים פון דארט אוועק גערופן, זענען מיר ווידער געווארן הפקר-מענטשן, אן לייטער און אן ארבעט. אזעלכע האבן די ס"ס באלד אויפן ארט דערשאסן. דעמאלס האבן מיר זיך געוואנדן צו א פרוי בעקערין, וואס די בעקעריי איז געווען איר. זי איז געווען א גוטע פרוי און פון איר האבן מיר זיך אויך דערוווסט די נייעסן פון פראנט. זי האט געזאגט, אז דאס וועט שוין לאנג נישט דויערן און אונדז געראטן, אז מיר זאלן זיך אויסבעהאלטן עטליכע טעג. פון איר האבן מיר שפעטער בעקומען שפייז אויפן וועג און אויך 100 מארק יעדער איינער. פון דארטן זענען מיר האנטלאפן און געלעגן בעהאלטן, יעדער בעזונדער אויף א אנדער ארט.

ווידער אין אפאר טעג ארום בין איך געגאנגען זוכן מיינע קינדער, בייינאכט אין דער פינסטער, עס האט שרעקליך גערעגנט, בין איך אוועק און אנגעקלאפט ביי די דייטשע בעקערין. אויף מיין ענטפער, אז עס קלאפט דער "בעקער לייטער" האבן זיי מיר געעפנט און מהאט מיר געזאגט די בשורה, אז מיין זון איז דארט געווען זיך פרעגן אויף זיין פאטער און

איבערגעלאזן מיר זאגן, אז מארגן איין די זעלבע שעה וועט ער ווידער קומען פון זיין בעהעלטעניש זען דעם דעם טאטן. כהאב אבער דארט נישט געקאנט בלייבן און ווידער ארויס אין דער פינסטערניש און געהערט גיין די מיליץ, די זשאנדארמען זענען שוין נישט געווען. ווען זיי זענען אדורך איז אויך ארויס געקראכן נאך א ייד פון עפיס א לאך, דאס איז געווען איינער אברהם שווייצער פון סאסנאווצא. וואס טוסטו דא פיעטריק? (אזוי האט מען מיך גערופן). זאג איך אים: איך בלאנזשע און ווייס נישט ווו זיך אהינצוטוען. דו ווייסט נישט וואס מיט זיך צו טון? דו, וואס דו האסט געמאכט פליטה פון אלע געפארן, סעלעקציעס, הונגער, קרענק און אויסזידלונגען, דו ווייסט יעצט נישט וואס צו טון?? פערשטעק זיך דא נישט ווייט, ווייל די רוסן זענען שוין הינטער דער שטאט.

צומארגנס בין איך ווידער געקומען צו די בעקעריך, שפעט ביינאכט, ווי כהאב זיך אפגערעדט, און טאקע געטראפן דארט מיין זון. מאדאם מילער האט זיך די בעקעריך גערופן (20 יידן האט זי געגעבן ברויט און געלט). זי האט מיר אויך דערציילט, אז מיין טאכטער איז דא געווען און אז זי געפונט זיך אין דערזעלבער בעהעלטיניש ווו פריער. מיר האבן שוין געוווסט ווו דאס ארט געפונט זיך. מיין זון האט זיך גוט אריענטירט אין דער פינסערער נאכט און מיר האבן געפונען מיין טאכטער מיט נאך א וויעלונער מיידל. רוזשקע, דו גייסט מיט אונדז, האט מיין טאכטער געזאגט. אזוי

זענען מיר אין דער פינסטער ענערגיש אלע געגאנגען. אויפן וועג האט זיך צו אונדז צוגעטשעפעט נאך א דייטשער ייד. מיר האבן אים געקאנט נישט פאר אַרנטליכן מענטש, אבער אויך אים האבן מיר מיטגענומען מיט זיך. פון דארט זענען מיר אריין אין א ליידיקן לאגער גענומען קאצן (סאיז שוין דארט קיינער נישט געווען) און מיר האבן זיך ווידער אויסבעהאלטן און געלייגט שלאפן צודעקנדיק זיך מיט די קאצן.

אין די הענט האבן מיר גענומען שטעקנס מיט שטיקער אייזן, אז אויב קומט נאך עפיס א דייטש אונדז שלעכטס טון, זענען מיר גרייט געווען אים צו דערהארגענען. נאך 3 וואכן האבן מיר זיך געמוזט אויסבעהאלטן אין יענעם בעקאנטן קעלער און דארט געטראפן א אייניקל פון לייבל מינצבערג פון לאדז. מיט אונדז איז אויך געווען איינער א ווארשעווער, מען האט אים גערופן מוניעק קראווטשיק און אויך אאינזשינער בראון. דער אינזשינער מיט דעם אייניקל פון לייבל מינצבערג האבן אויסגעארבייט פוילישע פעסער פאר אונדז אלע. מיך האט מען גערופן פיעטריק קענדזיערסקי און מיין טאכטער בראנטשא קענדזיערסקי. יעדער האט זיך גערופן מיט א אמת פוילישן נאמען. די פרוי מילער האט געזארגט פאר מלבושים וואס האבן געפאסט פאר יעדן. די פעסער זענען געווען אין פארם פון בלעטלעך פאפיר מיט די פירמע פון דער באמבאר-דירטער אמוניציע פאבריק אין "קעמניץ" אונטער-געשריבן נעמען פון די דארטיקע אינזשינערן.

אזוי זענען מיר א קלענערע גרופא ארויס פון דרעזדען. דער לעצטער וועג מיינער. מיר גייען צו די רוסן. אויפן וועג האט מען אונדז עטליכע מאל איינגעהאלטן און יעדעס מאל זיך ווידער אפגעראטעוועט מיטן „שם המפורש,״ אז מיר זענען פוילישע ארבעטער. נישט אזוי לייכט איז דאס אנגעקומען. מיט טויט שרעק פאר יעדן דייטש, נאצי, ס"ס און סתם רוצחים. קיינער גלויבט דיר נישט און מיר גלויבן קיינעם נישט. נאר האבנדיק דעם פאס האבן מיר כוח בעקומען צו פאדערן פון יעדן איינעם. אזוי זענען מיר אין איין פרייטאג פארטאג, נאך אביסל זיך אפרואשן ביי א קראן אויף א צמענטארזש, גענומען גיין אויף דער ריכטונג קיין מזרח. מיין זון האט געהאט עפיס א שטיקל מאפע,האט ער אונדז ארייגעפירט אין א דארף אריין. איינע, א מיידל פון אונדז, האבן מיר איבערגעגעבן די פונקציע צו רעדן דייטש. מיר אלע האבן גערעט אונדזער לאסקער פויליש, קיין אייןווארט יידיש. דא האבן מיר אדורכגעריסן פערשידענע פערצוימונגען און זיך אפגעראטעוועט פון פערשידענע נייע צרות, צום סוף זיך איינקווארטירט אין א דארף ביי פאלאקן.

ביי נאכט זענען מיר ווידער פון דארט ארויס און געגאנגען אויף א צווייט ארט און געפאדערט פון דעם דארף׳ס וואיט נאכטלעגער. מיר האבן דאך געהאט „פעסער ממש,״ האבן מיר געפאדערט. צו מארגנס האבן מיר זיך איינגעקויפט עפיס עסן פאר דעם געלט וואס מיר האבן בעקומען פון פרוי מילער. (איך האב זיך יעצט דערמאנט,

אז פאר מיין אוועק גיין פון דהעזדען זענען פאליצייי געקומען מיך זוכן ביי פרוי מילער און זי האט מיך בעהאלטן אין טואלעט צימער און מיך ווידער אפגערא-טעוועט).

נאך דעם נאכט לעגער ביי א פויער אין סטודעלע. אויף שטרוי, זאג איך צו מיר, אז איך האב זוכה געווען צו ליגן אויף שטרוי, וועל איך אויך דערלעבן היטלערס מפלה. גייענדיק דורך פעלדער און וועלדער אין די ריכטונג צו די רוסן, זענען מיר נאך עטליכע מאל געווען צווישן לעבן און טויט. איינמאל האבן מיר געדארפן אדורכגיין אזא פרשת דרכים ווו סאיז ביי אונדז געווען אויף דער פיוטראקאווער גאס אין לאסק. האבן מיר געזען פלוצלינג, אז מיר זענען פשוט אריינגעפאלן אין נייע רויבער הענט און סאיז נישט גוט. צוריק דרייען זיך האבן מיר מער נישט געקאנט. האבן מיר זיך אנגענומען מיט מוט און קוראזש און געגאנגען גלייך צו די וואַרטע. ווו אהין? פרעגן זיי אונדז. דאס מיידל וואס האט גערעט דייטש האט זיי דערקלערט, אז מיר זענען פאלאקן און זוכן ארבייט. יא ארבייט!! האבן זיי אונדז אלע גענומען הינטער די וואך און אונדז אפגעפירט צו די זשאנדארמעריע. דארט האבן מיר געבעטן וואסער, האט מען אונדז געגעבן. איר ווילט ארבייט? האט ער אונדז געשיקט פון דארטן קיין "וויסלדארף", צום בירגערמייסטער. דארט האט מען בעקומען עסן און אונדז געפירט אויף א זאמל פונקט ווו מיר האבן געטראפן

רוסן און טשעכן. איך האב מיר געטראכט, עס איז שוין ווידער גוט!

עס האט נישט לאנג געדויערט איז געקומען דער וואזשנע זוכן די פאלאקן וואס ווילן ארבייט. מען האט אונדז גענומען צו א פרוי א גערטנערין, (איר מאן איז געווען א ס"ס און זי האט אנגעפירט מיט דער ארבייט). עטליכע טעג האבן מיר דארט געארבעט ביז די רוסן זענען אנגעקומען אין די סביבה.

נאך אין די טעג פאר די בעפרייאונג, האבן די דייטשן געשאסן יעדן ייד וואס זיי האבן געטראפן. מיט נסים האבן מיר זיך ארויסגעדרייט פון זייערע הענט. די רוסן מיט די דייטשן האבן זיך בעשאסן מיט טאנקן, ערשט פארנאכט זענען די רוסן אריין קיין וויסלדארף.

אין דער לעצטער מינוט האט נאך א ס"ס געפרווט צו אונדז שיסן. פארן הויז האבן מיר דערהערט דעם רעש פון די רוסישע טאנקן, זיי האבן צו אונדז גערופן: איך זענט שוין בעפרייט! אהיים!!!

מרדכי אלעי

אליד צו מיין מאמע

פארוואַרפן אינדערפרעמד אויף טויזענדער מייל
ווי גוט וואלט געווען - דיר קאנען שרייבן אבריוו,
ווי די חרטה פייניקט מיך יעדע ווייל
און סאיז ווי דער ים מיין ווייטוקטיף.

אויף מיין הארטן, ארימען געלעגער איינדערנאכט
וועקן מיך אויף זכרונות פון שלאף,
איך ליג און דערמאן מיך פון דיר און איך טראכט
פון דיר און מיין שולד און מיין אייביקער שטראף.

ווי גוט וואלט געווען ווען וואלסט נאך געלעבט,
כזאל קענען אומקערן און פאריכטן צוריק,
וואס כהאב דאן געטוען, וואס כהאב דאן פארפעלט,
א, וואלסט כאטש געלעבט איין אויגנבליק.

כ'ווייס מיין זינד, נאר כבין נישט שולדיק,
דער בלענד פונדערצייט האט מיך פארפירט.
געמאכט צו אלץ מיך אומגעדולדיק,
און אומגעדולדיק אויך צו דיר.

כהאב געהערט דיין שטענדיק קרעכצן
פון דעם עלענט, פון דעם נויט,
נאר די צייט, מיין אייגן לעכצן
האט דיין קול אין מיר פערטויבט.

ווי אנדערש וואלט געוועזן איצטער,
ווי אנדערש, מאמע מיינע, אצינד.
איך וואלט דערהערט דיין שטילסטן פליסטער
אויסצוקויפן מיינע זינד.

איך ווייס, אז דו ביסט נישט געשטארבן,
גרויסע נשמות שטארבן נישט,
און זעסט פון דארט מיין יעדן קרבן
ווי פון צער מיין טרער איך וויש.

כווייס, אז דו ביסט נישט געשטארבן,
און זעסט דיין קינד ווי האסט באגערט
צו זעען מיין רוקן איבער ספרים הארבן -
מאמע, זאל ווערן מיין חרטה פון דיר דערהערט!

יעקל לעווקאוויטש

אין יודנראט

די ערשטע טעג פון דייטשן רעזשים אין לאסק האב
איך מיט מיינע אייגענע אויגן נישט געזען. כבין נאך
אין יענע טעג געווען אויף גרויסע צרות.אלס סאלדאט
אינדער פוילישער ארמע, זייענדיק פארוואונדעט אויף
אפוס, האב איך זיך קוים דערשלאגן לאמענדיק קיין
לאסק. געטראפן אלעס ווי נאך אגרויסע בהלה, נאך
אגרויסע שרפה. ביסלעכווייז האט זיך די יידישע
בעפעלקערונג "בערואיקט". די, וועלכע זענען פאר
אוואך צייט אנטלאפן אין די נאנטע דערפער, האבן זיך
אומגעקערט יעדער צו זיין היים. מיין טאטע, בערל
מינקייעס, און מאמע הענעלע מיט מיין פרוי און קינד,
האבן זיך אויסבעהאלטן אויף די ראקאטניצא ביי אדייטש.
ער האט זיי גוט אויפגענומען, געגעבן עסן און אגעלעגער.
דער פאלקס דייטש האט די גאנצע פאמיליע מיינע
איינגעארדענט אין זיין סטאדאלע. "מיר האבן בעמערקט
האט מיין פאטער דערציילט, אז גאנץ פרי האט דער דייטש
ארויסגעשטעלט אויפן הויף אגרויסן טיש און אים
צוגעדעקט מיט אגאנץ ווייס טישטוך. מיר האבן געטראכט,
אז דאס גרייט דער בעל הבית צו אפרישטיק פאר אונדז
אלעמען. דער דייטש אבער, אונדזער בעל אכסניה, האט
פלייסיג זיך גענומען האקן האלץ. פאר-נאכט האט ער
דעם טיש ווידער צוריק אריינגענומען אין שטוב. אזוי

האט ער געטועץ די גאנצע צייט אין משך פון אונדזער דארט זיין ביי אים. מיין פאטער האט פערשטאנען, אז דאס "ווייסע טישטוך" האט "אגענויע באדייטונג".
ער האט צעליב דעם בעדאנקט דעם בעל הבית פאר זיין הכנסת אורחים און זיך געלאזט דורך אלע הינטערוועגן קיין פאביאניץ, פון דארט קיין לאדז' מיט דער גאנצער פאמיליע. דארט האבן זיי אפגעווארט עטליכע טעג. ווען די דייטשן האבן אקאפירט לאדז', האט ער זיך מיטן גאנצן פעקל אומגעקערט אהיים-קיין לאסק. פרייטאג אינדערפרי האבן זיך אויך אומגעקערט די אלע, וועלכע זענען אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה אנטלאפן אין לאדז'ער ריכטונג. אין לאסק האבן די דייטשן אלעמען מכבד געווען מיט גוטע קלעפ, בעזונדער יידן. אויך קריסטן האבן דאסמאל געגאסן פון דעם שיינעם קבלת פנים. ביי יידן האט מען גלייך געשניטן די בערד מיט די הויט צוזאמען און שטארק צושלאגן און צוקלאפט. דער גרעסטער טייל פון די יידישע געשעפטן זענען שוין געווען אויסראבירט. אונדזערע קריסטליכע שכנים האבן זיך געטיילט מיטן יידישן פערמעגן גלייך אויף גלייך.

נאך אקורצע צייט האבן די דייטשן גענומען-געכאפט יידן צו פעריכטן, די דורך פוילישע סאפיארן אויפ-- געריסענע בריקן. די צוויי בריקן איבער די טייכלען אויפן וואלער וועג און דער בריק פאר קאלומנא. די ערשטע דייטשע מיליטער-מאכט, האט באלד ארויסגעלאזט אבעקאנטמאכונג, געשריבן מיט גרויסע קידוש-לבנה אותיות, מיט ארואיקן טאן: "בירגער פון אלע רעליגיעס!

מיר זענען דא געקומען מאכן ארדנונג און בעטן אייך אלע צו זיין רואיק". אלע האבן באמת געמיינט, אז דאס זענען די זעלבע דייטשן פון ערשטן וועלט-קריג... אויך מיין טאטע האט אזוי געזאגט: וואס איז דאס געלויף, דאס געציטער, און וואס איז דער טאראראם? סאיז אמלחמה, אמלחמה ווי אלע מלחמות.!

באלד נאכן מיליטער דורכמארש זענען אנגעקומען אין שטאט אנייע באנדע: "ווירטשאפטס-לויטע". זיי האבן איבערנומען די שטאט אדמיניסטראציע, ווייל ביז זייר קומען איז אלס געווען כאאטיש, יעדער דייטש איז געווען אהיצעל, געדארפן אארבעטער, האט ער זיך ארויסגעלאזט אין גאס און געכאפט, ווער סאיז אים אינטערגעקומען. געפאטשט און געשלאגן און געשלעפט צו דער ארבעט. דער ייד איז געווארן הפקר. אפילו פריוואטע לאסקער פאלקס-דייטשן האבן זיך אויך אזוי געפירט, און געכאפט יידן צו דער ארבעט. צווישן די ערשטע 10 מאן געכאפטע צו ארבעט, זענען געווען: דוד וויוויעצקי, דניאל פלאכטעס ביידע זון, די גאלדבערגס און נאך אנדערע. די ארבעט איז בעשטאנען פון אפלאדענען פראכט-אטאמאבילן און וועגן. דאס וואס האט געקאנט געטוען-ווערן דורך איינעם אדער צוויי, האבן זיי גענומען 10 מענטשן. אזוי האט געדוירט אסך טעג. מיט צער האב איך דאס אפסערווירט. מיך האט מען טעלארירט, ווייל איך האב געהאט אאינוועליד בעשייניגונג אלס נכה מלחמה.

די ערשטע זארגן פון יעדן איז געווען צו זוכן ברויט. פראוויאנט-זאפאסן האט קיינער נישט געהאט. אזוי

האבן זיך יידן ארויסגעכאפט אין די נאנטע דערפער און זיך איינגעקויפט אביסעל פראוויאנט, קארטאפעל, מעל, פוטער, אהיימקומענדיק האבן זיי דאס צוטיילט צווישן זײערע שכנים. און ווער סהאט צו אזא גליק נישט דערגרייכט האט טאקע געהונגערט. דער ערשטער וואס האט גערופן צו מעשים פון ארגאנעזירן זיך איז געווען אברהם בוראקאווסקי, ער איז אין יענע צייטן געווען דער סעקרעטאר פון די יידישע גמינא און זלמן קאכמאן איז געווען דער פרעזעס (צעליב סכסוכים אין דער גמינא פאר דער מלחמה איז זלמן קאכמאן נאמינירט געווארן דורכן דאמאלדיקן סטאראסטא לאזארסקי אלס פרעזעס פון די גמינא). אברהם בוראקאווסקי מיטן פרעזעס האבן איינגעפונען, אז אין אזא כאאס פון כאפן צו ארבעט יידן, שלאגן און ארויסהונגערן די יידישע בעפעלקערונג, וועט ברענגען צו גאר טרויריקע רעזולטאטן. זיי זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז אלס מוז זיין ארגאנעזירט דורך דער קהילה פערוואלטונג, אום ארויס-מיידן דעם תוהו ובוהו. און אזוי איז דאס טאקע געשען. דער פרעזעס האט גענומען ארגאנעזירן צו זיך מיט-ארבעטער. בעיקר פון די ייִנגע חברה: געברודער רייכבארט, אהרן פנחס ברז'עזינסקי, זלמן וואיאקאווסקי וויצא-פרעזעס, געברודער פרידמאן, הערשל קליין, דוווטשע מאנדעל און אנדערע. ספערשטייט זיך, אז דאס אלס איז מן-הסתם אנגעוויזן געווארן דורך דער דייטשער שטאט-מאכט. אחוץ דעם סעקרעטאריאט האט ער אויך ארגאנעזירט אביראט, וועלכער איז בעשטאנען פון שיינע בעלי בתים: זכריה רייכבארט, לייבעלע בארנשטיין,

בן ציון הארא‏וויטש, משה ליפמאנאוויטש, נחמן און איטשע קעמפינסקי, העניך זענדל, הערשל ווידאווסקי, שעיה פרענקל און אשר פרענקל. מיט זיי האט עס געהייסן, בעראט ער זיך וועגן אלע וויכטיקע שטאט-ענינים. פאר זיי האט דער פרעזעס געבראכט אויפן טאג-ארדנונג אלע פאדערונגען פון דער דייטשער שטאט-מאכט. און וואס סאיז דארט בעשלאסן געווארן איז שטרענג דורכגעפירט געווארן.

בקיצור, סזענען ענטשטאנען אמטן, ממש אײדישע רעגירונג: בוראקאווסקי-ווירטשאפטס-ענינים, ארבעטס אמט - אהרן פנחס ברזעזינסקי און איך, פאסט אמט - דוווטשע מאנדעל, סעקרעטאר - וואווטשע רייכבארט, און נאך אמטן, וועלכע האבן בעדינט די יידישע בעפעלקערונג, בעיקר די נאצים. די ארדענונג האט ערשט בעקומען זיין רויאיקן צושטאנד, ווען סזענען געקומען קיין לאסק די דייטשע שוץ-פאליציי. צווישן זיי זענען געקומען עטליכע קאמיסארן, קרעסנער און פרייסלער. זיי, אלס צוויל-פערוואלטער האבן איבערגענומען דעם מאגיסטראט. יעדער פון זיי האט אויך געהאט מיליטערישע פונקציעס. אלע אינאיינעם האבן זיך אנגעפאנגען שטארק רעכענען מיטן פרעזעס קאכמאן. נישט שטענדיק האט דער פרעזעס געהאנדעלט ווי דער יודנראט האט בעשלאסן, אין מערסטן טייל האט ער געהאנדעלט שנעל און אויף אייגענער האנט. כמוז אונטערשטרייכן, אז אויך די אויף אייגענע האנט האנדלונגען זיינע זענען געווען אין גרעסטן טייל לטובת הכלל. און איך שווערע פערלעגענהייטן למשל, ווען די דייטשן האבן געפאדערט פון די יידן געלד און

ווערטזאכן; יידן אוועקצושיקן אויסער דער שטאט אויף ארבעט וכדומה. דענסמאל האט דער פרעזאס גערופן דעם ראט צו בעשליסן.

אדאנק דער דאזיקער ארגאנעזירונג, האט ביי אונדז אין שטעטל נישט פאסירט ביז דעם 42-טן יאר, אזעלכע טרויריקע פאלן, ווו עס האבן פאסירט אין די אלע ארומיקע שטעטלעך. אלע אין שטאט האבן דאס געוווסט, און געשעצט די ארבעט פון יודנראט. מיט גרויס ווייטאג, מיז איך זאגן, אז אויך מיר אין לאסק, טראץ די אלע מעשים טובים פון יודנראט לטובת די נאצים, האבן מיר נישט געקענט אויסמיידן אויך אזער טרויריקן פאל און אפּראטעווען פון תלייה 2 יינגע קינדער פון אקאלישער פאמיליע מיטן נאמען "שער", וועלכע האבן גענומען אביסל קוילן נאך זייר ארבעט. די דייטשן האבן ביי אונדז געפאדערט, פאר דער עברה מיר זאלן זיי געבן 10 יידן צו דער תלייה. די צוויי ברודער שער (16 און 18 יאר אלט) האבן געארבעט אין אדייטשן קינדער-גארטן, דארט האבן זיי אפגעלאדענט קוילן, און אהיימגייענדיק האט זיי די דייטשע פערוואלטערין פון קינדער-גארטן געגעבן אביסל קוילן. דורכגייענדיק דער שוץ-פאליציי האט זיי געטראפן דעם דייטשער בירגער-מייסטער און זיי פערהאלטן. תיכף געשיקט רופן דעם פרעזעס צו זיך. וואס דארט האט פאסירט און וואס דארט איז בערעדט געווארן ווייס קיינער נישט. אבער דער פרעזעס איז באלד צוריקגעקומען טרויריק, זיך שטארק צוויינט און זיך געריסן די האר פון קאפ. סאיז

ביטער! האט ער צום סוף אויסגעשריגן. אלע פון
יודנראט זענען זיך באלד צוזאמענגעקומען אין פרעזעס
צימער און זיי דערציילט: אז די דייטשן ווילן פון
אונדז, מיר זאלן געבן 10 יידן צום הענגען פאר די
קוילן עברה פון די ברודער "שער". אויב וועלן מיר
נישט געבן מיטן גוטן וועלן זיי אליין נעמען! כקען
גארנישט שילדערן די שטימונג פון דער בעראטונג און
פון פרעזעס. עס איז נישטו קיין שום עצה! דאס איז אגזר-
דין!. האט מען מיט גרויס צער גענומען קלויבן די
10 מענטשן צום הענגען. באלד איז געבראכט געווארן
דער ערשטער, משה שעראדזקי, און אים איינגעזעצט אין
דער קעלער-תפיסה. דעם צווייטן, אלתר קארן, און די
נעמען פון די איבעריקע 8 מענטשן געדענק איך נישט.
אלע 10 זענען שוין געזעסן אין תפיסה. דאס גאנצע
שטעטל האט זיך דערוועגן דערוווסט און האט ביטער
געוויינט. דער פרעזעס איז ווידער אוועק צו דער שוץ-
פאליציי, צום בירגערמייסטער, זאגענדיק צו אונדז:
כמוז נאכמאל צו גיין צו זיי און "אויך איך וועל זיין
צווישן די 10 געהאנגענע"! צוריק איז ער געקומען נאך
אשעה צייט, און האט מבשר געווען, אז מען וועט שוין
נישט הענגען די 10 מענטשן, אבער די צוויי יינגלעך
וועלן מוזן געהאנגען ווער! אזוי ווילן זיי, די
הענקער!. אשטיקל נחמה; אפגעראטעוועט 8 מענטשן פון
אזיכערן און מאוסן טויט. די צוויי יינגלעך זענען
געזעסן ארעסטירט ביי די דייטשן, אין מאגיסטראט
תפיסה. סאיז שוין געווען נאכט און מיר זענען זיך
צוגאנגען יעדער אהיים. איך געטא האבן שוין אלע

געוווסט וועגן גרויסן אונגליק. ביי זיך אין שטוב האב איך געטראפן די אונגליקלעכע מוטער פון די צוויי פערמשפטע יינגלעך צום הענגען. זי שרייט געוואלד, אז נאר איך בין אינדעם שולדיק! די שרעקליכע ווייטאג אירע, האט זי אויסגעגאסן אויף אלעמנס קעפ. בעזונדער אויף מיר.

צו מארגענס אום 6 פרי, האט דער פרעזעס געהייסן פריי-לאזן די ארעסטירטע 10 מאן. אשעה שפעטער האבן די דייטשן געבראכט פון לאדז אפערטיקע תליה. דער פרעזעס האט געמוזט שיקן מיט די דייטשן די יידישע פאליציאנטן זיי זאלן העלפן אויפשטעלןביים אלטן בית עלמין די תליה. דאס איז געווען אשרעקליכער שווארצער טאג פאר אונדז אלעמען. די גאנצע פאמיליע פון די צוויי ברודער זענען איינגעזעצט געווארן אין תפיסה זיי זאלן נישט ביי-זיין ביי דער עקזאקוציע. 11 אזייגער האט די שוץ-פאליציי ארויסגעטריבן אלע יידן פון די שטובן צו דעם תליה פלאץ. אלט און יינג האבן געמוזט גיין זעען דעם ברוטאלן אקט. אויסגעשטעלט דעם גאנצן עולם ווי א ח, עס זאל, חלילה, נישט איינער פערשטעלן דעם צווייטן צו זען די גרויסע דייטשע גבורה וואונדער. פונקט 12 אזייגער זענען אנגעקומען אויף אמאשין 4 פוירשטער פון דער לאדזער געטא. איינער פון די געקומענע איז געווען דער בעוווסטער תליין "פוקס" און זשאנדארמען האבן אונדז אלע ארומגערינגעלט מיט געוויער אין די הענט. פוקס האט געהאלטן א רעדע און ערקלערט, אז פאר סאבאטאזש און נעמען אן-רשות קומט זיי טויט שטראף. צוגעפירט

די צווײ ברודער און אין די אויגן פון אלעמען זײ געהאנגען. אלע, װעלכע זענען דארט פערזאמעלט געװען האבן זיך געפילט װי לעבענדיקע געהאנגענע, צובראכענע און קוים צוריק אהײם געגאנגען... ביז הײנט שטײט מיר פאר די אויגן דאס טרויריקע בילד, און סטוט מיר װײ, שרעקלעך װײ, װאס איך האב געהערט פון מויל פון די אונגליקליכע מוטער. ביך איך דען שולדיק אין די מערדערישע מעשים פון די רוצחים?

סזענען געװען נאך צװײ ײנגלעך, װעלכע האבן אהײם געבראכט אביסל קוילן, אבער זײ זענען געװען אין רשות פון יודנראט און דא האט דער פרעזעס דעצידירט. ער האט זײ גוט אויסגעזידלט און דערנאך בעפרײט.
אוז אזוי זײ אפגעראטעװעט פון די רוצחים'ס הענט.
נאך אזא ענדליכן אפיזאד: די דײטשן האבן געברענקט אין יודנראט אקאלישער מײדל, װעלכע זײ האבן געכאפט אויפן פאביאניצער װעג. שקאפ האט מען זי גערופן. (פוקאץ'ס משפחה). דער פרעזעס האט זי אפגעראטעװעט. סדאכט זיך, אז דאס מײדל לעבט ביז הײנט ערגעץ װו. סזענען בײ אונדז אויך גוטע מעשים געטועץ געװארן דורך פערשידענע מענטשן. למשל, אשבת האבן צװײ פון די ײנגע ײדנראט בעאמטע אפגעטראגן אדײטשע װאלידזע פון 35 ק"ג צו דער באן, װײל די װאס האבן דאס געדארפן טוען האבן אין דער צײט געדאװנט. נישט אײנמאל האבן זיך אונדזערע בחורים דאס לעבן אײנגע-שטעלט פארן כבוד פון ײדנראט, גײענדיק בײ נאכט צוצוטראגן אמתנה פון אפיש אדײטשן-פריץ אין ניטל-נאכט. נאר דורך אנס איז דער שליח ניצל געװארן פון

אזיכערן טויט. טויזענטער עפיזאדן אזעלכע וואלט איך געקאנט דערציילן וועגן די טײַרע, טײַרע ייִדישע בחורים, וועלכע האבן זיך טאג-טעגליך מקריב געווען פארן כבוד פון זײַערע עלטערן און מיטן זעלבן ברען האבן זיי געשיצט און אפגעהיטן די ערע פון זײַערע ייִדישע פוירשטער. סזענען אויך געווען שלעכטע מעשים, אבער די שיינע מעשים איז אמצוה צו דערציילן.

אויף די טאדארעס איז געווען דאס שווערסטע ארבעט ארט פאר אונדזערע ברודער. יעדער האט זיך געבעטן, אז מזאל אים דארט אהין נישט שיקן, ווייל אין די שווערע ווינטער טעג האבן די ייִדן געמוזט ארויפטראגן 20 ליטערדיקע קאנען-וואסער אין דער הויך צו די פאלקס-דייטשן, דורך גליטשיקע וועגן. לויט דער רייע האט געדארפט גיין צו דערארבעט בינעם דעם רבס אדער יששכר בארנשטיין און נאך אזעלכע שוין אויסגעמאטערטע ייִדן, וועלכע וואלטן אודאי שוין לעבענדיק נישט צוריקגעקומען פון דארט. זענען געווען אזעלכע ייִדן וואס האבן זיי פערטרעטן: בעקומען 5 זלאטעס, אדאפעלטע פארציע ברויט און אויסגעלייזט זײַערע שוואכע ברודער, אויף אווײַלע, פון דעם שמאך. נישט שטענדיק זענען מיר גערעכט געווען מיט זיך, צו שיקן יעדן טאג איינעם און דעם זעלבן צו שווערע ארבעט. נישט יעדעס מאל איז געלונגען צו בעקומען אפערטרעטער פאר 5 זלאטעס. נישט צו יעדער ארבעט האט זיך געפונען אגואל, האבן מיר, די ארבעט-פערטיילער אויך געזינדיקט, ווייל דער ארבעטס-אמט האט געמוזט טוען זײַן פליכט, און אפהיטן דעם

כבוד פון אונדז אלעמען. דעריבער האבן די ארבעט-פערטיילער זיך געפירט זער פיל מאל דיקטאטאריש. "שאט און שובערט", די צוויי דייטשן, ווי וואלף-הונט, האבן זיי אפגעהיטן, צו דער ארבעטס-אמט פילט אויס זיירע ארבעטס בעפעלן.

דורך די אלע געשעענישן און צוזאמענארבעט פון אלע יידישע כוחות, טראץ די הונגער-טעג און פון זייץ נאקעט כמעט און בארוועס, קרעציק און שמוציק האט זיך ביי יעדן געבילדעט אזיכערהייט, אבטחון, אפרומער בטחון, אז מיט שותפותדיקע כוחות פון אלעמען, וועלן מיר איבערלעבן היטלערן. פאקטן האבן עדות געזאגט דערויף. איינמאל איז געקומען אבעפעל פון דער שוץ-פאליציי, אז מיר דארפן צושטעלן 500 מיידלעך קיין וולאצלאוועק. אויב האט מען נישט דעם צאל מיידלעך וועלן מיר מוזן געבן פרויען פון קינדער. דארט האבן די 500 מיידלעך געדארפן ארבעטן אין אציגאריע פאבריק. דער יידנראט האט די גזירה מבטל געמאכט. ווי אזוי דער פרעזעס האט דאס ערלעדיקט, ווייס קיינער נישט. אבער אין גאס האט מען געגלויבט אין אים ווי אין אבעל-נס. מיר האבן געהערט וואס עס האט זיך געטוען אין אלע ארומיקע שטעטלעך. מיר האבן געוווסט, אז די אלע יידן פון דער אומגעגנט זענען שוין אויסגעראט געווארן, מיר האבן האבן געוווסט וועגן די גאז קאמערן און גאז וואגאנען, ווו מיליאנען יידן זענען שוין פערניכטעט געווארן. פון דעסטוועגן האבן מיר געגלויבט, געוואלט גלויבן, אז אונדז, לאסקער יידן, וועט דאס נישט פאסירן.

אלס וואס דער יידנראט האט געבעטן ביי די ארטיקע דייטשע מאכט, צו נארמאליזירן דאס יידישע געטא-לעבן, האבן זיי אנגענומען און בעשטעטיקט מיט "אפעראדענונג". אזוי איז געשאפן געווארן און פערברייטערט געווארן די יידישע פאליציי. אין 1940 איז געעפנט געווארן איידישער קינדאר-גארטן אין געטא, וועלכער האט זיך געהאלטן אקורצע צייט. עס איז געעפנט געווארן א קיך ווו סזענען יעדן טאג פערטיילט געווארן אומזיסטע מיטאגער. סאיז אויך אויפגעשטעלט געווארן אקאאפער-אטיוו, ווו יעדער האט בעקומען לויט אקארטן-סיסטעם פערשידענע פראדוקטן און ברויט. דער לייטער איז געווען דוווטשע ברזעזינסקי. אין איינעם פון די גוטע הייזער אין טילנא גאס איז איינגעארדענט געווארן איידיש שפיטאל, הינטער דער אויפזיכט פון ד"ר באל און זינגער. ביים יידנראט האט אויך פונקציאנירט "אפרידנס געריכט", די שופטים זענען געווען איזאק קאנטעראוויטש און מרדכי פייבל קאכמאן.

די געטא ביי אונדז איז אויך נישט ענטשטאנען מיט איינמאל, און אין איינטאג נאר איינציגווייז; גאס נאך גאס, פון די נומערלעך און פון מארק. סאיז ערבלויבט געווארן מיט-צונעמען מיט זיך, אלץ וואס יעדער האט נאר געוואלט. די געטא איז נישט געווען געשלאסן און נישט בעוואכט. בלויז יידישע פאליציאנטן האבן אין געטא געהאלטן דעם ארדענונג. אין דער שטאט האבן זיך יידן געמעגט בעוועגן פון 6 פרי ביז 5 פארנאכט, קריסטן ביז 6, דייטשן ביז 9, אחוץ די

וועלכע האבן געהאט ספעציעלע ערלויבענישן אויף פרייע בעוועגונג. אויך זענען געווען גאסן און דער מארק ווו יידן האבן זיך נישט געטארט בעווייזן. מיט דער צייט זענען אויך געשאפן געווארן 2 ארבעטס ראסארטן אין געטא: אשניידער רעסארט און אטרעפא ראסארט.

דער ארבעטס אמט ווו איך בין געווען טעטיק אונטער די לייטונג פון א.פ. ברזאזינסקי, האט בעקומען אפערשטארקונגס-כוח מיטן קומען פון מאטיק פרידמאן פון לאדזש קיין לאסק. ער האט זיך ארויסגעקרוגן פון לאדזער געטא און זיך אהער געכאפט צו אונדז. באלד האט אים דער פרעזעס איינגעשפאנט אין אונדזער ארבעטס אבטיילונג, ווייל די ווירטשאפטס אבטיילונג און דער ארבעט-אמט זענען געווען די שווערסטע און פעראנטווארטליכסטע אין געטא. בעזונדער די "ארבעטס אבטיילונג" האט געדעקט טאג-טעגליך מיט איר טעטיקייט פון צושטעלן די דייטשן ארבעטס מענטשן, אונדזער קיום, און געגעבן דאס שטיקל ברויט צו דערהאלטן די נשמה, וואס האט געשמאכט אויסגעלייזט צו ווערן פון זיירע הענט. מאטיק פרידמאן האט באמת געמאכט אגוטן ארדנונג. איינגעארדענט אכרטסת פאר אונדזערע ארבעטס-כוחות, מענער און פרויען, (150 מענער - 210 מיידלעך) אחוץ דעם זענען געווען שטענדיק טעטיק, בערך 60 מאן יודנראטלער בעמטע און אלע אנדערע דינסטן. ממש ארעגירונג בזעיר אנפין.

איך פערגלייך מיט געטאס פון אנדערע שטעטלעך איז ביי אונדז אין לאסק געווען "אקילער גיהינום".

טראָץ די השפלות אויף יעדן טריט, האָבן מיר דאָך זיך געלעבט צוזאַמען מיט די אייגענע משפחות און קעגנ-זייטיקע הילף.

<u>דעפּאָרטאַציעס.</u>

איינמאַל איז דערהאַלטן געוואָרן אין יודנראַט אַ אויפשרייסלדיקער באַפעל פון די דייטשע מאַכט: מיר וועלן אויפגעפאָדערט געבן 200 יונגע מענטשן, וועלכע דאַרפן ווערן אַוועקגעשיקט אויף אַרבעט אין פּויזנער געגנט. נאָך שווערע איינטערהאַנדלונגען פון יודנראַט מיט זיי, איז צום סוף באַשטימט געוואָרן, דאָס מיר שיקן נאָר 70 מאַן. די יודנראַטלער האָבן געמאַכט די רשימה און צומאַרגנס זיי צוזאַמענגענומען דורך די יודישע פּאָליציי און זיי איבערגעבן אין די "טרייפּענע האַנט", ביי דער באַן. צוזאַמען מיט אַנדערע 70 יונגע לייט, זענען אויך מיט דערזעלבער באַן אַוועקגעשיקט געוואָרן יודישע יונגע-לייט פון זעלאָוו און בעלכאַטאָוו: דאָס געוויין פון אַלעמען האָט געריסן די הימלען. סהאָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. די טומלעניש האָט געדויערט עטליכע וואָכן, ביז עס זענען דערהאַלטן געוואָרן בריוו פון די אַרויסגעשיקטע. די שפּייז קאַמיסיע פון יודנראַט האָט צו זיי געשיקט פּעקלעך-שפּייז און אויך קליידונג, צו די, וועלכע האָבן דערוועגן געבעטן.

<u>נעקלאַ</u>

די צווייטע גזירה האָט פאַרשטומט די ערשטע. קרובים פון די ערשטע דעפּאָרטירטע האָבן קוים צייט געהאַט זיך

אויסצוטענהען מיטן יידנראט, און אויסוויינען זיירע הערצער פאר אלעמען, זענען די יודנראטלער אויפגע-פאדערט געווארן צוצושטעלן נייע 200 מאן, טאטעס פון קינדער אויף ארבעט אין נעקלא. דאסמאל האט שוין נישט געהאלפן קיין משא-ומתן. די זשאנדארמען האבן דאסמאל אנגעפירט מיט דער אקציע, מיט דער-הילף פון די יידישע פאליציי. די זשאנדראן האבן די, וועלכע האבן זיך אויסבעהאלטן ברוטאל געשלאגן. די 200 מאן זענען ארייגעפאקט געווארן אין פראכט וואגאנען און פערשוונדן. די קלאג און צער אין יעדער שטוב קען נישט בעשריבן ווערן, סאיז זיכער נאך נישט געבוירנ-געווארן דער שרייבער אדער דיכטער, וועלכער זאל די דאזיקע ווייטאגן קענען בעשרייבן.

גוטנברון

דאסמאל האט דער יידנעלטסטער געהאנדעלט אויף אייגענע האנד. געמאכט ארשימה פון די יעניגע, וועלכע האבן אים איגנארירט און קריטיקירט. צווישן זיי תקיפים און סתם פוילע און פרעכע בחורים (אזוי האט ער זיי גערופן). 80 מאן לויט די דייטשע אנווייזונג, זיי ארויסגעגעבן און אוועקגעשיקט געווארן קיין גוטנברון אויף ארבעט. נאך דער דריטער אקציע זענען אין געטא פערבליבן דאס ביסל אלטע יידן, שוואכע און קראנקע, פרויען מיט קליינע קינדער. צו דער טאג-טעגליכער ארבעט זענען געשיקט געווארן 10 יעריקע קינדער. אפוסטקייט האט געהערשט אין יעדן ווינקעלע פון געטא. עס האבן אויך אויפגעהערט קומען בריוו פון

די אוועקגעשיקטע. אויך פעקלעך עסן זענען שוין נישט מער געווען אויף וועמענס אדרעס צו שיקן. טרויריקע ידיעות זענען איבערגעגעבן געווארן פון מויל צו מויל אין דער לופט האט זיך געפילט, אז אויך אונדזער סוף, פון די לאסקער געטא דערנענטערט זיך מיט שנעלע טריט...

מרדכי אלעי

גֵּיטוֹ...

הַגֵּיטוֹ סָגוּר וּמְסֻגָּר,
אָנוּ בּוֹ כְּלוּאִים,
הַנֶּפֶשׁ רְצוּצָה, הַגּוּף מוּגָר,
חַיֵּינוּ מִנֶּגְדֵּנוּ תְּלוּיִים.

עַל יַד הַשַּׁעַר מִשְׁמָר גֶּרְמָנִי
עִם מִקְלָע וְכִידוֹן,
שׁוֹמֵר עַל עַם מֻרְדָּף וְעָנִי,
לִכְלָיָה נִדּוֹן.

כָּאן הַשֶּׁמֶשׁ לֹא עוֹלָה,
אָנוּ לֹא נֶהֱנִים מֵאוֹרָהּ,
כָּאן קֵץ לְעַם הַגּוֹלָה,
לְעַם הַתּוֹרָה.

דוד לערער

רבקה׳לע

צארט, איידל ביסטו געווען,
שיין און מיט שמייכלדיקע אויגן.
ווען דיך צום לעצטן געזען,
געווען איז דיין קעפל מיט חן געבויגן.

כגעדענק דיין זיסע שטימע,
דיינע לידלעך שיין געזינגען.
פרייד און נחת פערשאפט די אמא
ווי באצויבערט האט אלס געקלינגען!

דוואלסט שוין יעצט זיכער זיין מוטער.
קינדער, בליענדע ארומגעפלאנצט,
מיט אפאטער, טאטן אָגוטער,
זאט און נחת, פון פרייד געטאנצט.

רבקה׳לע, ביזטאין "מבול" דערטרונקן,
אנדערש האט דער גורל געוועבט.
יינג און "כעלמנער גאז" פערזונקן,
אן זכיה צו קינדער דערלעבט.

כפרעג דיך, גאט, פון אלע אבות:
וווּ האסטו בעהאלטן דיינע וווּנדער?
ווען ארוצחיש-פאלק אויף קאטוויס
געשחטן דיינע זון ווי רינדער?

רבקה'לע, מיט אונדזער טאטן-מאמען,
אויף אייביק אין זכרון וועלן בלייבן!
דיינע ברודער, מיר ביידע צוזאמען
דיך אויפן הארצן טיף פערשרייבן.



רחל גרינדלער-קורן

דאס לעבן אין געטא

מיטן אריינקומען פון די היטלעריסטישע תלינים און זייער אויסהונגערונגס סיסטעם פון די יידישער בעפעלקערונג, האט זיך דער "הונגער" גלייך אריינ-געדרונגען אין שטעטל און בעזוכט טאג-טעגליך יעדע יידישע משפחה. ביי איינעם פריער און ביים אנדערן שפעטער. יעדער ביסן ברויט, אויך אנדערע פראדוקטן האט מען געמוזט אויסקויפן דורך שווערע ארבעט פארן דייטש צוזאמען מיט אגרויסע פארציע קלעפ און בזיונות. סזענען נאך געווען יידן ביי אונדז אין די ערשטע צייט, וועלכע האבן, דורך פערשידענע קאמבינאציעס, אפגענארט די נאצים און האבן געגעסן צו זאט. אטאך לייכטער האבן זיך איינגעארדנט יידן, וועלכע האבן נישט שטארק מקפיד געווען אויף כשר און טריף, מיליכיק און פליישיק. שווער אבער איז געווען ביי די פרומע יידן און ביי ארימע משפחות. צוליב זיי טאקע, האט דער יודענראט געזארגט וויי צו פערלייכטערן דעם הונגער. ביי אליעזר פוקאטש איך דער בעקעריי איז איינגעארדנט געווארן אקיך, וואס האט יעדן טאג געטיילט מיטאגער. דאס מיטאג איז בעשטאנען פון אפארציע זופ פאר יעדן נפש. אום 12 אזייגער ביי טאג זענען שוין געשטאנען אגאנצע רייע פרויען מיט קינדער, יעדער מיט זיין טעפל "און מיט אראפגעלאזטע אויגן", ווארטענדיק אויף זיין תור צו

בעקומען פאר דער פאמיליע די זופ. דארטן האב איך געארבעט אלענגערע צייט, בעיקר ביי שיילן קארטאפל צוזאמען מיט מאניע ברז׳עזינסקי און ביילע כאבעלסקי. דער קיכער איז געווען אהרון יעקובאוויטש. שפעטער זענען דארט איינגעארדנט געווארן מיידלעך, וועלכע האבן אלע פונקציעס אויסגעפירט אין קיך ביז...

די רייען פון די זופ-נעמער האבן זיך פון טאג צו טאג פערגרעסערט. איינציגווייז האט דער הונגער ארומגענומען די גאנצע יידישע באפעלקערונג, קיינער האט זיך שוין מער נישט געשעמט... ווער עס האט נאך געהאט געלט אדער ווערט-זאכן, קליידונג, גוטע וועש און קאלדרעס האט זיך נאך געקענט באגיין אָן דער זופ. קריסטן האבן געברענקט אביסל מעל, קארטאפל, אשטיקל פוטער, בגנבה, פערשטייט זיך, און דערפאר בעקומען ווערט זאכן, ווי כהאב שוין דערמאנט.

געווינט האבן מיר עטליכע משפחות אין איין וווינונג, ווו סאיז נאר מעגליך געווען אדורכצוטיילן אויף בעזינדערע צימערן. איינצעלנע פאכמענער האבן ווייטער געפרווט עפיס ארבעטן, אבער דאס האט לאנג נישט אנגעהאלטן. ספעציעלע צרות האבן מיר פרויען געליטן פון אדייטש אסאניטאר קאמיסאר. ער האט זיך זער ברוטאל בעצויגן צו פרויען. געכאפט אפרוי אין גאס און ביי דער מארק פלומפ זי געניייט זיך אויס-צוטוען און מיט אבערשט זיך וואשן, אנדערע האט ער געשיקט אין מקוה ארייין. די געשיקטע אין "באדע אנשטאלט" האבן געמוזט ברענגען אתעודה, וועלכע

האט בעשטעטיקט איר בעזוך אין מרחץ. ער האט זיך אויך ערלויבט איינצואורדנען פערשידענע ארגיעס, געמאכט צו שאנד און צו שפאט יידישע פרויען און מיידלעך. געגאנגען אין פערשידענע הייזער אין געטא און זיך אויסגעפרעגט ביי די פרויען וועגן זיירע אינטימע סעקסועלע אנגעלעגנהייטן. אספעציעלן באפעל האט ער ארויסגעגעבן, אז יעדע פרוי מוז איינמאל אין וואך בעזוכן די מקוה און ברענגען אבעשטעטיקונג דערויף. אין יאר 1941 איז דער דייטש פערשוווּנדן געווארן פון דערלאסקער געטא.

שרעקליכע טעג און ביטערע סצענעס האבן זיך אפגעשפילט אין געטא, ווען די דייטשן האבן ארויס- געשיקט יינגע און עלטערע מענער אויף ארבעט קיין פויזן און נעקלא. אלע טענות זענען געווען געוואנדן קעגן יודענראט. סזענען אויך געקומען צו געשלעגן מיט די יודענראט בעאמטע. פראטעקציע, האט יעדער געטענהט! מיין זון! מיין קינד! כביין נישט אומשטאנד צו שילדערן די הימעל געשרייען ווען מהאט ארויסגעשיקט מענער, אפגעריסן זיי פון זיירע פרויען און קינדער.

וועגן האנטלויפן פון געטא, אויסבעהאלטן זיך צווישן קריסטן אין די דערפער, אדער אוועקגעבן קינדער צו קריסטן, האבן כמעט אלע געטראכט, בלויז געטראכט, אבער עס נישט געטוען. יעדער האט געגלויבט און געהאט האפנונג, אז אפשר וועט געשען אנס? אחוץ די פאראליזש- שיטה פון די דייטשן, האבן זיי יעדע אקציע אזוי פערמאסקירט, אז אפילו דער גרעסטער אפיקורס צווישן

אונדז האט זיי געגלויבט. און וועמען האט געקענט-
איינפאלן זיי שטעלן אַנאקטיוון ווידערשטאנד? מיט
וואס? און מיט וועמען? די יוגענט האבן זיי
בעצייטענס בעזייטיקט און זיי גענומען צו צוואנגס
ארבעט, און דער פרעזעס מיט זיינע ראטגעבער זענען
געווען שטארק איבערצייגט, אז אונדז לאסקער וועט מען
קיין שלעכטס נישט טוען.

כדערמאן זיך, אז מען האט געפרוווט רעדן מיט
אקריסטן וועגן נעמען איינגעלע פון אונדזער משפחה.
ניין, האט זי געזאגט. סאיז זער געפערליך. דאס
וועט באלד איבערגעבן ווערן דער געסטאפא. מאכן זיך
"ארישע פעסער" און זיך אפטראגן פון געטא. אויך וועגן
דעם האבן מיר געטראכט. אונדזער פאמיליע-צוגעבינדנ-
קייט, האבן די אלע פלענער צו נישט געמאכט. יעדע
פון אונדז האט צו זיך אזוי געזאגט: דו גייסט זיך
רעטן, און דער טאטע-מאמע? דיינע שוועסטרן? דאס וואס
וועט געשען מיט אלע, וועט אויך געשען מיט מיר! דאס
איז געווען די תשובה אויף די אלע פלענער אונדזערע.
אויך דער שטענדיקער פחד האט אונדז צוגערויבט
דאס לעצטע ביסל מוט. מיר אלע זענען געווען מוטלויז
פונקט ווי שוצלויז! די ידיעות וועגן "כעלמנא", וואס
צוויי יידן האבן דערציילט איך לאסק האבן נאר פערגרע
סערט דאס ציטערן פון יעדן אבר ביי יעדן, טויט-שווייס
האט יעדן בעגאסן, און איך אפאר טעג זיך אויך צו דעם
געדאנק צוגעוווינט.

דער טאג פון גרויסן חורבן

דער גיהינום מוז זיכער זיין אפארק אין פערגלייך מיטן אויסזען פון דער קירכע אין טאג ווען אלע לאסקער יידן זענען דארט אריינגעפאקט געווארן: מענער, פרויען מיט פיצעלעך און עלטערע קינדער מיטן רב ר' לייבל בראש. די מלאכי-חבלה האבן אלע צוזאמענגעטריבן ווי בהמות, געיאגט מיט זיירע ווילדע געשרייען, יודן ארויס! נאך היסטערישער זענען געווען די געשרייען פון די געטריבענע... דאס האט אונדז אלעמען געזאגט, אז דאס איז דער סוף!!! אַלע זענען געבליבן אָנבע-ווּוסטזיין און אָן אפיצעל מוט. עטליכע יינגע מענער, וועלכע זענען געשיקט געווארן ברענגען וואסער און צוגרייטן פאר די אין קירך אביסל זופ, האבן זיך בעצייטענס, אפגעטראגן און אויסבעהאלטן. זיי זענען טאקע לעבן געבליבן. (יאסל פיאטרקאווסקי, שמואל פרידמאן און וואווטשע רייכבארט). נאך דער סעלעקציע זענען מיר 4 שוועסטערן צוזאמען מיט נאך עטליכע הונדערט נפשות איבערגעשיקט געווארן אויף די גלינע-ווקעס. כגלויב אז אנדערע האבן שוין דערציילט וועגן די „גלינעווקיס" און די טראגישע סצענעס אין די לעצטע שעהן אין לאסק.

אין דערלאדזער געטא

דעם טאג פון אונדזער אנקומען אין דער לאדז'ער געטא האט דער בלוטיקער שונא "ביבאוו" אויסעליווערט 70 טויזענט געטא יידן פון לאדז' אין טויטן לאגער „בעלמנא" און מיר לאסקער, פריש געקומענע, האבן פערנומען

זיירע דירות אין געטא. ווי די פערבליבענע געטא יידן האבן איבערגעבן, האט די ברייטע יידן-מאסע פון דער לאדזשער געטא אויפגענומען גאנץ גלייכגילטיק די דעפארטאציע און זיך געוואנדן מיט ביטעס צו דער דעפארטאציע-קאמיסיע, אז מזאל זיי ביי דער ערשטער געלעגענהייט ארויסשיקן, נאר „דאס קינד זיינס" זאל מען איבערלאזן און אריינגעבן אין אקינדער-הויז. די געפלאגטע האבן שוין פשוט נישט געקענט דערטראגן דעם טויט-פחד וואס האט יעדן בעגלייט אויף יעדן טריט און שריט.

נאך עטליכע טעג וואנדערן און מיט די לעצטע כוחות שלעפן זיך פון איין ביורא צו דער צווייטער, האבן מיר שוין געקענט אטראפעלע אפעטעמען, ווען מיר און די אלע לאסקער געקומענע, האבן זיך איינגעארדנט ביי פערשידענע ארבעטן אין געטא ארבעטס-רעסארטן. איך האב אנגעפאנגען ארבעטן אין רעסארט פון גארטעטן ווו עס האבן געארבעט עטליכע טויזענט מיידלעך. מיר, די לאסקער האבן פון גורל גענאסן אספעציעלן חסד: מיר האבן גארנישט שלעכט אויסגעזען אין פערגלייך מיט לאדזשער געטא-יידן, בעזונדער האט אונדז שטארק געדינט די עטליכע טעג וואס מיר האבן פערבראכט אין "מארישין" אן שום ארבעט און זיך געברענט אויף דער זון. דאס האבן טאקע די גרופן-פירערינס פון רעסארט אויסגענוצט און אונדז געשטעלט צו די שווערסטע ארבעטן. און אויף אונדזער חשבון געוואלט געניסן פאר זיירע פריוואטע בעדערפענישן

און אויסצייכנונגען. דא האב איך זיך נישט געלאזט, געארבעט אויף אזוי פיל, אז כזאל האבן דאס רעכט צו בעקומען מיין ביסל זופ און נישט מער.

כראקטעריסטיש, ווי די לאדז"ער האבן געגלויבט אין יודנעלטסטן פונקט ווי ביי אונדז, בעזונדער אין "האנס ביבאוו". זיי האבן נישט געקענט גלויבן, אז דער צורר און הענקער ביבאוו האט חרוב געמאכט די לאסקער קהילה און האט אלעמען געשיקט, אחוץ אונדז, צום טויט קיין „כעלמנא." ביז צו שווערע דיסקוסיעס איז געקומען צווישן אונדז און די גרופן פירערינס. פון עסן צו זאט, ווערגן אזא לוקסוס האט קיינער נישט געטראכט. וואס מען האט אונדז צוגעטיילט האט געניגענט בלויז צו האלטן די נשמה ביי זיך, און קענען אביסל ארבעטן. פון די אלע שפייזן זענען מענטשן געשוואלן געווארן, בעקומען אלערליי מאגן קראנקהייטן, מאגן קאטארן א.ז.וו. דאס מיטל האט אָפט דערנענטערט דעם קראנקן צום גאז-אויוון, אויך איך בין שוין מיט דעם אלעם פוירדערמאנטן צושטאנד געווען געבענטשט. נאך אקורצע צייט האב איך שוין נישט געקענט גיין צו דער ארבעט. אזוי האבן מיר זיך געמאטערט, געקרענקט, געהונגערט, שווער געארבעט אונטער דער הערשאפט פון דעם יודנעלטסטן רומקאווסקי און דעם געסטאפא שעף ביבאוו.

אין אפרימארגן 1944 האט זיך איבערחזרט דער זעלבער אקט, וואס פאר צוויי יאר צוריק אין לאסק. די יידישע געטא פאליציי האט געברענקט א אויפאדערונג זיך

צוצושטעלן צום גירוש. צעווישן אונדז שוועסטערן איז געווען אָבגעשטימט, אַז אויב מען וועט רופן איינע וועלן אלע זיך צושטעלן, מיר זאלן זיין צוזאמען. טאקע האָט מען מיך מיט מיין שוועסטער יפה גערופן זיך צוצושטעלן, האבן מיר געבעטן די פאליציי אביסל צו ווארטן ביז מיר וועלן רופן אונדזער שוועסטער פרימעט, ווייל מיר ווילן אלע צוזאמען זיך צושטעלן. אויף דעם זאמעלפונקט "צ'ארניעצקעגא" האבן מיר זיך אלע 4 שוועסטערן געטראפן און זיך געלאזט מיטן טראנספארט קיין אשוויץ.

אשוויץ און אנדערע לאגערן

אין אָשוויץ איז דאס ערשטע געווען, די בעקאנטע "באד" אונדז אויסגעטועט און געבליבן ווי געבוירן, אפגעשוירן און אפגעוואשן. און אטייל האבן זיך מיטגענומען די שיך. אנדערע מלבושים האט יעדע בעקומען. ארויסגייענדיק האבן מיר איינע די צווייטע נישט דערקענט, אָנע האר און מלבושים פון פערשידענע קאלערן און פערשידענע גרויסן האבן אלעמען פערוואנדעלט אין קאראקאטורן פון אמענטשן געשטאלט. מיר האבן טראָץ די השפלה און אלע צרות אויסגעבראכן מיט אהיסטעריש געלעכטער, דערקענענדיק זיך דורכן קול און רעדן. זער קאמיש האבן מיר אויסגעזען צוויי וואכן צייט. יעדן טאג אויף די אפעלן האבן מיר געהאט מינוטן, זיך צו מאכן פרייליך פון אונדזער "פורים שפילער" אויסזען. צו קיין ארבעט האט מען אונדז נישט גענומען, מיר זענען געווען אין רעזערוו, ווארטענדיק אויף אסוחר

וואס וועט קומען אונדז קויפן. דאס איז געווען פאקטיש. זעענדיק דעם רויך פון די שטענדיק געהייצטע "טויטן אויוונס" האבן מיר יעדער געהאט טויט ציטערניש, אז אט אט קומט מען אונדז רופן...

כקען נישט יעצט, ווי כהאט נישט געקענט דענצמאל אויסדרוקן דאס גרויסע־פערפאלנקייט פון דעם "זיך". יעדע איינע פון אונדז האט זיך פונקט אזוי געפילט. "שאטענס" בעוועגן זיך. שאטענס וואס אטעמען נאך.

צום סוף, נאך עטליכע אפעלען און סעלעקציעס איז געקומען אסוחר וואס־האט אונדז "געקויפט" ווי מען קויפט בהמות. מיט אונדז איז אויך געווען געניה קעמפינסקי. צוזאמען האבן מיר געשאפן א "פיפטעל" מיר 4 שוועסטערן און געניה. פון אָשוויץ זענען מיר געשיקט געווארן קיין "בערגן־בעלזן". דא אין אָשוויץ האבן מיר בייגעווינט אסצענע ווי אטאכטער האט דערקענט איר מוטער...ביידע האבן זיך גוט צעוויינט און צעקושט. מאמע, האט די טאכטער געזאגט, כבין אזוי גליקלעך, אז דו פארסט ארויס פון דאנעך, און איר איינגעשטעקט אפאר קארטאפל אין שולעכץ. "פָאר, מאמע, אפשר וועלן מיר דערלעבן זיך נאכאמאל צו זען."
יאבלונסקי האבן זיי זיך גערופן. אצווייטע סצענע דערמאן איך זיך, אז אין אָשוויץ ביי די ערשטע סעלעקציע האט זיך געפונען צווישן אונדז אפרוי מיטן נאמען קראשעווסקא, ביים אויסטוען האבן די עס־עס בעמערקט, אז די פרוי איז אין אנדערע אומשטענדן. גלייך האבן זיי אויף איר אויפגעהאנגען אשילד "שווייך".

מיר האבן זיך גארנישט געקענט פוירשטעלן, אז די דאזיקע קראשעווסקא איז לעבן געבליבן און מיט אונדז צוזאמען געגאנגען קיין "בערגן בעלזן". ווי זי האט אונדז איבערגעבן, האט זי געבוירן אקינד אין איינעם פון די באראקן, דאס קינד איז ביי איר באלד צוגענומען געווארן. ווען זי איז געקומען צו זיך האט מען זי צוגעטיילט צו אונדזער גרופע. אין דעם איבערגאנגס-לאגער האבן מיר זיך געפילט אביסל פרייער. צום אפעל זענען מיר געקומען איינגעהילט אין קאצן, ווייל דהאט געבלאזן קאלטע ווינטן פון ים. סזעט זיך אויס, אז סאיז שוין געווען דער אנפאנג פון סוף.

נאך אקורצע צייט האט מען אונדז געשיקט צו נייע ארבעט קיין "גייזלינגען". דארט האבן מיר געארבעט אין פלי-צוכט פאבריקן. פון טאג צו טאג איז די לאגע געווארן ערגער. די פאבריקן האבן אויפגעהערט צו ארבעטן, און מיר האבן געדארפן זארגן, אז סזאל זיין "פאקרזיוועס" צום מיטאג. שפעטער אריין זענען געווען שווערע באמבארדירונגען פון די אמריקאנער אויף די פונקטן ווו מיר האבן געארבעט, מיר האבן זיך אבער קיינמאל נישט אויסבעהאלטן. "תמות נפשי עם הפלישתים הארורים" האט זיך יעדע געטראכט, אונדז איז עס אלעס איינס! אבער דער ווילן זען אין די דייטשן נקמה, איז געווען שטארקער פון אלעמען, אפילו פון לעבן. אויפן וועג קיין "גייזלינגען" האבן אויך די אמריקאנער און ענגלענדער באמבארדירט די געגענט. די דייטש וואכע, אונדזערע שומרים, האבן אונדז פארשלאסן אין די פראכט וואגאנען און זיי האבן זיך געשוצט אין די שוץ-גרובער.

נאך דער באמבארדירונג האבן זיי זיך ווידער בעוויזן און מיט איראניע געפרעגט: וואס מאכט איר שפּעלעך? די זעלבע דייטשן האבן אטיילמאל פאַרענדיק געהאט דעם מוט אונדז אויסגעהונגערטע צו צוּוואַרפן שטיקלעך רינדל פון זייער ברויט און מיט התפעלות צוצוקוקן זיך ווי מיר טיילן זיך פּיצ-פּיצלעך צווישן זיך. אויך ביי דער ארבעט אין פאבריק האט מען טיילמאל געפונען אויפן ארבעטס-ארט ליגן אסענדוויטש. געווען צווישן די גרויסע באנדע רוצחים אויך "מענטשן". זיי האבן אויך געצי-טערט פאר די עס-עס אויפזער.

די ישועה איז געקומען

ווי אלע ישועות איז סוף סוף אויך די אויסלייזונג פון די נאצישע פערשקלאפער אנגעקומען מיט גרויסע יסורים. פון "גיידלינגען" האט מען אונדז ארייגעפאקט אין פראכט וואגאנען, 10 טעג פאר דער אויסלייזונג און דער צוג איז אוועקגעשטעלט געווארן אויף אזייטיקע באן-ליניע. אין לאגער זענען בלויז פערבליבן די ניי אנגעקומענע אונגארישע מיידלעך, בכדי זיך צו האבן מיט עפּיס צו בעווייזן. סאיז שוין בעוווסט געווען, אז די אמעריקאנער זענען שוין נאענט. מיר האבן בעקומען 1 ק"ג ברויט א טאג פאר 5 לעבענדיקע עסערס, און די סאניטארע בעדינ-גונגען זענען געווען נישט אויסצוהאלטן אין די וואגאנען. מיר זענען אלע פול געווען מיט כינים, און וואסער אויף א רפואה איז נישט געווען. אין איינעם פון די טעג האבן זיך בעוויזן מענטשן פון "רויטן קרייץ" און צעווישן


אונדז געטיילט פאר 2 מאן א פעקל. אין די פעקלעך זענען געווען ברויט און פוטער, זייף צום וואשן און אנדערע קלייניקייטן. אלע האבן זיך געכאפט צו דעם עסן ווי הייזעריקן און האבן צוזאמען מיטן ברויט אויך די זייף אויפגעגעסן. די רעזולטאטן פון אזא פיירליכע סעודה קען זיך יעדער פוירשטעלן... מיט דעם גאנצן ווייטאג פון דעם פעקל פון רויטן-קרייץ האט זיך ביי יעדן אנגעצינדן אליכטל פון האפנונג. האלט זיך! נאך אטאג, אדער צוויי, וועלן מיר זיין פריי! איינע האט דערמונטערט די צווייטע, און די צווייטע איז שוין געשטאנען אויפן ברעג פון טויט.

סהאט זיך דערהערט אשאס, און דער דייטש,אונדזער שומר האט געזאגט: "די טאמעס" זינדן שוין דא"! און באמת זענען די אמריקאנער שוין געווען אין דער געגענט. מיר האבן נאך אויסגעהערט א רעדע פון א עס-עס מאן, אז מיר זאלן זיך האלטן רואיק, די אמעריקאנער זענען שוין דא, סאיז יעצט נישט כדאי צו אנטלויפן. אין לאגער איז פערהאן פאר אונדז עסן און טרינקן. ער האט פשוט גערעט ווי אמענטש. אזא רעדע האט מער געפאסט פאר אמעריקאנער ווי פאר עס-עס מאן. די שומרים אין די וואגאנען האבן זיך דעגראדירט, אפרייסענדיק פון זיך די שליפעס און מעטאלענע צייכנס. אויך א לאדז'ער קריסט, א פאלקס דייטש, האט ביי אונדז געבעטן, אז מיר וועלן זיין אין לאדז' זאלן מיר זאגן זיין פרוי, אז ער איז דא געווען אין געפאנגענשאפט. הייסט עס,אז מיר זענען שוין לעבן געבליבן! ווו איז

אביסל פרייד? פארוואס פרייען מיר זיך נישט? מהאט געקענט מיט ליכט זיכן אשמייכל!

נישטו מער קיין פרייד, מיר זענען מער געווען ענדליך צו לעבעדיקע מתים. אויף די ליפן האבן זיך ביי יעדן געווארפן ווערטער:

מיין מאן! מיין טאטע! מאמע! מיין קינד!
נקמה!?



ישעיהו וויטעלזאָן

כ'קלאָג און וויין

כ'זוך אַמנין צו זאָגן קדיש-יתום,
א אָרט וווּ שטעלן יאָרצייט-ליכט,
אונדזערע קדושים, ברודער מאַרטירער -
האַרציקע, הייליקע-נשמות פון מיין היים.

איך זוך א אָרט אויף זיצן שבעה,
ערגעץ וווּ אַווינקל זיך אויסצווויינען
די ווייטוק. קריעה-רייסן פון לייב
און פון יענע שווייגנדיקע הימלען...

מיט אַטיפן צער ביז צום תהום
שטיי איך נאָך מיטן קאָפּ געבויגן.
כ'פּרוּוו מורמלען מיט אַצוריסן האַרץ,
פול מיט ווונדן וועגן אַלעמענס ליידן.


יעדעס אָבער, פונקט ווי מיינע אויגן
וויינט און קלאָגט, זוכט "נקמה"
ביי די רוצחים פון מיינע נאָענטע:
טאַטעס, מאַמעס, שוועסטער און ברודער.

פאר זעקס מיליאנען פון מיין פאלקס אוצר,
פארשטיקטע, מיט גאזן פערמאטערטע,
פארברענטע, לעבנדיק באגראבן,
אויסגעראטן, אומגעבראכט און פארשאטן.

די אלע, אין ריינקייט און ערליכקייט
פארפייניקט מיט הונגער און שפאט.
אונטערדריקט דעם געראנגל צום לעבן,
ביז דעם ענטגילטיקן טויט-אומקום.

נאר איין מינוט פארן טרויריקן-סוף
די אויסראטונג פון שטן-המשחית,
ביים ענד, ביים ברעג דער חורבן-תקופה
האט זיך בעוויזן נקמה, גאטס האנט.

מיר ביים לעבן געבליבענע פון אויסמארדונג,
קינדער פון חרובדיקע קהילות אין פוילן,
ווייסן אויסצוווינען, דערציילן דעם
ביטערן אמת,
אין "יזכור בוך" פאר די קומענדיקע דורות...



אביגדור וויינבערג

אדורכגעמאכט אלע צרות, גז"ד

ווען איך קער זיך אום צו יענע־יארן, מיטן געדאנק, צוריק אין מיין שטעטל, שטוין איך, ווי אזוי האבן יידן דארט געלעבט אין אזא ארימקייט? אכציק פראצענט יידן פון לאסק זענען פון דור־דורות געווען ארימעלייט און געלעבט אין אשטענדיקע דחקות. אוועלט מיט "געמיינע מענטשן", וואס האט איך גאנצן לעבן אויסגעגלאצט אויף אשטיקל ברויט מיט הערינג. 24 שעה אין מעת־לעת געקרעכטשעט פאר וועלכן גראשן קויפט מען אפירל־האלץ, אפירל טארף, אצענטנער קוילן צובאהייצן די איינציקע שטוב. וועגן אמענטשליכע וווינונג און היגיענישע איינריכטונגען - אחלום. פון וואנען נעמט מען אויף צוקויפן אמלבוש פאר אקינד, אפאר שיך פאר יעדן? און רעבאגעלט? טויזענדער זארגן, פון יעדן טאג באזונדער האבן קיינמאל קיין לעזונג נישט בעקומען. סגאנצע לעבן איז געווען אצוזאמענשטעל פון "זארגן און בארגן". אשטענדיקע מאטערניש פאר צודערהאלטן די נשמה. סזענען געווען יידן נגידים אויכעט. דהאסט זיי געקענט אויף די פינגער פון צוויי הענט אפציילן. זיי זענען געווען די "רחמנות־האבער" פון שטעטל.

סאיז אויך געווען אמיטל־שטאנד, וועלכער האט זיך מיט פרנסה אעצה געגעבן. דאס זענען געווען

פאכלייט, געוועלבלעך אייגנטימער, לוווערראנטן און סתם סוחרים פון אגאנץ יאר. קצבים, וועלכע האבן געהאט יאטקעס, פורמאנעס מיט גוטע פערד, שניידערס, שוסטער, פעלצ"ער און כלי קודש. שווער, זער שווער איז געווען די פרנסות פון דארפס-גייער. ווען נישט דאס ביסל בטחון, אז מארגן וועט בעסער זיין, אז דער "איבערשטער" וועט העלפן, וואלט דער ייד ביי אונדז שוין לאנג געווען אויפן עולם אמת. אמארק-פארער האט געדאנקן-גאט און זיך בעלעקט, ווען ער האט בעקומען געבארגט 200 זלאטעס אין דער גמילות חסדים קאסע. דער "מיטלשטאנד" האט זיך אויך געמוטשעט. דא זיך געמעקט און דארט זיך געשטעלט. צו די אלע גרויסע גליקן האט נאך צוגעפעלט די שטענדיקע קריסטליכע שנאה צום ייד. אויב האסטו געהאט ווייניק פוילישן אנטיסעמיטיזם איז געקומען היטלער אויבע-סערן די פוילישע גוטע "מעשים טובים".

<u>משיסט שרין</u>

צייטונגען האבן געשריבן, אז היטלער פאדערט פון פוילן דעם דאנציקער-קארידאר און שוין צומאר-געגס דעם ערשטן סעפטעמבער נעמט ער און שיסט!

סהאט זיך פשוט נישט געוואלט גלייבן, לעזענדיק די צייטונג. וואס האט געטוען היטלער, שיקט אער-אפלאנען קיין לאסק און ווארפט באמבעס אויף די שקולקעס און הרגעט מענטשן. אטויט שרעק איז אנגע-פאלן אויף אלעמען. איך האב גענומען מיין פרוי

מיט מיינע 6 קינדער און געמאכט פליטה פון שטעטל. זיך אויסבעהאלטן אין אדארף, אויך מיין אלטן טאטן האבן מיר מיט גענומען. 4 טעג זענען מיר אזוי געווען באהאלטן. מיר האבן איינגעזען, אז דאס איז נישט קיין תכלית, אויב קומען די נאצים וועלן זיי דאך אין די דערפער סייווי זיין, איז שוין בעסער זיך צוריק אומקערן אהיים.

די ערשטע היטלעראווציס האבן געוויזן אגרויסע גבורה און דערשאסן חזקעלע-שמשס-זון ווען ער האט זיי דערלאנגט דעם שליסן פון דער גרויסער שול.פרעג זיי פאר וואס, פאר ווען? ווארפן אימה?! מהאט גענוג געציטערט און געלעבט מיט פחד. מהאט שוין געהערט וואס "זיי" האבן אפגעטוען מיט די דייטשע און עסטערייכישע יידן, איז וואס שיסטו איינגל וואס ברענגט דיר דעם שול-שליסל?!

אין שטעטל האבן מענטשן גערעדט וועגן לויפן קיין רוסלאנד. איך האב געטראכט, נעם כאפ-לאפ אפרוי, מיט 6 קינדער מיט אאלטן טאטן און לויף קיין רוסלאנד! כוואלט יעדן מענטשן אזעלכן געהאלטן פארא משוגענים, אמטורף. וואלט כאטש רוסלאנד געווען ביי פאביאניץ אפילו ביי לאדז. פאלג מיך אגאנג, לאסק-לעמבערג, לאסק-ביאליסטאק! סאיז מצרים ועד הנה!

כבין געווען "זאט" מיט די 4 אויסבעהאלטענע טעג אין דארף. מיין טאטע האט בכלל געהאלטן פאר אנארישקייט די גאנצע היטלערישע מלחמה. ער האט נאך געגלויבט, אז די יעצטיקע דייטשן וועלן נישט ערגער

זיין ווי יענע דייטשן פון ערשטן וועלט קריג. טאקע אביסל באמבארדירט, געשאסן אַיידישן סאלדאט ביי די גרויסע בריק און ווי כהאב שוין דערציילט אויך חזקעלעס זון דערהארגעט, איז וואס? אויך זענען געווען עטליכע הרוגים אין רעגירטע אין די שקולקעס, יידן און קריסטן. ביי דעם ערשטן וועלט קריג האבן די דייטשן נאך ערגערע זאכן אפגעטוען מיט דער גרויסער גרענעץ שטאט קאליש. הקיצור, בטחון! אַיִיד מוז האבן בטחון! צרות מיט בטחון.

סהאט אונדז שטארק פערדראסן און ווייגעטוען די מעשה מיט די גרויסע שול. סהאבן דען געפעלט ערטער אין שטאט ווו איינצוארדענען פערד? זיי האבן שוין נישט געקענט געפונען בעסערע און בעקוועמערע ערטער פאר פערד נאר דוקא אין דער גרויסער שול? שפעטער דארט דערשאסן שוואכע פערד און דאס פערד-פלייש צוטיילט צעווישן יידן. נישט ווייניק דעם גרויסן חילול הקודש און נאך מאכל-טרפות געווען. אנייער מאכל, פערד-פלייש! און ביי יעקל שמולעוויטש אין יאטקע האט מען געטיילט פארציעס, ווער סהאט נאר געוואלט האט בעקומען.

און שפעטער ארייך האט דער צעוויל שטאט-מאכט, מיט די ספעציעלע פאכלייט ארויסגעגעבן אגאנצע רייע באפעלן, גזירות: אלס טאר מען נישט! נישט האנדלען, נישט וואנדלען, נישט קויפן, און נישט פארקויפן, נישט גיין אין די גאסן, באזונדער אין די אוונט שעהן,

נישט גיין אין דארף אריין. און אהוספה, אגור נייע מעשה: יעדער ייד מוז טראגן אויפן ארבעל אגעלן פאס, און שפעטער דעם פאס פערטוישט פארן געלן מגן-דוד. סאיז זיי געווען ווייניק איין מגן-דוד, צוויי האט יעדערער ייד געמוזט טראגן אנגעניים פון פארנט און אויף דער פלייצע. דאכט זיך אז עס דארפט שוין זיין גענוג! ניין, אין יעדן מגן-דוד מוז בפירוש זיין אנגעשריבן אין שווארצן "יודע". ציען דאס היטל פאר יעדן דייטשן הונט און אים אויפן קול בעגרוסן, פאר אזא בעגרוסונג האסטו געקענט אמאל בעצאלן מיט אמאל צען, צובראכענע ביינער. דאס איז אפנהעניק געווען פון דעם מצב-רוח פון דעם בעגרוסטן דייטשן מערדער.

צוביסלעך האבן מיר זיך אויסגעלערנט זיין "מענטשן". מיר האבן אויך געהאט אדייטשן "מקוהניק", בעזונדער האט ער געהאט אשוואכקייט צו ווייבער און זיי אנגעטוען גרויסע צרות. אויב האסטו נאך געקענט בעקומען אשטיקל ברויט ביי איידישן בעקער, איז אין איין טאג געקומען אגזירה פערשליסן אלע יידישע בעקערייען. און ברויט האבן געבאקן גויים און אונדז דאס געטיילט אויף קארטן. די דייטשן האבן געכאפט יידן צו ארבעט, בעגלייט זיי מיט טויטע קללות. אנס איז געשען, וואס סהאבן זיך ארייגעמישט די פוירשטער פון די יידישע געמינא און האבן ארגאניזירט דעם תוהו ובוהו.

יודנראט

די יידישע געמינא איז פערוואנדלט געווארן אין אזוי גערופענעם יודנראט. זאלמען קאכמאן איז געווען דער פרעזעס. ער האט זיך ענערגיש גענומען מאכן ארדענונג אין שטעטל. קודם-כל איינגעארדענט מזאל נישט סתם כאפן יידן צו ארבעט. דער יודנראט האט געמאכט ארשימה פון ארבעטס פעאיקע מענער און פרויען און טאג טעגלעך צוגעטיילט די דייטשן אצאל מענטשן אויף ארבעט. ארגאניזירט אקיך, ווו סזענען געגעבן געווארן מיטאגער, אביסל זופ פון קארטאפל מיט גרויפן. אויפגעשטעלט אקאאפעראטיוו, ווו יעדער האט בעקומען צוגעטיילט אביסל פראדוקטן. דערווייל האבן די דייטשן אויסגעארבעט אפלאן פון אגעטא פאר יידן.

דער יודנראט האט געמוזט אויספירן זיירע גזירות. און אין אקורצע צייט האבן זיך אלע יידן צוזאמענגע-פאקט אין די גארבער גאס און אין אלע הינטער געסלעך. אויך איידיש שפיטאל איז איינגעארדענט געווארן אין געטא. האסט געקענט מיינען, אז דו ביזט גאר אויס-געלייזט געווארן פון די מערדער הענט.

נייע צרות

די דייטשן האבן אויסגעפונען נייע ארבעטס פלעצער פאר די לאסקער יוגענט. קודם-כל האבן זיי געפאדערט דער יודנראט זאל צושטעלן אגרויסע גרופא יינגעלייט צו ארבעט קיין סענדזיעוויץ. שפעטער אריין האבן די

דייטשן געפאדערט ארבעטער קיין פויזן, קיין נעקלא. סהאבן נישט געהאלפן די געוויינען און געשרייען,פון טאטע-מאמעס און פון זיך אויסבעהאלטן. די יידישע פאליציי האבן מיט כוח געמוזט צושטעלן די צאל ארבעטער צום אוועקשיקן אין די אויבן דערמאנטע ערטער.

כבין נישט אומשטאנד צו שילדערן די הימעל געש-רייען און דעם צער פון די עלטערן, פון פרויען און קינדער, וואס האט זיך אפגעטוען ביי יעדע פערשיקונג,

איך אין די רייע

סאיז ביים יודנראט געווען אגעוויסער סדר. קודם-כל ארויסגעשיקט אלע 18 יעריקע יינגלעך אין פויזנער געגענט. די צווייטע אקציע: פריילליידיקע בחורים. די דריטע אקציע, בעווייבטע ביז 40 יעריקע מענער. די אלע זענען לויט אליסטע פון יודנראט גערופן געווארן זיך גוטוויליק צוצושטעלן צו דער צייט. אכט טעג פאר פסח, שפעט ביי נאכט, קלאפט מען ביי מיר אין טיר; וויינבערג, שטיי אויף! אברהם גאלאבינסקי מיט אדייטשן ז'אנדאר האבן מיך מיט כוח ארויסגענומען פון בעט און אפגעפירט צום יודנראט, ווו סזענען שוין געווען פערזאמעלט בערך 200 בעווייבטע יידן.

פון דארט זענען מיר געגאנגען צו דער באן סטאציע, פערפאקט אלעמען אין פראכט וואגאנען און אפגעפארן ביז שעראדז. אין שעראדז האט מען גענומען מאכן אסעלעקציע. צוויי מאן פון די גרופא זענען צוריקגעשיקט געווארן אהיים קיין לאסק. פון דארט זענען מיר איבערגעשיקט

געווארן קיין פויזן און צוטיילט געווארן אויף קלענערע גרופעס פון 20 מאן. אין דער שפיץ פון יעדע גרופא איז געשטאנען אדיישער אויפזער. די ערשטע פארציע איז געווען, אנשטאט ברויט, קלעפ מיט שטעקענס איבער די קעפ. פאר וואס און פאר ווען? נאכן גוט אפרעכן די ביינער האט דער אויפזער געהאלטן אפיירדיקע דרשה: איר זאלט נישט מיינען, אז איר זענט דא אהערגעקומען אויף זומער וווינונג! דא וועט איר מוזן שווער ארבעטן ביז איר וועט שטארבן! אייער אלעמענס לעבן האלט איך אין מיינע הענט! איז דעריבער, טראכט נישט מער וועגן איירע היימען, פרויען און קינדער! איר וועט זיי, סיי-ווי-סיי, שוין מער נישט זען! דאס איז געווען אשבת-הגדול-דיקע דרשה. גלייך זענען אלע איינגעשפאנט געווארן אין טאטשקעס אנגעפולטע מיט שטיינער און אנגעפאנגען בויען אנייע באן-ליניע. מיר האבן זער שווער געארבעט, אבער אויך געהאט אגאנץ פיינע געזעלשאפט. בלויז לאסקער תלמידי חכמים און פיינע מענטשן. פרייטאג צו נאכטס האט מאכל בורנשטיין מקבל שבת געווען. שפעטער אין די "ימים הנוראים", נאך די ארבעט, געדאווענט אלע תפילות. צוזאמען פון אויסעווייניק. מיר האבן נאכגעזאגט. מאכל האט ביי זיך געהאט זיינע צוויי שוואגערס: אפרים זילבערשטיין און רפאל מרדכי ביגעלאייזן.

אין די ערשטע צייט האבן מיר נאך בעקומען בריוו פון דערהיים. אמאל אויך אפעקל עסן. שפעטער האט זיך

דאס אלס געענדיקט. ביסלעוויז האבן מיר פערלוירן די כוחות און די דייטשן האבן דערוועגן סיסטאמאטיש געזארגט, אויסגעהונגערט און געטריבן ביי דער ארבעט. קראנקא און אפגעשוואכטע זענען נאקעט פערפאקט געווארן אין וואגאן און אוועק געשיקט... יעדער האט שטיל קדיש געזאגט נאך זיי...

מיט דער צייט האט מען מאכל בורנשטיין אויך אוועקגעשיקט אין אצווייטן לאגער. ער האט פוגע-בכבוד געווען דעם לאגער פירער. מער האבן מיר שוין מאכלן נישט געזען...

גוטענברום

אפגעטון אונדזער ארבעט זענען מיר, (נאך אלע לאסקער צוזאמען) אפגעשיקט געווארן אין אנייעם לאגער. דא האבן מיר זיך ווידער דערפילט אלס מענטשן. געגעבן שטרוי זעק, זיך געוואשן מיט זייף, דיזענפעקציאנירט אונדזער בגדים, פטור געווארן פון די לייז און אביסל אפגעאטעמט פון דעם שווערן יאך. מיר האבן דא באגעגענט די פון פוירפערשיקטע לאסקער בחורים. אברהם פיאטרקאווסקי, יוסף בראון און נאך אנדערע, כהאב דערמאנט יוסף בראון, ער האט אין גוטענברום בענייט די תליה. מיט גרויס צער דערמאן איך און בעשולדיק אין זיין טויט איידישן "מסור". צום גרעסטן צער און בושה, זענען געוועז צעווישן אונדז פערקויפטע נשמות צו די דייטשן... און די דייטשן האבן זיך פרייליך געמאכט ביי אזא ספעקטאקל. אויך אין פוירינן לאגער האבן די דייטשן

דאס געמאכט הורטעם. 14 יידן מיטאמאל אויפגעהאנגען, צו אזעלכע "שמחות" האבן די דייטשן מיטגעבראכט מיט זיך זייערע פרויען און קינדער און האבן זיך געשמאק געוויילט דערביי.

די גאנצע מחנה יידן האבן געמוזט שטיין מיט אויפגעהויבענע קעפ און קוקן גלייך צום "הייליקן ארט", חלילה נישט אראפלאזן אאויג. מאניע ברימשטיין, אלאסקער, האט עפיס נישט גוט געקוקט. דאס האט בעמערקט א עס-עס מאן. גלייך איז ער געגומען געווארן צום הענג-טיש און פערלייקט אים די "פעטלא" איבערן האלז.

אונדזער באראק עלסטער, יוסף גרינער, האט אים אפגעבעטן, זאגענדיק, אז ער איז אקורצזיכטיקער אבער אגוטער ארבעטער. (מאניע בריטשטיין לעבט יעצט אין אמריקא).

אשוריץ

אין סעפטעמבער 1943 זענען מיר איבערטראנס-פארטירט געווארן קיין אשוויץ. דער נאמען אליין האט אויף אלעמען געווארפן טויט-שרעק. אחודש צייט זענען מיר געזעסן אין די באראקן אן שום בעשעפטיקונג. אין אפרי מארגן איז געקומען אקאמיסיע און פון צווישן אונדז אויסגעקליבן 500 מאן און אפגעפירט אין די קוילן גראבן פון יאווארנא. מיר האבן אין יאווארנא שווער געארבעט און בעקומען מענטשלעך צו עסן.

דא האבן אויך געארבעט קריסטן, פאכמענער, צעווישן זיי זער פיל פאלאקן, צ'עכן און אויך דייטשן. מיר זענען געווען "נומערן", צוואנגס-ארבעטער. אין אשוויץ האט מען יעדן געגעבן אבכבודיקן נומער. אום דו זאלסט, חלילה, נישט פערגעסן דיין נומער, איז ער טעטאוירט געווארן אויף דיין לינקא האנט. מיין נומער איז געווען 138605.

אין יאווארנע האבן מיר זיך דערוווסט פון אלאסקער קריסט, וועלכער איז דארט אדורכגעפארן, וועגן ביטערן חורבן פון די לאסקער יידן, וועגן אונדזערע פרויען און קינדער וואס זענען אלע דערמארדעט געווארן אין בעלמנא...

סאיז אונדז ביטערגעווען אויף דער נשמה. טראץ די בעסערע בעציאונג צו אונדז, בעסער געגעסן, מער גערוט, סאיז אלס מיאוס געווארן, אליידיקייט, פוסט און פאסטקייט האט אונדז באהערשט. אלע טעג זענען "שבעה" טעג געווען און יעדער געשפרעך צעווישן זיך - אקדיש-יתום...

אויך אין דעם שרעקליכן צושטאנד פון טיפע אבלות, ווו מיר האבן זיך געפונען, האבן אגרופע "מוסרים" געפירט זייער פארברעכערישע טעטיקייט. כבין זיכער, אז "דער אין הימל" וועט אונדז מוחל-זיין און נישט פערכענען אונדזער טאט פאר אזינד. אין 16-טן בלאק זענען אין איין נאכט דורך אונדז אויפגעהאנגען געווארן ביי די פריצ'עס אלע יידישע מוסרים, וחמת המלך שככה...

בעפרייאונגס קלאנגען

די רוסן האבן זיך מיט שנעלע טריט דערנענטערט צו יאוואָרנאַ. אין איין שעה איז דער גאַנצער לאַגער דורכן אַלעמען פערלאַזט געוואָרן. די עס-עס מענער האָבן אונדז געטריבן אין דער ריכטונג צו "בלעכאמאַ". דער בלעכאַמער לאַגער איז אויך שוין געווען לער פון מענטשן. אָבער עסן איז דאָרט געבליבן. די עס-עס מענער האָבן זיך בעצייטענס אָפּגעטראָגן און מיר האָבן זיך גענומען עסן. עסענדיק מיט אַגוטן אַפּעטיט, האָבן מיר נישט בעמערקט ווי אַדייטשער פּאַטראָל מיט מאַשין-געווער דערנענטערט זיך צום לאַגער. זיי האָבן געשאָסן אויף אונדז און דערהרגעט 80 מאַן, צווישן זיי אַמיידל. זיי זענען גלייך פערשוואונדן און מיר האָבן קובר געווען די 80 דערשאָסענע יידן.

מיר, די איבערגעבליבענע האָבן זיך אויסבעהאַלטן אין טיפן וואַלד און אָפּגעוואַרט דאָס רוסישע מיליטער זאָל אונדז בעפרייען. פון די רוסישע גראַנאַטן זענען נאָך צווי פון אונדזער גרופּע געפאַלן. צו מאָרגענס דעם 9-טן מאַי 1945, האָבן מיר זיך, באַפרייטע, אָבגעציילט 54 מאַן פון די 4500 יידן וואָס האָבן פערלאָזט יאוואָרנאַ.

טערעזנשטאַט

אין טערעזנשטאַט זענען מיר אויפגענומען געוואָרן דורכן שוועדישן רויטן-קרייץ. גאַטס-וווּנדער! יעדער האָט בעקומען "אַזעמל מיט פּוטער" און אַגלאָז קאַפּע.

מיר האָבן זיך געוואַשן ווי מענטשן און בעקומען

פריש נייע וועש און איבער מלבושים. אפילו אקראוואט האט נישט געפעלט. מיר האבן אלע היסטעריש געלאכט אנקוקנדיק איינער דעם צווייטן. איך הארצן פשוט נישט געגלויבט צו דאס איז אווירקליכקייט.

די רוסן האבן אין לאגער אפגעשטעלט אאפיציעלן וועזיט און אלעמען געטיילט ציגארן.

נאך עטליכע טעג רוען, האב איך בעשלאסן צו פארן "אהיים". פון פראג בין איך געפארן מיט דער באן קיין לאסק. אויפן וועג האב איך געטראפן יעקל ליפשיץ און צוזאמען געגאנגען פון די באן סטאציע אין שטאט.

אין גרשון חושס הויז האבן מיר געטראפן יאסל פיעטרקאווסקי און נאך עטליכע לעבנגעבליבענע יידן.

טאג-טעגלעך זענען צוגעקומען נייע פליטים און אין אקורצע צייט האבן מיר שוין געציילט 20 מאן. אויך ריפטשא גרינער און מאשא יידע אריהם פרוי איז געווען צעווישן די חברה. סאיז אבער נישט געווען וואס צו עסן. איך האב זיך געלאזט אין די דערפער אריין איך פון דארט געברענגט אגאנצן וואגן פון אלעם גוטן. קריסטן אין די דערפער וואס איך האב געקענט האבן אומזיסט געגעבן זעקלעך מיט מעל, קארטאפל,ברויט און פרוכט.

מיר האבן זיך ארומגעקוקט און געזען דעם טראגישן אמת. דאס גאנצע שטעטל האט אויסגעזען ווי אבית הקברות. פערגליווערט, טויט, אפילו דער געשמאק פון דער גארבער גאס איז פערשוואונדן. נישטו קיין גאנצע זאך, אלס איז

חרובדיק, צובראקט, צוקלאפט, אלס אן לעדן, טירן און פענסטער. דער בית עולם, נישט ווייט פון ארייננאנג, אגאנצער בארג אויסגעריסענע מצבות, נישט ווייט פון טהרה שטיבל דער "ברודער קבר", אגרויסער בארג זאמד, פערוואקסן מיט גראז. די טרערן האבן ביי מיר אויס-געטרוקנט, און סהארץ האט געקלאפט מיט כעס...

סזענען אין משך פון דער צייט צוגעקומען נאך אביסל לאסקער. מיר האבן זיך אבער נישט דערקענט איינער דעם צווייטן, אדאנק דעם נאמען וואס יעדער האט דערמאנט, האט זיך פערבונדן די געזעלשאפט. די לאסקער פוילישע בעפעלקערונג האט געקוקט אויף אונדז ווי אויף שדים, אדער לעבעדיקע מתים. וואס טוט איר דא? איר לעבט נאך? ווער דארפט אייך ווידער, צו וואס זענט איר אהערגעקומען? און נאך אזעלכע סימפאטישע פראגן.

מיר אלע לעבענגעבליבענע פון לאסק האבן איינגע-פונען, אז מיר האבן אין שטעטל גארנישט וואס צו טוען. איך האב חתונה מיט ריפטשא גרינער און זיך געלאזט אויפן וועג קיין בערלין און פון דארט וועלן מיר פארן קיין ארץ ישראל.

צוזאמען מיט אונדז איז אויך געפארן נוח פיעטרקאווסקי. מיר האבן באלד נישט געקענט פארן קיין ארץ ישראל. די ענגלענדער האבן געשלאסן די עליה. מיר זענען דעריבער געבליבן אין דייטשלאנד ביזן 49-סטן יאר. און צום סוף זוכה געווען צו פליען אהיים...

אהיים צו אזעלבשטענדיק ישראל לאנד.


כהאט אונדז גארנישט געפעלט און מהאט גארנישט געהאט. מיר ביידע האבן געארבעט און זיך איינגע- ארדענט. אין הארץ טראג איך אשטענדיקע תפילה פאר שלום און געזונט.

מרדכי אלעי

ג י ט ו...

הֲיָבוֹא עוֹד מֵאַיִן יֶשַׁע,
הֲיֵשׁ עוֹד שְׁבִיב תִּקְוָה?
אֶת הָעוֹלָם כָּבַשׁ הָרֶשַׁע
וּסְבִיב עִמָּנוּ נִקְוָה.

מִקְּצֵה עֲנָפָיו יְבֵשִׁים וְלַחִים,
מִשֹּׁרֶשׁ אַחֲרֵי שָׁרָשָׁיו,
עַל כָּל כַּר — קֶבֶר אַחִים
עַל יְדֵי נִמְרוֹד הָעַמִּים וְשַׁמָּשָׁיו.



הינדה נאסקאוויטש-מוזס

מיינע איבערלעבונגען

אין יאר 1939 האבן מיר געוווינט אין פאביאניץ, אקורצע צייט האט געדוירט ווי איך האב זיך בעוויזן איינצובירגערן מיט די ציוניסטישען יוגענד פון דער שטאט. ווען די דייטשן זענען אריין האט די יוגענד ארגאניזירט גרופן צו אנטלויפן פון שטאט אין ריכטונג צו רומעניע מיט דעם ציל צו קומען קיין ארץ ישראל. בעל-כרחם האבן מיינע עלטערן מסכים געווען איך זאל מיט איין גרופא פערלאזן פאביאניץ. מיין מוטער האט מיך נאך בעגלייט ביז צום באן הויף קיין לאדז. אבער צוליב דעם געדראנג פון טויזענטער מענטשן האבן מיר זיך שוין נישט בעוויזן צו געזעגענען.

אויפן וועג האבן מיר אפגעשטעלט אויף אגעוויסע צייט אין "קאסטאפאל". איך האב זיך אויפגעהאלטן ביי די פאמיליע פון לערער בערלאנט, וועלכער האט געלערנט אין לאסקער "תרבות" שולע. די פאמיליע האט מיך זער גוט אויפגענומען און דארט געדרוט עטליכע טעג. פון דארט האבן מיר געוואנדערט צו דער רומענישער גרעניץ, ווו מען האט אונדז געכאפט און פערשיקט יעדן אין אאנדערע טורמע. די פריינד און פריינדינס פון די גרופא האב איך שוין מער נישט געזען. איך בין געשיקט געווארן פון איין טורמע אין דערצווייטער,

אזוי איאר צייט, און מען האט מיך פערמשפט אויף 5 יאר סיביר.

נאך איאר זיצן אין טורמעס בין איך פערשיקט געווארן אין ארבעטס לאגער קיין סיביר אין נאוויסיבירסק. עס איז דארט געוועזן אריזיגער לאגער פון איבער 8 טויזענט פרויען. מיר יידישע און פוילישע פרויען האבן געארבעט ביי נייען וואטענע קורטקעס. מען האט אונדז געלערנט נייען און נאכהער האט מען פון אונדז פערלאנגט מיר זאלן זיין אליין די מאשין. דאס הייסט, מען האט געמוזט יאגן און ארויסגעבן אנארמע, אויב נישט, האט מען בעקומען ווייניגער ברויט און זופ. געארבעט האבן מיר שווער. איינמאל ביי טאג און איינמאל ביי נאכט צו 10 שעה, און עסן האט מען בעקומען קוים צו דערהאלטן די נשמה. די סאניטארע בעדינגונגען זענען געוועזן צו דערליידן און דאס האט ארויסגערופן פערשידענע מגפות וועלכע זענען אומגעקומען אין אנדערע לאגערן ווו די סאניטארע בעדינגונגען זענען נישט אבגעהיטן געווארן. די גאנצע צייט האב איך געקלערט ווי אזוי צעוויסן געבן מיינע עלטערן ווו איך געפין זיך. איך האב זיי אבער נישט געוואלט אנטוען קיין פערדרוס און שרייבן, אז איך בין פערמשפט אויף 5 יאר. איך האב געשריבן צו די פאמיליע בערלאנט נאך קאסטאפאל און זיי האבן איבערגעבן די ידיעה צו מיינע עלטערן, אז איך לעב. איך קען נישט פערגעסן דעם חסד, וואס די פאמיליע בערלאנט האט מיט מיר געטוען, זייענדיג

אין וועג און זייענדיג אין סיביר. זיי האבן מיר געשיקט פעקלעך עסן, שמאלץ, גרויפן, ציבל, קנאבל, אלעס זאכן, וואס מען האט אין סיביר נישט בעקומען. אלע מיינע פריינדינס האבן זיך דערמיט געהאלפן. עס פערשטייט זיך, אז פיל מיידלעך האבן גוט געהונגערט, ווייל זיי האבן נישט גאקאנט ארויסגעבן די ארבעטס-נארמע. און אין אלגעמיין האבן נישט געפעלט קיין צרות, אנהייבנדיק פון הונגער און שווערע ארבעט, ביז נישט קאנען שלאפן, צוליב די וואנצן וואס זענען געווען מיליאנען אין די באראקן.

צום גליק זענען מיר נאר אין סיביר געווען איין יאר, אנשטאט 5 יאר, ווייל אין צוזאמענהאנג מיט דעם אפמאך פון דער פוילישער רעגירונג אין לאנדאן מיט דער סאוויעטישער מאכט האט מען בעפרייט אלע פוילישע בירגער פון די סיבירער לאגערן און ווארשטאטן. מיר האבן בעקומען געלט אויף הוצאות הדרך און אויך אפאר שיך און מיר האבן זיך כמעט אלע געלאזט אין וועג צו דרום רוסלאנד, אין די ווארימע געגענטן. איך מיט אפריינדין זענען מיר געפארן קיין קאזאכסטאן, אין די ערשטע טעג האבן מיר דארט געפונען אפרו-ארט אין אקלוב און געזוכט אוועג אויף ווייטער. ביינאכט האט מען מיר דארט מיינע שיך צוגעגנבעט, איך האב געהאט אזוי פיל פערדרוס און אזוי פיל טרערן פערגאסן, ווי די וועלט וואלט אויף מיר חרוב געווארן.

אין קלוב האב איך זיך געטראפן מיט אפאמיליע פון לעמבערג, וועלכע האט זיך גערופן פרענקל. מיר

האבן זיך גוט בעפריינדעט און אנגענומען צוזאמען אבעשלוס צו גיין אין אקאלכאז, וועלכער האט זיך גערופן "דער ערשטער מאי". מען האט אונדז דארט גוט אויפגענומען, אין ווינטער צייט האבן מיר כמעט נישט געהאט וואס צו טוען. דערפאר זומער האבן מיר שווער געארבעט אין די באוועל פעלדער (שדות כותנה). די דארטיגע טוריה איז געווען שווערער אין געוויכט ווי איך אליין. אויסער אַקערן און זייען, וואס די טראקטארן האבן געמאכט איז אלעס געטועט געווארן מיט די הענט. מיר האבן בעוואסערט די פעלדער, גרובענדיק גרויסע און קליינע קאנאלן איבער די גרויסע באוועל פעלדער, אונדזער דארשט האבן מיר געשטילט מיט דעם דאזיקן בלאטיקן וואסער. צו דער ארבעט איז געווען צו גיין 10 קילאמעטער פון קאלכאז, מען האט אונדז געפירט אויף לייטער וועגן מיט איינגעשפאנטע ביקעס, אבער צוריק אהיים האט מען געמוזט גיין צפוס. טוים מיד פון נאך דער ארבעט האט מען ערשט געמוזט זיך נעמען מאכן עפיס עסן, מיר האבן בעקומען פראדוקטן, אבער עס זענען אדורך צייטן וואס מען האט געכאפט איין גוטן הונגער.

אין דער צייט ווען אין קאלכאז איז נישט געווען וואס צו טוען, בין איך געגאנגען אין שפיטאל פון טיפוס קראנקע ארבעטן, אז איך זאל מיר קאנען העלפן שאפן עפיס עסן. איך האב אזוי לאנג געארבעט אין שפיטאל ביז איך בין אליין קראנק געווארן אויף טיפוס און דאס זעלבע אויך מיין פריינדין. טויט שוואך

נאכדעם טיפוס, האט מיך דער פריינד פרענקל אהיים געטראגן אויף זיינע הענט צו זיך. די פאמיליע האט מיך ביים לעבן דערהאלטן, זיי האבן זיך מיט מיר געטיילט מיט זייער ביסן-ברויט, מיט אלעם וואס זיי האבן געהאט. איך האב נאך ביז היינט נישט געפונען ווערטער וואס זאלן קאנען אויסדרוקן דעם דאנק פאר דער הילף, וואס זיי האבן מיר געגעבן, פשוט מיך געראטעוועט פון אזיכערן הונגער טויט. ליידער איז דער מאן פון מיין פריינדין, הער פרענקל, מיט 8 יאר צוריק געשטארבן אין ישראל.

איך ווייס גאנץ גוט, אז אלעס וואס איך האב מיטגעמאכט - הונגער, שווערע ארבעט, קעלט, קרענק און היימלויזקייט, איז נישט צו פערגלייכן מיט דעם וואס אונדזערע עלטערן, ברודער און שוועסטער האבן געליטן ביי די דייטשן, אבער דאס איז געווען דער גורל, זעט-זיך-אויס, פון יעדן איינעם צו ליידן הונגער, נויט, קרענק און קעלט, אבער נישט צו ווערן ערשאסן אדער פערגאזט, אזוי ווי אונדזערע טייערע אין לאסק.

אין עטליכע יאר שפעטער אין 1944, האב איך בעקענט מיין מאן אגון מוזס. ער איז אויך אזוי ווי אלע יידן פון פוילן געווען אויף צרות. מיר האבן בעשלאסן צו הייראטן, אונדזער פריינד פרענקל האט אין זיין ווינונג איינגעארדנט אונדזער חתונה. אגעוויסער ייד קאדאביץ פון ווילנא האט אונדז געגעבן חופה וקידושין. באלד נאך דעם האט מיין מאן בעקומען אגוטן

פאסטן אלס לייטער פון אוואסער-מיל. ספערשטייט זיך, אז קיין ברויט האט שוין אונדז נישט געפעלט. אין די זעלבע טעג האבן מיר בעקומען אפעקל פון "ארגון יוצאי לאסק", דאס האט אויסגעזעען אזוי ווי אספעציעל "דרשה-געשאנק". מען קאן זיך נישט פוירשטעלן די פרייד ערהאלטענדיק דאס פעקל, אבער ליידער האבן מיר אין די זעלבע טעג אויך דערהאלטן די טרויריגע ידיעות, וואס עס האט פאסירט מיט די פוילישע יידן און אויך וועגן אונדזער שטעטל מיט אונדזערע פאמיליען. עס זענען געווען פיל יידן וואס האבן רעאגירט אויף די טרויריגע ידיעות פשוט, אז עס איז נישט אמת, נאר אלץ איז סאוויעטישע פראפאגאנדע אויך איך האב נישט בעקאנט זיין איינשטימעך מיט דעם געדאנק, אז אלעס איז חרוב געווארן אין אונדזער שטעטל מיט מיינע עלטערן און פאמיליע.

אין צווישנצייט איז געבוירן געווארן מיין זון, און אין אקורצע צייט שפעטער האבן אלע פוילישע בירגער געקרוגן רעכט צוריק זיך אומצוקערן קיין פוילן. איך האב פון די ערשטע מינוט אָן נאר געטראכט וועגן ארץ ישראל, אבער דערווייל האט מען נאר געקאנט צוריק פארן קיין פוילן, אזוי אז נאך שלעפנדיק זיך מער ווי צוויי וואכן אויף אפראכט-צוג, זענען מיר אנגעקומען קיין קאטאוויץ, און פון דארט זענען מיר געפארן נאך ביעלצקא, די געבורטסשטאט פון מיין מאן. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז מיר קאנען צוריק בעקומען א טייל פון מיין מאנס ירושה פערמעגן, וועלכע איז בעשטאנען

פון אטאַרטאַק. דעריבער זענען מיר געבליבן אַגעוויסע צייט, ביז מען האָט געקאַנט אַלעס ליקווידירן. מיר האָבן בעשלאָסן פון פוילן אַפּצופאָרן קיין בעלגיע, ווו עס האָבן נאָך פאַר דער קריג געלעבט מיין פאָטערס עלטערע שוועסטערן. דורך די צייט האָב איך אויך בעזוכט פאָביאַניץ און לאָסק, אַרומגעקוקט זיך וואָס סהאָט פּאַסירט דעם יידישן שטעטל. איך האָב נאָר איבערגעלאָזן אויף צושטעלן אַ מצבה פאַר מיין זיידע ר' שלמה, העד דינגער האָט זיך אונטערגענומען דאָס צו מאַכן און האָט עס טאַקע אויסגעפירט.

פון לאָסק זענען מיר געפאָרן קיין בעלגיע, און טראָץ דעם וואָס מיר האָבן געהאַט אַלע מאַטעריעלע בעדינגונגען גוט זיך דאָרט איינצואָרדנען, האָב איך געוואָלט פערווירקלעכן דאָס וואָס איך און מיין פאָטער האָבן געשטרעבט, איך האָב נאָר געצויגן קיין ארץ ישראל. די ציוניסטישע ערציאונג וואָס איך האָב געקרוגן אין די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין מיין יוגענד, איבערהויפּט די ציוניסטישע אַטמאָספערע וואָס האָט געהערשט די גאַנצע צייט אין אונדזער שטוב, בעזונדער נאָך דעם חורבן ווי איך האָב געזעען, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט נישט קיין פּלאַץ אין דער גאַנצער וועלט, האָב איך ערשט פערשטאַנען די אַלע ווערטער וואָס מיין פאָטער האָט שטענדיק געזאָגט, אַז נאָר אַ יידישע היים וועט לעזן דעם יידישן פאָלקס פּראָבלעם.

אַזוי ווי מיין מאַן איז געווען אין פוילן אַפּאַכמאַן פון די טעקסטיל בראַנז'ש האָבן מיר בעשלאָסן צו קויפן

טעקסטיל מאשינען מיטן ציל צו זיין זעלבסשטענדיק אין ישראל. מיר זענען ארויס פון בעלגיע אויף אפראכט שיף קיין ישראל. מיר האבן פערשטייט זיך, די ערשטע צייטן, מיטגעמאכט פערשידענע שוועריקייטן אזוי ווי יעדער איינער נייער עולה. איך האב געבוירן דאס צווייטע קינד און אנגעפאנגען איינארדנען שוין א סטאביל לעבן, נישט קלערענדיק מער וועגן וואנדערן עס איז אדורך אביסעל צייט, האט מיין מאן בעקענט זיין יעצטיקן שותף, הער לנדאו, און צוגעטרעטן צו פירן א טעקסטיל פאבריק, זיך סיסטעמאטיש מאטעריעליש און געשעפטליך גוט באזירט.

עס טוט מיר וויי דאס הארץ, וואס מיינע עלטערן האבן נישט דערלעבט צו האבן נחת פון זיירע קינדער און אייניקלעך, בעזונדער ווי גליקלעך וואלט מיין פאטער און מוטער געווען, זעענדיק אאייניקל אין אוניפארם פון צה"ל.

איך האלט דעריבער, אז דאס וואס מיר טוען יעצט פאר אונדזערע נאענטע, איז דאס "יזכור בוך", וואס זאל זיין איין "נר תמיד" פאר די אומגעקומענע און באלייכטן די וועגן פאר די קומענדיקע דורות.

25 יאר

25 יאר זענען שוין פארלאפן פון דעם גרויזאמען־טאג ווי די ווילדע נאצישע בעסטיעס האבן אויסגעריסן מיטן ווארצל די שיינע בליענדע בלום, די לאסקער קהילה. איך בין שוין דעמאלט נישט געווען אין־דער־היים. מיך האט מען אסאך פריער פארשיקט אין א צוואנגס־ארבעטס־לאגער אין פויזנער געגנט, צוזאמען מיט נאך צענדליקער לאסקער יידן. מיר האבן דארט געלעבט אונטער שווערע באדינגונגען. אבער איין געבעט האבן מיר שטענדיק געהאט אויף אונדזערע ליפן: זאלן מיר כאטש, זיין דער קרבן פאר אונדזערע משפחות וואס זיינען געבליבן אין דער־היים. יעדן בריוו וואס מיר האבן באקומען פון דער היים, האבן מיר געלעזן צענדליקער מאל און זיי פעסט געדריקט צו אונדזערע הערצער. שטילערהייט געגעבן א לויב דעם באשעפער, וואס ער לאזט נאך לעבן אונדזערע נאענטע אין זיירע היימען. ווער קען זיך פוירשטעלן די שמחה, ווען מען האט אמאל דערהאלטן א קליין פעקעלע פון א האלבן קילא ברויט. מיר האבן גוט געוווסט, אז דאס איז אפגעשפארט ברויט פון די אנדערע מיילער אין דער היים, אבער, דאך איז עס פאר אונדז געווען דאס בעסטע יום־טוב׳דיקע מאכל. עפעס אקלייני־קייט, אשטיקל ברויט, וואס די מאמע אליין האט געשיקט! טראץ דעם, וואס מיר זענען געווען שטארק אויסגעהונגערט האבן מיר דאס שטיקל ברויט ברעקליכווייז פארברויכט. מיר האבן געוואלט, אז די האלבע קילא ברויט זאל וואס


לענגער אנהאלטן, דער מאגן האט עס געפאדערט, אבער
די נשמה האט זיך נישט געוואלט שיידן מיט אים. ס'איז
דאך עפעס א היימיש שטיקל ברויט! ווידער האבן מיר
געווארט וואכן לאנג אויף א בריוו פון דער היים.
ווי היינט געדענק איך דעם מאמענט, ווען אויפן אפעל-
פלאץ האט מען גערופן מיין נאמען. איך בין צוגעגאנגען
צום לאגער פירער און ער האט מיר דערלאנגט אפאסט-
קארטל. מיינע הענט האבן ביי מיר שטארק געציטערט.
כ'האב אינסטינקטיוו באלד דערפילט, אז אשלעכטע
בשורה איז געשריבן אין קארטל. ווייל ס'איז נישט
געווען די אייגענשאפט פון מיין ברודער שלמה ז"ל צו
שרייבן אזוי ווייניג אין אקארטל. יעדעס מאל האט
ער זיך באמיט וואס מער ארייצוקוועטשן די ווערטער
אין קארטל אריין. ס'וויזט אויס, ער האט גוט
געוווסט, אז נאך אווארט איז נאך אביסל פרייד. אויך
וואס צו שרייבן איז דאך געווען: אביסל וועגן די
עלטערן, אביסל וועגן די שוועסטערלעך און ברודערלעך.
נו, און ווי שרייבט מען נישט אפאר ווערטער וועגן די
שוועגערינס מיט די אייניקלעך? אביסעל אלגעמיינע
נייעס דארפט מען דאך אויך באריכטן! אזוי אז יעדער
בריוו אדער קארטל איז געווען פול פארשריבן. און דא
פלוצלינג אפאסט-קארטל מיט עטליכע ווערטער! האט עס
מיר באלד א זעץ געגעבן אין הארץ, עפעס האט אין דער
היים פאסירט! מיט פארלאפענע אויגן האב איך געלעזן
דעם קורצן אבער גורל-דיקן אינהאלט: "טייערער ברודער,
מען פירט אונדז אוועק אין אאונבאוווסטן וועג, ווער
ווייסט אבער מיר וועלן זיך נאך אמאל זען? שלמה". דאס

איז געווען די איינציקע ידיעה, וואס מיר האבן באקומען וועגן די ליקווידירונג פון לאסקער געטא, מיר האבן שוין דאמאלסט גוט געוווסט וואס דאס בעדייטעט. מיר, וואס האבן בייגעווווינט גרויזאמע מאמענטן, ווי די דייטשע מערדער האבן געהאנגען צענדליקער מענטשן פאר גיין בעטן א שטיקל ברויט ביי די גויים, וואס האבן געוווינט אין דער געגנט פון די ארבעטס פלעצער. מיר האבען שוין דאמאלסט געוווסט, אז דער ייד האט וויינציגער ווערט פון א הונט וואס לויפט ארום אין גאס. פאר אונדז איז עס גאנץ קלאר געווען וואס דאס הייסט: "מען פירט אונדז אוועק אין אאונבעוואוסטע ריכטונג", מיר האבן שוין דאן גוט געוווסט, אז עס איז נישטו קיין וועג צוריק פון אזעלכע אויסזידלונגען. ווען כהאב נאך דער מלחמה געהערט דאס ליד פון דעם דיכטער קאצ'ערגינסקי, "ספירען וועגען קיין פאנאר צו, ספירט קיין וועג צוריק, ס'איז דער טאטע ווו פערשוונדן אין מיט אים דאס גליק" האבן די ווערטער פאר אונדז געהאט אבאזונדערע באדייטונג. ס'זעהט אויס, אז די געציילטע ווערטער אין דעם פאסט-קארטל האבן שוין דעמאלט אויסגעדרוקט דעם טרויריקן גורל פון די אלע, וואס זיינען אומגעקומען ביי דער ליקווידירונג פון אונדזער שטעטל לאסק.

די ידיעה האבן מיר באקומען זעהר קורץ פאר ראש השנה. ווי היינט קלינגען מיר אין מיינע אוירן די תפילות פון מאכל בארנשטיין ז"ל. איך בין געשטאנען אין דער זייט און זיך נישט געקענט באפרייען פון די תפילה, וואס כ'האב אן אויפהער איבערגעחזרט "הבט משמים וראה, כי"...

קוק, גאטעניו, פון הימל און זע, מיר זענען
געווארן צו שאנד און צו שפאט צווישן די גויים. מיר
זענען געגליכן צו שעפעלעך, וואס ווערן געפירט צו
די שחיטה! און טיף אין הארצן האב איך געשווירן,
אז ווען איך וועל בלייבן לעבן וועל איך נישט מער
בלייבן אין גלות, נאר פארן קיין ארץ ישראל און נישט
מער זיין נע ונד. אט די ערינערונגען שרייב איך אין
ירושלים, די הויפשטאט פון ישראל, 25 יאר נאך דעם
ווי איך האב זיך געגעבן די שבועה.

דוד לערער
ירושלים



חיים ביאליק

אבריוו פון יענער וועלט

דער אויבן פאטעגראפירטער בריוו, וועלכער איז דאטירט פון לאסק דעם 8.4.1940, איז געשיקט געווארן פון לאסק דורך בעלגיע צו די ברודער חיים און שמואל ביאליק אין ישראל פון זייער מוטער לאה, שוועסטער און שוואגער אברהם בוראקאווסקי.

אין דעם בריוו קומען צום אויסדרוק, אין קורצע שטריכן, זיירע ליידן ברמיזה.

1) אין די נאענסטע טעג ציען זיי זיך איבער פון זייער אייגענע דירות, אבער ווייסן נאך נישט ווו אהין. (זיי גייען אין געטא).

2) באלד וועט זיין פסח און דער פעטער "ברויט" וועט ביי אונדז זיין צו גאסט. (סוועט זיין פסח אן מצות).

3) מיר ווארטן, מיט אונגעדולד, אויף די טאנטע "גאולה". (אויסגעלייזט ווערן פון זיירע הענט).

4) מרור אויף פסח האבן מיר שוין גענוג. (דער רמז איז קלאר).

אויך פון געטא האבן מיר בעהאט אבריוו, געשריבען, מאשין שריפט, אבער נאר עטליכע ווערטער: "מיר ארבעטן. אלע זענען געזוני" אין דעם בריוו איז צום ריכטיקן נאמען צוגעגעבן געווארן דער נאמען "שרה".

Lask 8/IV 1940

Meine Lieben! Beim guten Gelegenheit senden wir die herzlichste Grüsse. Warum schreibt Ihr so wenig? Samuel schreibt überhaupt garnicht warum das? Ist er so vernommen? 1 In die nechste Tagen rechnen wir die Wohnung zu wechslen. Wir wissen noch nicht genau wohin. Schreiben kannt Ihr noch auf die alte adresse. Warum schreibt

Ist schon Brief werden

wir Fotografies euch schicken von der Jahrzeit fon unser seligen Fater? 2 Bald wird Pesach sein, der Onkel Lechem wird uns besuchen. Kein besonderes ist nicht da 3 wir sitzen un erwarten die Tante Geulah sol schon kommen. Seit herzlich gegrüsst nochamal grüsst die Familie Landsberg gestern haben wird erhalten grüssen von Beren und Leisern von Zd Wola bei den ist kein besonderes. Sara grüsst und Küsst Euch herzlich Eure Alke.

4 Marar ist schon auf Pesach zugegreit.

Ich wünsche Euch ein fröhlichen Pesach.

Schickt dem Brief Chaimen.

Meine Liebe Geschwister! Ich sende nu Euch meine herzliche Grüsse und wünsche Euch vergnügten Pesach für Uns auch, wi es bei Uns ist hat Abba schon geschrieben. Verbleibt gesund und schreibt etwas mehr. Rykl[?]

Meine herzliche grüse und vergnüglen feirtag sendet an auch åle Abram

Mame Liebe Kinder Ich bin gezund wass macht iehr mitt gezund warum schreibt Ihr zo wenig grüsse kisse aich alle winsche fergenigten Pesach mirer hatt men genig Eur Mutter [illegible]

grüsse Die Familie Lansberg

Serdeczne ukłony zasyłam i życzę wesołego Pesach Serdeczne ukłony dla Szomrój[?]. Na Pesach mamy i mucot Dosyć Birnbaumowska[?]

Serdecznie Was pozdrawiam i życzę wesołych Świąt. [illegible] Józef[?]

אברהם פוקץ*

נהי הכורת

עֵינַי דומעות, בִכְיִי לא חָדַל,
לַאסק שֶׁלִי, כִּי שוֹמֵמָה.
קַלְגָס הַגֶרמָנִי הָרַס וּבִלַל
בנֵי הָעֲיָרָה בזַעַם וחֵימָה.

אֶזכוֹר, אסַפֵּר עַד יוֹמִי הָאַחרוֹן,
אֲקוֹנֵן עַל צרוֹר - הַחַיִים שֶׁנֶהרַס.
אֶתיַפֵּחַ בתוֹם עַל הַהֶרֶג וּשִׁימָמוֹן,
נָקָם אֶתבַע לְמַעֲשֵׂי הַקָלגָס!

אֶזעַק בחבלַי שֶׁל עֲבוֹדת כְּפִיָיה,
נִרתמוּנִי כִּבהֵמָה לִידִיוֹת הַמְרִיצָה,
עַד שֶׁחוּליוֹתַי חָרקוּ ללֹא תנשִׁיָה,
בְּעוֹד מַכּוֹת הַמַּגְלֵב הִקפִּיצָה...

חמַת-רוּחִי, דָמִי, בסַעַר מְרַחֶפֶת,
עַל הַנוֹגשִׂים בִּי, וּבְאַחַי הַרבָבוֹת,
כָּרעוּ, נָפלוּ מֵרָעָב וְשַׁחֶפֶת,
נִקבְּרוּ חַיִים שְׁכָבוֹת שְׁכָבוֹת.


בְּאֶפֶס תִּקְוָה – טִיפַּחְתִּי עָתִיד,
עֵת הָרְצִיחוֹת שֶׁל הָאוֹיֵב וָצָר.
שֶׁמִּקְצוּוֵי רָקִיעַ, יַכְרִיז יַגִּיד:
חֲדַל הַנָּאצִי, הַפַּחַד סָר!

הִרְהוּרֵי תִּקְוָה כְּבָשׁוּנִי בִּדְמָמָה,
כְּשֶׁעוֹדֶנִּי יֶלֶד, נַעַר קָט.
הִמְתַּנְתִּי בְּתֻמִּי, כִּי תִּתַּם הַמִּלְחָמָה,
בְּסִירַת חֲלוֹמִי לְיִשְׂרָאֵל אֲנִי שָׁט!



ת ר ש י ם

המבליט את הנשמד בשואה, מתוך משפחה אחת בלבד בעירנו ומה נשאר ממנה:



ריפטשע ווייַנבערג (גרינער)

דורך אלע מדורות פון גיהינום

איך זוך ביי זיך אבעזונדערן כוח צו זיצן און הערן די דערציילונג פון ריפטשע ווייַנבערג, כזוך ביים הימל, כזוך, אפשר איז פערהאנען אמעגליכקייט פער־שרייבן אירע דערציילונגען, וועגן טויזענטער הערצער וואס בלוטיקן, אויגן גיסן טרערן, מוילער שרייען צו אשטאלענעם הימל, צו דער גאנצער וועלט, צו טויבע אוירן, זי וויל איך זאל בעשרייבן איר גרויסן צער. זי אליין ציטערט אויף מיט יעדן ווארט און פערגיסט מיט טרערן יעדן זאץ וואס זי דערציילט. אלע כוחות מיינע האב איך דאס מאל געשטעלט צו דיספאזיציע,אום בעפרייען ריפטשן פון איר שטענדיקן לאסקער־חורבן־שמער.

זאב צורנמל

איך בין געוועזן איינע צווישן הינדערטער יידישע מיידלעך אין לאסק, פון ארים און רייך, וועלכע זענען גאנצע טעג געווען פערקנעכטעט צו די דייטשע צוואנגס ארבעט. פונקט ווי עס האט פאסירט מיט די מענער, מהאט זיי געכאפט און געשיקט צו שווערע ארבעט, אזוי האט מען אויך אונדז מיידלעך, טאג טעגלעך געפירט אויף ארבעט צו וואשן און רייניקן די דייטשע פריוואטא

וווינונגען, באן-סטאציע, זיירע אמטן און קאנצע-
לאריעס. כבין נישט אומשטאנד אויסדערציילן די אלע
ערנידרונגען, בושות און חרפות, וואס מיר האבן
געליטן פון די דייטשע מערדער, ארבעטנדיק ביי זיי.
דעריבער וועל איך וועגן דעם מער נישט רעדן. די
טראגעדיע פון יידישע מיידלעך האט זיך ציימווייליק
געענדיקט דורכן אינטערווענץ פון יודענעלטסן אין
לאסק, ווען סאיז אויפגעשטעלט געווארן דער קאאפעראטיוו
פאר דער יידישער געטא בעפעלקערונג.

איך דערמאן זיך אז ארבעטנדיק ביי די דייטשן
האב איך אמאל אפגעראטעוועט איידן אשניידער פון אגרויסע
צרה: אקריסט איז געקומען זיך באקלאגן פארן שעף אויף
איִיד אשניידער, אז ער האט פון אים גענומען אגרעסערן
פרייז פאר אמלבוש. דער שעף, נישט האבנדיק זיין
פוילישען דאלמעצ'ער, האט ער זיך געוואנדן צו מיר;
וואס וויל דער פוילער? און איך האב געזאגט, אז דער
פוילער וויל נעמען אומזיסט ביי "איודע" אשניידער
אנאנצוק און דער יודע וויל אים נישט געבן. אומזיסט
וויל ער, ווייל דער שניידער איז איודע. דער שעף
האט מיט כעס ארויסגעטריבן דעם קריסט. ער איז קוים
מיטן לעבן אנטקומען.

כהאב דערמאנט די קאאפעראטיוו ווו איך האב
אנגעהויבן ארבעטן. מיין ארבעט איז געווען אפער-
אנטוואָרטליכע. איך האב פערטיילט די פראדוקטן,
געטיילט דאס פלייש, ווען סאיז געווען, אמאל געזעסן
ביי דער קאסא. ביז סאיז געקומען דוווטשע ברזעזינסקי

אלס מנהל. מיט זיין קומען איז מיר אסאך לייכטער
געווארן, פון דעסטוועגן האב איך אגאנצן טאג 12 שעה
שווער געארבעט, און מיט ליבע געארבעט. כהאב געוווסט,
אז איך העלף מיט מיין ארבעט מיינע ליידענדע יידן-
ברודער. זער פיל מאל האב איך זיך פשוט איינגשטעלט
סלעבן אום אטובה טוען אהונגעריקן ייד, צום ביישפיל:
ביים צוטיילן דאס פלייש, זענען געקומען ארימע פרויען,
וואס האבן נישט געהאט פארוואס צו קויפן דאס פלייש
און זיך געבעטן, זיי געבן זייער פארציע און נישט
אפסטעמפלן די קארטע זיירע. זיי וועלן דאס פלייש
פארקויפן אום צו קענען אויך פאר זיך און קינדער
קויפן אשטיקל פלייש. כהאב זיך ביי קיינעם נישט
געפרעגט און אזוי געטוען און נישט געטראכט וועגן
רעזולטאטן פון אזעלכע מעשים. אסאך פרויען האבן שוין
דערפון געוווסט און כסדר זיך אזוי איינגעארדנט, אז
אויך זיי מיט זיירע קינדער האבן געקענט עסן אקריש
פלייש. איינמאל איז געקומען איידיק קאז'אלס פרוי,
בעטענדיק זיך, אז כזאל איר אויך טוען די טובה. האב
איך איר טאקע געגעבן אפארציע פלייש און זי האט עס
פונקט ווי אלע פערקויפט און דערנאך געקומען נעמען
אצווייטע פארציע און איר טאקע געגעבן און אויך
אפגעסטעמפלט די קארטע. זי אבער איידיק קאז'אלס פרוי
האט דאס פלייש איינמאל פערקויפט אקריסטן, הינטער דער
שטאט. די קריסטן האט דאס איבערגעבן אין דער דייטשער
זשאנדארמעריע. פליצלונג איז געקומען דער יידישער שעף
פון דער פאליציי. הערשל קליין, און אדורכגעפירט
אגענויע אויספארשונג ארום דעם ענין. איך האב געטענהט,

אז איך האב איר פערטיילט נאר איין פארציע פלייש און איר אפגעסטעמפלט די שפייז קארטע, וואס איז מיין שולד אז די פרוי האט איר פלייש פערקויפט? די דייטשן וואלטן, מן הסתם, מיין תשובה נישט אנגענומען, אדער הערשל קליין, האט מיך נאר געווארענט, אז כזאל אזעלכעס מער נישט טוען. ספערשטייט זיך, אז כהאב פון יענעם טאג נישט מער אזעלכע טובות געטוען, כבין געווען מער פוירזיכטיק אבער ווייטער געטוען וואס סהארץ האט מיך געהייסן. אזוי האב איך געארבעט אויך מיט נאך מיידלעך ביז צו דעם שרעקליכן טאג פון דער אלגעמיינער אויס-זידלונג פון די לאסקער יידן פון געטא.

ארבעטנדיק, זענען אריין צו אונדז עטליכע מענטשן און דערציילט, אז דייטשן מיט געווער רינגלען ארום די גאנצע שטאט און אויך די געטא. באלד האבן זיך דערהערט די חייהשע קולות פון די עס-עס: יודן ארויס! ! ! אלע זענען מיר ארויס אויף דער גארבער גאס, שוואכע און אלטע, וועלכע האבן נישט געקענט גיין שנעל זענען דורך די עס-עס דערשאסן געווארן. אויפן הויף האבן מיר געטראפן די מוטער פון יוסף קופערט, פונקט ווען זי איז דערשאסן געווארן דורך אדייטשן מערדער. פון דארט האט מען אונדז געטריבן ווייטער, נעבן דעם קינא ווו סהאט אמאל געוווינט זעליג סאסנע האבן מיר געזען ליגן דערשאסן ר' העניך זענדל, זיין פרוי דאבריש, מיט חנהלע זייער טאכטער, אויך די טאכטער פון הירש מאיר, וועלכע איז געווען אלומע און נאך אנדערע. אלע זענען מיר געגאנגען אין דער קאטאלישער קירכע.

זער טראגיש האט דארט אויסגעזעץ דער אריינגאנג פון די יידן דורך אקליין הינטער טירל פון דער קירך. יעדער האט געמוזט בעקומען עטליכע זעץ מיט אבאטעק איבערן קאפ. אלע זענען געווען בעגאסן מיט בלוט ביז סאיז שווער געווען צו דערקענען איינער דעם צווייטן. מיין פאטער האט זיך דורך מיין שוועסטער געראטעוועט פון די קלעפ. די ענגשאפט איז געווען שרעקלעך. די געשרייען פון מוטערס און קינדער האבן געשניטן דאס הארץ. וואס דארט האט זיך געטוען איז גארנישט מעגליך צו דערציילן. סגיהנום אליין האט אודאי אזא בילד נאך נישט געהאט אין פראיעקט פאר די גרעסטע רשעים אין דער וועלט. מענטשן האבן אינגאנצן פערלוירן זייי צורה. קיינער איז צו זיך נישט ענדליך געווען, געמאכט הינטער זיך, נישט גערעדט,נאר אמיין געוויין און געשריי וואס כוועל אין מיין לעבן עס נישט פערגעסן. מענטשן האבן פשוט נישט געווסט וואס עס טוט זיך מיט זיי. געווען אזעלכע וואס האבן זיך אליין געזוכט.ווי לאנג דאס האט געדוירט ווייס איך נישט די 3-4 טעג דאכט זיך מיר זענען געווען טויזענט יאר!!

צום סוף זענען געקומען די רוצחים און האבן אדורכגעפירט אסעלעקציע אויף "נאך אביסל לעבן" און אויף "גלייך צום טויט". די צום טויט פערמשפטע האבן די רוצחים צוריק געטריבן אין קירך אריין און די, וואס דארפן נאך אביסל לעבן זענען אוועקגעטריבן געווארן אויף די "גלינעוווקיס". מיין ברודערל בעריש איז געבליבן מיטן טאטן אין קירך, נאך היינט הער איך

זיין געשריי: ריפטשע! וואס לאזטו מיך דא איבער! ?
פארוואס נעמט איר מיך נישט מיט מיט אייך! ? דיין
ברודער אפרים'ס די קליינע קינדער זענען געבליבן
מיטן טאטן, מומעס און בובע אין קירך און די גרעסערע
אפרים'ס טעכטער זענען מיט אונדז געשיקט געווארן אין
לאדז'ער געטא. אויף די „גלינעווקיס" האט געהאלטן פאר
אונדז ביבאוו אדרשה, אז סוועט אונדז גארנישט געשען,
איר ווערט אויפגעפאדערט געבן אייר גאלד און זילבער
אדער ברילאנטן! אינדער זעלבער צייט האט די געסטאפא
גענומען דעם גאנצן יודנראט מיטן פרעזעס, אויך אנדערע,
וועלכע האבן נישט געהערט צו אים און זיי אוועק-
געפירט...

פון די „גלינעווקיס" זענען מיר געפארן קיין לאדז'.
עטליכע טעג זענען מיר געפארן פון לאסק קיין לאדז'.
80 ביז 90 יידן זענען געווען געפאקט אין אלאסט וואגאן
ווי הערינג אין אפעסל. אין לאדז' האט מען אונדז
צייטווייליק בעזעצט אויף צ'ארניעצקי גאס, פון דארט
אונדז איבערפירט אין שטאט ארייץ, רעגיסטרירט,בעקומען
אוווינונג און שפייז קארטן. פון דארט זענען מיר
געשיקט געווארן צו ארבעט. די ערשטע ארבעט אונדזערע
איז געווען אין דער שטאטישער קוך. מהאט דארט געארבעט
ווי פערד. איינמאל האט די קיך בעזוכט דעם יודנעלטסטער
רומקאווסקיס סעקראטארין. מיינע שוועסטערן האבן זיך
ביי איר געבעטן, אז מזאל זיי שיקן צו זייער שניידער
פאך און מיך האט מען געשיקט צום דיוואן רעסארט און
ענדליכע אנדערע שווערע ארבעטן. איך בין שוין געווען

שטארק אפגעשוואכט פון נישט עסן און זיך אזוי געמוטשעט מיט די ארבעט און הונגער אגאנצע צייט אין לאדז'ער געטא. דא האבן זיך אנגעהויבן די טעג פון דער ליקווי-דירונג פון דער לאדז'ער געטא. אלעם ערשטן זענען מיינע דריי שוועסטערן אוועקגעשיקט געווארן. שפעטער האט זיך ארויסגעוויזן, אז זיי זענען געשיקט געווארן קיין בעלמנא... און נאך אקורצע צייט האב איך אויך בעקומען אזא איינלאדונג זיך צו צושטעלן צום אפשיקן. כהאב אין דער געטא נאך געהאט אברודער, זלמן גרינער, ער האט געארבעט אלס שניידער אין ארעסארט און איז אויך געווען צוזאמען מיט מיר אויף דער ליסטע. די לעצטע מינוט איז דערהאלטן געווארן א נייער באפעל: נישט ארויסצושיקן לויט די ליסטעס, נאר דורך אסעלקציע. מיין ברודער זלמן איז נאך דער דאזיקער סעלעקציע געווארן אוועקגעשיקט און איך מיט אים. צום סוף האבן מיר זיך דערוווסט אז מיר זענען אין אשוויץ. דארט האבן מיר זיך געשיידעט און געזעגנט, מער האבן מיר זיך שוין נישט געזען. אין אשוויץ בין איך עטליכע מאל שוין געשטאנען ביים ארייגאנג אין גאז קאמער, און אין די לעצטע מינוט איז געקומען א באפעל צוריק אין די בלאקן. נאך אנייע סעלעקציע האט מען מיך מיט נאך עטליכע הונדערט פרויען און מיידלעך געשיקט קיין "בערגן-בעלזן".

דארט האט מען אונדז מקבל פנים געווען מיט גרויסע הונט. געווען צוזאמען מיט ראשקע גאטהעלף און שפעטער זענען אויך געקומען דחה שטערן, געשוויסטער קארן און

איטה באמס, איר שוועסטער ראנע און פייגע טענענבוים. אפיציעל האבן מיר דארט גארנישט געטוען. טאג טעגלעך זענען מיר בלויז גערופן געווארן צו אפעלס און אויף סעלעקציעס. פון דארט זענען פיל געשיקט געווארן אין פערשידענע ווארסטאטן און סאיז זיי געלונגען לעבן צו בלייבן.

אין 1944 האט מען מיך פון דארט געשיקט קיין "ראכליץ," דארטן זענען מיר געבליבן אלאנגע צייט און געארבעט אין אמוניציע פאבריק, ביז אין איין נאכט איז די דורך ענגעלישע באמבעס צושטערט געווארן. זענען מיר גענומען געווארן צו אשווערער ארבעט, מיר האבן געבויט אכביש. 5 מיידלעך האבן געשלעפט אפרעס וואלעק און אנדערע האבן געטוען איבעריגע ארבעטן. אויסגע- מאטערטע פון דער ארבעט האט אזש דער עס-עס רחמנות געהאט אויף אונדז און ערלויבט זיך אביסל אפצורוען, בלויז אפרוי אקאפע האט דאס נישט געקענט דערטראגן צעליב דעם בין איך בעשטראפט געווארן אויף 3 טעג הונגער. אדאנק מיינע חברות וואס האבן מיך געראטעוועט מיט אביסל זופ בין איך לעבן געבליבן. יעדן זונטאג אויפן אפעל האבן די קאפעס דערלאנגט ראפארטן וועגן זייער טעטיקייט און זיך פערקלאגט אויף די, וועלכע האבן זיך שלעכט אויפגעפירט. איך בין געווען צווישן די, וועלכע דער עס-עס האט בעשטראפט מיט שמיץ. מהאט מיך ארייגענומען אין מקלחת און אויסגעלייקט, כהאב בעקומען דעם ערשטן זעץ האב איך גלייך געחלשט, איז ארייך די שטובאווע "זאשזא" און האט מיך אפגעראטעוועט

פון די איבריקע קלעפ, זאגענדיק, אז זי קען מיך
אלס גוטע ארבעטורן. זי האט נושא-חן געווען ביי דעם
שלעגער און מיך בעפרייט.

נאכהער האט מען אונדז גענומען צו מארשירן פון
איינארט צום צווייטן, געגאנגען און געגאנגען און
אויפן וועג איבערגעלאזט שוואכע אנמעכטיקע פרויען
און מיידלעך, וועלכע זענען דערשאסן געווארן און
זיי געלאזט ליגן אן קבורה. אויך אויף מיר האט זיך
גענומען אעס-עס "מרחם זיין" האלטענדיק שוין גרייט
דעם רעוואלווער, האט ער מיר אקאפע געטוען און איך
האב געעפנט די אויגן, ער האט מיך געפרעגט, וואס
פעלט דיר הונט אייגענטלעך? איך האב אים געוויזן,
אז איך בין הונגעריג. ער האט מיר דערלאנגט זיין
מענאשקע מיט ווייסע קאווע און אשטיקל ברויט. נו,
יעצט וועסטו שוין ווידער קענען מארשירן? יא, האב
איך געזאגט, און האט מיך ארייגעשטופט אין אנייע
מחנה פון 200 פרויען. אויף אנאכט-אפרו אין אסטאדעלע
זענען צומארגענס פון אונדז 200 געבליבן נאר 50
לעבעדיקע פרויען. מיר האבן צומארגענס זיי בעגראבן
אין אגרויסן "שוועסטער קבר". די אלע מיידלעך פון
לאדז און אונגארן, וועלכע זענען אויסגעגאנגען פון
הונגער און שוואכקייט מיט האפנונג אויף די ליפן.
נאך דעם חסד של אמת האט מען אונדז ווידער פערבונדן
מיט די פויריקע פרויען גרופן. ווען זיי האבן מיך
געזען אלעבעדיקע זענען אלע געשפרינגען פאר פרייד
און שמחה: ווי קאן דאס מעגליך זיין! נישט אנדערש
ווי כבין אויפגעשטאנען לתחית המתים.

מיט אזעלכע צרות און פיל געלעגנהייטן צו ווערן
געטויטעט, האבן מיר פארטגעזעצט דאס וואנדערן. פון
אויר צו אויר זענען דערגאנגען ידיעות פון פראנט,
ביי אונדז בייען אויס די כוחות און וועגן די רוסן
הערט מען קוים. איין זאך האבן מיר שוין געפילט
גענוי: די צ׳עכישע בעפעלקערונג האבן אונדז דרייסטער
געשטיצט, געגעבן עסן, דערלאנגט וואסער, געגעבן ערטער
צו בעהאלטן, געטרייסט מיט גוטע ווערטער, וואס ביז
יעצט איז דאס בלויז געווען אנאויסנאם, איז פלוצלונג
געווארן אאלגעמיינע בעוועגונג. מיר זענען דאך נאך
געווען בעוואכט דורך די עס-עס און עס-עס פרויען.
אין הארץ האט יעדע פון אונדז געבעטן אויף בעפרייאונג,
די אויגן האבן געזוכט אארט זיך אויסצובעהאלטן, יעדעס
עבר ביי אונדז האט געהאט זיין תפילה. אלע צוזאמען:
געשוואלענע פוס, צושניטענע פינגער, טריבע אויגן,
קראנקע בייכער, פערווינדעטע קעפ, קוים וואס די קעפ
האבן זיך געהאלטן אויפן האלז, אלס צוזאמען האט
געשריגן, האט געמאכט לעבער אין הימל: בעפרייאונג!!!
דערווייל זענען מיר ארייך אויף אארט ווו סזענען
געווען קאפצעס מיט ריבן. איך האב זיך איינגעשטעלט
און גענומען אגרויסע ריב. דער עס-עס מאן האט דאס
דערזעען און מיך דערפאר צו דער וואנט צוגעשטעלט און
זיך צוגעגרייט מיך שיסן. פונקט אין די סעקונדע האט
אייבגע יעקעטע דעם עס-עס מאן ארופגעטוען. האט ער
מיך געלאזט שטיין און געגאנגען צו דער יעקעטא. ראשקע
האט מיך שנעל אוועקגעשלעפט פון דער וואנט, צוגענומען
דעם גרויסן ריב און אים צעטיילט צווישן אלעמען און

האט אזוי געזאגט: בעהאלט דיך אויס צווישן אלע ער וועט דיך סייווי נישט דערקענען! די ראשקע האט מיך שטענדיק געמונטערט און מיך אפילו געשלעפט אויף זיך, כהאב איינגאנצן דאמאלס געוויגן 30 קילא... אזוי האט זיך דאס ווייטער געצויגן, אין פערשידענע פלעצער האבן אונדז די צ'עכן געברענגט פעסער געקאכטע קארטאפל. עס זענען געקומען טעג פון זער שטארקע רוסישע באמבארדירונגען, און מיר האבן געטרעטן אויף איין ארט, אריין אין אסטאדעלא און ארויס פון סטאדעלע. ראשקע גאטהעלף האט מיר געזאגט, אז מיר מוזן זיך ערגעץ אויסבעהאלטן, איך האב נישט געוואלט די לעצטע מינוטן זיך איינשטעלן. ביז חודש מאי 1945 האבן מיר אזוי געוואנדערט אונדזערע טראגישע וואנדער-מארשן און אין איין פרי-מארגן זענען פערשווינדן די עס-עס מענער מיט די קאפעס און די עס-עס פרויען. ווער קען זיך פוירשטעלן די גרויסע שמחה!

פריילעך און שטארק קראנק האט מען מיך גענומען אין דארטיקן שפיטאל אריין. פון דעם שפיטאל אין אצווייטן און פון דארט קיין „ברינג." איך מיט ראשקן האבן שטארק געוואלט אהיים פארן קיין לאסק, אבער כוח דערצו האבן מיר נישט געהאט. דענצמאל האבן מיר בעגעגענט דעם שטאט פרעזידענט האט ער צו אונדז אזוי געזאגט: איילט זיך נישט אהיים קיין פוילן, איר וועט דאס גוטס פון דארט נישט פערשפעטיקן! אלעם ערשטן ווערט געזונד און נעמט זיך אן מיט כוח! ער האט אנגעשריבן פאר אונדז ביידע אבריוו אין שפיטאל, דארט

זענען מיר אויפגענומען געווארן און מהאט אונדז
געגעבן פון דעם בעסטן און שענסטן. ביידע זענען מיר
געווען אלאנגע צייט זער קראנק. די דאקטורים און די
שוועסטערס האבן זיך זער שטארק מיט אונדז פעראינטע-
רעסירט געזונד צו מאכן.

ווען מיר האבן זיך שוין אביסל בעסער געפילט,ביי
איך האנטלאפן פון שפיטאל און אוועקגעפארן קיין לאסק.
אגרויסן בית הקברות האב איך דארט געטראפן. אפאר יידן,
וועלכע האבן זיך אומגעקערט פון אלע מחנות. פון מיין
משפחה איז קיינער נישט געבליבן. ביי גרשון חיש איז
געווען דער זאמעלפונקט פון די צוריקגעקומענע-יידן,
אויך איך האב זיך דארט איינגעארדנט, דערנאך האב איך
חתונה געהאט מיט אביגדור וויינברג, און ער האט שוין
געזארגט פארביידן. מיר האבן געבראכט פון פאביאניץ
א רב, וועלכער האט אונדז געגעבן חופה וקידושין.

נאך די חתונה זענען מיר צוריקגעפארן קיין
בערלין, פון דארט האבן מיר געטראכט, אפצופארן קיין
ארץ ישראל. דערווייל אבער האבן די ענגלענדער קיינעם
דארט נישט אריינגעלאזן. דעריבער האבן מיר זיך
בעזעצט אין דייטשלאנד אויף דער פראווינץ ביז דעם
יאר 1948. נאכן אויפשטיין פון אונדזער מדינה זענען
מיר געפלויגן אויף אווירון קיין ארץ ישראל. כהאב
געקושט די הייליקע ערד. כבין גליקלעך ביזן היינטיקן
טאג,אז מיר האבן שוין אאייגן ווינקל, צום ערשטן
אין גני-תקוה, אין אדארף. אביסל שפעטער האבן מיר
זיך געקויפט אין נוה-עוז אקליין הייזעלע. מיר האבן

געהאט אאטליז אין נוה-עוז און מיר האבן זיך גוט איינגעארדענט. שפעטער האבן מיר בעקומען "שילומים" פון די דייטשן, האבן מיר זיך געקויפט אגרעסערע וווינונג אין זיך נאך בעסער איינגעארדענט אין פתח-תקוה.

גאט זאל אזוי אלע יידן העלפן, ווי ער האט עס מיט אונדז געטוען, און סזאל נאר זיין שלום אויף דער וועלט, און אין אונדזער ישראל!

חיים לערער
ניו-יארק

אין גאז קאמער

די זון זי קומט
און שנעל פארגייט;
דער ווינטער ברומט
פון באַענט און ווייט.

און טראגט דעם פיין,
א יאמער-געשריי,
דעם ביטערן שמערץ,
א שרעקלעכן זוי.

די לופט ווערט ענג,
דער אטעם דריקט.
פון טויזנטער מענטשן,
וואס ווערן דערשטיקט.

פארוזאלקנט ווערט אלץ,
א שרעק עס באפאלט.
די וועלט זי באקומט
א שרעקליך געשטאלט...

עס הערן זיך קול'ס
קול'ס אן א שיעור
זיי דרינגען ארײַן
אין הארץ צו מיר.

די געוויינען, די געשרייען,
עס רוישן אין די אוירן
דאס קרעכצן און קלאגן:
צו וואס זענען מיר געבוירן?

בְּכָל שֶׁאֶשְׁכַּב אֲנִי שׁוֹמֵעַ קוֹלוֹת,
– אַחַי הַסְּחוּבִים עֲדָרִים לִשְׁחִיטָה –
מֵאוּדֵי תַּבְעֵרָה, מֵעִיֵּי מַפּוֹלוֹת,
מֵעָרִים וַעֲיָרוֹת – מִזְבְּחוֹת לְעוֹלוֹת:
אֶנְקַת אָבְדָנָם לֵילוֹתַי מַבְעִיתָה.

"בְּכָל שֶׁאֵלֵךְ"
ש. שלום

אסתר זענדל

פון לאדזשער געטא קיין ישראל

זיצענדיק אין דער לאדזשער געטא מיט מיין מאן איטשע ראקמאן און אונדזער 15 יעריקע טעכטערל, האבן מיר געהערט איובֿ׳ס בשורות פון אונדזער געבורטס שטעטל לאסק און וועגן דעם טראגישן אומקום פון די דארטיקע יידישע קהילה.

דעם טראגישן טויט פון מיין פאטער און מוטער און נאך אנדערע נאענטע און טייערע הארציקע יידן, אין דעם שרעקליכן טאג פון אנהייב דער אויסזידלונג. די אלע שוידערליכע ידיעות האבן אונדז אלעמען טויט-ערשיטערט. נידערגעשלאגן האבן מיר בעוויינט דעם גרויסן חורבן. די טרערן האבן נאך ביז היינט נישט אויסגעטרוקנט, דערמאנענדיק זיך מיין ברודער חיים-נתן, זיין פרוי און קינדער, מיינע שוועסטערן: לאה און חיה, זייערע מענער און קינדער און מיין יינגסטע שוועסטער יעדער פון זיי בעט זיך פאר אים קדיש צו זאגן און אך אסוף וויינען, צו וואס פארא "בלוטיקע חופה" זיי האבן זייערע קינדער געפירט. ביז היינט שרייט אין מיר דער גרויסער "געוואלד", ווו איז געוועזן דער שר פון די שערי-רחמים!

אלע ימים זענען געמישט מיט יידישע טרערן וואס רינען נאך ביז היינט, הייס און צארנדיק, אונטער די

פערבארגענע קברים פון אונדזערע נאענטע און טייערע ערמאָרדעטע צדיקים און קליינע קינדער און די ימים אריין. אויך מיין גורל איז געווען אזעלכער אין לאדז'ער געטא.

געפרוווט אויסבעהאלטן מיין קינד

אין לאדז'ער געטא פאר די אלגעמיינע ליקווידאציע, האבן די דייטשן מיט ביבאָוון בראש, פאר די הייזער אין גאס געמאכט סעלעקציעס. בעזונדער האבן זיי אויס-געזינדלט קינדער, עלטערע און שוואכע מענטשן. דאס איז געווען אויף דער "יידישע גאס". איך האב בעשלאסן מיין קינד אויסבעהאלטן אין אקעלער צוזאמען מיט א 90 יעריקע פרוי. אוועקגעשטעלט אויפן קעלער-טיר א טיש באדעקט מיט אשיין טישטוך. ביי די סעלעקציע האבן די רוצחים גערופן: אויב איז נאך ווער בעהאלטן אין די הייזער, זאל יעדער שנעל גיין אים דא אהער ברענגען, ווייל זיי וועלן מאכן אגעויע רעוויזיע אין די היייזער און ווער סוועט זיך געפונען וועט אויפן ארט דערשאסן ווערן! איך האב זיך נישט גערירט פון ארט. געשטאנען מיט הארץ קלאפעניש און טויט שרעק. אנדערע אבער זענען געגאנגען און געברענגט זיירע אויס-בעהאלטענע טאטעס, מאמעס און קינדער. די דייטשן מיט זיירע רוצחישע בעגלייטער האבן אדורכגעפירט אשטרענגע רעוויזיע אין די הייזער. איך האב זיך אין דער צייט קוים געהאלטן אויף די פוס. זייענדיק פערחלשט און אנבעוווסט-זיין. ענדלעך האבן זיך די רוצחים אומגעקערט און געמאלדן, אז זיי האבן קיינעם מער אין

די שטיבן נישט געפונען. ווען מיר האבן אונדזער קינד ארויסגענומען פון קעלער האט זי דריי טעג נישט געקענט רעדן פאר טויט-שרעק. הערענדיק דאס קלאפן פון די היצלעס מיט די ביקסן אויף די פאדלאגע. זי האט נאך געמוזט אין קעלער פערשטופן דאס מויל פון די אלטיטשקע יידענע, זי זאל נישט אויסשרייען. דאס מאל איז מיר געלונגען זי אפראטעווען. אונדזער פריינט טאגעסבלאט, דער אמאליקער לערער אין לאסק, האט זי איינגעארדנט אין אגארבעריי, ווו מיר, אירע עלטערן, האבן געארבעט ביז צו די לעצטע סעלעקציע. דאס מאל האט דער דייטש ביבאוו צוגענומען אונדזער 15 יעריקע טאכטער. איטשע האט זיך ביי אים געבעטן רחמים און גארנישט געהאלפן. זענען מיר אויך מיט איר מיט געגאנגען און אוועק-געשיקט געווארן. כאטש מען האט דאס פון אונדז נישט געפאדערט. 300 זענען מיר געווען אין דעם טראנספארט. אין אשוויץ האב איך צום לעצטן מאל געזען מיין מאן יצחק. שפעטער האב איך זיך דערוווסט, אז ער איז געשטארבן אויף אלינגען אנצינדונג. איך האב נאך זוכה געווען צו בלייבן עטליכע שעהן מיט מיין טעכטערל. ביידע זענען מיר אבגעטיילט געווארן מיט דער זעלבער אכזרותדיקייט, ווי די דייטשן האבן דאס געטון אין לאסקער קירך. שפעטער האב איך נאך עפיס וועגן איר געהערט אבער אין אקורצע צייט איז זי פערשווונדן געווארן צווישן אסאך טויזענדער כשרע מיידלעך אין תהום פון גאזן, פייר, הונגער און מגפות. איך בין געשיקט געווארן פון איין ארבעטס-לאגער אין צווייטן. אויסגעשטאנען אלע צרות פון קעלט און הונגער, קרעצבק און שוואכקייט.

ווען איך בין געווען אין „מאטהויזן" גלייך נאך דער בעפרייאונג, האב איך געפונען צוויי נעמען פון מיין שוועסטער לאה'ס קינדער, און שפעטער קומענדיק קיין לאדז' האב איך זיך ביי דעם יידישער קאמיטעט נאכגעפרעגט אויף לאסקער און פאמיליע, ווער פון זיי איז לעבנגעבליבן. די סעקרעטארישע האט מיר געענטפערט, אז כזאל צוווארטן ביז דער מיטאג שעה, וועט זי מיך פירן צו אירס אבעקאנטן מיטן נאמען יאקובאוויטש. סדאכט זיך איר, אז ער ווייסט עפיס וועגן אזענדל. מיר האבן געטראפן דעם יאקובאוויטש אינדערהיים. זעענדיק מיך אין מיינע יום-טובדיקע לאגער בגדים האט ער געפרעגט, צו איך בין די מומע אסתר? האב איך זיך שוין געהאט מיט עמיצן צו פרייען.

אלאנגע צייט האב איך זיך אויפגעהאלטן ביי זיי, ווי אאייגענע מיך בעהאנדלט ביז זיי האבן בעקומען פון דער פוילישער מאכט, אז זיי ווערן איבערגעפירט אויף א אמט קיין ווארשא. איך האב נישט געוואלט פארן קיין ווארשא, דא אין לאדז' האב איך זיך געטראפן מיט מיין יעצטיקן מאן מאיר. מיין יעצטיקער מאן מאיר, האט זיך אויסבעהאלטן מיט נאך אנדערע אין אבונקער און איז בעפרייט געווארן דורך די רוסן. אין לאדז' האבן מיר פארן קריג געוווינט אין שכנות. אונדזערע קינדער האבן זיך געשפילט צוזאמען. זיין פרוי איז נפטר געווארן מיט אנארמאלן טויט אויף איר אייגן בעט. זיר ביידע געטראפן איינזאמע, האבן מיר בעשלאסן צו נעמען חופה וקידושין.

לאסק האט מיך נישט געלאזט רוען. יעדן זונטאג
בין איך צוגעפארן צו די זינגערס. ביי זיי האב איך
זיך אין דער-שטיל אויסגעוויינט און מיט זיי ארייג-
געקוקט צו אונדז אין הויז, ווו עס האט שוין דארט
געוווינט אקריסט, און זיך דארט געפירט מעשה בעל-בית.
איך בין קוים ארויס לעבעדיק פון מיין טאטע-מאמעס-
הויז און מיין ליכטיקע קינדער היים.

פערטראגן מיין ווייטאג און טרערן אויפן לאסקער
בית עולם. ווי איך, זענען נאך פון די לעבנגעבליבענע
לאסקער יידן געקומען אויף "קבר אבות". סטוט מיר ווי,
ווען איך דערמאן זיך דעם אויסזען פון הייליקן ארט,
דער בית-עולם צושטערט, די מצבות צעבראכן, אויסגעריסן
און בהמות פאשן זיך צעווישן די פערמעקטע קברים. דא
האט זיך ביי מיר דערוועקט דער ווילן צושטעלן אמצבה
אויפן גרויסן "ברודער קבר", ווו מיין טאטע-מאמע רוען.
זינגער האט בעקומען אין מאגיסטראט די ערלויבעניש
און סאיז געווארן ארומגעמוירט און אויפגעשטעלט אמצבה
מיט אגעהעריקן אויפשריפט. כהאב דאס געהאלטן פאר
אהייליקן פליכט צוטוען, כאטש כבין נישט זיכער געווען,
אז די "יידישע גוטע פריינט" וועלן די מצבה לאזן
שטיין.

דאס הויז פון מיינע עלטערן האב איך פערקויפט דעם
קריסט וואס האט דארט געוווינט, פאר גראשענס פארקויפט.
און אפיציעל אבגעשריבן אויפן קריסט נאמען. מיט דעם
ענין האב איך נישט געהאט קיינע שווריקייטן. מיר
זענען דאך אלע געווען נאכן יאוש, ווער וועט דען וועלן

זיך נאכמאל בעזעצן איך לאסק? אבער די מצבה, גלויב איך, אז די קריסטלעכע איינוווינער, וועלן דאך טאלערירן דעם אנדענקן פון די קדושים.

די פאטאגראפן האט געמאכט אבעקאנטער פאטעגראפיסט דאמבעראווסקי. ווי דו זעסט, וועט די מצבה דינען נישט בלויז דעם אנדענקן פון מיינע עלטערן, נאך פאר אלע, וועלכע זיירע טיירע זענען אין דעם קבר אחים צו זייער אייביקע מנוחה געקומען. אין 50-סטן יאר האבן מיר בעשלאסן צו פארן אהיים, קיין ארץ-ישראל. מיין מאן מאיר, האט געארבעט אויף אגוטן פאסטן, וועלכער האט אים שטארק געבונדן. פונדעסטוועגן האבן מיר מותר געווען אויף אלעם און זיך געלאזט מיט מאירס טאכטער אין וועג צו אונדזער היים. אהיים!

פאר אלע צרות, שעפ איך טרייסט פון אונדזער מדינה און פון מיינע נאענטע, מאירס און מיין שוואגער און שוועסטער לאה'ס קינדער.

<u>אין מיין טאכטערס געבורטס טאג</u>

אפילו, אז דווילסט נישט, מוזסטו גלויבן אין נסים. אין איינעם פון די שווערע ארבעטס טעג האב איך זיך דערמאנט, אז היינט, דעם טאג איז מיין טאכטערס געבורטס-טאג. וויינען טאר מען דאך נישט ביי דער ארבעט... האט מיין גאנץ וועזן אנגעכאפט אשרעקליכע ווייטאג, אגעפיל, ווי דער טויט אליין.

די מאשין ארבעט און איך האנט האלט איך אבויער אפארט. ספעבשטייט זיך, אז די מאשין האט מיט-געפילט

מיין געמיד און געבוּיערט אמילימעטער אין דער זייט. אין דעם אויגנבליק איז ערשינען דער הויפּט-אויפזער און אויסגעשריגן: סאבאטאזש! די איינציקע שטראף איז טויט! דער ארבעטס-לייטער, דער מייסטער פון דער פאבריק, האט זיין גאנצע השפעה געלייגט אויף דער וואנשאל און מיך אפגעראטעוועט פון אזיכערן טויט.

אויפן 6-סטן שטאק

עטליכע טעג פאר די בעפרייאונג קומט צו מיר דער מייסטער און זאגט צו מיר שטרענג, טראג זיך שנעל איבער אויפן 6-סטן שטאק, אויב דו ווילסט לעבן-בלייבן? וויל... כהאב לכתחילה נישט געוואלט, אבער דער מייסטער האט מיך מיט כוח ארויסגעשטופּט און האב זיך מיטן לעצטן טראפּן כוח ארויפגעדראפּעט צום 6-סטן שטאק. ווי סהאט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, זענען אלע מיידלעך פון דעם ערשטן, צווייטן און דריטן שטאק דערשאסן געווארן דורך די עס-עס מענער. אויף די איבעריקע שטאקן זענען געווען געשלאסענע מאגאזינען, זענען זיי דארט נישט געגאנגען מער זוכן קרבנות.

די ציגיינער צרה

מיר זענען שוין זייענדיק בעפרייטע אריינגעפאלן אין אנייער צרה. איך בין געווען מיט האנטקא קאדי-שעוויטש. ביידע האבן מיר זיך געהאלטן צוזאמען. זיך געפייניקט אין געפלאגט און אויך זיך געטיילט מיט יעדן ביסן.

נישט ווייט פון אונדז זענען אויך בעפרייט געווארן פון געפענקעניש אגאנצע מחנה צוגיינער. צעווילדעוועט פון גרויס לייד און פרייד האבן זיי גענומען דערהארגענען ווען זיי האבן נאר געזען. די גאנצע וועלט איז פאר זיי געווען "דייטשן". זער פיל מיידלעך און פרויען, יינגלעך און מענער, אויס-געמאטערטע זענען געפאלן געהארגעט נאך דער בעפרייאונג דורך די צעווילדעוועטע ציגיינער. האנטקא האט מיך איין רגע מיט זיך אויסבעהאלטן און ניצל געווארן פון זיירע הענט.



דוד לערער

דער צעריסענער מאנטל

איך בין ערשט צוריק-געקומען פון אשווערן ארבעטס-טאג. כהאב באוויזן אויפצועסן דאס ביסל זופ, און געהאפט אויסרועז די שוואכע ביינער, אוועק לייגנדיק זיך אויף דער פייכטער דיל פון באראק, ווי דורך אשטורם ווינט האט זיך די טיר אויפגעפראלט און די וואכמענער זענען אריין אין באראק מיט אגעוואלדיגן טומל און לארם: אלעס ארויס! אלעס ארויס! אויפן אפעל-פלאץ האט אויף אונדז שוין געווארט דער לאגער-פירער מיט זיין פארטרעטער. מיר האבן זיך אויסגעשטעלט, ווי געוועגדלעך, צום אפעל. גלייך האבן מיר געפילט דאס דערנענטערן זיך פון א נייע גזירה.

רואיקער ווי שטענדיק, האט דער לאגער-פירער זיך געווענדן צו אונדז: איך האב באקומען אבאפעל א טייל פון אייך איבערצופירן אין אנדערע לאגערן. ווועמענס נאמען מיר וועלן אויסרופן, לויפט שנעל אין דעם באראק! דערביי אנגעוויזן מיט דער האנט אויפן באראק, וואס איז שוין געווען ארומגעצוימט מיט א ספעציעלן צוים און באוואכט דורך עס-עס מענער מיט מאשין-געווער.

"נעקלא", איז געווען איינער פון די שווערסטע ארבעטס לאגערן. אבער דאך האט זיך נישט געוואלט פארן אויף א

נייעם פלאץ. מיר האבן זיך שוין געהאט צוגעוווינט צו די ארטיקע צרות און צוביסלעך געלעבט מיט זיי אין פריידן.

סהאבן דאן געשמאכט אין נעקלא איבער 600 יידן, וועלכע האבן געשטאמט פון ז'יכלין, וולאצלאוועק, זעלווו, ווידאווע און פון לאסק. מיר לאסקער זענען געווען די מערהייט אין נעקלא. מיר האבן זיך זער גוט צוזאמען-געהאלטן און מיט דער צייט האבן אונדז די יידן געבונדן און געקניפט, אזוי, אז דער בלויסער געדאנק, אז מיר דארפן זיך שיידן, האט אונדז אויפגעטרייסלט.

קיין צוטרוי צו די דייטשן האבן מיר קיינמאל נישט געהאט. אבער דאס מאל איז דער גאנצער עניין געווען זער שטארק פארדעכטיקט. ווייל ווען עס האנדלט זיך וועגן איבערפירן אטייל פון אונדז אין אנדערע לאגערן - צו וואס איז דער ארומגעצוימטער באראק און באוואכט מיט מאשין געווער?

ווי סהאט זיך שפעטער ארויסגעוויזן איז אונדזער פארדאכט געווען זער בערעכטיקט. 300 יידן פון אונדז זענען דאן אוועקגעשיקט געווארן קיין אשוויץ מיט א פערטיגן טויט-אורטייל.

כדערמאן זיך אין א ספעציפישן מאמענט וואס האט דאן פאסירט: נעבן מיר איז געשטאנען דוד זילבערשטיינס טאכטערס איידם, אויב איך האבן קיין טעות נישט, איז זיין נאמען געווען יוסף בוראווסקי. פלוצלינג זאגט ער צו

מיר, אז איינער פון די וואס זענען אריינגעפירט געווארן אין דעם אפגעזונדערטן באראק האט מיט גענומען זיין מאנטל. באלד נאכן אפעל וויל ער צוגיין אפנעמען פון אים זיין מאנטל.

איך האב זיך ביי אים געבעטן, ער זאל דאס נישט דערוועגן צו טוען. כהאב צוגעזאגט זיך באמיען אים צו שאפען א אנדערן מאנטל, און דייטלעך געזאגט, אז עס דראט אים אגעפאר אוועק-געשיקט צו ווערן מיט די אלע פון דעם באראק.

אין מאמענט ווען מען האט אונדז באפרייט פון אפעל, איז ער מיר פארשוואונדן פון אונטער דער האנט. זוכנדיק האב איך דערזען ווי אעס-עס מאן שטופט אים אריין אינוויינינק אין באראק און שליסט נאך אים די טיר.

ער איז אומגעקומען אין אשוויץ צוזאמען מיט די 300 מאן צוליב א אלטן-צעריסענעם מאנטל.

א לאנגע צייט האב איך יעדע נאכט געחלומט וועגן יוספן. זיך נישט געקענט שענקן, פאר וואס האב איך נישט אפגעהאלטן מיט כוח?

נייע פיינסטערע-האפנונגס-לאזע-טאג, מיט פרישע ליידן האבן פאריאגט די אלטע צרות און כהאב אין דעם טרויריגן פאל כמעט אין גאנצן פארגעסן.

צוויי יאר זענען פארלאפן פון אט דעם טראגישן טאג. צוויי יאר, וואס האבן זיך געצויגן ווי אאייביקייט. דאן האב איך ווידער אמאל געחלומט וועגן יוספן.

געווען איז עס אין א פראסט-קאלטער יאנואר-נאכט אין יאר 1945.

נאך דעם שווערן עוואקואירונגס-מארש, וואס סהאט זיך אנגעהויבן צום 17-טן יאנואר, זענען מיר ענדליך אנגעקומען קיין "בלעכהאמער". עס האט אויף דעם פלאץ געהערשט א געוואלדיגער באלאגאן. דעם גרעסטער טייל מענטשן פון ארטיקן לאגער, האבן די נאצים אין דעם זעלבן טאג פון דא אוועק-געפירט. מיר, די נייע-אנגע-קומענע, האבן פארנומען זייער ארט.

שוין דריי טעג, ווי מיר זענען געבליבן אן אויפ-זיכט און באוואכונג, געפילט זיך אין געוויסער מאַס ווי פרייע מענטשן. אבער דאך האבן מיר נישט פארלאזט דעם פלאץ, ווייל מיר האבן נישט געוווסט ווו צו גיין.

פון פארשידענע קוועלן האבן מיר זיך דערוווסט, אַז די רוסן זענען שוין נישט-ווייט פון אונדז.

אין דער דריטער נאכט האב איך זיך אויפגעכאפט פון אשווערן חלום. עס האט זיך מיר געחלומט ווי "יוסף" זאגט צו מיר: דוד, באהאלט זיך אויס! די דייטשן וועלן באלד צוריק קומען אייך אוועק-נעמען פון דא. ווען דו וועסט זיך באהאלטן, וועלן דיך די רוסן באכדעם באפרייען.

איך בין צוגעגאנגען צו הערשעלע טאפארעק און אים דערציילט, וואס סהאט זיך מיר אט-וואס געחלומט, און אים פוירגעשלאגן זיך צוזאמען אויסבאהאלטן.

הערשעלע האט מיך אנגעקוקט ווי איך וואלט אראפ

פון זינען, און מיט אבאַרואיקונגס-שטימע צו מיר געזאגט, רעדט נישט קיין נארישקייטן, דודזע מזעהט שוין נישט דריי טעג קיין דייטש פאר די אויגן, און דו חלומסט פוסטע חלומות, דו וועסט זען, אז מארגן וועלן מיר שוין זיין באפרייטע דורך די רוסן - און וועלן זיין פרייע מענטשן!

איך האב אים געפרווּוט ערקלערן, אז ווי עס-זאל-נישט-זיין וואלט דאך בעסער געווען ווען מיר זאלן זיך אויסבאהאלטן. ער האט מיר מיט אבאפעלערישן-טאן געענט-פערט: גיי יעצט שלאפן! מארגן פרי וועלן מיר דער-וועגן ווידער רעדן. אוועק-גייענדיק פון אים האב איך אים גאנץ דייטלעך געזאגט: הערשל, איך האב מורא, אז עס זאל נישט מארגן זיין צו שפעט...

צו מארגנס גאנץ פרי האט זיך דערהערט איבערן לאגער אשיסעריי, באגלייט מיט ווילדע געשרייען: אלעס ארויס! איינטרעטן אין די רייען! די "נאצישע בעסטיעס" זענען טאקע צוריק געקומען און אונדז מיט זיך מיט-גענומען.

די ליידן וואס מיר האבן דורכגעמאכט אין די דריי חדשים ביז צו דער באפרייאונג איז שווער צו שילדערן. מיר האבן געוואנדערט פון איין לאגער צום אנדערן; ווי סזעט אויס, האבן מיר נאך געמוזט פארזוכן דעם טעם פון "גרוס-ראזן", "בוכענוואלד" און "דאכאו" אנדערש וואלט דער בעכער פון אונדזערע ליידן נישט פול געווארן.

מער ווי איינמאל האב איך געטראכט, אז אונדזער גורל וועט זיין דער זעלבער וואס יוספ'ס.

הערשעלע און איך האבן דאך זוכה געווען באפרייט צו ווערן פון די לאגערן אבער נישט דורך די רוסן אין ענדע יאנואר, נאר דורך די אמעריקאנער אין ענדע אפריל 1945.

מיט גרויס צער דערמאן איך דיך, יוסף. דער "צוריסענער מאנטל" האט דיך אין איינאויגנבליק אפגעריסן פון אונדז אויף אייביק...

מרדכי אלעי

תִּקְוַת שָׁוְא

בַּבֹּקֶר יָצָאתִי מִבּוֹר מַחְבּוֹאִי,
הַגֶּרְמַנִי בָּרַח בְּבֶהָלָה,
דְּמָמָה, שְׁמָמָה בְּכָל מְקוֹם בּוֹאִי,
כָּל חַי כָּלָה.

יָצָאתִי מֵהַשָּׂדֶה, פָּנִיתִי לַשְּׁבִיל,
רַגְלַי חֲלוּשָׁה, צוֹלֵעָה,
אַךְ רוּחִי מִתְעוֹרֵר, מִתְעוֹרֵר בִּי גִּיל,
וְחוֹזֶרֶת דֵּעָה.

הַיּוֹם הֵאִיר, תִּקְוָה בִּי הֵצִיר,
הֵפִיחַ בִּי נֶחָמָה:
עַתָּה יָקוּם הָעוֹלָם כִּכְפִיר
וְיִנְטוֹשׁ בַּגֶּרְמַנִי לִנְקָמָה.

מֵאֶרֶץ וָאֶרֶץ יִדְאוּ כִּנְשָׁרִים,
יַכְתִּירוּ אַרְצוֹ — סְדוֹם,
יִשְׂרְפוּ, יַחֲרִיבוּ יְמַלְאוּהָ פְּגָרִים,
לֹא תוֹסִיף קוּם.

גולדה כץ - קיבל

די לעצטע פון א דור

מיין מאמא, לאה־לע כץ, ווי מהאט זי גערופן אין שטעטל, איז געבליבן אנ־אלמנה מיט 4 קינדער, אלט זייענדיק 33 יאר, נאך פון די מגפה - טעג אין יאר 1916. מיין טאטן געדענק איך ווי אין חלום, אשיינער חסידישער ייד, אתלמיד-חכם אין גערער שטיבל. מיין פאטער ר׳ העניך כץ איז געווען ר׳ זליגל גבאי׳ס זון. די מאמא מיינע, האט שווער געהארעוועט אויף פרנסה און פערטרעטן אין גאנצן לעבן אירס דעם טאטן מיט ערציען די 4 קינדער אירע, איך און 3 ברודער: משה, יצחק און זעליג. אין משך פון יארן האט מיין מוטער געטוישט אירע געשעפטן מיט הצלחה. לעצטענס האט זי געהאט אגרויסן סקלאד פון כעמיקאלן פאר גארבער, טיילן-פערקויף פאר אוטאמאבילן און ראווערן, און דערצו אבענזין קיאסק. סאיז איר נאך געבליבן צייט צו טוען מעשה-חסד און פירן אפריוואטא גמילת חסדים קאסע. מיטן אויסברוך פון לעצטן קריג, האבן די דייטשן אלץ ביי מיין מוטער צו גערויבט און אריינגעזעצט אין דעם געשעפט "אטרוי העגדלער", א פאלקס דייטש.

דער טרוי העגדלער

ער האט איבערגענומען דאס געשעפט און מיר, די גאנצע משפחה, איז געבליבן נאך אגעוויסע צייט וווינען אויפן צווייטן שטאק, איבערן געשעפט. איך און מיין

שוועגערן, משה׳ס פרוי, האבן געמוזט בעדינען דעם טרוי העגדלער און זיין פאמיליע, וואשן די דילן און רוימען זייער וווינונג. דער טרוי הענדלער, אשלעכטער מענטש, אפאלקס-דייטש און זיין פרוי א מכשפה, וואס האט נישט געוווסט קיין גרענעץ ווי אונדז צו פייניקן און דערנידערן אויף יעדן טריט און שריט. עס איז מיר שווער צו דערציילן וועגן אט דעם רוצח. ער האט זיך ערלויבט אונדז שלאגן און פייניקן. אין קעלער איז ביי אונדז געלעגן אביסל קאלאניאל סחורות, וועלכע מיר האבן דארט געהאלטן נאך פון יענע גוטע צייט, ווען מיר האבן ליקווידירט דאס פוריקע געוועלב. מיר האבן געוואלט זיך בענוצן מיט די סחורות און זיי פערקויפן. דער טרוי הענדלער האט געטענהט, אז אויך די סחורות געהערן צו אים. מיר האבן זיך געוואנדן צום בירגער-מייסטער קריגער וועגן דעם ענין און ער האט אים אויפמערקזאם געמאכט, אז ער זאל זיך אויפירן מענטש-לעך מיט דער פאמיליע כץ. דעם זעלבן אוונט זענען געקומען צו אונדז אין שטוב 5 ז׳אנדארן און האבן אונדז אלעמען צושלאגן מיט באטיקעס און מיינע צוויי ברודער: משה און זעליג האבן זיי מיטגענומען מיט זיך און זיי צוגעבינדן צו 2 בוימער אין פארק ביים גראבן וולאדעק. אין דער פרי זענען זיי צעשלאגענע אהיים-געקומען, א נס וואס זיי זענען יענס-מאל לעבנגעבליבן!

ווען מיר האבן געמוזט פערלאזן אונדזער וווי-נונג און גיין אין געטא, האט דער נייער געשעפטס פירער גוט אבגעהיטן, אז מיר זאלן נישט מיטנעמען מיט זיך אשטיקל מעבל פון שטוב, אחוץ דאס בעטקעוואנד און

אביסל וועש. דאס אלעס איך שטוב געהערט מיר! האט ער
בעשלאסן. מיר האבן זיך איינגעאָרדנט ביי וואלף ברעם
(די ביקלעך) זיי האבן אונדז זער גוט אויפגענומען
און געווארן ווי אייגענע צו יעדער צרה און ליידן.
אין עטליכע טעג ארום, קומט דער טרוי-הענדלער און
זוכט ביי אונדז אבענקל. ער שטעלט אפנים, ווי מיר
האבן אים באגנבעט. ער האט געזוכט אין אלע צימערן
און נישט געפונען. האט ער גענומען זוכן אין קאמער
אויפן הויף דאס איז געווען עטליכע טעג פאר פסח 1940.
אין קאמער זענען געלעגן צוויי געשטעטע גענז לכבוד
פסח. דאס געהערט מיר! האט ער אויסגערופן. פערשלאסן
די קאמער און איז אוועק מיטן שליסל. אדאנק דער
אינטערוועניץ פון יאסל פיאטרקאווסקי האט ער צוריק
געגעבן דאס שליסעלע פון קאמער, בעקומענדיק דערפאר
אזייטל קעלבערנס. מיר זענען גליקלעך געווען, אז דער
יום-טוב ביי דער פאמיליע ברעם איז צוליב אונדז נישט
פערשטערט געווארן. און יאסלן געדענק איך שטענדיק
צום גוטן פאר דעם חסד.

כשר ווי אמאל

טראץ אלע שוועריקייטן איך געטא מיט לעבענסמיטלן,
מילך און פלייש, איז ביי אונדז אלס געווען כשר ווי
אמאל. שבת האט די מאמא געצינדן ליכט אויף געשניטענע
קארטאפל, קידוש געמאכט אויף אכוס פון געמאכטן וויין
און אפילו געזונגען אין דער שטיל זמירות. ביי
געמבאראווסקין האבן מיר גענומען מילך און איך בין
געשטאנען ביי דער מעלק. אויב האט דער גרויסער אברהם

געשאכטן אבהמהלע האט ער אונדז בעזארגט מיט כשר פלייש.
ביז צו דער אויסזידלונג איז אלץ געווען ביי אונדז
און אויך ביי אונדזערע בעלי בתים כשר. מיר האבן
געפלעקט גיין דאווענען צו אפרים משהלעס אין די זודע
פאבריק. סאיז דארט אויך געווען אשטיקל ווייבער שול.
ביי אפרים'ן האבן געדאווענט די מענער און ביי בנציון
הורוביץ, טיר ביי טיר, האבן געדאווענט פרויען. דאס
איז געווען אין זכות פון זלמן קאכמאן. אין יום-טוב
איז אויך געווען יום-טוב, מהאט געמאכט פערשידענע
פאטראוועס, אז דער יום-טוב זאל זיך לאזן פילן. אויך
פסח האבן מיר געגעסן נאר מצות, אפגעריכט אסדר ווי
אמאל, אבער מיט אגרויסע פארציע מרור. מיר האבן אביסל
צוגעהונגערט אבער חמץ נישט געגעסן. דער רב ר' לייבל
האט דאמאלט מתיר געמאכט פאסאלעס און ארבעסן, דאכט
זיך אויך רייז, ווער סהאט געהאט געלט האט בעקומען
פון דעם אלאם צו ביסלעך. פרום ווי גאט געבאטן האט,
האבן מיר געגלויבט, אז מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן
פון די נאצישע הענט.

די ספרים שאנק.

סאיז ביי אונדז געווען אגרויסע ספרים שאנק מיט
ספרים, וואס מיין פאטער האט זיך איינגעקויפט. וואס איז
אין דער שאנק נישט געווען? דאס ווילנער ש"ס, משניותן,
מדרשים, דער רמב"ם, די 4 טורים, דער גאנצער תנ"ך
מיט פערשידענע מפורשים, חוק לישראל, סידורים, מחזורים,
דער זוהר הקדוש און הונדערטער ספרים וועגן חסידות,
שאלות ותשובות, ווי קאן איך דען געדענקן די הייליקע

נעמען פון אזויפיל ספרים? מיינע ברודער האבן געפּ-
לעקט פארן יעדן פסח לופטערן די ספרים און איך האב
געלערנט די נעמען נאר פון די אויפשריפטן אויף זיירע
ריקענס. אגרויסער אוצר, טײַערער פון גאלד זענען ביי
אונדז געווען די ספרים. אז די דייטשן זענען ארייַן
אין שטאט, האבן מיר בעהאלטן אלע ספרים אויפן בוידעם
ביי פעדעס איידעם. וואס פון זיי איז געווארן קען
זיך יעדער פון אונדז פוירשטעלן.

<u>דער אוצר</u>

מיר האבן זיך דערוווסט וואס די דייטשן טוען מיט
די יידישע געשעפטן אין לאדז און אין אומגעגענט,איידער
זיי האבן ביי אונדז רעקווידירט די מאמעס געשעפט,האבן
מיר אויסגעגראבן אין הויף אטיפן בונקער און דארט
בעהאלטן הינדערטער ראוועררן טיילן פון ענגלישע פירמעס,
טיילן,וועלכע האבן געהאט אגרויסן ווערט און פון אגוטן
קוואליטעט. אלס איז געווארן באיילט און פערפאקט אין
ז'עלעטין פאפיר. די גאמענע זאכן זענען פערפאקט געווען
אין טאַלק, פערבינדן און פערזיכערט אלס קעגן פייכטקייט,
און געהאפט, אז מוועט איבערלעבן די צרות וועט מען דאך
עפיס האבן פון אונדזער האב און גוטס. ווי איך האב
זיך דערוווסט, איז דער אוצר גוט צענויץ געקומען די
לאסקער איבערגעבליבענע יידן, וועלכע האבן זיך באלד
נאך דער בעפרייאונג אומגעקערט קיין לאסק. ליפוש
ליפמאנאוויטש האט געוווסט וועגן אוצר, דאכט זיך,אז
ער האט געהאלפן אויך בעהאלטן. איך האב זיך דערפרייט
הערענדיק,אז כאטש אקליינער טייל פון יידישן פערמעגן

אין לאסק, האט געדינט די לאסקער איבערגעבליבענע אויף הוצאות קיין ארץ ישראל.

נעקלא

דער יודענראט האט געמוזט צושטעלן עטליכע הונדערט יינגע מענטשן צו שווערע ארבעט. מיין געוועזענער מאן משה וויינבערג (מאנדעלעס איינעקל) און מיין ברודער זעליג זענען אויך געווען צווישן די אוועקגעשיקטע אויף צוואנגס-ארבעט. זיי האבן אציים געשריבן פון די ארבעטס-לאגערן און מיר האבן געפלעקט זיי שיקן פעקלעך, בעזונדער מעדיקאמענטן קעגן פערליי-זונג. נישט יעדעס פעקל האט מען זיי איבערגעגעבן. מיר האבן אבער ווייטער געשיקט, נישט רעכענדיק זיך מיט די נישט דערהאלטענע פעקלעך. איינמאל איז געקומען קיין לאסק דער נעקלער לאגער פירער, ער האט געברענקט גרוסן פון די לאסקער בחורים, אפילו געדענקט יעדענס נאמען. מענטשן האבן אים געגלויבט און אים געגעבן גאלד און בגדים. ער האט געזאגט, אז ער נעמט פון זיי אבער ווער ווייסט צו ער וועט דארט לאנג בלייבן. אונדזערע טיירע זענען דארט פערפייניקט געווארן ביז צום טויט.

אין קירך

וואס דארט האט זיך געטוען, וואס פארע שרעקליכקייטן, געשרייען, געוויינען ביז משוגעת. יעדער בזונדער מיט זיינע ווײ-געשרייען. מענטשן האבן צווישן זיך געבעטן ווי ביי אטויטן מחילה. אלע האבן געפילט,

אז דאס איז דער סוף. געווען פאלן וואס יידן האבן זיך מוחל געווען איינער דעם צווייטן, הלואות. ווי איינער האט זיך אויסגעדרוקט,"לאז מיך קומען אויף יענע וועלט און נישט בלייבן קיינעם אבעל-חוב".אנדערע האבן זיך געהאלזט און געקושט ווי זיי וואלטן געגאנגען צו כל נדרי... טרערן האבן זיך געגאסן ווי אשטארקער רעגן פון אלעמענס אויגן. האלטענדיק אין שויס זיירע קליינע קינדער, אויך איך צווישן זיי האב מיין 3 יעריק קינד פעסט געדריקט צום הארץ, פילענדיק ווי דאס איז שוין דאס לעצטע מאל אין מיין לעבן. 3 טעג פון אטייוולאניש ווייי געשריי, איז איבערגעריסן געווארן דורך די דייטשע תלינים מיט ביבאוון בראש. צום ערשטן האבן זיי אדור- געפירט די סעלעקציע פון די מענער, שפעטער פון פרויען.

"גיי גאלדע, גיב מיר דאס קינד, קוק זיך נישט אום!" האט צו מיר מיין מאמא געזאגט מיט אתחינה טאן. ביז היינט קלינקט מיר אין די אוירן דעם קינדס מאמא געשריי... מיט מיין ברודער האב איך זיך געטראפן אויף די גלינעוו- קעס און ביזן 44-סטן יאר האבן מיר זיך געהאלטן צוזאמען אין לאדזער געטא. אין דער געטא האב איך די גאנצע צייט געארבעט, אויך מיין ברודער משה האט געארבעט אין אפאפיר רעסארט. איינמאל האט זיך משה. געמוזט אויסבעהאלטן 6 וואכן צייט, ווייל ער איז געווען אויף דער ליסטע צום אוועקשיקן. אדאקטארישע האט אים פון דער עקספאדיציע אפגעראטעוועט. סהאט אבער לאנג נישט געדוירט ווי מיר ביידע זענען אוועק געשיקט געווארן מיט אעקספאדיציע קיין אשוויץ.

<u>אשוויץ</u>

דא, אויף דער באן סטאציע, האב איך זיך געזע-געגט מיט מיין ברודער משה, שפעטער ווען איך בין ארויס פון באד אנשטאלט האב איך אים געזען צעווישן אנדערע אריינגיין אין דעם זעלבן אנשטאלט. דער גאנצער טראנספארט איז געבליבן אין אשוויץ, ווארטענדיק אויף דייר נייעם גזר-הדין.

איינמאל הער איך ווי פון דעם מענער לאגער טייל רופט מיך איינער ביים נאמען. יא דאס בין איך,האב איך געענפערט. דאס איז געווען די דזיאלאווסקינס שוואגער. ער האט זיך מיט מיר אפגערעט צוטרעפן אויפן זעלבן פלאץ אין אבעשטימטע שעה. ער האט מיר געברענקט אפעקל מיט אלדעם גוטס. און אויך אפעקל פאר די "שטובאווע". אויך בריוולעך האבן מיר דורכגעטויטש צובינדענדיק דאס בריוול צו אשטיינדעל. איך איינעם פון די בריוולעך האב איך אים געבעטן ער זאל אויסגעפונען מיין ברודער. צומארגענעס האב איך זיך פון אים דערוווסט, אז מיין ברודער משה, וויטלזאן און איטשא ראקמאן געפונען זיך צוזאמען אין איין באראק. מיט מיר צוזאמען האט זיך געפונען איטשא און אסתרל ראקמאנס 15 יעריקע טאכטער, און אהאנאווער פרוי. דער ייד האט זיך יעדן טאג איינגעשטעלט און געברענקט ידיעות און פעקלעך פאר מיר און פאר אנדערע. דער עיקר פון זיין פונקציע איז געוועזן די קארעספאנדענץ. אזוי האט עס געדוירט עטליכע וואכן. 2 וואכן בין איך קראנק געווען, איך משך פון ־ער צייט איז מיין ברודער משה אריינגעשיקט געווארן

איך אויוון אריין. ישעיה וויטלזאן האט מיר דאס איבערגעבן. אויך וועגן זעליגן,מיין ברודער, האב איך זיך שפעטער דערוווסט, אז ער צוזאמען מיט הינדערטער יידן זענען דורך די עס-עס לעבענדיקערהייט פערברענט געווארן אין אפערמאכטן באראק, סהאט דארטן געהערשט אעפידעמיע. שטארק ווי האט מיר געטוען, ווען מיין פריינדן די האנאווער פרוי איז אין אונדזערע ווייטערדיקע וואנדערונגען, אויפן וועג קיין ברגל-בלזן געשטארבן.

אין „בירנבוימל" האט מען אלע געשיקט אויף שווערע ארבעט, גראבן שוצגראבן און אויסהאקן בוימער, סאיז געווען קאלט און מיר זענען געווען געקליידעט אין פאפירענע צעמענט-זעק. פון בירנבוימל איז ביי מיר געבליבן א ליכטיקער עפיזאד. מיר האבן געטראפן א איטאליענער, וועלכער האט אונדז בעזארגט מיט אביסל שפייז און אפגעלאזט אסוד, אז היטלר וועט שוין לאנג נישט אנהאלטן, מוט! זייט מוטיק, האלט זיך מיט אלע כוחות! !

פון דעם שווערן לאגער זענען מיר געגאנגען קיין "גרניסרוידזן" נאך איין מדור אין גיהנום , הונגער און קעלט האבן גענומען פון אונדז צענדליקער קרבנות אטאג. צומארגענס האט מען אונדז געפירט באדן. דאס איז געווען אמין באדן, אז די ווונדער האבן אונז אויפגעגעסן. געגעבן זייף, אהאנטוך, אנאכטהעמד מיט אווארעמען קאץ. פון דארט האט מען אלעמען ארייגעפירט אין אנייעם באראק גוט בעהייצט און פרישע שטרויזעק. פון דארט

האבן מיר אפגעוואנדערט צו פוס קיין בערגן בלעזן
און דא האבן אונדז די ענגלענדער בעפרייט.

די ענגלענדער האבן געטיילט עסן און קליידונג,
מהאט זיך די ערשטע טעג פערנומען מיט זוכן, אפשר איז
ווער געבליבן פון אייגענע, פון לאסקער ביים לעבן.
איך האב טאקי געפונען א קוזין חיים און מיט אים
צוזאמען אריין אין "תל חי" שיף. מיר זענען געפארן
דורך "צילי" קיין ישראל. געזעסן אקורצע צייט אין
עתלית און געווארן אויפגענומען אין דגניה א'.
אפגערוט זיך אין דגניה האט מען יעדן דערלויבט
אויפזוכן זיינע קרובים. איך האב אין חיפה געפונען
מיין פעטער. שפעטער האב איך אויך געטראפן מאיר
הערשעלאס און מיין יעצטיקן מאן. מיר פילן זיך
גליקלעך אין אונדזער היים. אבער ביי יעדע יידישע
שמחה, יאר יאר אין דעם הייליקן יום העצמאות ווייטיקט
מיר מיין הארץ און וויין, וואס נאר איך אליין, פון
אלע מיינע ברודער, האב זוכה געווען צו דער גרויסער
פרייד. איך בין דאס לעצטע רינגעל פון דער גאלדענער
קייט וואס האט זיך גערופן "כץ", אאבשטאמונג פון
כהנים, צדיקים און חסידים. דער סוף פון די קייט,
וואס האט דורות לאנג געהאט טיפע, פרוכטבארע וואר-
צלען פון וואנען מיר האבן געצויגן אונדזערע
גייסטיקע, מאראלישע און פיזישע יניקה.

מאמא, פארוואס זענען די אלע אזוי שוידערליך און
מערדערליך אומגעקומען?

גִבְעָה...

גִבְעָה זוּ לְעוֹלָם לֹא אֶשְׁכַּח,
גִבְעָה נְטוּעַת אַלּוֹנִים,
עָלֶיהָ הִנַּחְתִּי רֹאשִׁי הַשַּׁח,
עָיֵף וּרְפֵה אוֹנִים.

אָז בְּבָרְחִי מִשְּׁאוֹל הַגּוֹלָה,
מִכִּבְשָׁן, קֶבֶר וָלוֹעַ,
עִם נֶפֶשׁ פְּצוּעָה, שְׁסוּעָה וְחוֹלָה,
נִבְהָל מִכָּל רוֹעַי.

כָּל בַּיִת — מַאֲרָב, כָּל שַׁעַל — פַּח,
לְהִתְנַפֵּל עָלַי, עַל חַיַּי —
גִבְעָה זוּ לְעוֹלָם לֹא אֶשְׁכַּח,
עָלֶיהָ יָצַקְתִּי דְוָיַי.

צְקוּנֵי דְוָיַי הָרִאשׁוֹנִים הַחֲשָׁאִים,
כִּדְמָעוֹת שְׁפוּכוֹת מִלֵּב,
בֵּין עֵצַיִךְ, סְלָעִים וּדְשָׁאִים,
בְּפַחַד, בְּגִיל וּכְאֵב.

וְאָז אָרִים רֹאשִׁי לְשָׁם:
מֵעָלַי שָׁמַיִם בְּהִירִים,
אֶת עֵינַי סְבִיבַי אָשִׂם
וְלִבִּי פּוֹתֵחַ בְּשִׁירִים.

מרדכי אלעי

הינדה רעכטמן

אקוואַל פון ווייטאג

כפלעג רעדן צו זיך אליין (ווען קיינער הערט נישט), דערמאנענדיק מיין אלטע היים לאסק. ספלעגט זיך מיר אויסדאכטן, אז כהאב געחלומט נאר אשלעכטן חלום. כוועל זיך פרעגן דער גאנצער וועלט וועל איך דען אויך בעקומען אתשובה?

מיין שטעטעלע לאסק; וועמען האסטו אמאל שלעכץ געטוען? פאר וואס איז אויף דיינע יידן געקומען אזא שלעכטער סוף? ביסט דאך געוועזן שטענדיק פול מיט רבנים הייליקע יידן! יידן לומדים, סתם יידן און יידענעס צדקה-טוער און מעשים טובים, וועלכע האבן אנגעפולט אלע שולן און "שטיבלעך" מיט תפילות און תחנונים אויף שלום און גאולה, אויף משיחן און ארץ ישראל!

פאר וואס זענען די אלע טײַרע און כשרע יידן אזוי שרעקליך פערניכטעט געווארן, פאר וואס, גאט אין הימעל?!

ווען, איך רואיקע שעהן, איך דערמאן זיך אין מיין ליכטיקן טאטן אברהם טוביה, באבע-זיידן, איך מיין מאמע לאה און איך מיין עלסטן ברודער משה און שוועסטערל נחה, זכרונם לברכה, ברויזט אין מיר דער גרויסער פראגע צייכן: זו תורה וזה שכרה? וועגן מיין זיידע, ר' העניך זענדלס הויז, האבן שוין פיל פון די לאסקער דערמאנט, אבער מיין

עלסטערער ברודער משה, וואס האט זיין לעבן איינגעש-
טעלט, פארענדיק פון לאסק אין דער לאדז'ער געטא,
דארט ארייגעפירט עסן פאר הונגעריקע משפחות.

ווער ווייסט דאס געדענקן? אז ער און אויך די
געהאלפענע דורך אים, זענען פארניכטעט געווארן דורך
די ברוטאלע דייטשן. און מיין יינגסטע שוועסטער
נחה'לע, די טייערע און ליכטיקע נשמהלע, וועלכע האט
געטויגן, ווי אקליין מיידל גרויסע שליחות אין דער
געטא. זי איז צוזאמען מיט אונדזער טאטע-מאמען און
משה'ן אפגעפירט געווארן קיין „בעלמנא״..

כאטש מיר פיר שוועסטערן, זענען אויסגעלייזט
געווארן פון דעם גרויסזאמען בלוט-באד, און מיר זענען
גליקלעך אין אונדזער ישראל מיט אונדזערע מענער און
קינדער, פונדעסטוועגן וויינט ביי יעדן יעדעס אבר
און זוכט אנאויסדרוק, צו טוען מיט אלע לאסקער קדושים
דעם חסד של אמת. מיט אונדזער שרייבן און פעראייביקן
זיי אין לאסקער יזכור-בוך, גלויב איך וועט זיין דער
שענסטער בלומען-קראנץ אויף זיירע אונבעוווסטע קברים
און אמצבה פאר אלע הייליקע.

כגלויב, אדער כוויל גלויבן, אז פיל פארקלעמטע
הערצער וועלן דערמיט בעפרייט ווערן פון זייער
פארשמאכקייט.

די צ'וורקא רעכטמאנס

אונדזער וואנדערונג איבער אלע טויט-לאגערן און
ארבעטס-לאגערן זענען ענדלעך צו אלעמענס פלאגן. דאס
וואס איז נישט ענדלעך וויל איך בעצייכענען. קודם-כל

אין דעם גרויסן תוהו ובוהו פון שוויס און בלוט איז דאך געלונגען, אז מיר, פיר שוועסטערן, איך, חנה, דבורה און מרים זענען לעבן געבליבן און זיך געהאלטן די גאנצע צייט צוזאמען. די שווארצע ברוטאלע כוחות האבן דעם פיר-בונד נישט איבערגעריסן. איר מעגט עס אָנרופן גבורה, ווייל אויף יעדן טריט האבן די מלאכי-חבלה געשטורעמט מיט זיירע אלע טריפהנע מיטלן אונדז שיידן און דאך האבן מיר געזיגט.

צווייטנס וויל איך דערציילן וועגן עטליכע קוריאזן, וועלכע ווען אויך אנדערע דערמאנען, אז אקאפקעלע חסד האבן מיר בכוח געטריבט ביים גורל.

אין 1944 זענען מיר געווען אין ארבעטס לאגער "זאזעל" נישט ווייט פון האמבורג. יעדע פון אונדז האט געארבעט אויף אבעזונדערן ארבעטס פלאץ, און יעדע האט שטענדיק געזארגט פאר די צווייטע.

<u>מיט געגעסן מיט הונט</u>

מיין ארבעט אין "זאזעל" איז געווען ריינען די וואַכט פונקטן פון די "לאגער שומרים". אויסגערייניקט, אויסגעוואשן, בין איך געגאנגען אין אצווייטן, אדריטן ביז אלע זענען געווען גאלד-ריין. אקעגן איבער מיין ארבעטס ארט איז געווען אקוילן-סקלאד און „אהונט אפטיילונג״. דארט זענען טרעסירט געווארן די הונט, וועלכע האבן געהאלפן די מערדער ביי זייער בלוטיקא ארבעט. פאר די הונט האט מען דארט יעדן טאג געקאכט אגרויסן קעסל פלייש מיט רייז, צוגעריכטעט ווי פאר

פריצים. איך דערזעענדיק דעם קעסל געקאכטע רייז מיט פלייש איז מיר די נשמה פשוט ארויס פאר הונגער.

כהאב אנגעפולט 2 גרויסע שעכטל פון קאנסערווון מיט "הונטישן עסן", ווען קיינער איז אין קיך נישט געווען, און זיי ארייגעשטעלט אין מיין וואש עמער און פערדעקט מיט דער שמאטע. איך און מיינע שוועסטערן האבן אלאנגע צייט מיטגעגעסן מיט די הונט. מיט גרויסע נסים, האט נאר גאט אין הימל געוווסט דערוועגן.
דערביי האבן נאך מיטגעגעסן נאך עטליכע אויסגע-הונגערטע מיידלעך. כלויב, אז איר ווייסט, מיט וויפל טויט-שרעק איך האב דערפאר באצאלט. כבין גליקלעך געווען מיט איין איינציקן געדאנק, אז איך זינדיק נישט.

מיט דער זעלבער דרייסטקייט האבן מיר, שוועסטערן, געטראגן אויף די הענט אונדזער שוועסטער מרים צו איר ארבעטס-ארט. זי האט געהאט אוויטוגן פוס און נישט געקענט גיין אלאנגע צייט, און אויך זי צוריק אהיים געבראכט אויף די הענט.

איך יום-כפורים

בלויז געפאסט האבן מיר. מיר האבן געוווסט, אז יום כפור, דער הייליקער טאג אין יידישן לעבן איז מארגן. אויף די געלעגענס האבן מיר דערמאנט דעם יום הקדוש, דערמאנט די נעמען פון די תפילות, "כל נדרי", "ונתנה תוקף". מיר האבן קיין ווארט פון די תפילות נישט געדענקט פון אויסנווייניק, בלויז אין הארצן

האבן זיך אנגעצײנדן גרױסע ליכט און מיט גרױס
בענקשאפט זיך איבערטראגן צו דער באבע און מאמע,
יעדע פון די שװועסטערן האט אין די הײליקע נאכט
געחלומט װעגן די הײליקע לאסקער שטיבן, װעגן די
ליכטיקע שול און בתי מדרש, װעגן מארגענדיקן שװערן
ארבעטס טאג אויף די טמאהשע דײטשע ערד. דער מלאך
פון שלאף האט געענדיקט דעם יום הקדוש בײ אונדז אין
הארצן. צו מארגענס האבן מיר בעשלאסן צו פאסטן.
געארבעט װי אין יעדן טאג. ערשט אין אװנט האבן מיר
געגעסן די מוצאי יום-כפורדיקע סעודה, געגעסן און
געװײנט...

אקלײן ליכטל אין דער גרױסער פינסטערניש

אין דעם נאענטן לאגער האבן געארבעט אינטערנירטע
איטאליענער, מיט װאס פארא רחמים-אויגן זײ האבן אויף
אונדז געקוקט; בײ יעדע באגעגעניש האבן זײ אויף דײטש
צו אונדז געזאגט: האלט זיך שטארק, נאך אפאר מאנאט, עס
איז שוין דער אנפאנג פון סוף! שוין נישט װײט דער
סוף. דערצײלט "פראנט נײעסן" און אונדז געגעבן "װײס
ברויט", ממש װײס ברויט, װאס זײ האבן בעקומען
געשיקט פון דערהײם (איטאליא).

אין די זעלבע טעג איז געקומען אין לאגער אסאניטארע
קאמיסיע. בעזוכט דעם לאגער אין אלע באראקן. קײנער פון
אונדז האט זיך נישט פעראינטערעסירט װעגן זײער מײנונג.
אין אװנט קומט די קאפא אין באראק און רופט אויס: דא
געפונען זיך די געשװיסטער רעכטמאן? מיר האבן אויפגע-
ציטערט פאר אנײע גזירה. איר האט בעקומען דעם פרײז

פאר ריינע און גוט איינגעארדענטע בעטן, האט די סאניטארע קאמיסיע בעשלאסן, דערפאר בעקומט איר, יעדע פון אייך, היינט אדרייפאכיקע פארציע זופ! מיר זענען טאקע פריילעך געגאנגען איך קיך און בעקומען פון הינטערשטן גוטס אין קעסל. מיר האבן איינגעש-לינגען ווי היישעריקן די גרויסע פארציעס זופ און אויך זיך געטיילט מיט אנדערע אין באראק. און מיר האבן אויך אמאל בעקומען א עפל אדער אנאנדערע פרוכט פון די איטאליענער, האבן מיר עס, חלילה, נישט אויפגעגעסן. עס זענען געווען קראנקע מיידלעך צווישן אונדז, וועלכע האבן די פרוכט זער נויטיק געדארפן.

יעדע פרוי אין לאגער איז געווען אצדקית אויף איר שטייגער. איין גורל פון צער און ווייטאק האט אלעמען פאראייניקט. בשותפות האבן מיר באוויינט יעדע פערשטארבענע אין לאגער און אונדזערע "יינגע יארן" אין די מערדערליכע דייטשע הענט.

<u>דער עוכר ישראל</u>

צו קלעפ און צו אויסטערלישע קללות אויף פויליש און דייטש זענען מיר שוין געוועזן צוגעוווינט, ווי צו די וואסערדיקע זופן. יעדע פון אונדז איז גערופן געווארן "אשטיק". דער לאגער-פירער האט אנדערש נישט גערופן: עס פעלט דאך נאך "אשטיק"! און די "קאפעס" האבן נאך געהאט שענערע נעמען פאר יעדן מיידל...

נאר דאס לעסטערן אונדזער גאט און פאלק האבן מיר נישט געקענט דערטראגן. דער פערשאלטענער לאגער-

פירער ימ"ש, האט זיך דערלויבט פרעגן אויף אנאפעל: איך אויסדערווײלטע טעכטער פון דעם אויסדערווײלטן ײדישן פאלק, ווו איז דאס יעצט אײער גאט! אײער שוצער, אײער אויסלײזער?" דאס בלוט איז בײ יעדע פון די מײדלעך פערגליווערט געווארן, הערענדיק די לעסטערונג, ווי לעבעדיקע מתים זענען מיר נאך אזא אפעל געלעגן אויף די פריצ'עס און יאמערלעך געוויינט.

אין מאי 1945


זאט מיט צרות זענען מיר ענדליך אפגעפירט געווארן קיין "בערגנבעלזן" צו דער בעפרײאונג. 300 פרויען זענען מיר ארײנגעפירט געווארן אין אפינסטערן נאסן באראק. די אמעריקאנער זענען געווען די בעפרײער.

כמעט אלע זענען קראנק געווען אויף דעזענטעריע, שפעטער האט זיך אויך דער טיפוס פערשפרײט, און אויך איך מיט נאך צוויי שוועסטערן זענען מיר קראנק געווען. די פערדע און געזונדע שוועסטער האט אונדז בעדינט ביז מיר זענען גענומען געווארן אין אשפיטאל. מער ווי צוויי וואכן זענען מיר געלעגן אין שפיטאל, און דאנקן גאט, אז מיר זענען פטור געווארן די דאקטוירים און די דײטשע בעדינער. זײענדיק נאך האלב קראנק, האבן מיר זיך גענומען ארבעטן אין שפיטאל. דארט האבן מיר געטראפן מאכטשע ווידאווסקי פון לאסק. מיר האבן בעקומען צוזאמען אצימער. פון טאג צו טאג האבן מיר זיך געפילט שטארקער, ווי מענטשן נאך אזער שווערע קרענק. צוזאמען מיט אברהם פוקאץ' איז אונדזער שוועסטער מרים אפגעפארן מיטן טראנספארט פון "עלית הנוער" קיין ארץ ישראל.

מיר דריי שוועסטערן, האבן נאך געמוזט צוווארטן אין דייטשלאנד אויף אונדזער תור צו פארן. ערשט אין 1949 האבן מיר זוכה געווען צו קומען קיין ישראל.

איך דערמאן זיך די טיפע פרייד ווען אין 14-סטן מאי 1948 איז ענטשטאנען די יידישע מדינה. מיט אונדזער לעצטן כוח האבן מיר געטאנצט פון שמחה, אין די דייטשע גאסן. מיט גרויס ערשטוינונג האבן מיר און מיט דער זעלבער שמחה באוונדערט אלעס קומענדיק קיין חיפה.

מיר האבן זיך ביי יעדן געפרעגט: דאס אלעס האבן יידן געבויט, און די פאליציי איז אויך איידישע!? און די אלע, וועלכע שפאצירן אין גאס, זיצן אין קאפע, זענען דאס טאקע בלויז יידן? די וונדער האבן מיך איינגעשלינגען און שטיל געדאנקט פאר דעם גרויסן חסד פון הימל.



יעקל לעווקאוויטש

דורך ארבעטס-לאגערן קיין ישראל

מאראליש און פיזיש דערשלאגן פון דעם שווארצן אויסזידלונגס-טאג פון דער לאסקער געטא, זענען מיר 900 מענער און פרויען אפגעפירט געווארן, געפאקט אין פראכט וואגאנען קיין לאדז'. 8 שעה האבן מיר זיך געשלעפט די 30 קילומטער פון לאסק אין דער לאדזער געטא. אונדז געבראכט צו דער סטאציע "מארישין". דארט האט מען אונדז איינקוואטירט אין הייזלעך פון די אמאליקע זומער וווינונגען. מיין פאטער, איך און מיין ברודער יואל זענען מיר מיט נאך 12 לאסקער פרויען און מענער געוועז לאקירט אין איין שטוב. יעדער האט בעקומען אקאץ, אלס האנטגעלט אויף דער נייער פערקנעכטונג צו צוואנגס-ארבעט, און אכזית ברויט די נשמה צודערהאלטן.

צו מארגענס האבן מיר זיך אלע צוגעשטעלט צו דער דיספאזיציע פון יודנעלסטער אויפן טשארניעצקי פונקט. דארט האט מען אונדז אויפדאסניי איבערגעקליבן. און אטייל פון די לאסקער זענען מיטגעשיקט געווארן מיטן קינדער טראנספארט קיין כעלמנא... מיר האבן געוווינט אויף וואלבארסקי 3. פון דארט איז יעדער געגאנגען צו זיין ארבעט: מיין פאטער אלס שניידער, מיין ברודער אין שפיטאל און איך האב געארבעט ביי אמאנטאז' שלאסער

רעסאָרט. כהאָב בעקומען צוויי יינגלעך צו הילף און אַזוי האָב איך געאַרבעט ביזן סוף 1943. כהאָב איינגעפונען, אַז פון אַזאַ דערנערונג און שווער-אַרבעטן וועל איך לאַנג נישט אָנטרייבן. האָב איך זיך געוואַנדן צו אַדאַקטער און דורך אים בעקומען אַהמלצה אויף לייכטערע אַרבעט. אַזוי בין איך געוואָרן אַנאַכט-וועכטער ביי פּרענקעלס קאַמערסיאַט. „כמעט אַפּאַליציי-מאַן" איך דער לאַדזער געטאָ. כבין ביי דער אַרבעט פריי געווען ביי טאָג, און אויסגענוצט דער צייט זיך צוטרעפן מיט חברים. און זיך טאַקע געטראָפן מיט יחיאל נוימאַן, מיט אברהם גאָלדבערג, שרגא נוימאַן און קעמפּינסקי. זיי האָבן מיר איבערגעבן, אַבגעלאָזט אַסוד אויפן אויר, אַז סמאַכט זיך אַמחתרת פון געקליבענע בחורים צו אַגעווויסן צוועק... איך האָב גלייך מסכים געווען מיט די חברה זיך צוטרעפן מיט דעם "קאַמענדאַנט". די פּגישה איז פאָרגעקומען אין אונדזער וווינונג. צו די פּגישה זענען געקומען יחיאל נוימאַן, זיין ברודער שרגא, לייבל קעמפּינסקי, איך און מיין ברודער יואל. צום סוף איז געקומען דער קאַמענדאַנט.

קורץ און שאַרף, זענען מיר אויפגעקלערט געוואָרן אין וואָס דאָ האַנדלט זיך. מיר זענען איינגעטיילט געוואָרן אויף פּיפטלעך פון די שוין ערוואַרבענע "מחתרת חברים". יעדער פון אונדז האָט בעקומען צו זיך נאָך 4 חברים. דער ציל איז געווען איינער: סאַבאָטאַזש! פון דאַנען ביז צו אַנ'אַלגעמיינעם אויפשטאַנד. ביז מיר וועלן האָבן געווער צו אַבוואַפענטן אַנפאַל, דאַרפן מיר זיך פאַרנעמען מיט אָרגאַניזאַציע און סאַבאָטאַזש ווי

אונטערציגנדן רעסאָרטן, מאַגאַזינען און אַנדערע געטאָ אַנשטאַלטן, אַרויסרופן אַכאַאָס. דאַ האָבן מיר אויך געהערט פּראַנט נייעסן. ביים קאָמענדאַטור פון דער מחתרת האָט זיך געפונען אַראַדיאָ, די דייטשן האָבן שפּעטער געכאַפּט דעם ראַדיאָ. מזאָגט אַז דאָס איז געווען איידישע מסירה.

אין חודש פעברואַר 1944 האָבן מיר געדאַרפן בעקומען געווער פון דער פּוילישער זייט. דאָס געווער האָט געדאַרפן איבערגעבן ווערן אויפן לאָדזשער בית הקברות. און אין איין טאָג פון אַשווערן שניי שטורם איז די גאַנצע יידישע געטאָ-פּאָליציי און די דייטשע "שופּאָ" אַלאַרמירט געוואָרן צום יידישן בית הקברות זוכן דאָס צוגעזאָגטע געווער. זיי האָבן זער שטרענג געזוכט און גאָרנישט געפונען. אויך דאָ איז געווען איידישע מסירה. די מוסרים האָבן זיך געפונען אויף יעדן אָרט. צום גרעסטן בעדוירן, איז אויך ביי אונדז דער מוט געפאַלן. מיר האָבן אָנגעפאַנגען זיך שרעקן איינער פאַרן צווייטן. און דאַך האָט אין איין נאַכט אויסגעבראָכן אין געטאָ אַגרויסע שרפה און דער גאַנצער האָלץ-רעסאָרט איז אַוועק מיטן פייער. דאָס איז געווען לייבל קעמפּינסקיס אַרבעט. "מרגולעס" דער קאָמענדאַנט האָט טראָץ די אַלע שווערקייטן נישט רעזיגנירט אויף ווייטערדיקע טאָטן. ער האָט נאָך פיל מאָל געפּרוווט אונדז איינרעדן, אַז מיר האָבן שוין געווער און אויך אַניי געווער, ווי מאָלאָטאָוו פלעשער, וועלענדיק אויפהייבן ביי אונדז דעם מאָראַל. אויך די "הענקער" האָבן זיך גלייך גענומען מיט אַשנעלע טעמפּאָ ליקווידירן און צושפּרייטן די שוואַך צוזאַמענגעזאַמעלטע יידישע כוחות.

טאג טעגלעך זענען אויסגעזידעלט געווארן טויזענטער ייִדן פון די לאדז'ער געטא. אויך איך, מיין פאטער און ברודער זענען און אשבת פרי געכאפט געווארן און אפּ-געפירט געווארן צום טראנספּארט, וועלכער איז אפּגעפארן קיין אָשוויץ. פרייטאג צו נאכט האב איך זיך נאך געטראפן מיט יחיאל נוימאן און מיט שרגא נוימאן. זיי האבן מיך געבעטן מיטגיין מיט זיי און זיך אויסבעהאלטן אין זייער בונקער, בעקומען פון זיי עסן. דערציילט מיין טאטן און מיין ברודער דערוועגן, סהאט זיי דער פלאן גוט געפאלן. צום סוף האבן מיר בעשלאסן באלד פארטאגס זיך איבערצוטראגן אין די נוימאנס בעהעלטעניש. מיר זענען צו דעם צוועק זער פרי אויפגעשטאנען, אבער ארויסגייענדיק זענען מיר אלע אויפגעכאפט געווארן, דורך די דייטשע היצלעס.

,,אָשוויץ"

דערשלאגן פון די 4 טעגיקע רייזע-ליידן, זענען מיר אלע צעבראכן געווארן. מיין פאטער איז מיט 100 יאר עלטער געווארן. אין אשוויץ האבן אונדז מקבל פנים געווען די "קאנאדער" גאלדזוכער. מהאט ביי אלעמען צוגענומען די פעקלעך און זיך אויסגעשטעלט צו דער "מענגעלע סעלעקציע"; די סעלעקציע האט אונדזער טאטא פערמשפּט אויף "לינקס". יואל און איך אויף ,רעכץ". בלויז מיט אונדזערע בליקן האבן מיר דעם טאטן געמאכט אלויה. אין די גרופּא פון 4000 מאן מיט אונדז, זענען געווען דער גאנצער "שמן-זית" פון דער לאדז'ער געטא. לכבוד זיי האבן די דייטשן געבראכט אגרויסן ארקעסטער

און שפילענדיק פריילעכע מארשן אויף ביטערע הערצער און צו געפירט די גרופא צום ציגיינער לאגער. איך און יואל זענען ארייגעשטופט געווארן אין בלוק 24. וואס אין דעם בלוק האט זיך געטון אין משך פון די ערשטע נאכט איז נישט צום בעשרייבן. מהאט אונדז געקאטעוועט און געקאלט אן אויפהער. פאר וואס? פוילישע קאפעס האבן זיך פרייליך געמאכט איבער אויס-געמאטערטע יידן. מיר האבן בגנבה זיך איבערטראגן אין אצווייטן בלוק, אום פטור צו ווערן פון די פוילישע "קאפעס". כך הווה. אין צווייטן בלוק איז טאקע פיל לייכטער געווען. מיר האבן אויף דעם ארט נישט שווער געארבעט, מיר האבן זיך "איינגעארדענט" צו ביסלעך און אויך געגעסן צו ביסלעך, 5 מענער פון איין שיסל, לעפל זענען נישט געווען. ווי דאס האט אויסגעזען קען זיך קיינער נישט פוירשטעלן. איינער האט געהיטן דעם צווייטן, אז זיין שותף זאל זיך, חלילה, נישט איבערעסן מיט אנאיבעריקן שלונג פון שיסל. ביי יעדע געלעגנהייט האב איך געזארגט צו "ארגאנעזירן" אשעכטל גלאבין, אמעסער און אמאל אפילו אגאנץ ברויט. געמאכט פון שנירלעך אוואַג צו וועגן די דריטלעך ברויט. און אויך זוכה געווען אמאל צו "אקראצעכץ" פארן אויספוצן דעם "קאפא" קובע די שטיוועל.

איך האב זיך גערופן "יאן לערנאטאוויטש" און מיין ברודער "יולעק לעווקאוויטש". מיט אכוונה האבן מיר עס געטון. זאל קיינער נישט ווסן, אז מיר זענען ברודער. מהאט דא געזאגט, אז אשינוי-שם איז

אסגולה צום לעבן בלייבן. אין בלוק האבן מיר זיך דערוווסט, אז די לאדז"ער געטא איז שוין געווען ליקווידירט. צווישן די לעצטע איז אויך דער לאדז"ער יודנעלטסטער רומקאווסקי און זיין שותף צום בענקל, רוזנבלאט געבראכט געווארן אין אשוויצער לאגער. פון זיי דארט געמאכט "אטשאלנט" און פעריקט אין אויוון אריין. אנדערע האבן דערציילט, אז אגעוויסער משה געלדבארט זאל זיי האבן דערמארדעט גלייך ביי זייער אנקומען.

פון אשוויץ קיין „קאלטערוואסער"

נאך אחודש צייט זיינען אין אשוויץ זענען מיר און אפרי-מארגן ווידער געווארן אויפגעלאדנט אויף אגרויסן פראכט-צוק 4000 מאן, און אפגעפארן אין אנייעם ארבעטס לאגער. מיר האבן ביים אפפארן בעקומען פראוויאנט,אויף עטליכע טעג. ווער האט געהאט כוח זיך איינצוהאלטן און באלד נישט אויפעסן-איינשלונגען די גאנצע פארציע, וועלכע האט געדארפט גענוגענען אויף אוואך צייט. צעליב דעם טאקע האבן מיר עטליכע טעג געהונגערט און געזויגן די פינגער... פון 4000 מאן זענען מיר לעבעדיקע אנגעקומען 2000,די איבעריקע זענען געבליבן אויף דער סטאציע...

אין דעם לאגער האבן מיר זיך ווידער געטראפן מיט די לעצטע לאדז"ער אויסגעזידעלטע יידן. צווישן זיי זענען לאסקער: ריפשטיין, ריבאק, בוראקאווסקיס זון, יעקל און בערל קליין און בערגפריינד. מיר זענען

צוזאמען געשלאפן אין איין צימער. דארט האבן מיר
געארבעט ביי שטיינהאקעריי. נאך פיר וואכן זיינען אין
"קאלטוואסער" זענען מיר איבערגעפירט געווארן אין
אשכנותדיקן לאגער, פון רוסן און פראנצויזן, אין
וואלפסבערג".

פארלוירן מיין ברודער

אין וואלפסבערג האבן מיר אלאנגע צייט פערברענקט
ביי פערשידענע ארבעטן. איך בין קראנק געווארן און
אפגעשיקט געווארן אין ארטיקן שפיטאל. יואל איז מיך
געקומען יעדן טאג בעזוכן. איינמאל דערציילט ער מיר,
אז מען שיקט ווידער אוועק אגרופא און אויך ער איז
צעווישן זיי פערשריבן געווארן. איך האב אים געראטן
ער זאל זיך צולייגן צו מיר אין קראנקן בעט אריין.
ער האט אבער מיך נישט געהארכט. דאס איז געווען
אונדזער לעצטער געשפרעך, געזעגענט זיך אויף אייביק.

די גאולה

פון שפיטאל בין איך געשיקט געווארן אין אנייעם,
דער לעצטער לאגער. דארט האב איך געטראפן נייע לאסקער:
שמעון סימעל, יוסף טאפארעק, זלאטניצקי און דארט
זענען מיר בעפרייט געווארן. איך האב אויסגעפונען
אפלאש וויין און מיר אלע האבן קידוש געמאכט לכבוד
דעם גרויסן בעפרייאונגס יום-טוב.

דוד לערער

די אונטערגעשניטענע צווייג


עס האט ביי מיר גענומען אסאך צייט ביז כ'האב זיך געקענט קאנצענטרירן צו שרייבן אט די ווערטער, ווייל דא פיל איך ווי א שטיק פון מיין הארץ און נשמה איז אוועקגעריסן געווארן מיטן אומקום פון די לאסקער טייערע יוגענד. עס האבן ביי אונדז עגזיסטירט 3 יוגענד ארגאניזאציעס: הנוער הציוני, השומר הצעיר און בית"ר, אין וועלכע סהאבן זיך געפונען טייערינקע מיידלעך און יינגלעך. די ארגאניזאציעס האבן געגעבן אנאציאנאלן אינהאלט דער יוגענד. דארט, איז געווען דאס ארט, וואס זענען זיך צוזאמען געקומען די קינדער פון ארומע און רייכע היימען, ווו סאיז פערשוואונדן דער קאנטראסט צווישן זיי. דא האבן זיך אלע גלייך געפילט, ווייל זיי האט געקניפט איין שטרעבן און ציל. עס שוועבן פאר מיינע אויגען די ליכטיגע געזיכטער פון אט די יוגענדליכע, ווען דער מדריך, ראש קבוצה, האט געהאט מיט זיי א שמועס, וועגן דעם לעבן פון דער יוגענד אין ארץ ישראל, פערפלאכסטן דעם שמועס מיט א זמר'ל און א לעבהאפטע הורה. ווער איז אין די מינוטן געווען זייערס גלייכן? עס זענען געפאלן אלע מחיצות צווישן זיי און די מאמענטן, אלע זענען געווען גליקליך. אנאציאנאלע ווארימע היים מיט גלייכע בעדינגונגען פאר אלע.

שוין דאמאָלסט האָט מען פארשטענען, אַז די מדינה וועט אונדז נישט דערלאנגט ווערן אויף א זילבערנער טאץ! נאר מען וועט מוזן קעמפן פאר דער באפרייאונג. עס דערמאנען זיך די "פאלשע מלחמות", דא רופט מען עס "תמרונים", וואס די יוגענט האט געפירט ביז אין די שפעטע שעהן פון דער נאכט, סיי זומער און סיי ווינטער. שעהן לאנג זענען די חברה געלעגן אין די פעלדער און געווארט אויף דעם דערנענטערן זיך פון "שונא". ווי שטאלץ און גליקלעך איז מען געווען, ווען מהאט געברענגט אגעפאנגענעם אין דער מפקדה. עפעס א קלייניקייט, געזיגט אין דעם קריג! עס פארשטייט זיך, אז די באפעלן זענען געגעבן געווארן אין דער העברעאישער שפראך. די גאנצע יוגענט פון אט די ארגאניזאציעס האט צו ביסלעך געלערנט עברית, ווער מער און ווער ווייניגער, אבער געלערנט האבן אלע.

דעם עונג שבת, וואס מיר האבן געפייערט יערען פרייטאג צו נאכט איז א פרשה פאר זיך: דאָ זענען ערשטנס אדורכגעלעזן געווארן פראַגמענטן פון פרשת השבוע און דאן געזינגען שבתדיקע לידער און אויך אביסל חזנות. נאך דעם אלעם האבן זיך אנגעהויבן די טענץ ביז שפעט אין דער נאכט. מיר זענען געווען די ריכטיקע אויספירער פון "שומרי שבת וקוראי עונג". באלד נאכן עסן ביים שיינעם ווייס-ליכטיקן-שבת טיש, זענען מיר ארויס פון דער היים און געגאנגען פארטזעצן דעם עונג שבת. איך דערמאן זיך, ווו א בחורצ'יק איז צומארגענס גאנץ פרי געגאנגען אויפוועקן די חברה צו אנייע פגישה

אויף דער פרייער לופט, צעווישן די גרינע לאנקעס ביים טייכל, פארטצוזעצן דעם שמועס, וואס איז איבערגעריסן געווארן אין דער נאכט צופויר.נאכן שמועס האבען מיר געזינגען לידער. צווישען אנדערע דאס באוווסטע ליד "אין א שטילע זומער נאכט", "בי אונדז איז פינסטער און דארט איז ליכטיק". די ווערטער האבן געהאט א באזונדערן אינהאלט. מיר האבן פארשטאנען, ווי גוט עס איז אין דער "אייגענער היים", טראץ דעם וואס דאס לעבען אין יענער צייט איז אין ארץ ישראל נישט געווען לייכט און יעדער האט געמוזט שווער קעמפן פאר זיין עגזיסטענץ, האט זיך דאך ארויסגעריסן פון אונדזערע הערצער די טיפע בענקשאפטן צום לעבן דוקא אין ארץ - ישראל. ווען מיר האבן געזונגען דאס ליד וואס ענדיקט זיך מיט די ווערטער "דארט ווו חלוצים הורה טאנצן אהאלב פון מיין לעבן וואָלט איך אוועקגעגעבן, אַבי אין ארץ צו זיין"! איז דאס געווען דער אמתר אויסדרוק פון אלעמען.

פינף און צוואנציג יאר זענען פארביי ווי אט די טיירע יוגענד איז מער נישטו. מיר טראגן פאר אייך, פערניכטעטע יוגענט, אהייליקן אנדענקן אין הארץ און אין בוך. מיט ליבשאפט און חסד וועלן מיר אייך שטענדיק דערמאנען!



גולדה כץ - קיבל

דאס סידורל

אין אשוויץ זענען מיר ארייננעפאקט געווארן אין באראקן, וועלכע זענען געווען ספעציעל צוגעגרייט פאר פרויען. די "קאפעס" און שטובאוועס, אן אנטערשיד צו זיי זענען געווען דייטשקעס אבער יידישע מיידלעך, האבן זיי זיך בעצויגן צו אונדז מיט אלע שטרענגסטע און אן רחמנמותדיקע פייניגונגען. געזידעלט, געשלאגן אויסעהונגערט פאר יעדע קליינע אבנייגונג פון די אכזרישע לאגער באפעלן.

צווישן די אונגארישע מיידלעך, וועלכע זענען אין די זעלבער צייט געבראכט געווארן קיין אשוויץ איז געווען אחסידיש מיידל, וואס האט מיט זיך מיטגעבראכט אסידורל, וואס איר פאטער האט עס איר איינגעשטעקט פארן ארויסשיקן פון איר היים. צום טאוול פון סידורל איז געווען צוגעקלעפט "איידישער לוח" מיט קליינע אותיותלעך און אלע יידישע יום-טובים זענען דארט געווען אונטערגעשטראכן. אלע מיידלעך האבן בסודי סודות געהיטן דעם אוצר און אים אויסבעהאלטן פון אלע סכנות. אין אשעה ווען אלע זענען זיכער געווען אז די "קאפעס" און "שטובאוועס" זענען פערשוווונדן, אדער שלאפן שוין, האט דאס מיידעל ארויס-גענומען דאס סידורל און געליינט פאר אלע מיט אספעציעלע דיקציע איינעם פון די קאפיטלעך תהילים": "כמוץ אשר תדפני רוח" און אלע האבן זיך איינגעהארכט און געקוקט

זיך אויף די נעגל פון די הענט. דאס מיידל האט, ווי דבורה הנביאה אין איר צייט, ווייטער מאנאטאניש געליינט: אז "ישובו רשעים לשאולה", "וברשת זו טמנו נלכדה רגלם"... זי האט פערטייטשט די פסוקים אויף יידיש. די טרייסט ווערטער האבן ארויסגערופן קרעכצן און שטילע געוויינען ביי אלע מיידלעך. ווער ווייסט? האט איינע געזאגט, צו מיר וועלן דערלעבן צו זעען נקמה פון הימל אין די נאצישע רוצחים, און עס-עס פרויען, וועלכע צאפן אונדזער בלוט 10 מאל אין טאג. אזעלכע הייליקע פירטל-שעהן האט דאס סידורל אונדז פערשאפט, אין די נאכט שעהן, ליגענדיק אויף די פריצ׳ים, פערוויקעלט אין אקאץ פון ליידן, נאכטראכ-טענדיק וועגן מארגענדיקן טאג מיט זיינע נייע צרות.

אין עטליכע טעג פאר פסח, ווו עס איז געווען אנגעצייכענט אין לוח פון סידורל, האבן מיר זיך צוגעגרייט הערן פון חסידישן מיידל, וואס זי פלאנט אויס וועגן אפסהדיקן סדר אין פינסטערן באראק, און ווי מאכט מען אסדר אן אפיצל מצה? און אין אזא אומריינקייט, אין אזא טומאה צעווישן בלוט דארשטיקע-מענטשן-הונט? אטאג פאר פסח, אין די שפעטע נאכט שעהן, האבן מיר זיך לויט א אבגערעטן סימן, איבערגעוועקט. מיין פלאן, האט דאס אונגארישע מיידל געזאגט, איז אז מארגן נאך חצות פון דער סדר נאכט, וועלן מיר אברעכטן דעם סדר, ווי עס האבן אמאל געטוען די אנוסים אין הישפאניא, וועגן מצות און אנדערע פסחדיקע זאכן וועלן מיר בלויז יעדע ביי זיך אין הארצן פוירשטעלן, ווי

עס איז אמאל געווען ביים טאטענס סדר. איר וועט זיך
יעדע דערמאנען די הייליקע צערעמאניע און איך וועל
ליינען די הגדה של פסח. ביי מיר אין סידורל איז זי
דא. איר וועט יעדע ביי זיך אין הארץ צינדן ליכט
און ווען איך וועל בענטשן איבער אכוס, ווי אין די
הגדה שטייט געשריבן, לעקט אייך איבער די ליפן און
זאגט "אמן"! סהאט קיין בעסערער סדר נישט געקענט
זיין. דאס איז געווען דער ערשטער ליל-שמורים אין
מיין לעבן, וואס וועט אויף אייביק בלייבן אין זיכרון.
ביז פרי האט געדוירט דער סדר, מוראהאבענדיק אז סוועט
אונדז, חלילה, געשטערט ווערן, האט די "אברעכטעריך"
פון סדר איבערהיפערט עטליכע פזמונים און געענדיקט
מיט "חסל סידור פסח כהלכתו" און ... לשנה הבאה
בירושלים!

זאל אונדז אלעמען ביישטיין דער זכות פון די
צדיקת מיט איר סידורל.

כִּי הִנֵּה אוֹיְבֶיךָ יֶהֱמָיוּן וּמְשַׂנְאֶיךָ נָשְׂאוּ רֹאשׁ:
עַל עַמְּךָ יַעֲרִימוּ סוֹד וְיִתְיָעֲצוּ עַל צְפוּנֶיךָ:
אָמְרוּ לְכוּ וְנַכְחִידֵם מִגּוֹי
וְלֹא יִזָּכֵר שֵׁם יִשְׂרָאֵל עוֹד:

תהילים פ״ג ג, ד ה.

מה נשתנה

דעם סדר וואס מיר האבן אנפגערעכט אין דעם
ארבעט'ס לאגער "גוטענברום" דורך בינעם אייזענבערג,
(דער זון פון הרב לייבל אייזנבערג) וועל איך קיינמאל
אין לעבן נישט פארגעסן, איך וועל זיך נישט אפשטעלן
אויף דעם געפאר און שווערעקייטן, וועלכע מיר האבן
אנגעטראפן ביים צוגרייטן די נויטיקע זאכן צו דער
סדר-שיסל, מיט וויפיל מי און סכנות נפשות האבן מיר
באוויזן צו באקן 3 מצות. דאס אלעס איז א קאפיטל פאר
זיך. איך וויל נאר דערציילן וועגן דער הגדה און נישט
וועגן די קניידלעך. פאר אונדז, וואס האבן שוין געלעבט
איבער א יאר צייט אין די לאגערן האט יעדעסווארט פון
דער הגדה געהאט א באזונדערע באדייטונג; הא לחמא עניא
די אכלו אבהתנא בארעא דמצרים, דאס ארימע ברויט וואס
ס'האבן געגעסן אונדזערע עלטערן אין מצרים, מיר האבן
זיך גארנישט געדארפן דערמאנען אין דער פארגאנגענהייט.
פאר אונז איז עס דאך דאמאלס געווען לחמא עניא, די
אקטועלסטע פראגע. אבער דער פסוק השתא עבדי, לשנה הבאה
בני חורין. היינט זענען מיר קנעכט און אין דעם נעכסטן
יאר פרייע מענטשן? האבן מיר געפילט אויף זיך אליין
און מיר האבן "געהאפט", אז מיר וועלן נאך זוכה זיין
אמאל צו זיין פרייע מענטשן. והיא שעמדה לאבותינו ולנו:
די הגדה פון יציאת מצרים האבן מיר געהערט יעדעס יאר,
אבער איך מוז זאגן, אז מיר האבן געהאט זער שוואכע
האפענונגען, אז ס'וועט נאך קומען א טאג, וואס מיר

וועלן אויך קענען דערציילן די הגדה פון יציאת (מן) מחנות המוות. בכל דור ודור עמדו עלינו לכלותנו; ריכטיק, אין יעדן דור האט מען אונדז געוואלט אומברענגען, אבער מיר זענען דאך דער דור, וואס האט אממיינסטן געליטן פון דער פארניכטונג פון אונדזער פאלק. ונצעק אל ה׳: מיר האבן טאקע געשריגן צו גאט - און געפרעגט: גאטעניו, ווו זענען אלע דיינע נסים ונפלאות? פארוואס שווייגסטו, גאט? ווען מען פארניכטעט דיין אויסדערוויילט פאלק! איך קען זיך אפשטעלן כמעט אויף יעדן פרק פון די הגדה און ערקלערן ווי אקטועל איז געווען פאר אונדז דאמאלסט דער אינהאלט פון דער דערציילונג פון יציאת מצרים, אבער איך וויל נישט צופיל אנרורן די ווונדן, אייך זאך מוז איך נאך בעצייכענען: דאס איז געווען דער ערשטער פסח נאכדעם ווי מען האט ליקווידירט דאס לאסקער געטא - און מיר האבן געוווסט, אז אונדזערע עלטערן, געשוויסטער און ברודער זיצן נישט מער ביים סדר און וועלן אויך שוין קיינמאל מער נישט זיצן צוזאמען מיט אונדז ביים סדר. דאן האט זיך ביי מיר ערוועקט דער געדאנק, אז ווען איך וועל זוכה זיין צו בויען א פאמיליען לעבן, וועל איך יעדעס מאל ביים סדר דערציילן מיינע קינדער די געשיכטע פון דעם שווערן לעבן אין די געטאס און אין די לאגערן; ווי אזוי עס האבן די נאצישע בעסטיעס פארניכטעט אונדזערע טייערסטע. יעדער פון אונדז דארפט אזוי טוען. דאס איז איינע פון אונדזערע אויפגאבן, נישט לאזן פארגעסן, וואס דאס נאצישע דייטשלאנד האט געטוען אונדזער פאלק.

דוד לערער

מחטשה טרויבה

געגאנגען איבער מאסן-קברים

סאיז פון מיין היים, מיין טאטענס הויז, אחוץ מיר קיינער נישט געבליבן. איך האב אפילו אטרער אויף זייער קבר נישט אויסגעוויינט. "כעלמנא" האט זיי איינגעשלינגען צוזאמען מיט אלע לאסקער קדושים אין טאג פון לאסקער מאסן-מארד י"א באלול 1942. צווישן די סעלעקטירטע 900 נאך לודז' געשיקטע, זענען אויך געווען מיינע שוועסטערן. זיי זענען אבער אין משך פון זייער צוואנגס-ארבעט געפאלן אין די לאגערן. ווי אזוי איך האב זיך ארויסגעדרייט פון דער טויטן-רייע, קען איך זיך ביז היינט נישט געבן אגענויען דין-וחשבון. כווייס נאר איינס: זייענדיק איינגעשפאנט אין שווערע "זאטלער ארבעט" אין "לעדער רעסארט", האב איך נאך זיך צייט גענומען און בעזוכט אין געהיים, דעם אזוי גערופענעם ציוניסטישן יוגענד פערבאנד אין לאדזער געטא, "חזית". די אספות און פעולות, יעדעס מאל אויף אצווייט ארט, איז געווען די איינציקע טרייסט, דאס איינציקע ליכט אין דעם פינסטערן לעבן. די איבערגעבענע חברים, וועלכע האבן זיך פשוט מקריב געווען פארן ציון-אידעאל ווי ד"ר לעמבערגערס אזון פון זדונסקא וואלא, בראנדל פויזנערזאן און אהרון יעקובסון. "חזית" איז געווען אחברים צוזאמענשטעל

פון אלע פארטייען, פון רעכטס און לינקס. אין געטא
זענען געפאלן אלע אמאליקע מחיצות צווישן אונדז.
סהאט אונדז פעראייניקט די שותפותדיקע גרויסע צרה.
אלע האבן געחלומט וואכענדיק וועגן ליכטיקע טעג,
וועגן זער אפשוטע זאך: ווי אזוי בלייבט מען לעבן
און זען די גרויסע היטלערס מפלה און פאר אלע ליידן,
נקמה !.

פראקטישע ענינים זענען אפט געווען אויפן טאג
ארדנונג, ווי "געגענזייטיקע הילף". נישט סתם
איינעם געבן צו עסן אדער העלפן אקראנקן געזונט
ווערן, נאך מער. סזענען געווען פאלן פון אפראטעווען
חברים אין דער תנועה, אראפנעמענדיק, אויסשטרייכענדיק
דורך פערשידענע מיטלען, פון "א רשימה". דאס איז
געווען זייער כשרע ארבעט פון אהרון יעקובסון און
בעז'יק לעמבערגער. ווער האט געקענט טראכטן וועגן
סאבאטשזש? מהאט אלעם ערשטענס געזארגט בישט "פערכאפט"
צו ווערן. אויך זענען געווען אין "חזית" מסיבות
און געפיירט אונדזערע יום טובים און ליטעראַרישע פויר-
לעזונגען. סקען זיין, אז די עלטערע חברים האבן
געפראוועט פלענער אויך וועגן אנדערע אונטערערדישע
ענינים. אונדז יונגע קינדער האבן זיי אזעלכע סודות
נישט אפגעלאדט, נישט אנגעטרוירט. גוט וואס דאס האט
עקזיסטירט און מהאט זיך אנגעהאלטן איינער אין
צווייטן, כאטש סזענען "פערשווונדן" געווארן...
זער אסאך חברים פון אונדזערע שורות, אזוי האט זיך
דערנענטערט דאס יאר 1944. דאס געטא איז אויסגעליידיקט

געווארן פון יידן און האבן אנגעפילט די גרובער פון דעם מאסן-מארד אין "כעלמנא".

דורך אגוטע געלעגנהייט איז מיין ברודער געברענקט געווארן פון איינעם פון די פוזנער ארבעטס לאגערן קיין לאדז׳. אין משך פון דער צייט זענען מיינע צוויי עלטערע שוועסטערן אוועקגעשיקט געווארן אין זייער לעצטן וועג... אין די גאסן האבן די דייטשן און די יידישע פאליציאנטן געכאפט יידן ווי אמאל די היצלעס הונט. איך בין געווען צוזאמען מיט מיין ברודער, אין איינעם פון די לערע הייזער אויפן 4-טן שטאק און דורכן פענצטער זיך איינגעקוקט און דאס אלעס געזען. ווען סהאט זיך סוף כל סוף אין גאס בערואיקט און די הענקער זענען פערשווינדן, זענען מיר געגאנגען זוכן אביסן ברויט. דא האבן מיר געטראפן יחזקאל און אהרן קעמפינסקי אין גאס. אברהם, האבן זיי געזאגט צו מיין ברודער, מזוכט דאך לעדער-ארבעטער, גיי שנעל און מעלד זיך דארט און דארט. ער איז טאקע געגאנגען. מיך האט ער דארט אהין נישט געקענט מיטנעמען. איך בין דעריבער געגאנגען צו מיינס אחברה פון דעם זאטלער רעסארט. דארט האב איך זיך דערוווסט וועגן דער לעצטער אויס-זידלונג פון דעם רעסארט מיטן מנהל. אויך האב איך געהערט, אז אויך רומקאווסקי און זיינע נאענטע העלפער זענען שוין אויפן וועג קיין אשוויץ. אויף די ווענט זענען געווען פובליצירט גרויסע פלאקאטן פון ביבאוון, אז סווערט געגעבן יעדן די גוטע געלעגנהייט מיט צו גיין מיטן יונדעלטסטן אויף אנייעם ארבעטס פלאץ אין

צעכאסלאוואקיע, און יעדער קען מיט זיך מיטנעמען
וואס ער וויל, און אויב וועט ווער זיך אויסבעהאלטן,
איז אחת דתו למות! מיין ברודער האט מיר געזאגט:
דו לאך זיך פון זיי אויס! גיי נישט! איך אבער,
האב זיך שוין יעצט נישט געהאט ווו אויסצובעהאלטן,
האב איך זיך פרייוולעק צוגעשטעלט און אוועקגעשיקט
געווארן קיין אשוויץ.

פון אשוויץ בין איך געשיקט געווארן קיין האמבורג.
דארט אין לאגער בין איך קראנק געווארן. געקריגן
שטארקע היץ. שפעטער האט זיך ארויסגעוויזן, אז איך
האב געהאט אשטארקע אנגינא. נאך דעם האב איך געקריגן
א אפצעס אויפן האלז. און דער דארטיקער דאקטער האט
זיך דערלויבט און מיך אפערירט. דאס האט מיר פערער-
גערט מיין מצב. אין אקורצע צייט האט מען אונדז
ווידער אוועקגעשיקט פון האמבורג קיין בערגן-בעלזן.
דא זענען אלע בעפרייט געווארן. איך אבער בין קראנק
געוועז און אלעמענס שמחה האט מיך כמעט נישט אָנגערירט.
ענדליך האבן זיך די ענגלענדער אנגעהויבן אויך צו
פעראינטערעסירן מיט די קראנקע. נאך אקליינע בעראטונג
בין איך אפגעשיקט געווארן מיט אשיפס טראנספארט מיט
קראנקע אין אשוועדישן שפיטאל. די שוועדן האבן די
קראנקע גוט אויפגענומען. נאך זער גרונדליכע
אונטערזוכונגען בין איך צוגעטרעטן צו אפלאסטישע
אפעראציע און בין פטור געווארן פון די לעצטע צרה.

ווער קען בעשרייבן די אלע גוטהארציקע אויפנאמען,
וועלכע זענען פאר אונדז יידישע מיידלעך געמאכט

געווארן דורך די שוועדן. איך וועל, דאכט זיך אין מיין גאנץ לעבן, דאס איידעלע פאלק קיינמאל נישט פערגעסן און גוט געדענקן, פאר זיירע גוטע מעשים אין די טראגישע טעג! סהאט זיך אונדז אויסגעוויזן אפאלק פון בלויז מלאכים! אפאלק וואס איז ספעציעל בעשאפן געווארן פאר אונדז אפצוראטעווען. אפילו אביסל צו שפעט זיך דערמאנט, אבער דאך געראטעוועט, אויגעקליידעט, אויסגעהיילט, געטרייסט און הארציק בעדינט. כוואלט דערוועגן טעג דערציילט אין די אוירן פון גאר דער וועלט. ווען דאס וואלט מיר ווער דערציילט וואלט איך נישט אומשטאנד געווען צו גלויבן. אויף מיינע אייגענע וווּנדן האב איך געפילט די ווארימע רחמים-הענט פון די שוועדישע מיידלעך און דאקטורים. אויף יעדן טריט האבן מיר, יידישע מיידלעך, געפילט ווי ווארימע אויגן קוקן אויף אונדז און מיט זארג בעגלייט ביזן ברעג פון אונדזער האפענונג. קינדער האבן אונדז בעשאנקן מיט מתנות. עלטערע מענטשן האבן יעדע בעזארגט מיט ארבעט און איינארדענונגען. ביז צו אפפארן קיין ארץ ישראל זענען מיר געגאנגען צו ארבעט אין "א פעלעפטיק היים" דארט האבן מיר פרייוויליק מיט אונדזער ארבעט דעם שוועדישן פאלק אפגעדינט. אין דעם אנשטאלט האב איך בעקומען דעם ערשטן בריוו פון יצחקן, מיין יעצטיקן מאן. אויף מיין שעף פון מוסד האט זיך געפרייט מיט מיין בריוו-שמחה. ער האט זיך אויך דער גוט אויס-געצייכנט מיט זיין סימפאטיע צו ארץ-ישראל.

דערווייל האט זיך די עליה קיין ארץ ישראל אנגעטראפן אויף גרויסע שוועריקייטן. "בעווען" האט

דענצמאל געהאט די דעה. און שיפן צו פארן איז נישט
געווען. נאך 6 וואכן ווארטן בין איך סוף-כל-סוף
אפגעפארן אויף אשיף קיין ארץ ישראל. די ענגעלענדער
האבן אונדז אויפן וועג פערהאלטן און איינגעזעצט אין
די קאפריסין לאגערן. וואס פארע פיירליכע יידישע
שמחות זענען דארט אין קאפריסין געווען, יעדן טאג
אחתונה, אין יעדן טאג נייעסן, וואס האבן אלעמען
דערפרייט. מיר האבן געפילט די שכנימשאפט פון ארץ
ישראל. געהאט ארץ ישראל שליחים, און טיירע און ליבע
געסט. יעדן טאג אצווייטער: בן-גוריון, הארצפעלד,
קולודני, גרינבוים, גאלדה, און ארטיסטן פון אלע
טעאטערן האבן אונדז געוויילט און פערשפרייט בטחון,
לעבענדיקייט און ברודערשאפט.

אלץ האט געלערנט עברית: מהאט געקענט הערן ווו
אין געצעלטן זיצן יינגע לייט מיט מיידלעך און מהאלט
אין איין אויסחזרן העברעאישע דעקלאנאציעס אויפן קול.
אני אתה הוא, אנחנו אתם הם... אני את היא, אנחנו
אתן הן... קאפריסין, טראץ די נישט בעקוועמלעכקייטן
און זייענדיק מכלומרש געפאנגענע אין ענגלישע הענט,
האט זיך געפילט אגרויסע פרייד אין הארץ, וויסענדיק,
אז מיר שטייען אין טויער פון ישראל. דער גרויסער
טאג איז טאקע געקומען. ישראל איז געווארן איידישע
מדינה! אלע "גלאָשניקעס" האבן גערופן צו אספות און
גרויסע פיירונגען. אויך די "הגנה" האט אויף יעדע
שמחה געהאט אגוטע האנט. צומארגענס האבן אלע זיך
אנגעהויבן צו צוגרייטן צום אפפאר קיין ישראל. אויך

איך בין געווען אויף דער רשימה, דעריבער בין איך
נישט דאסמאל געגאנגען הערן די נייעסן ווי כהאב דאס
געפלעקט טוען עטליכע מאל אין טאג. דאסמאל האט ראדיא
א"י מודיע געווען, אז יצחק טראובא איז ראנירט
געווארן און געשטארבן פון זיינע וואונדן. מיינע חברות
זענען צוריקגעקומען טרויעריקע און איך בין אלץ געווען
ביי מיין שטענדיקן הומאר. איך האב אבער עפיס דערפילט,
אז אלע זארגן זיך צופיל פאר מיר. סאיז מיר געווען
דער ענין זער אויפאלענד, אבער כהאב זיך דערפון גאר-
נישט געמאכט. מיט די שיף "קדמה" בין איך מיט די
גאנצע חברה אנגעקומען צום חיפה'ער פארט. קיינער האט
מיך נישט אפגעווארט. ווו איז יצחק? האב איך זיך
געטראכט. דערווייל האבן מיר זיך איינגעארדענט אין
אטאבוסן און מיך האט מען ארפגעלאזן אין בני ברק.
דאס איז געווען די איינציקע אדרעס וואס כהאב געהאט:
זליג בורנשטין, בני ברק רח' עקיבא 106. גייט גלייך
האט מען מיר געזאגט, ביז ארויף! טויט מיד, מיט
גרויסע געפעק, קוים וואס איך האב זיך געהאלטן אויף
די פוס, האב איך זיך דערשלעפט צו זעליג בארנשטיין.
פארן ארייננגאנג האב איך באגעגנט יחיאל און שרגא
נוימאן. זיי האבן מיך מיט גרויס גדולה מקבל פנים
געווען און אריינגעפירט צו זעליגן און חוהן. דער
טיש איז אין אויגנבליק געגרייט געווארן און זעץ זיך
צום עסן! און ווו איז יצחק? עס און טרינק! באלד
פירן מיר דיך צו יצחקן. וואס הייסט פירן? ווו איז
ער? מיט קורצע ווערטער פון אלע צוזאמען איז מיר

קלאר געוואָרן, אַז יצחק לעבט און געפונט זיך אין אַרטיקן בית הבראה "נוה הלל".

ביז כהאָב אים שוין זוכה געווען צו זען מיט מיינע אייגענע אויגן פון הונטן, קוקענדיק אַרויף, איז ביי מיר שיר נישט די נשמה אויסגעגאַנגען. און ענדליך אים געזען שטיים אָן בעוועגונג. ער איז נאָך געוועזן שוואַך. מיר ביידע אָבער זענען געווען גייסטיק שטאַרק און גליקלעך. ביי זעליגן אין שטוב האָבן מיר איינגעאָרדענט אחתונה, אַ פריילעכע חתונה און זיך געפרייט מיט אַלע חברים פון צער און ליידן, פערגאָסן די טיפע ווונדן מיט גרויסע גלעזער משקה. אונדזערע מחותנים און אונטערפירער חוה מיט זעליגן. אויך די געברודער נוימאַן און יוסף קופערט, זענען געווען פריילעך און גליקלעך ווי אמתע טאַטע-מאַמעס, ברודער און שוועסטער אויף אחתונה פון זיירע אייגענע קינדער.



דוד לערער

טאטא מיינער

ווענן דיר שרייבן איז מיר שווער,
באלד ווערן די ווערטער מיט טרערן פארגאסן...
דאס הארץ טוט וויי, טראכט זער,
דערציילן וואס איך האב פון דיר גענאסן.

ביזט נישט נאר אפאטער געווען:
אחבר, אפריינט אפעלז-שטיין אויך.
און אין דיר אפירער, אלערער געזען,
דערום טראג איך מיין קאפ אזוי הויך.

צום לערנען ליבע האסטו געפלאנצט,
מעגליכקייטן מיר דערצו געגעבן.
כאטש דער דלות אין שטוב געטאנצט
מיך "אמענטש" זען, געווען דיין שטרעבן.

אפאטער מיט לעבענס-לוסט גאנצע יארן,
אגוט-ווארט פאר יעדן - שטענדיק געהאט.
אבאזארגטן שכן מיט אעצה נישט שפארן,
אזמרל ביים "שאך", כאטש געהאלטן ביי "מאט".

כוועל איך לעבן קיינמאל פערגעסן -
די פריילליכע "זמירות" און אין ניגון
אלע צוזאמען ביים שבתדיקן עסן
מיט בטחון, מוועט אונדז נישט באזיגן.

אוועק די גוטע צייט, ליכטיקע טעג,
נישטו מער זמירות, דעם זינגער פארברענט...
נישט געבליבן קיין זכר, פערשוווּנדן די שטעג,
פון געזאנג און היים, אלץ פארלענט...

מאמע


מאמע, כווייס וואס איז מיט דיר געשען,
איך הער פון "כעלמנא" דיין לעצטע יללה...
כווייס, נאר אין חלום קען איך דיך זען,
און שעלטן די הענקער מיט אגרויסער קללה.

אמת, דיין קערפער האבן "זיי" פארברענט,
דיין נשמה אבער, האבן זיי נישט באזיגט.
דעם גוף בלויז - גערויבט פון מיינע הענט,
דער גייסט דיינער אין הארצן ביי מיר ליגט.

איך פיל דיך, מאמע, טאג און נאכט,
שבת, יום-טוב און אין יעדן טאג.
אין יעדן מאמענט, ווען איך טראכט
ווער איך פול מיט צער און פלאג.

איך טראג דעם ווייטוק אן-אויפהער,
יתומדיק, איינזאם ווי אשטיין.
טראפט און זידט אין מיר אטרער
נאך דיר, מיין מאמע, נאך דיר אליין.

אייך הארציקע, טאטא-מאמע מיינע,
אהייליגע שבועה ווען די ווערטער בלייבן:
ווען אייך ביידן, נשמות ריינע,
וועל איך אייביק טראכטן, מיט ליבע באשרייבן.



שמואל פרידמאן לאנדאן

אין דער לעצטער מינוט

אין מרץ 1939 בין גערופן געווארן צום פוילישן מיליטער און אדורכגעמאכט מיינע מיליטער איבונגען אין 28-סטן פולק אין קעמפנא, נישט ווייט פון דער דייטשער גרענעץ. אין ערשטן סעפטעמבער 1939 האט דער 28-סטער פולק בעקומען די ערשטע שטארקע צושפליטערונגס-קלעפ פון די דייטשן. אין אגרויסן אַנארדענונג האבן מיר געמאכט פליטה קיין לאדז' אויפן וועג קיין ווארשא.

פון ווארשא זענען מיר געשיקט געווארן צו די מזרח גרעניצן אום צוצוגרייטן נייע שוץ-גראבן.

דארט זענען געקומען די רוסן און אונדז ענטוואפנט. דער גרעסטערטייל פון פוילישן מיליטער איז געגאנגען אין געפענגעניש צו די רוסן. איך מיט מיינע לאסקער קאלעגן, ברוך בארטשינסקי, פייוויש פיאטרקאווסקי און חיימל שמולעוויטש, האבן זיך ארייננעכאפט אין שטאט קאוועל און דארט זיך אויסבעהאלטן, צוויי וואכן צייט, ביי איידישע פאמיליע. מיר האבן דארט געגעסן און געשלאפן, און הארציק בעדינט געווארן. נישט גענומען באצאלט דערפאר.

אין אגעוויסן טאג האבן די רוסן צוזאמענגעקליבן אלע ענטוואפנטע אפיצירן און פוילישע סאלדאטן פון דער

גאנצער געגנט, אלעמען אויפגעלאדנט אויף פראכט-וואגאנען און אוועקגעפירט אין אאונבעוווסטער ריכטונג.

אויף אפעלד האט זיך דער פראכט-צוג אפגעשטעלט און די רוסן האבן אויפן ארט אונדז סארטירט: אפיצירן בעזונדער און סאלדאטן בעזונדער. נאך דעם ספעקטאקל, האבן זיי די אפיצירן ווידער ארייגעזעצט אין די וואגאנען און זיי אוועקגעפירט, ווער ווייסט ווו אהין... מיר, פשוטער סאלדאטן, זענען אפגעשיקט געווארן אין ארבעטס לאגער ביי שעפאטאווקא.

עטליכע חדשים האבן מיר דארט שווער געארבעט ביי פערברייטערן אסאשע (כביש) קיין לעוואוו (לעמבערג). פון דארט האבן מיר זיך ארויסגעכאפט צו דער היים ריכטונג קיין לאסק. ביים איבערגיין דער פוילישער גרענעץ האבן מיר באגעגענט טויזענדער יידן, מיט האק און פאק, אנטלויפן פאר די דייטשן צו די רוסן. זיי האבן אונדז אויסגעלאכט און בעטראכט ווי משוגעים. "זיי גייען דעם מלאך-המות אין די הענט אריין"! האבן זיי געזאגט. דאס ערשטע וואס כהאב דערזען אויף דער דייטשער זייט איז געווען דעם "געלן באנד", וואס יעדער ייד האט געמוזט טראגן. באלד ווען כבין נאר געקומען אין לאסקער געטא, האב איך זיך גענומען בעפרייען פון דעם לייז-פלאג. די לייז האבן מיך געגעסן זייט עטליכע חדשים. פרימיט קארן האט מיך אפגערייניקט מיט ברען-ספירט, מיך אנגעטון מיט ריינע וועש און ריינע בגדים. כבין געווארן אנאנדערער מענטש. באלד בין איך גערופן געווארן צו דער ארבעט.

מיין ארבעט איז געווען עלעקטרא-טעכניק. כהאב בעקומען פון די דייטשן אבעשיינעגונג, אז כמעג זיך באוועגן אויך אין די "שפער" שעהן, און אזוי האב איך די גאנצע צייט געארבעט אין מיין פאך אויסער די געטא. כהאב נישט געהאט קיין ספעציעלע ענינים מיטן יודנראט, נאר בעקומען פון ארבעטס-אמט אנווייזונגען אויף ארבעט און יעדע וואך מיר אויסגעצאלט מיין ארבעטס לוין. אויך לייביש מאנדל און מיטעק קאנטעראוויטש האבן מיט מיר צוזאמען געארבעט פערשידענע עלעקטרא-טעכנישע ארבעטן ביי די דייטשע ארטיקע-שטאט-מאכט. אויך מיר, ביי די ריינע טעכנישע ארבעט, האבן געליטן פון קלעפ און בושות פון דייטשע פוס און קללות אויף יעדן טריט.

איינמאל שפעט ביי נאכט, איז אין דער גרויסער שול, וואס איז שוין אין יענער צייט געווען פערוואנדלט דורך די דייטשן אויף אפערד-שטאל, קאלע-געווארן דאס עלעקטרישע ליכט. איז געקומען אז״אנדאר מיט אבעשיינוגונג, אז כזאל תיכף גיין צורעכט-מאכן דאס עלעקטרישע ליכט. כבין געגאנגען. אויך דער ז״אנדאר האט מיר צוגעהאלפן שלעפן די שווערע לייטער און סאיז געווארן ליכטיק אין שול. דער ז״אנדאר האט מיר אלס דאנקבארקייט דערלאנגט אציגאר און אגוטן קאפע אויף יענעם ארט. אנדערש האבן זיי נישט געקענט. דאס איז געווען אדייטשע סיסטעמאטישע דערנידער-ונגס סיסטעם. ווי אונדז יידן קליין צו מאכן, אפש-וואכן, יעדן פון אונדז, צו-רויבן דעם מענטשליכן כבוד און מאכן אונדז גלייך צו-דער-ערד. יעדן טאג נייע גזרות פון השפלה ביז מיר זענען פשוט געווארן אומעכטיק

אטראכט צו טוען וועגן צלם אלוקים. וועגן אוועג צו
אנטלויפן, אדער זיך אויסבעהאלטן, מאכן אראדיא צו
קענען הערן די קריגס-נייעסן, האב איך מיט מיינע
ברודער איטשע און מאטיק בלויז גערעדט צעווישן זיך.
און נישט מער. איך האב אפילו איינמאל געבראכט פון
מיין קריסטליכן חבר יאניק גייזלער צוויי קריסטלעכע
מעטריקעס, און אפלאן ווו זיך אויסצובעהאלטן צווישן
קריסטן. סהאט אבער געפעלט דער מוט, דער כוח זיך
אפצושיידן פון אלע אונדזערע נאנטע און טייערע. מיר
האבן אויך געפרוווט מאטיקס צוויי קינדער ראטעווען,
ווילענדיק זיי איבערגעבן צו אזער בעקאנטע קריסטין
אין קאלומנא. זי האט קאטעגאריש געזאגט, ניין!
קריסטן, וועלכע האבן צענדליקער יארן געארבעט ביי
אונדזער פרידמאן משפחה אין קאלומנא. קיינער פון
זיי, אפילו דער לעשניצא ליסאק, וועלכער האט געוווינט
אפגעזונדערט אין טיפן וואלד, האט נישט געוואלט טוען
די לאבענס-געפעליקייט, אפראטעווען איידיש קינד.

אין דעם שווארצן טאג פון דער אויסזידלונג די
געטא-יידן פון לאסק, בין איך געווען ביי דער ארבעט
אויסער דער געטא. האב איך ביי דער ארבעט דערהערט,
אז מען שיסט אין געטא. כהאב שנעל געווארפן די ארבעט
און געלאפן אהיים. פון דערווייטנס האב איך דערזען
ווי מאסן-יידן זענען שוין געטריבן געווארן, געשטויסן,
און זיי געהאקט מיט די ביקסן-קאלבעס, געטריבן ווי
מען טרייבט בהמות, געשלאגן ווייבער מיט קינדער אויף
די הענט: "שנעלער יודן!" דערזענדיק דאס טראגישע-

בילד האב איך אוועקעווארפן מיין טאש מיט די טעכנישע כלים און זיך ארייַנגעשטיפט צווישן אלע גייענדע אין קירך ארייַן.

אין הארצן האב איך זיך געטראכט: בשום-אופן וועל איך זיך "זיי" נישט אונטערגעבן, און כוועל זיך נישט לאזן טויטן ווי זיי, די מערדער, ווילן עס.

זייענדיק אין דער קירכע זענען געגומען געווארן יינגע מענער זיי זאלן ברענגען וואסער און עסן, ברענגען צו קבורה די אויפן וועג דערשאסענע יידן. איך מיט וואוּטשע רייכבארט זענען מיר געגאנגען צום פלומפ אויף די טארגעווישקא און אריינגעטראגן אין קירך עטליכע עמער וואסער. ביים טראגן דאס וואסער האבן מיר בעשלאסן צו אנטלויפן, וואס וועט זיין, וועט זיין! איך האב אויך געפרוווט מיינע ברודער צו-רעדן זיי זאלן מיטגיין מיט אונדז. זיי זענען אבער געווען אזוי ערשיטערט און גייסטיק פערטומעט, אז זיי האבן בשום אופן נישט געוואלט הערן פון פרווון מאכן פליטה. מיר האבן ווייטער געטראגן וואסער און אויך געבראכט עסן ברויט מיט זופ פון דער קיך פאר די צום טויט פערמשפעטע יידן אין קירכע.

דארט האב איך ווידער גערעדט מיט מיין ברודער מאטיק, וועגן פליטה מאכן. איך קען נישט, האט ער געזאגט, דו אז דו קענסט, זאל גאט זיין מיט דיר! איטשע האט ווייטער וועגן מיינע פלענער נישט געוואלט הערן.

צו מארגנס פרי האב איך זיך גלייך געשטעלט נאענט צו דער קירך טיר. אויך וואוטשע רייכבארט איז געזעסן נעבן מיר. איך האב אים ווידער צוגערעט, אז מירביידע זאלן זיך אפטראגן פון דאנען. איך האב פאר ביידע קריסטליכע פאפירן, האב איך אים אין דער שטיל געזאגט, פאר וואס זאלן מיר נישט פרווון? צום סוף האבן מיר ווידער גענומען די ליידיקע עמערס אום צו ברענגען וואסער. זעענדיק, אז דער דייטשער שומר זעט אונדז נישט, האבן מיר איבערגעלאזט די עמער ביים פולמפ און דורך הויפן און פעלדער אנטרינען געווארן צו לייבעלע בארנשטיינס הויף און דארט זיך אויסבעהאלטן אויפן בוידעם. אגאנצע נאכט זענען מיר דארט געלעגן.
וואוטשע האט געפרווט געפונען אשטיקל בעהאלטענעם אוצר אין גארטן וואס זקן, זיין ברודער, האט דארט אויסבעהאלטן און נישט געפונען. האבן מיר זיך פון דארט אפגעטראגן מיט פחד פאר אדייטשן שכן, וואס האט אונדז דערהערט גיין אין גארטן.

אריבער געקלעטערט דורך עטליכע פלעטער און געלאפן צו גאבריאנצ'יקן, אקריסט, וועלכער האט געארבעט אין מאגיסטראט. געווען וואוטשעס אגוטער קאלעגע. ער האט אונדז אויסבעהאלטן אויפן בוידעם און געגעבן עסן. זיין פרוי האט אויך דערוועגן געוווסט. גאבריאנצ'יק האט אונדז געפרווט בעזארגן מיט געלט, אבער נישט מצליח געווען. ער האט אבער געבראכט 2 מעטריקעס,וואס זענען אין דעם קריטישן מאמענט טייערער געווען ווי גאלד, און געראטן מיר זאלן גיין אין פיאטרקאווער ריכטונג אין גענעראל גאווערנאמענט. דארט וועט ביידע לייכטער זיין צו פוגערירן אלס קריסטן.

צוויי נעכט האבן מיר זיך ביי דעם קריסטליכן "צדיק" אויסבעהאלטן. פון די "גלינעוויקעס" האבן זיך דערטראגן צו אונדז וויי-געשרייען און אשרעק-ליכער רעש פון די 900 יידן, וועלכע זענען אין יענעם טאג נאך דער סעלעקציע אין קירך, פערמשפט געווארן צו נאך-שווערע-ארבעט אין לאדז'ער געטא און אויף אזיכערן טויט, שפעטער. גאבריאנצ'יק האט אונדז אינפארמירט וועגן דעם אלעם און געראטן, מיר זאלן אויך אים נעמען אין בעטראכט מיט זיין משפחה און ווי סוועט נאר טונקל ווערן זאלן מיר דורך די פעלדער זיך לאזן אין וועג-ארייך צו פיאטרקווו. אויפן וועג האבן מיר געבענטשט ביי קריסטן, וועלכע האבן דער-שמעקט, אז מיר זענען יידן. זיי האבן ביי אונדז ארויס-געגנבעט פון די טאשן וואס סאיז נאר געווען: ארעזיר מאשינדל, אפעדער און אנדערע קלייניקייטן. מיר האבן זיך דערפון גאר נישט געמאכט. נאך אלאנגן מארשרוט דארך פעלדער-וועגן זענען מיר ענדלעך אנגעקומען צו דער גרענעץ פון דעם גענעראל-גווערנאמענט, צו אקליין גרענעץ טייכל. מהאט מער נישט געדארפן ווי אדורך גיין דאס קליינע וואסערל. דאס דארף אויף דער צווייטער זייט האט שוין אנגעהערט צום גליקליכן טייל פון דעם נאצישן גיהינום. כהאב קיינמאל נישט געגלויבט אין נסים ונפלאות; און דא איז פלוצלינג אנגעלאפן אקריסטין און שטארק געווארנט, מיר זאלן זיך שנעל אויסבעהאלטן צווישן די קרזאקעס, ווייל אדייטשער פאטראל דערנענטערט זיך צו דעם ארט. געווען איז עס נאר "אמלאך"! די קריסטין איז פערשווינדן, און דער דייטשער גרענעץ

פאטראל פון 5 סאלדאטן מיט אהונט האבן אדורכמאשירט
אין דער רעכטער ריכטונג פון טייכל. אפוואַרטנדיק
אגעוויסע צייט פון זייער פערשווינדונג, זענען מיר
אריבער דאס וואסערל. פאר אפאר דייטשע מארק האבן מיר
זיך אין דארף אנגעגעסן און געזוכט מיט אלע חושים
עפיס אפערבינדונג מיט קריסטן. אזוי זוכענדיק זענען
מיר דערגאנגען ביז פיאטרעקאוו און דא האבן מיר
געהאט אנייעם סופריז. מיר קוקן זיך אום און מיר
דערזען אגוטן בעקאנטן היינצל, סקיבינסקיס איידעם
פון לאסק. אליין אפאלקסדייטש, אבער נישט מיט געארבעט
מיט דער געסטאפא. און טאקע צוליב דעם פערלאזט
בעצייטענס לאסק. מיר האבן דאס געוווסט. וואוטשע
האט זיך מיט אים פשוט צעקושט און אים דערציילט די
"מעשה", אז וואוטשע איז שוין מער נישט וואוטשע
נאר "יאנוש" און איך בין נאך "אגרעסערער גוי" פאר
אים. היינצל האט גוט פערשטאנען, צו וועלכן צוועק מיר
זוכן עס. ער האט אונדז געראטן, אז מיר זאלן זיך
ווענדן צו אגלח, וועלכער איז געשטאנען אין דער שפיץ
פון אפוילישע מחתרת. היינצל האט אונדז פוירגעשטעלט
פארן גלח, און מיר האבן ביי אים געבעטן פאפירן אלס
קריסטן. אויסגעהארכט די בקשה האט ער מער נישט
געפרעגט, נאר ווי אלט מיר זענען? דער גלח האט
אונדז ביידן געגעבן נעמען פון צוויי יונגע קריסטן,
ערמארדעטע דארך די דייטשן, און די קירך-לייט האבן
זיי נישט רעגיסטרירט אלס טויטע. מיר האבן פון אים
בעקומען דייטלעך אויפגעשריבן די נייע טאטא מאמעס

נעמען, מיר האבן דאס געדארפן קענען גוט פון אויסע-ווייניק. מיט דעם פזמון זענען מיר געגאנגען אין פיאטרקאווער מאגיסטראט און ארויסגענומען די צוויי קריסטלעכע „טויטע״ מעטריקעס. גלייכצייטיק האט דער גלח מיט זיינע צוהעלפער אויך צוגעגרייט פאר אונדז צוויי פעסער, לויט אלע פוירשריפטן, אבער זער אונגעלומפערטע. אבלינדער האט געקענט דערקענען, אז דאס איז "געמאכט" געווארן דורך אשלעכטן בעל-מלאכה, אבער "עפיס" אין האנט האבן מיר דאך שוין געהאט, ממש קריסטן פון אבות אבותינו...

צוויי טעג האבן מיר פערבראכט אין פיאטרקאוו, זיך אויפגעהאלטן ביי היינצלן אין צימער. די נייע נעמען, אמתא קריסטלעכע נעמען, האבן אונדז געגעבן בטחון און גלויבן אין צוויי ריכטונגען: א) דער האפענונג צום לעבן-בלייבן פון ביידן האט געמאכט אאויסערגעווענדליכן פארטשריט. ב) מיר האבן זיך איבערצייקט, אז "סזענען נאך פערהאנען מענטשן מיט ארײנעם געוויסן" צווישן דער פוילישער בעפעלקערונג: אזעלכע ווי גאבריאנצ׳יק, היינצל און דער פיאטרקאווער גלח מיט זיינע העלפער. מיט גרויס כבוד טראג איך זיי אין מיין זכרון; מיט די העכסטע געפילן פון דאנק-בארקייט דערמאן איך און וזאוטשע די אויבנדערמאנטע נעמען צווישן אונדזערע ליבסטע און נאנסטע.

מיין נאמען איז פון יעצט אן "יודעף סמוגא". היינצל האט אונדז געגעבן אנאדרעס פון זיינס אקאלעגא אין שטעטל סולעיעוו, וואס האט דארט געארבעט אלס

בעאמטער אין דער דארטיקער פוילישע געמינא כדי צו בעקומען "אקען-קארטע". (דער איז שפעטער דערשאסן געווארן). ער האט אונדז גוט אויפגענומען אבער טוען עפיס, האט ער געזאגט, קאן ער צום באדוירן נישט. ווייל ער געפונט זיך אינטער אשטרענגע אויפזיכט פון דער געסטאפא. ער האט אונדז געגעבן אנייעם אדרעס צו אפוילישׂ מיידל. דאס מיידל האט גלייך פערשטאנען דעם גאנצן ענין. געוווסט, אז מיר זענען יעקב אבינוס אייניקלעך. ביידן אהיימגעבעטן צו אירע עלטערן,אונדז פוירגעשטעלט אלס פוילישע אפיצירן, וועלכע מוזן זיך אויסבעהאלטן פאר די דייטשן. צוויי טעג זענען מיר געווען ביי דעם מיידלס עלטערן און זי האט אונדז בעזארגט די איינארדענונג פון "קען-קארטן" דורך אירע חברים. נאך צו פויר, איידער מיר האבן זוכה געווען צו בעקומען די נויטווענדיקע "קען קארטן" האבן מיר געמוזט פארן עטליכע מאל פון סולעיעוו קיין פיאטרקאוו און צוריק. דאס אויבן דערמאנטע מיידל האט אונדז איינגעארדענט ביי אקריסט, אווירט-שאפטלער, אונדז פוירגעשטעלט אלס פוילישע אפיצירן פון ווארשא, וועלכע מוזן זיך דא אויסבעהאלטן ביי אים אקורצע צייט. ער האט אונדז גוט בעהאנדעלט און מער נישט געפרעגט קיין קשיות. איינמאל האבן מיר פערשפעטיקט דער באן קיין פיאטרקאוו. זענען מיר געגאנגען צו פוס. נישט ווייט פון שטאט האבן מיר דערפילט, אז מיר זענען אין קלעם פון עס-עס באפער. עס-עס מענער, אויף ראווערן, זענען פערביי געפארן און אונדז נישט באמערקט. נאך זיי איז אגבעקומען

אצווייטע גרופא פאלקס-דייטשן מיט איין עס-עס מאן.
דא האבן מיר געטראכט איז אונדזער סוף. האלט! קום
מאל אריבער!

זיי האבן אונדז גענומען אויפן צימבל און געשטעלט
פראגן, געבודקט אונדזערע "פעסער". איינער פון זיי
האט געטענהט, אז מיר זענען יידן און גערעט צו אונדז
יידיש. מיר האבן געענטפערט, אז מיר פערשטייען אים
נישט וואס ער רעדט. און ער דאס זייניקע, איר זענט
יודן! דעם עס-עס איז געווען דער עניין לאנגווייליק.
וואס איז לאז? פרעגט ער, זאגט אים איינער פון די
פאלקס דייטשן, אז דאס זענען יידן און זיי טענהנען
דאס זיי זענען קריסטן. אויך אונדזערע "פעסער"
האבן זיי נישט געפאלן אבער דער "יעקא" האט אויס-
גערופן: אבער דער שטעמפל שטימט דאך גענאו! מאכט
מאל לאז! מער האבן מיר נישט געדארפן. קומענדיק
נאענט צו פיאטרקאוו האבן מיר זיך דערוווסט, אז איך
דערזעלבער נאכט זענען אויסגעזידלט געווארן אלע יידן
פון דער פיאטרקאווער געטא...

די גאסן זענען געווען פערגאסן מיט יידיש בלוט
און איסגעפלאסטערט מיט טויט-דערשאסענע יידן. מיר
האבן זיך טויט-ציטערדיקע ארויסגעטראגן פון שטאט
און זיך געלאזט איין אדארף צו די געברודער מיכאלאוויטש.
אייך נאכט האבן מיר דארט גענעכטיקט. באלד אין דערפרי
זענען די מלאכי-חבלה געקומען זיי נעמען. מיך און
וואוטשען האבן זיי ארויסגעשיקט, אנקוקענדיק די
פעסער. און די געברודער מיכאלאוויטש גענומען מיט זיך.

מיר האבן בעשלאסן צוריק-פארן קיין פשיגלווועק, וויו מיר האבן ביז די לעצטע צייט געוווינט. קומענדיק אויף דער באן-סטאציע זענען געשטאנען "אנגעפאקטע פראכט וואגאנען" מיט יידן. אין דעם אויגנבליק איז אונדז אקעגן געקומען א ייד און זיך געוואנדן צו אונדז: שנעל טראגט זיך אפ פון דאנען! ווייל די דייטשן קענען אייך בעטראכטן אלץ האנטלאפענע יידן פון דער עקספא-דיציע. מיר האבן טאקע געמאכט פוס. זיך אומגעקערט קיין פיאטרקאוו, נישט געפונען. לע"ע פאר זיך אנאויס-וועג ארויס צו בעקומען פון דעם בלוט-קרייז. צום סוף האבן מיר זיך אויסבעהאלטן עטליכע טעג אין אנאנטן וואלד פון פשיגלווועק. דער בעל אכסניה האט אונדז דערציילט וועגן די גוטע מעשים פון די דייטשן: "גז"ד! אויסגערייניקט די געגענט פון יידן! מ'פרעגעלט זיי שוין אודאי אין די ספעציעלע אויוועגס! און האט אונטערגעשטראכן, אז די ארטיקע פוילישע בעפעלקערונג, כעזונדער די יינגע חבריה, האבן בעוויזן ממש וווגדער, ווו צוגעפונען אין טיף-געגראבענע בונקערס אלע בעהאלטענע יידן."

<u>מיך שיידן זיך</u>

וואווטשע האט דורך קארעספאנדענץ בעקומען ארבעט נישט ווייט ביי דער רוסישער דעמאלדיקע גרענעץ אלץ בעאמטער. און איך בין געבליבן אין פשיגלווועק אפווארטן צו בעקומען די ערווארטיטע "קען-קארטן". יעדן טאג בין איך געגאנגען אין די געמינא פרעגן וועגן זיי, און יעדן טאג בעקומען אייבע און די זעלבע תשובה:

זיי זענען נאך נישט צוריק געקומען! דער בעאמטער האט מיך געראטן: גיב דו אליין אָפּאַרצו קיין פּיאטרקאוו, לויט דעם אדרעס, וועגד זיך צום דארטיקן אמט, צייג דיין מעטריקא, וועסטו בעקומען דיין "קען-קארטע" און אויך פאר דיין קאלעגא. דאס איז גלייך געווען, ווי גיין אַליין אין מויל אריין. די אדרעס איז געווען: אאפּטיילונג פון דער געהיים פאליציי. אבער איך בין מיט טויט שרעק און בעגאסן מיט אפחד שווייס דרייסט אריין און געבעטן די קארטן. דער בעאמטער האט מיך ארגע בעטראכט, געפרעגט מיין נאמען און אויסגעפונען אויך וואוטשעס קארטע. נעם אלע! האט ער מיר געזאגט, דו ביסט דאך אדארטיקער. באלד האב איך גענומען מיין "קען-קארטע" אין טאש און וואוטשען האב איך דורך פאסט געשיקט זיין קארטע לויטן בעשטימטן אדרעס. ער האט זיך שוין געהאט איינגעארדענט מיט ארבעט אין דער האלץ פאבריק פאר עראפּלאנען, אלס בעאמטער. מיר האבן זיך אדורכגעשריבן לויט אפגערעט געהיימע שריפט שפראך.

כבין אליין געבליבן

איך צווייען איז תמיד געווען לייכטער. אלץ איז געווען בשותפות: דער שטענדיקער פחד פערכאפּט און געהארגט צו ווערן, דאס ארומקוקן זיך מיט 4 אויגן צעווישן אזוי פיל חיות רעות, אום נישט פערצוקט צו ווערן אין אַים פון שנאה און בלוט-דארשטיקע, צווילדע-ווער רוצחים, זענען צוויי מיילער צו רעדן אין פיר אויגן, צוויי שטארקע ווילנס לעבן צו בלייבן, געווען אבוח.

אונדזער חברישאפט האט געטויגט ווונדער און נסים אין אלע שלעכטע פערלעגנהייטן און אין קריטישע מאמענטן. פלוצלינג בין איך געבליבן אליין!...

די גרעסטע און טראגישטע פראגע איז געשטאנען פאר אונדז ביידע, לאזנדיק זיך אפן וועג פון אויסבעהאלטן זיך אלס "קריסטן", פערשטיקן אין הארץ דעם ייד, טאטע-מאמע און אזוי פיל געפלאגטע יידן-מאסן, ווי טוט מען דאס? "אנוסים" איז געווען די תשובה.

אבער דווי אזוי בעהאלט מען אויס אונדזער פער-הייליקטן "פאלקס צייכן", וואס מיר טראגן אלס בני ברית? נאך שטארקער זענען מיר בעזארגט געווארן, זעענדיק אזא גרויזאמען און טראגישן אקט, ווי עס-עס מענער האבן געמאכט אזא "נאציאנאל-היגיענישע" אינטערזוכונג אונטערן פרייען הימל, אין די אויגן פון פרויען און קינדער. אראפגעצויגן די הויזן ביי אגרופא ארבעטער און יעדן "בן-ברית" צעווישן זיי אפן ארט דערשאסן. מיר האבן געזוכט מיטלען און געניצט ספעציעלע "טובעס" קליי, וועלכע האבן אונדז פערשאפט שרעקליכע ווייטוגנען. דאס אלס האט זער ווייניק געהאלפן. אגאמעלע פון אפארצעלאנעם פלעשל-פראפן איז געווען דער גואל פון דער פערלעגנהייט. מיר האבן דעם עלאסטישן אינסטרומענט שטענדיק געטראגן און אים געפאסט, אז ער זאל שטענדיק דינען די פונקציע פון אראפציען די אויבער-הויט פונקט ווי עס איז ביי קריסטלעכע מענער...

בעפויר יעדע אינטערזוכונג, וואס מיר האבן זיך

געמוזט נאקעט אויסטועז, האבן מיר דעם „אינסטרומענט"
בעצייטנס אויסבעהאלטן. פחד, טויט-שרעק און הארצ-
קלאפעניש האט אונדז קיינמאל נישט געפעלט.

בעגאנגען אויף ארבעט

סהאבן זיך ביי מיר אויסגעלאזט אלע געלטער און בין
געבליבן אנע מיטלען צו קענען בעצאלן פאר דעם צימער
און עסן דעם קריסט, ער האט מיך שוין אציינט געשפייזט
אומזיסט. הײנצל און זיין קוזין אין פיאטרקאוו האבן
מיר געוואלט ווייטער העלפן מיט וואס זיי נאר קענען.

איך האב אבער בעשלאסן פרייוויליג זיך פערשרייבן
אויף ארבעט, נישט קיין דייטשלאנד, נאר קיין עסטרייך,
"בלודענס",אקליין שטעטל אויף דער עסטרייך-שווייצארישע
גרענעץ. די כוונה מיינע איז געווען קלאר. "בלודענס"
און "ברעגענס" איז איין שטאט אין די גרענעץ שנייט
דאס שטעטל אויף צווייען.

אלס עלעקטרא טעכניק בין איך באלד אויפגענומען
געווארן. בעקומען אברויט מיט אפלאש בראנפן און אקילו
צוקער. מיינע גוטע שטיוול און הויזן האב איך פערטוישט
אויף טרעפעס און ארבעטס-הויזן ביי הײנצלס קוזין אין
פיאטרקאוו. (גוטע מענטשן געווען, אמתע יידן פריינט).

מיטן ארבעטס טראנספארט בין איך אין טשענסטכאוו
געשטעלט געווארן פאר אגעזונדהייטס קאמיסיע. צען מאן
צוזאמען זענען מיר אונטערזוכט געווארן אין אגרויס
צימער. בשעת דער אינטערזוכונג האב איך געהערט ווי
אקריסט דערציילט דעם צווייטן: צוויי יידן זענען

אויפן הויף דערשאסן געווארן. מהאט זיי דערשנאפט!.
שטעלט זיך פויר מיין מצב-רוח! איך האב זיך געשטעלט
אין דער רייע. צוויי דאקטוירים, וועלכע האבן אונדז
געבודיקט האבן זייר בליק געווארפן אויף "יענעם ארט"
און גלייך פריי געלאזן. אראפ אשטיין פון הארץ! אין
ווארטע-זאל, בעפויר דער דערמאָנטע "רפואהשע אינטער-
זוכונג", האב איך געפרוווט מיין גורל: אוורובעל
איז אריין אין צימער דורכן אפענעם לופטשיק. אלע ווי
איינער האבן זיך גענומען יאגן צו כאפן דאס ארימע
פייגעלע. איך האב צו זיך אין הארצן געזאגט: דער
גורל פון פייגעלע און פון מיר זענען יעצט ענדליך
טראגיש. אויב דאס פייגעלע וועט זיך באפרייען פון
די ווילדע-כאפערס-הענט, וועט אויך מיט מיר אזוי
זיין! אין דעם אויגנבליק איז דאס פייגעלע ארויס
דורך אקליין שפאלט ביים פענסטער. סאיז מיר לייכט
געווארן אויף די נשמה. דער בטחון איז ביי מיר
געשטיגן, און געטראכט: אגוטער סימן!

<u>סטאלינגראד מפלה</u>

כשר וישר, ווי אאמתר פאלאק, האב איך איינגעשטיגן
מיט אלעמען צוזאמען אין דעם טראנספארט-צוג. איך טו
אקוק און דערזע צווישן די ארבעטער אפרוי, וועלכע
כפלעג אפט טרעפן ביי מיין מומען סאלא אין פיאטרקאוו.
אויך זי פָארט אויף צוואנגס ארבעט. וואס טוסטו דא?
פרעגט זי מיך, איך וועל דיך נישט אויסגעבן, און
ווי רופסטו זיך? איך האב איר געזאגט מיין ערשטן
נאמען: "יוזעף", און אויך זי פארט קיין "בלודענס".

סאיז מיר ווידער שווער געווארן אויפן הארץ.
וואס טוט מען יעצט? איינס בין איך געווען זיכער,
כטאר זיך נישט אנטרויען די נייע סוד-האלטערין. איך
בין ווידער אין סכנה, און מיין בטחון געפיל פאלט.

אזוי זענען מיר צוזאמען געפארן ביז ווין. אין
דעם טאג איז ווין געווען אין טרויער. "סטאלינגראד"
איז צוריק גענומען געווארן דורך די רוסן און די
דייטשן האבן דארט געכאפט אגרויסע מפלה.

אלע דייטשן אין ווין זענען געווען אויפגערעגט,
און זייער שלעכטן הומאר אויסגעדריקט מיט שלאגן און
שעלטן יעדן איינעם פון אונדז.

אויף דער באן סטאציע אין ווין איז אויף דער
נענסטער באן-ליניע אויך געשטאנען אטראנספארט מיט
ארבעטער. איך האב זיך צוגעריקט און געכאפט אגעשפרעך
מיט עטליכע ארבעטער און זיך גוט איינגעקוקט, צו עס
זענען נישט אמאל ווידער דא בעקאנטע געזיכטער.

סאיז געגעבן געווארן אסיגנאל, אז מיין טראנספארט
פארט שוין אפ. די בעקאנטע קריסטן האט מיך גערופן,
אז כזאל וואס שנעלער ארייך אין וואגאן. כבין טאקע
ארייך. אזוי ווי די באן האט זיך גערירט, בין איך
דורך דער צווייטער טיר ארפגעשפרונגען, און פטור
געווארן פון מיין "סוד-האלטערין".

איך האב זיך גלייך צוגערוקט צום צווייטן טראנס-
פארט, זיי דערציילט מיין גרויס "עגמת-נפש", אז מיט
איין מינוט האב איך פארשפעטיקט צו מיין טראנספארט.

איך האב זיך ביי זיי געבעטן מיך ארייננעמען אין זייער חברה. סאיז נישט מעגליך, האבן זיי אלע צוזאמען געזאגט, מקען נישט, סאיז פארהאנען ארעגיסטראציע, אליסטע. "דאס פייגעלע" האט זיי איבערצייקט און דער גרופא-פירער האט "יוזעף סמוגע" פערשריבן אין דער ליסטע.

אין "שטייער" לאגער

מיר זענען איינגעארדענט געווארן אין דעם גרויסן ארבעטס לאגער ביי דער גרויסער "שטייער" פאבריק. 15 טויזענד פוילישע ארבעטער מיט יוזעף סמוגא צווישן זיי האבן דארט געארבעט און געווען גרופירט אין ספעציעלע באראקן. איך אלס עלעקטרא טעכניק בין צוגע-טיילט געווארן צו דער עלעקטרא טעכנישער אבטיילונג. אין אנפאנג איז מיר געווען גענוג שווער זיך איינ-צופאסן צו דער פינקטלעכער פלאן-ארבעט. אבער אין אזער קורצע צייט בין איך געווארן אגאנצער ידען אין דעם פאך.

די מייסטער האבן אמאל צווישן זיך גערעדט אין מיין געגנווארט: דער "פוילער" קען נישט לעזן דייטש און דאך פירט ער אויס מיט דער גרעסטער פינקט-ליכקייט די ארבעט ווי סאיז אין פלאן געצייכנט.

אזוי האב איך געארבעט טעג און חדשים.

ווען די דייטשע מייסטערס זענען מאבליזירט געווארן צום פראנט בין איך געווארן אשטיקל ארבעטס אויפזער. און שטענדיק בעטראכט וועגן גורל פון מיין

חבר וואווטשע רייכבארט. מיר האבן זיך אלאנגע צייט אדורכגעשריבן. ליידער איז וואווטשן נישט געגאנגען אזוי גוט. אויף זיין ארבעטס-פלאץ האבן די פאלאקן דערשמעקט אז ער איז א̲ייד. פלעגן זיי אים ארייגלייגן שטעק-ברייוו אין זיין ארבעטס-טיש מיט פערשידענע דרויאונגער: "ייד, טראג זיך אפ פון דאנען! מיר וועלן דיך איבערגעבן צו דער געסטאפא! ער האט געהאט זיין "קען-קארטע" און מיט "אלעמען" געווען אכשרער קריסט. צום סוף האבן די פאלאקן אים איבער-געגעבן דער געהיים פאליציי. די פאליציי האט אבער אים גלייך נישט פערהאפטעט. ביי אים צוגענומען די "קען-קארטע" און נאכגעפארשט וועגן זיין פערגאנגענ-הייט.

וואווטשע האט שוין נישט געווארט אויף נסים און זיך בעצייטענס אפגעטראגן פון זיין אמט ארט. ער האט זיך ביי די ערשטע געלעגנהייט ארויפגעכאפט אויף אטראנספארט-באן מיט פולישע ארבעטער, וועלכע זענען אפגעשיקט געווארן אין די קוילן גראבן. אזוי איז איינטערגעריסן געווארן אונדזער קארעספאנדענץ און מער האבן מיר זיך שוין נישט אדורכגעשריבן און נישט מער געהערט איינער פון צווייטן ביז צו דער באפרייאונג. די סיבה איז מיר פערשטענדלעך געווארן דורך זיין לעצטע דעפעשע צו מיר: "מיט געזונד פיל איך זיך דער שלאכט!"...

טראץ דעם גוטן פאסטן מיינעם, אלס פויר-מאן, מנהל עבודה, און האבן צו-עסן צו זאט, האט מיך אנגעכאפט

דער "אמאליקער פחד", אז מוועט "נעמען וואַזדשען" וועלן זיי דאך אויך מיך אויסגעפונען. האב איך אויפ-דאסניי גענומען זוכן אַנייַ ארט ווו זיך אויסצובעהאלטן.

איך האב זיך דורך דער צייט בעקענט מיט אַנעס-טרייכער פאמיליע, אַנאַלט פאר-פאלק מיט אשנור, וואס איר מאן האט זיך געפונען אין ענגלאנד אלס געפאנגענער.

ביי זיי האב איך זיך אויסבעהאלטן צוויי וואכן. זיי האבן מיך גוט בעהאנדלט און איך האב זיי דערפאר געגעבן עסנווארג וואס איך האב געהאט גענוג.

אין שטייער פאבריק האט עס געהייסן, אז איך בין אויף "ליניען ארבעט". כבין אפט געשיקט געווארן צורעכטמאכן טעלעפאן-קאבלן, נאך שטארקע ענגליש-אמעריקאנישע באמבעדירונגען. דורך פערשידענע אופנס האב איך זיך דערוווסט, אז מען זוכט מיך נישט דורך דער געסטאפא. דאן האב איך בעשלאסן זיך אומצוקערן צו מיין שטענדיקע ארבעט, אין דער פאבריק. ווייטער געארבעט ווי אמאל.

אין יאר 1944 האבן זיך ביי אונדז אנגעהויבן ווייזן נייע געקומענע ארבעטער פון פערשידענע לאגערן, וועלכע זענען לעקווידירט געווארן דורך די דייטשן צוליב דער רוסישער אפענסיווע פון מזרח זייט. האט מיך ווידער אנגעכאפט אנייער טויט-שרעק. ווער ווייסט וואס פארע נייע "צרות" וועלן זיי ברענגען מיט זיך פאר דעם אנוס "יוזעף סמוגא"? האב איך יעדן טאג זיך אוועקגעזעצט ביי דער קיך אין אַ ווינקעל און גוט

אבסערווירט יעדענס ניי פרצוף. איינמאל דערזע איך דעם לאסקער היצעלס צוויי זון: דאניאל און אנטעק שטייען אין-די-ריי צו נעמען מיטאג. (מיינע אמאליקע פוילישע חברים, צוזאמען זיך געשפילט און פערברענקט ביי זיי אין שטוב, פונקט ווו ביי זיך אינדערהיים). אבער וואס טוט מען? צו מארגענס פארן מיטאג זע איך זיי ווידער, ביידע ברודער גייען צו דער קיך. איך האב זיך אנגענומען מיט כוח פון מיין זיידן און עלטער זיידן און בין זיי אקעגן געגאנגען מיטן רוף: אנטעק! זאגט ער, יא! דניאל! זאגט ער, יא! און ווער ביסטו? פרעגן זיי. איך בין "יוזעף סמוגא", מיין פאטער איז געוועזן דער סערז'אנט, מיר האבן געווינט אויף די זאיאנצ'קעס! אהא! דאס ביסטו יוזעף סמוגא! מיר האבן זיך ארומגעכאפט ווי אלטע גוטע ברודער. געזען האב איך, אז דניאל איז נישט אזוי זיכער מיט יוזעף סמוגא... איך אבער האב ווייטער געצויגן מיין שמחה-טאן פון דער פיירליכער באגעגעניש. און אנטעק, אשטארק צופרידענער, האט גענומען עדות זאגן, אז ער געדענקט טאקע פון די זאיאנצ'קעס דעם סערז'ענט סמוגא!

איך האב זיי דערציילט און ארויסגעוויזן גרויס בקיאות פון זייער טאטן דעם היצעל, זייער שוועסטער. דארפט מען דען נאך אבעסערע עדות? איך בין נאך שטארקער געווארן מיט זיך. יוז'ע סמוגא איז געוואקסן אין דער הויך און אין דער ברייט.

אין 45-סטן יאר, נאך דער בעפרייאונג, האב איך איינעם פון זיי געטראפן אין לאסק. זאגט ער צו מיר:

"ד'האסט זיך פוירגעשטעלט יוזעף סמוגא,ביסטו געווען יוזעף סמוגא, כהאב אבער די גאנצע צייט געלעבט אין ספק צו דאס איז אמת. איך האב אבער איין מינוט נישט געטראכט דיך צו ברענגען אין פערלעגענהייט, אדער דיך, חלילה, אויסגעבן צו די דייטשן".

סוף-סוף איז געקומען דער טאג פון בעפרייאונג, דער 5-ער מאי 1945.

בעפרייט און געפאנגען

שטייער האט זיך געטיילט דורכן טייך אויף צווי טיילן. מיר האבן זיך געפונען אויף דער אמריקאנער זייט און אויף דער צווייטער זייט די רוסן. כווייס נישט ביז היינט, פאר וואס די אמעריקאנער האבן זיך צו די פאלאקן אזוי שלעכט בעצויגן. אלע ארבעטער פון אלע נאציאנען פון דעם לאגער זענען גלייך בעפרייט געווארן אויך די דייטשן זענען פריי געלאזט געווארן, און אונדז פאלאקן האבן זיי אויפדאסנייי פערשלאסן אין לאגער און נישט דערלויבט זיך פריי צובעוועגן. פשוט, אוועק געשטעלט סאלדאטן מיט געווער און אונדז אפגע-היטן ווי ארעסטאנטן אדער פערברעכער. סאיז געקומען צו גרויסע סקאנדאלן ביז די אמעריקאנער האבן מסכים געווען געבן 50 ערלויבענישן אטאג צו גיין אין שטאט ארייך. געגאנגען זענען צום סוף 500. מיר האבן אין שטאט געמאכט פריילין און געקאלט די דייטשן ווי סהאט זיך נאר געלאזט. ביז סזענען געקומען די אמעריקאנער פאליציי און אלע פאלאקן צוריקגעפירט אויף מאשינען אין לאגער אריין.

סהאט אזוי געדוירט אלאנגע צייט ביז סאיז מיר נמאס געווארן דער צושטאנד און האב בעשלאסן זיך אריבער צוכאפן צו די רוסן.

200 מאן זענען מיר אריבער צו די רוסן. געהאט זיך בערואיקט מיט אקליין ביסל נקמה אין די עס-עס מענער פון דעם לאגער... די רוסן האבן אונדז איינגעארדענט אין די נאענטע דערפער בעקוועם און געמאכט לכבוד די ארבעטער אין דארטיקן שלאס אגאנצע וואך בעלער, ווי "שבע ברכות". מיטן הילף פון ארוסישן קאפיטאן דובניקאוו, איז איינגעארדענט "ארעפאטראציע קאמיטעט". ווער סהאט זיך געמאלדן צום אהיימפארן האט בעקומען דעם קאפיטאנס הילף. איך בין אויך געווען איינער אין דער קאמיסיע. אויך איך בין, מיט מזל, אהיים געפארן. באלד ביי דער פוילישער גרענעץ האבן מיר געהערט מיט וואס פארע קבלת-פנים די פאלאקן נעמען אויף די לעבנגעבליבענע יידן. מ'שיסט ווייטער יידן!

<u>אין מיין שטעטל</u>

כבין געפארן קיין לאדז' מיט איינעם פון די לאגער חברים. ער האט געוווסט, אז איך בין שמואלק פרידמאן פון לאסק. זיינע עלטערן האבן מיך זער גוט אויפגענומען, זיי האבן מיך געפירט צו דער יידישער קאמיסיע אין לאדז'. דארט האב איך זיך רעגיסטרירט אלס צוריקגעקומענער. מיט לאסקער האב איך זיך דארט נישט געטראפן. געפרעגט האב איך זיך, צו עס זענען פערהאנען לאסקער לעבענגעבליבענע

יידן. אגעוויסער ליפשיץ האט מיך געזען. איך אים
ניעט. ער האט עס דערציילט אין לאסק, אז איך בין
אין לאדז". ביי אלעמען בין איך און וואוושע פער-
עכנט געווען צעווישן די טויטע. זאלמן קאכמאן האט
דאס דערציילט אין דעם שרעקליכן טאג פון אונדזער
אנטלויפן, אז מירביידע ליגן ביי דער דייטשער קירך
דערשאסענע.

און דא פאר איך צו מיט אדראשקא צו די בירנצ-
ווייגס, אלעבענדיקער, און דא טרעף איך מיין פרוי,
מילטשן מיט איר טאכטער, שמעון סימעל, אשר פרענקעל
און נאך אנדערע. סאיז נישט מיין כוח צו שילדערן די
לעבענס פרייד אין דעם מאמענט... אויך היינצלן האב
איך געטראפן אין לאסק. ווי גרויס די שמחה איז
געווען ביי אונדז ביידע איז גאר נישט צו דערציילן.
דריי טעג האבן מיר זיך געפרייט צוזאמען ביז צום
פערגעסן זיך. געשיכרט, פערגאסן מיט וואדקא די ליידן
מיט די פרייד צוזאמען.

יעדעס מאל, ווען כוויל איבערגעבן די איינדרוקן
פון מיין בעגעגעניש מיט מיין פרוי און נאנטע, פערליר
איך דאס לשון. נאר אצוזער, אצושויער און דערצו האבן
די געהעריקע פעאיקייטן פון אדראמאטורג אדער אליטעראט,
נאר אזעלכער וואלט אפשר געקענט שילדערן ווי דאס האט
אויסגעזען.

מיר האבן לאנג זיצן אין לאסק נישט געקענט. ווי
נאר מיר האבן דערהאלטן "וויזעס" מיט געלט, זענען
מיר אנטלאפן ווי פון אשרפה. יעקעלה קארן ע"ה פון

ענגלאנד האט אונדז געשיקט אלע נויטיקע פאפירן און
געלט, זענען מיר אלע צוזאמען אפגעפארן קיין ענגלאנד.
סהאט ביי מיר אין יענע טעג געפעלט די מעגליכקייטן
און כוח צו פארן קיין ארץ ישראל. די ענגלישע עליה
באגרעניצונגען פון איין זייט, און דאס וועלן זיך
זען מיט וואוסשען וואס איז שוין אין יענער צייט
געווען אין לאנדאן (אין זעלבן פאלטא וואס איך האב
אים מיטגעגעבן) און דער עיקר, וואס מילטשע קארן
און איר טאכטער האבן אונדז פשוט גענומען מיט זיך.
שפעטער, אין 1948 יאר, האב איך זיך פרייוויליק
געמאלדן ביי דער יידישער אגענץ אין לאנדאן אנגעגעבן,
אז כבין פריילליידיק, מיך צו מאבליזירן צוהילף דעם
"ישראלס אויפשטאנס קאמף", האט מיר די אגענץ ענטזאגט
מיין בקשה, דערוווסנדיק זיך, אז איך בין אבעווייבטער.
בעווייבטע מענער זענען דורך דער אגענץ נישט אנגענומען
געווארן.

שוין דאס צווייטע מאל ווי איך בעזוך ישראל, און
פריי זיך צו זען ווי שיין דאס לאנד בויט זיך. מיינע
בעסטע ברכות פון טיפן הארצן פאר אייך אלעמען אין
ישראל!

צבי מיכאלי (מיכאלוביץ)

אלעבענדיקער פון גרויסן בלוט-באד

ווען דער קריג האט אויסגעבראכן אין 1939, האב איך געוווינט אין פאביאניץ. דארט בין איך געווען צעווישן אייגענע אפרעמדער. צוריק קיין לאסק, האב איך זיך ארומגעזען, איז נישט קיין תכלית זיך אומצוקערן. אין גענעראל גווערנאמענט, האבן מענטשן געזאגט, קען זיך א־יד בעסער אויסבהעהאלטן. איך פיעטרקאווער געגענט אין אקליין שטעטל קאמינסק האט געוווינט מיין מומע. דאס שטעטל איז גלייך ביי אנפאנג־קריג אינגאנצן צושטערט געווארן. מיין מומע האט זיך איבערגעטראגן קיין גארשקאוויצע. דאס איז געווען אקליין שטעטל ביי אגרויסער באן פערבינדונג. איך האב זיך מיט גענוג שוועריקייטן, אהין בעקומען קיין גארשאוויצע, מיט מיין שוועסטער.

איך האב זיך בעזעצט אין שטעטל און זיך פערנומען מיט מיין טאטענס פאך, שטעפעריי. איך האב געהאט ארבעט און אויך פרנסה בריוח. די יידן זענען דא געווען פרייע, סזענען נאך נישט געווען קיינע געטעס. מיין ברודער אביגדור איז אויך געקומען צו מיר פון דייטשע געפאנגשאפט און געארבעט מיט מיר און געלעבט צוזאמען. פון לאסק האט מיר מיין ברודער וואלף געשריבן, ווען זייר לאגע דארט. אלע בריוו זענען געווען הארץ רייסענדא. אבער מיר האבן אזוי געלעבט רואיק בי זן 43-סטן

יאר. אביסל צופויר האב איך זיך דערפרייט טרעפענדיק אלאסקער קריסט, היינצל, סקיבינסקיס אידעם פון לאסק. ער האט מיר איבערגעגעבן וואס עס טוט זיך אפ אין לאסק.

אין 43-סטן יאר האט זיך די לאגע אויך אין גארשקאוויצע געענדערט צום שלעכטן. מיר האבן געזען אדורכפארענדע געפאקטע פראכט צעגער מיט יידן. יינגע און אלטע, מענער, פרויען מיט קליינע קינדער, בעוואכטע דורך עס-עס מענער, אין דער ריכטונג צו די פערניכטונגס לאגערן. איך איינעם פון די אוונטן זענען צו אונדז געקומען וואוטשע רייכבארט און שמואל פרידמן, די איינצעלנא, וואס האבן זיך ארויסגעכאפט אין "שווארצן טאג" פון דער לאסקער אויסזידלונג. זיי האבן דערציילט וועגן דעם גרויסן לאסקער חורבן. (היינצל האט דאס זיי אנגעוויזן מיין אדרעס). כקען נישט, כבין נישט אומש-טאנד יעצט צו שילדערן די נאכט פון זייער בעזוך ביי מיר. דאס איז געווען אמין תשעה-באב-נאכט מיט אלע גרויזאמקייטן און ווי געשרייען פון די טוזענדער לאסקער צום טויט געפירטע קיין כעלמנא...

כהאב זיי געגעבן זאט אנצועסן און זיי געראטן וואס שנעלער זיך אויסצובעהאלטן ערגעץ ווו...זיי האבן שוין געהאט זיירע פלענער און קריכטליכע דאקומענטן, איך האב נאר געקענט זיי געבן מיין הארציקע ברכה, אז מזאל זיך נאך אמאל זוכה זיין צו טרעפן לעבענדיקע יידן. זיי האבן זיך איינגעארדנט ביי אקריסט אין פשעגלווועק. פון צייט צו צייט זענען זיי צו מיר געקומען. איך האב זיי געהאלפן מיט שפייז, געלט, וועש און אנדערע געברויכן.

איך אפרימארגן איז גארשקעוויצע געשטעלט געווארן
אין ריי פון אויסזידלונג. מיין ברודער אביגדור האב
איך אויסבעהאלטן ביי אקריסט, וועלכער האט ביי מיר
גענומען אגרויסע סומע געלט דערפאר. ווי ס'האט זיך
שפעטער ארויסגעוויזן האט דער קריסט אים בעהאלטן
אויפן בוידעם און אויסגעהונגערט, אפילו אים קיין
וואסער נישט דערלאנקט.

גארשקאוויצער אויסזידלונג.

דאס גאנצע ביסעל יידן פון גארשקאוויץ זענען
אפגעפירט געווארן צום באן-הויף צו דער גרויסער
ראמפא. וואס דארט האט זיך געטוען קען קיין מענטש-
ליכע פעדער נישט בעשרייבן. די עס-עס האבן בעפוילן,
אז אלע זאלן זיך אויסטוען נאקעט און געזוכט געלט
און ווערטזאכן אין די בגדים און אויפן גוף, דאס אלעס
מיט אכזרישע געשרייען און טויט קלעפ. אין דעם גרויסן
טאראראם איז צו מיר צוגעקומען אקריסטליכער פאליציאנט
(מיר האבן אמאל געהאט שותפותדיקע ענינים און געווען
בעפריינדעט) מיטן נאמען קראקאוויאק, און אזוי געזאגט:
הער זיך איין, די אלע יידן וואס די זעסט נאך יעצט
לעבעדיקע, וועט פון זיי מארגן אין דער צייט, איינער
נישט בלייבן ביים לעבן. יעצט האסטו די געלעגנהייט צו
האנטלויפן, איך וועל דיך פון דאנען אוועקפירן, דיר
געבן אפאר טרעפעס און טראג זיך אפ! איך האב געבעטן
מיין שוועסטער הינדע-רחל, זי זאל מיטגיין מיט מיר.
זי האט אבער נישט געוואלט, זי האט געהאט אחתן צווישן
די יינגע בחורים אויף דער ראמפא. דאס וואס עס וועט
זיין מיט אים, וועט אויך זיין מיט מיר! איז געווען

איר תשובה. איך האב איר נישט געקענט דערציילן, דאס וואס קראקאוויאק האט מיר אפגעלאזט אסוד. קראקאוויאק האט מיך ארויסגעפירט פון דער ראמפא, כבין געלאפן עטליכע קילאמעטער צו אנאענט דארף. כבין אריין צו מיינס אבעקאנטן קריסט, וועלכער האט מיך גוט אויפ-גענומען און מיך אויסבעהאלטן אין זיין סטאדאלע צווישן שטרוי. אהאלב יאר צייט האב איך זיך בעהאלטן ביי דעם קריסט. ער האט מיך גוט בעהאנדלט, איך האב אים אפגעדינט מיט לערנען זיינע קינדער, העלפן זיי מאכן די שול-לעקציעס אין די אוונט שעהן.

איינמאל ביינאכט הער איך, אז מגייט אין הויף מיט פוירזיכטיקע טריט. כהאב מיט טויט שרעק ארויס-געקוקט דורך אשפארע פון סטאדאלא און האב דערקענט די סילועטע פון מיין ברודער אביגדור. מיר האבן זיך צווויינט און צוקישט - כהאב מיט שטוינונג געטראכט ווי דער גורל האט דאס מיר מיין ברודער אזוי פלוצלינג געבראכט. מיין בעל-בית האט דערהערט אונדזער איבערא-שונגס געשפרעך איז ער ארויס צו אונדז און דערזען ווי ביידע ברודער קושן זיך און וויינען. האט ער פערשטאנען די סיטואציע. דאך האט ער געזאגט, קען ער אונדז ביידע נישט אויסבעהאלטן. מיך איז ער גרייט ווייטער צו האלטן, אבער מיין ברודער האט ער געראטן, מוז זיך וואס שנעלער פון דאנעט אפטראגן.

איך הערש יוסף, ביך יעצט געוועזן אבעוואקסענער מיט גרויסע וואנסעס, ווי אאמתר קריסט. געהאט אפאס-פארט מיטן נאמען פראנצישעק קרושעווסקי. האב איך

צומארגענעס צוגעפירט מיין ברודער קיין גארשקעוויץ און אים איבערגעבן אבעקאנטן קריסט, ער זאל אים פירן קיין צ׳נסטכאוו. איך האב אים דערפאר גוט בעצאלט. איך בין ווידער צוריק געפארן צו מיין בעלי בית און דארט ביי אים געבליבן ביז אגעוויסע צייט. דער קריסט רופט זיך באנאשצ׳עק, אפולישער צדיק, איינער פון די חסידי אומות העולם.

ביזן היינטיגן טאג בין איך מיט אים אין בריוו פארקער. איך שיק אים און זיינע זון מתנות צו יעדן קריסטליכן יום-טוב אויך איך בעקום פון זיי פריינד-ליכע בריוו. ווען די דייטשן האבן געליטן די גרויסע מפלה אין רוסלאנד און אין פוילן האט זיך ארגאניזירט די א.ק. איז מיין באהעלטניס ארט געווארן שטארק בעדראט דורך די דייטשן. באנאשצ׳עק האט מיר דאס גוט דערקלערט און מיך געבעטן איך זאל רחמנות האבן אויף זיין משפחה און זיך אנדערשוואו אויסבעהאלטן. איך בין געפארן קיין צ׳נסטעכאוו און דארט געטראפן מיין ברודער. כבין צוזאמען מיט אים ארייך אין געטא און געארבעט אין אמוניציע פאבריק. מיר האבן געהאט אגוטע פערבינדונג מיט חברים קריסטן פון א.ק. מיר האבן זיי ארויסגעגעבן אמוניציע און זיי האבן אונדז בעזארגט מיט עסן.

איך פעברואר 1945 האבן מיר דערהערט הארמאטן שאסן פון גאר נאענט. די דייטשן זענען האנטלאפן און מיר זענען געבליבן די בעלי בתים פון אטויטן לאגער מיט אביסל אקליין ביסל יידן. פון צ׳נסטעכאוו זענען מיר געפארן אהיים קיין לאסק. יעדער קריסט, וועלכער סהאט

אונדז געטראפן האט מיט ערשטוינונג געפרעגט: וואס, דו ביזט לעבן געבליבן? איך עטליכע טעג ארום האבן זיך אנגעהויבן צו בעווייזן נאך און נאך לעבן געבליבענע פרויען און מענער: זינגער, יוסף פיאטרקאווסקי, נוח פיאטרקאווסקי, שמעון סימעל, אביגדור ווײַנבערג, יעקל לעווקאוויץ, ריפטשע גרינער, און נאך אסאך אנדערע. אז מהאט געדארפן האב איך געגעבן חופה וקדושין.געוועז אויף אמינוט ארב. ווו העניך זענדל האט געוויינט,האב איך מיר געעפענט אשטעפערײַ און אנגעהויבן ארבעטן.

אויף קבר אבות.

טאג טעגליך בין איך געגאנגען בעזוכן אונדזערע יידישע הייליקע ערטער. די גרויסע שול-אגרויסע חורבה, אויפן ארט פון ארון הקודש, אשווארץ לאך, די ווענט פערשמוציקט, פערבלאטעקט, פערמיסטעט פון פערד, וועלכע די דייטשן האבן דא געהאלטן. נישטו קיין זכר פון אלטן בית עולם. דאס בית המדרש איז געבליבן אמלעצ׳ארניע, פון אלע חסידים שטיבלעך, נישטו קיין צייכן. אפוסטקייט הערשט אין יעדן ווינקל. כבין געגאנגען זוכן אויפן נייעם בית עלמין מיין טאטענס קבר. נישטו קיין סימן פון בית עולם. נישטו קיין איין מצבה אויף די קברים, טרעטוארן האבן די דייטשן און די פוילישע שכנים פון זיי געמאכט. סאיז מיר געבליבן נישט מער ווי טרערן צו בעוויינען דעם גרויסן חורבן. דאס זענען געוועזן מיינע טראגישסטע טעג אין מיין לעבן.

די סכנה צו בלייבן אין לאסק איז געוועזן נישט קלענער ווו אין די דייטשע פערניכטונגס לאגערן. האבן

מיר ווידער געגזמען דעם וואנדער שטעקן און זיך געלאזט קיין דייטשלאנד. מיט דער שיף "עצמאות" בין איך אפגעפארן קיין ישראל. ביז היינט זיץ איך אין כפר סבא און לעב ביז היינט מיט ווייטיקע זכרונות פון מיין חרוב געווארנע לאסקער קהילה.



מַחֲנֶה רִכּוּז ב

סוֹף, סוֹף, הַיּוֹם יִקְרַב
וַאֲנִי בְּשַׁעֲרֵי הָאוֹר,
וּמִן הַזְּמַן וּמִמִּקְרָיו
יִקָּרֵא לִי דְּרוֹר.

כְּעֶבֶד נִרְצָע יָצָא בַּיּוֹבֵל,
אָשׁוּב אֶל קֹדֶשׁ נָוִי,
לְשָׁם צָרַגְתִּי גוֹלֶה וְסוֹבֵל,
שָׁם נִשְׁאַר לְבָבִי.

אָבוֹא וְאֶשַּׁק מְזוּזַת דַּלְתִּי
וְדִמְעָה נוֹפְלָה עַל הַסַּף:
שׁוּב רוֹמְמוּת בֵּיתִי נַחֲלָתִי
נַחֲלַת אָב.

אֶגַּשׁ לַקֹּדֶשׁ, לַאֲרוֹן הַסְּפָרִים
וְעֵינַי תוּרְהַב מֵאוֹר:
כֻּלָּם הֵם שְׁעָרִים, שְׁעָרִים
לִדְרוֹר.

מרדכי אלעי

דוד לערער

א בליק צוריק

אין אונדזער קליינעם שטעטל לאסק האט געלעבט ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה אײדישע קהילה, וואס איז געווען צוזאמענגעשטעלט פון חסידישע, ציוניסטישע און סאציאליסטישע יידן. האסט געטראפן ביי אונדז גערער און אלעקסאנדערער חסידים, אלגעמיינע ציוניסטן, רעכטע און לינקע פועלי ציון ווי כ'האב קיין טעות נישט, זענען אויך געווען אביסל בונדיסטן און קאמוניסטן אין לאסק. די לעצטע זענען טאקע געווען א זער קליינע מינדערהייט אדער א פאקט איז, אז אין אונדזער שטעטל איז דאס אלס געווען.

אט אין דעם קליינעם שטעטלע האבן געפירט א לעבהאפטע טעקטיקייט דריי יוגענד ארגאניזיאציעס: הנוער הציוני, השומר הצעיר, און בית"ר. אפילו א הכשרה פונקט "בילו" האבן מיר געהאט. דאס אלעס בעווייזט, אז מיר זענען נישט געווען קיין צוריקגעשטאנען שטעטל.

כ'וויל זיך באמיען, ווי ווייט מעגליך, ווידמען יעדן טייל פון אט דעם יידענטום אביסעל זכרונות פון יענער צייט, מיט דער האפנונג, אז ס'וועט אמאל ארויס- געגעבן ווערן אגרויס ווערק, וואס ס'וועט גענוי און אויספירליך באשרייבן וועגן דעם לעבן און שאפען פון די לאסקער יידן ביז צום צווייטען וועלט קריג.

דאס רעליגיעזע יידנטום

אונדזער שטאט איז געבענשט געווען מיט א רב, וואס איז געווען איינער פון די גרויסע תלמידי חכמים פון פוילישען יידענטום. איך מיין אונדזער אלטען רב, רבי יעקוב מייזלש זצ"ל. ער איז געווען דער עמוד השדרה פון פויליש רעליגיעזן יידענטום בכלל און פון די לאסקער יידען בפרט. מיט פיל ליבשאפט און איבערגעגעבנקייט האט ער יארן לאנג, געדינט זיין קהילה הקדושה.

איך האב געהאט די זכיה צו הערן פון אים תורה. ווי גליקלעך בין איך געווען ווען ער האט מיר געגעבן א קניפ איין בעקל, נאכדעם ווי ער האט מיך פארהערט. דאס איז געווען אאויסדרוק פון צופרידענהייט. זיין איינפאכקייט האט אלע באגייסטערט - אלע האבען אים געשעצט. ווי היינט געדענק איך זיין לוויה.טויזענדער מענטשן פון אלע עקן פוילן האבן אים באגלייט אין זיין לעצטן וועג. פון אלעמענס פנימער האסטו געקענט ארא פלעזן דעם טיפן טרויער וואס האט אלעמען באהילט. מיט זיין פטירה איז אראפגענומען געווארן די קרוין פון די לאסקער קהילה. מיט יראת הכבוד דערמאן איך אים און איך בין זיכער, אז מיר וועלן אים קיינמאל נישט פארגעסן.


זיין יורש פון כסא הרבנות איז געווען זיין איידעם ר' לייבל אייזנבערג זצ"ל,וועלכער איז געווען דער רב פון שטעטל ביזן לעצטן טאג, ביז דער אויסזידלונג פון דער לאסקער קהילה,און פערפייניקט געווארן צוזאמען מיט אלע אין "כעלמנא".

ספעציעל שווערע צייטן האט איבערלעבט דער רב
אין אנהויב פון דער באזעצונג פון אונדזער שטאט דורך
די נאציס. זיי האבן אין אים געזען דעם גייסטליכן
פירער פון די יידן אין שטעטל. ווי באוווסט האבן די
דייטשן לויט זייער שיטה צוערשט צעבראכן דעם גייסט
און דערנאך דעם קערפער. מיט פארשידענע אויסריידן
האבן זיי זיך געטשעפעט צו רב. כגעדענק גוט דעם
שווארצן שבת, ווען די באנדיטן האבן דעם
רב געפייניקט, מיטן אויסרייד, אז ער האט באהאלטן
גאלד אין זיין וואוינונג. איך האב געקענט יידן,
וועלכע האבן געטאן עבודת הקודש טאג איין טאג
אויס, זארגענדיק פאר תלמוד תורה, הכנסת כלה און
גמילות חסדים. זיי האבן אין זיירע מעשים
געזען דעם יסוד פון זייער לעבן. דער פסוק
ואהבת לרעך כמוך, איז געווען זייער טעגליך ברויט.
כגעדענקט ווי היינט, די טיירע יידן זענען ערב
שבת פארנאכט געווען אנגעטאן זיידענע קאפאטעס מיט
יראת הכבוד און חדוות החיים געגאנגען אין די שטיבלעך
מקבל פנים צו זיין דעם שבת קודש. כגעדענק אויך ווי
בערעלע שמש ז"ל איז ארומגעגאנגען אין די געסלעך פון
שטעטל, פרייטאג פארן ליכט-צינדן און מיט זיין
ספעציעל מאנאטאננא שטימעלע גערופן: לאכט צינדן!
אז באלד דארפט אריינקומען אין שטעטל די שבת המלכה.
די תפילה "ישמחו במלכותך שומרי שבת וקוראי עונג"
דעם פסוק האבן די יידן אויסגעשעפט ביז צום סוף.
ליידער האבן זיי נישט זוכה געווען צום ערשטען טייל

פון דעם פסוק ישמחו במלכותך, זיי האבן נישט דערלעבט די ענטשטייאונגפון דער יידישער מדינה. די אלע טייערע יידן געדענקן מיר גוט.

אונדזער שטעטל איז געווען א ציוניסטיש. דאס הייסט, אז דער געדאנק און חלום פון שיבת ציון איז געווען גוט איינגעקריצט אין די הערצער פון אגרויסן טייל פון די לאסקער יידן. ביי אונדז איז געווען א שטארקע ציוניסטישע ארגאניזאציע, וואס האט געפירט אלעבהאפטע טעטיקייט. טראץ דעם וואס איך האב מיר פארגענומען וואס ווייניגער צו דערמאנען נעמען,וועלן מיינע ווערטער אין דער פראגע זיין ווי א קערפער אן נשמה, ווען כ'וועל נישט דערמאנען כאטש עטלעכע מענשטן, וואס זענען געשטאנען אין דער שפיץ פון דער ציוניסטיש ארגאניזאציע ווי: זכריה רייכבארט, לייבל בארנשטיין, אפרים נוסקוביץ', נחמן קעמפינסקי, וועלכע האבן אסאך פון זייער צייט אפגעגעבן לטובת דער ציוניסטישער אידעע. די ציוניסטישע פרויען ארגאניזציע האט אויך געפירט א- לעבהאפטע טעטיקייט. און ווידער אמאל וואלט איך געזונדיקט ווען כ'דערמאן נישט כאטש א 2-3 נעמען פון זיי ווי: ראחמע וואלקאביץ, ביילע כאבעלסקי, אלטע ביאליק, וועלכע האבן אזוי פיל געטון אין דער ריכטונג פון ארגאניזירן די יידישע פרוי צו דער ציוניסטישער טעטיקייט. ווער ס'קען זיך דערמאנען די באזארן אין די חנוכה טעג, וואס זייערע איינקונפטן זענען געווען הייליג פארן קרן הקיימת לישראל. וויפיל מי און ארבייט האבן די פרויען אריינגעגעבן אין ארגאניזירן

די באזאדן? פון צייט צו צייט האט דער דראמאטישער קרייז פון די ציוניסטישער ארגאניזאציע אויסגעפירט אויפטרעטונגען, וועלכע האבן געשילדערט דעם יישוב אין זיין קאמף פאר זעלבסטשטענדיקייט. די פוירשטעלונ-גען האבן דערוועקט אין הארצן אבענקשאפט נאך ציון און יעדער האט זיך געזעען א שותף אין דעם קאמף פאר א ווידער אויפלעבונג פון אנאציאנאלע יידישע היים אין ארץ-ישראל. דער גרעסטער טייל פון אט די טייערע הארציקע יידן זענען פארשניטן געווארן דורך די נאצים אין מיטן זייער טעטיקייט. זיי האבן ליידער נישט זוכה געווען צו דערלעבן דער פארווירקליכונג פון זייער חלום; די ענשטייאונג פון דער יידישער מדינה.



אֶל הַגּוֹיִים

אָז, בְּצֵאתִי מִמַּלְתְּעוֹת הַיַּעַר,
מִכַּפּוֹת הַסַּעַר,
הִרְהַרְתִּי, הִרְהַרְתִּי: בְּהִפָּגְשִׁי אִתְּכֶם,
מִמַּבָּטִי לְצִדְּכֶם
תִּפְּלוּ לָאָרֶץ מִכְּלִימָה.
אֶעֱמֹד מֵעֲלֵיכֶם כְּנָבִיא, מוֹכִיחַ:
אֵיפֹה גָּבְהֲכֶם, אֵיפֹה אֲמִתְּכֶם,
שֶׁהִכְרַזְתֶּם מִיָּמִים יָמִימָה
בְּכָל דִּבּוּר, בְּכָל שִׂיחַ?
וְהִנֵּה אֶצְבְּעִי אָרִימָה
וְאָהִימָה:
רְאוּ נַחֲלֵי הַדָּם הַזּוֹרְמִים כִּנְהָרִים,
רְאוּ אַלְפֵי רְבָבוֹת הֲרוּגִים כַּעֲדָרִים,
אֲנָשִׁים וְנָשִׁים, זְקֵנִים וּנְעָרִים,
וּשְׂרֵפַת כְּרַכִּים, עָרִים וּכְפָרִים —
אֵיפֹה גָּבְהֲכֶם, אֵיפֹה אֲמִתְּכֶם?
וְכָךְ אֶרְאֶכֶם, וְכָךְ אַבִּיטְכֶם
כְּרוּעִים, כְּבוּשִׁים בֶּעָפָר כְּתוֹלָעִים,
כְּנוּצִים, דְּחוּקִים, נָצִים וְזָעִים.
מִמַּעֲשֵׂיכֶם הָרָעִים.
כָּךְ הִרְהַרְתִּי יָמִים, בְּהָלְכִי
בְּדֶרֶךְ הַבַּיְתָה, וּבְשָׁלְחִי
מַבָּטִי כִּמְנַצֵּחַ לְכָל צַד...
— — — — — — — —
עַתָּה אֲנִי נִזְכָּר בְּחִיּוּךְ לְבַד,
הִרְהוּרַי מֵאָז.

מרדכי אלעי

געוואלט זעען זייַן טאטן

מוטלאזע און דערשלאגענע האבן מיר זיך אומגע-
קערט צוריק אין לאגער, נאך אשווערן ארבעטס-טאג. דאס
וועטער איז געווען ווי אונדזער געמיד, טריב און
פערשמאכט.

שנעל איז יעדער געלאפן כאפן זיין פארציע,
"ווארימע זופ". כאטש די שיטערע-זופ האט קיינמאל
נישט געזעטיקט דעם שטענדיקן הונגער, האט זי אבער
אביסל אויפגווארעמט די פערפרוירענע גלידער.

נישט בעווויזן אויסלעקן די כלים פון די ארימע
זופ, זענען אלע שטורמיש ארויסגערופן געווארן אויפן
אפל-פלאץ. נאך עטליכע מינוטן שטייען אויף דער קעלט,
ציטערנדיק אויף אנייע צרה, וואס וועט פאלן אויף
אונדזערע קעפ, האט דער לאגער - פירער בעפוילן בלייבן
שטיין אויפן ארט, און אפווארטן, ווי די ז'אנדארמעריע
פון שטאט וועט דא אויספירן אהענג-עקזיקוציע אויף
איינעם פון די "שרעקלעכע פערברעכער".

אזעלכע סצענעס זענען שוין אין לאגער נישט
געווען קיין נייעס, און האבן אויך, כמעט, נישט
ארויסגערופן קיין ספעציעלע איבערראשונגען. נאך
אהאלבע שעה יסורים ווארטן, האבן די ז'אנדארן געבראנקט
א ייִנגעל פון איאר 15, מיט צווי ברענעדיקע שווארצע
אויגן, און רויטע בעקעלעך, ווי ער וואלט ערשט ארויס

פון זײַן מוטערס שױס. דערזעען דאָס ייִנגל, האָבן די אויגן בעגאָסן אונדזערע געזיכטער מיט הייסע טרערן און אַשרעקליך שוידערליכער ציטער האָט אַרומגענומען אַלע אבֿרים. "זײַ" פֿירן אַ ייִדיש קינד צו דער עקידה!

מײַן גאַנץ וועזן האָט געוואָלט אויסברעכן מיט אַגעוויין, אַז סזאָל ביזן הימל דערגרייכן. מטאָר אָבער נישט וויינען! וויינען איז אויך אַפּערברעכן ביי די הענקער. ווײַל וויינען איז דאָך אַפּראָטעסט-אויסדרוק קעגן זייערע בעסטיאַלע טאַטן און מיר האָבן קיין רעכט נישט דערצו. זיי פֿאָדערן דעריבער ביי אַלעמען אַהילכיקן "יאַוואָל"! "אַיאַוואָל" מיט אַלע כּוחות, מיט די לעצטע כּוחות...

אַשטילקייט. דער לאַגער פֿירער לײענט-אויס דעם אורטייל וואָרט ביי וואָרט: דער "ייִד" איז פֿערמשפּט צום הענגען, ווײַל, ער איז האַנטלאָפֿן פֿון זײַן אַרבעטס-פּלאַץ! אַקורצע רואיקע פּויזע.

איך בין נישט האַנטלאָפֿן, איך בין נאָר צוגעגאַנגען זיך זעען מיט מײַן טאַטן, וועלכער געפֿונט זיך דאָ נישט ווייט פֿון דאַנען. איך האָב זיך שטאַרק פֿערבענקט צו מײַן פֿאָטער, איך האָב אים שוין אַזער לאַנגע צייט נישט געזען! האָט זיך דאָס יונגעלע רואיק פֿערטיידיקט. דער שניי האָט געברענט הונטער אונדזערע פֿוס פֿון דעם ייִנגלס רואיקע ווערטער.

לאָזט מיך נאָך אַביסל לעבן, איך בעט אייך! איך שווער ביי גאָט, נישט מער אַזעלכעס צו טוען. איך בין

יונג, לאזט מיך לעבן! ! ! האסט געקענט מיינען, אז
די רואיקע תפילה פון יינגל וועט ברעכן די שטאלענע
טוירן פון רחמים.

פערלייג די "פעטלא" און הענג! איז געווען
דער באפעל. ער הענקט שוין! אטראסק אין דער ערד.
וואס איז געשען? סיינגל איז אראפגעפלאן פון דער
תליה! אנס פון הימעל, אפגעראטעוועט אידיש קינד!

אבער אלזעלכע הומאניטארע געזעצן הערשן נישט ביי
די נאצישע רוצחים, פאר אזא שרעקליכע עברה, ווי גיין
זעען א אייגענעם טאטן, קען קיין רייד נישט זיין פון
אויסניצין אגעזעץ פון וועלכן סגעניסן פעראורטיילטע
מערדער אין גאר דער וועלט.

ביים פאלק פון שילער און גייטא איז עס אנדערש. דער
לאגער דאקטער האט אפיציאל בעשטעטיקט זיין טויט.

דוד לערער



שרגא נוימן

דראמאטישע קוריאזן

1. א ברייוול פון סענדזשעוויץ

דער לאגער פון צוואנגס-ארבעט, ווו מיר, די לאסקער יוגענט, האבן פערזוכט דעם ערשטן טעם, וואס הייסט "עבדות", און דער אנפאנג פון דעם "דריטן חורבן", איז געווען סענדזשעוויץ.

דער יודנראט, איז לויט די דייטשע מאכט-באפעל אויפגעפאדערט געווארן צוצושטעלן עטליכע מנינים יידישע ארבעטער קיין סענדזשעוויץ. דער יודנראט מיט דער הילף פון דער יידישער פאליציי, האט דעם באפעל אויסגעפירט און אויך איך בין געווען צווישן דער ארבעטער גרופא.

דער יודנראט האט אלעמען פערשפראכן, אין צוויי וואכן-ארום שיקן אויף אונדזער ארט א צווייטע גרופא, אויב די ארבעט אין לאגער וועט דאס פאדערן. מיט מיר זענען אויך געווען אביגדור קליין, לייזער בארנשטיין און ישראל בערגפריינט, אויך זענען געווען עטליכע חסידישע יונגלעך ווי שמחה ביאליק, בן ציון דוקמאן, מתיס קאהן און אנדערע, וועלכע האבן דאס ערשטע מאל אין זייער לעבן דערפילט, וואס סהייסט אטאג ארבעט.

אין דארף, האבן מיר זיך איינגעארדענט אין א שטוב אויסגעלייגט מיט שטרוי ווי אין א שטאל. דאס איז געווען אונדזער קוואטיר און שלאף-צימער. צו

מארגענס האבן מיר שוין געארבעט ביים בויען אנייעם שאסע. אלע האבן ערנסט געארבעט, עס האט אונדז קיינער ספעציעל נישט געיאגט, עס האט זיך אבער אויך קיינער נישט אונטערגעפויעלט. אויך מיט עסן האבן מיר זיך ביסלעך צוגעוווינט צום "הונגער רעזשים". ווער סהאט געהאט אפאר מארק אין טאש האט זיך געקענט צוקויפן עסן ביי די קריסטליכע איינוווינער פון דארף.

אזוי זענען אוועק צוויי וואכן פון שווערע ארבעט און שוין - באלד ענדיקט זיך די דריטע וואך און פון יודנראט הערט מען גארנישט, וועגן דער הבטחה אונדז "נאך צוויי וואכן", צווועקסלען דורך אצווייטע ארבעטער גרופא.

אין איינעם פון די אוונטן האבן מיר זיך צוזאמענ-גערעט מיט אונדזער לאגער עלטסטער (אביגדור קליין) און זיין פערטרעטער (לייזער בארנשטיין), אז מיר דארפן דערמאנען דעם יודנראט דורך אבריוו אונדזערע טענות. איך בין געווארן דורך די גאנצע חברה בעפאלמכטיקט צו שרייבן דעם בריוו.

מיט דער הסכמה פון אלע האב איך אין דעם לעצטן זאץ פון בריוו געשריבן, אז אין פאל דער יודנראט וועט אונדז נישט טוישן, וועלן מיר זיין געצווינגען זיך אליין צו בעפרייען פון דער ארבעט דא אין דארף. ישראל בערגפריינט, וועלכער האט בעקומען אטאג פריי פון דעם ארטיגן לאגער אנפירער, האט מיטגענומען מיט זיך דעם בריוו און אים איבערגעגעבן צום יודנראט.

ווי אונדז איז שפעטער באוווסט געווארן, האט דער יודנראט דעם בריוו איבערזעצט אויף דייטש און אים איבער-געגעבן דער ז'אנדארמעריע. איין אטאג שפעטער, האט מען אונדז אויפגעוועקט 4 ביי נאכט, אלעמען אויסגעשטעלט אויפן אפעל-פלאץ. דער לאגער פירער האט מיט אשטארקע ערענסקייט געפרעגט: ווער פון אייך האט דאס געשריבן דעם בריוו צום לאסקער יודנראט? דער זאל ארויסטרעטן דריי טריט פון דער שורה! איך בין ארויסגעטרעטן און געענטפערט, אז איך האב דאס געשריבן דעם בריוו. און ווער פון אייך האט דאס איבערגעבן דעם בריוו? איז גלייך ארויסגעטרעטן ישראל בערגפריינט. צו אונדז צוויי האט ער אויך צוגערופן דעם לאגער-עלטסטן, אביגדור קליין, און אונדז דריי גלייך פערשפארט און דעם ארטיקן צינאק.

גאנץ פרי האבן מיר געהערט, ווי דער לאגער-פירער דערציילט דעם גאנצן פערלויף פון דעם עניין פאר די געקומענע ז'אנדארן פארשער. מיר דריי זענען גלייך גערופן געווארן איין ביורא, און ווידער יעדן אויס-געפרעגט, וועגן אינהאלט פון בריוו און ווי אזוי דער בריוו איז איבערגעשיקט געווארן צום יודנראט. מיר האבן זיך מודה געווען, אז מיר האבן עס געטוען, און אויך געזאגט דעם טעם, פאר וואס מיר האבן עס געטוען; ווייל דער יודנראט האט אונדז בפירוש צוגעזאגט צוועקסלן אונדזער גרופא נאך צוויי וואכן צייט און יעצט ענדיקט זיך שוין די דריטע וואך.

באלד זענען אריינגערופן געווארן צוויי געזונדע דייטשן מיט גרויסע באטעקעס אונדז געהייסן יעדן בעזונדער לייגן אויף אבענקל און איך משך פון עטליכע מינוט, שטארק צוהרגעט. איך דערמאן זיך אז אביגדור קליין האט געטענה'ט, "וואס בין איך שולדיק, איך בין דאך לאגער-עלסטער" האט ער צוליב דעם בעקומען נאך אגעהעריגע הוספה פון קלעפ.

יעצט גייט איר צוריק צו דער ארבעט, דאס איז נאר געווען בלויז לערן-געלט, האט דער ז'אנדארם עלסטער געזאגט: זייט וויסן, אז איר זענט יעצט ביי דייטשן און ווען זיי וועלן פילן פאר נויטיק וועט איר געטוישט ווערן. דערנאך האט דער לאגער פירער בעפוילן, מיר זאלן אויסרייניקן דעם צינאק. יעדן איינעם האט ער מכבד געווען מיט עפיס טוען און מיר איז אויס-געקומען ארויסצוטראגן דאס מיסט צום מיסטקאסטן, אגאנג פון 200 מעטר פון ביורא. קוים וואס כבין געגאנגען מיט מיינע צושלאגענע פוס מיט שווערע טרעפיס איך אטיפן שניי.

ווען כבין צוריק געגאנגען האט מיך דער "רוצח" צוגערופן און געפרעגט: דו האסט נישט געקאנט אביסל שנעלער גייך? דריי זיך אויס! ער האט מיר דערלאנגט אקאפע אין אונטערשטן טייל מיט זיין שפיצקן שטיוועל, אז די נשמה איז מיר שיעורנישט ארויס. איאר צייט נאך דעם פאל, האב איך נאך געליטן ווייטוגן פון דעם רוצחס קאפע.

טראץ די געשענישן, האט אונדז דער יודנראט נאך אפאר טעג אויסגעטוישט דורך אצווייטע גרופא. שפעטער

האבן מיר ערשט אפגעשאצט די "רחמנותדיקע שטראף", מיט וועלכער מיר זענען דאס מאל אפגעקומען אין 1940. ווייל שפעטער האט די דייטשע מאכט צוליב די קלענסטע עברה פון אזא מין, געטוען דורך אייד, גלייך פעראורטיילט צום שיסן אדער הענגען.

2. <u>ארואיק ווינקל אין גיהינום.</u>

קאלומנא איז פארן קריג געווען דאס בעקוועמע ארט פאר זומער-וווינונג פון דער גאנצער אומגעגנט. די דייטשן האבן דאס ארט אויסגענוצט צו בעזעצן די איבער-געפירטע פאלקס-דייטשן פון דער רוסישער טעריטאריע. די עס-עס פערוואלטונג פון „קאלומנא" האבן געפאדערט פון יודנראט זיי בעזארגן מיט פאכלייט. זיי האבן זיך געניויטיקט אין שניידער, לעדער נייער, בלעכער און שטיבן מאלער.

די ערשטע זענען ארויסגעשיקט געווארן שנידערס: יחזקאל נאשעלסקי מיט זיין זון, בן ציון מושקאביץ, משה וויוויעצקי און הימעלפארב. די צווייטע וואך בין איך געווארן געשיקט אלס לעדער נייער און עטליכע שטיבן מאלער - אברהם גאלדבערג, זלמן ז'אלטאווסקי, אבא קליין און שלום סקארקאווסקי אזוי אז מיר זענען שוין געווען איבער 10 מאן. מיר האבן בעקומען עטליכע צימערן אין אגעוועזענם פענסיאנאט, ווו מיר האבן זיך גוט איינגעארדענט. יעדער איינער אבעזונדער בעט מיט בעטקוואנט און צו דער ארבעט האבן מיר בעקומען איין גרויסן בעזונדערן צימער.

יעדער האט געטוען זייך ארבעט און אין אווונט זענען מיר אלע 10 פאכלייט געווען צוזאמען אין "פענסיאנאט", פערבראכט ווי מהאט געקענט. אונזער שניידער און לעדער ווארסטאט האט גאר נישט געהאט צו טוען מיטן לאסקער שניידער ראסארט. דא אין קאלומנא איז געווען אזעלבסטשטענדיקע אדמיניסטראציע, וועלכע האט געהאט די איבערזיכט איבער די דעפארטירטע פאלקס-דייטשן פון וואלין און אוקריינישע רוסישע געגענט.

אונדזער ווארסטאט האט געדארפן בעזארגן מיט מיליטער קליידונג און לעדערנע מאנטלען אלע עס-עס מענער פון די אדמיניסטראציע, וועלכע האבן זייער הויפט פונקט געהאט אין לאדז. זיי האבן אריינגעש-מוגעלט אויך זיירע פריוואטע געברויכן, געברענקט שטאפן און זיך אויך געמאכט פריוואטע צעוויל אנצעגער פאר זיך און זיירע צעוויל בעקאנטע און פאמיליעס. יחזקאל נאשעלסקי איז געווען דער הויפט מייסטער, ער האט צוגעשניטן און געפאסט און מיר האבן אויסגע-פארטיקט. מיר האבן אלע געמידטלעך געארבעט, קיינער האט זיך אין אונדזער ארבעט נישט אריינגעמישט.

עסן האבן מיר געהאט פון דער דייטשער בשותפות-דיקע קיך. איינמאל אין דער וואך האט יעדער בעקומען זייך צוטיילונג אויף פרישטיקן און אווונטברויט. גענוג ברויט, ווארשט, פוטער, צוקער און אנדערע געברויכן. מיר זענען ממש געווען אין קאלומנא ווו אין "אפענסיאנאט אויף זומערוווינונג". ספערשטייט זיך, אז יעדער פון די גרויסע לייט, אפנעמענדיק ביי אונדז אשטיקל ארבעט, האט בעשאנקן דעם ווארסטאט מיט אגרויס פעקעל עסן.

פון "שענסטן און בעסטן" האט אונדז נישט געפעלט, מיר אבער האבן געדענקט אונדזערע אייגענע אין לאסק. שבת מיטאג האט מען אלעמען אהיים געשיקט מיט א מאשין און מאנטאג פרי געקומען אונדז צוריק נעמען קיין קאלומנא. מיט "זייר" ידיעה האבן מיר מיט זיך אהיימגענומען וואס מיר האבן אפגעשפארט פאר אונדזערע ברידער און שוועסטער אין לאסק. מיר האבן מיט זיך געבראכט אין שטאט ציגארן און דערהאלטן אסאך יידןביים לעבן מיט אפעקל ציגארן. אחוץ דעם האט יעדער פון די ארבעטער אין קאלומנא בעקומען 20 מארק ארבעטס-לוין אוואך.

אין משך פון די צייט האט זיך דארט אויך געעפנט אגארבעריי דורך יוסף טאפארעק און יעקב פרענקל. מיר זענען שוין צוזאמען מיט די בלעכערס געווען 15 מאן און געפירט אזא לעבן, וואס אין יענער צייט האט קיינער אפילו זיך נישט ערלויבט אין חלום צוזעען. אין קאלומנע האבן מיר דעם "געלען מגן-דוד" נישט געדארפט טראגן, אבער פארנדיק אהיים קיין לאסק האבן מיר אלע זיך ווידער באצירט מיטן געלן מגן דוד. דער עס-עס פון קאלומנא האט עס פון אונדז געפאדערט, אז אין קאלומנא טראגט קיינער דעם געלן פלעק.

אזוי איז געווען דער מצב פון אונדזער רואיקער ארבעט ביז צו דער אויסזידלונג, ספטמבער 1942. אין דעם "שווארצן מאנטאג" דעם 3-טן סעפטעמבער ווען די עס-עס און זיירע מלאכי חבלה האבן ארומגערענגלט די שטאט און אלע אריינגעטריבן אין דער קאטאלישער קירכע, איז אויך געקומען דער קאלומנער שאפער מיט זיין מאשין אונדז נעמען צו דער ארבעט. מיר האבן אים געזען אויף

דער טראגעווויסקע שטייך און פערהאנדעלט מיט א עס-עס מאן, וועגן זיין שליחות. צום סוף איז ער נעלם געווארן און מיר זענען, ווי עס האבן שוין אנדערע געשריבן, אפגעשיקט געווארן אין לאדזער געטא.

נאך עטליכע וואכן מאטערנישן אין לאדזער געטא, אהיימקומענדיק פון דער ארבעט, געפון איך א אויפאדערונג זיך צוצושטעלן צו דער געסטאפא אויפן באלוטער פלאץ. אזא איינלאדונג האט שטענדיק געשמעקט מיט ... דאס מאל אבער, איז מיר געקומען אויפן זונען, אז דאס רופט מען מיך צוריק קיין קאלומנא. איך האב גלייך זיך געלאזט אין וועג צו יחזקאל נאשעלסקי און בן ציון מאשקאביץ אום זיך צואיבערצייגן אז מיין געדאנק איז ריכטיג. עס האט זיך טאקע ארויסגעוויזן, אז פון די אלע וואס די קאלומנער פערוואלטונג האט געוווסט די נעמען האבן בעקומען די זעלבע אויפאדערונגען.

צומארגענס האבן מיר זיך אלע צוגעשטעלט. ביים טויער פון דער באלוטער געסטאפא האט שוין געווארט דער קאלומנער שאפער, וועלכער האט אונדז אלע בשלום ארויס-געפירט פון לאדזער געטא קיין קאלומנא. דער עס-עס פון קאלומנע האט זיך מיט אונדז אלע געפרייט, און נאך עטליכע טעג שפעטער האבן מיר בעקומען ערלויבעניש צופארן אין לאדזער געטא ברענגען די איבריגע פאכמענער, וואס זענען געווען אין קאלומנע פאר דער אויסזידלונג. מיר האבן דאן אויסגעפונען יוסף טופארעק, קלמן קוז'מין. אויך האבן מיר אויסגעפוילט ביי דעם עס-עס מאן ער זאל ערלויבן אויך צו ברענגען קירז'נער פאכלייט, מיר האבן טאקע מיטגענומען

מיט זיך יוסף ביגעלאייזן מיט זיינע צוויי טעכטער חיה און טעמע.

דריי וואכן זענען מיר אלע סך הכל געווען אין לאדזער געטא, אבער מיר זענען שוין געווען אזוי אויסגעהונגערט, אז וויפיל מען האט אונדז געגעבן עסן האבן מיר אלעס איינגעשלונגען אין איינמאל, וואס סאיז איבערגעבליבן האבן מיר זיך אויפגעכאפט ביינאכט און אויפגעגעסן.

מער ארויספארן קיין לאסק אדער קיין לאדז פון קאלומנע האבן מיר נישט בעקומען קיין ערלויבניש. אויך די 20 מארק א וואך האבן מיר שוין נישט מער בעקומען. אזוי איז דאס געגאנגען ביזן סוף 43-סטן יאר. בעת די גרויסע ליקווידאציע אקציעס פון דער לאדזער געטא, זענען מיר אלע אויך איבער-געשיקט געווארן צוריק קיין לאדז.

3. א מעשה מיט אבריון.

זייענדיק אין לאדז, געשיקט פון קאלומנא אויס-צוגעפינען דעם ארבעטער קאלעקטיוו, האט מיך אבעקאנטע פרוי (מייזלער פון קאליש, וועלכע האט געוווינט אין לאסק אין דער צייט פון קריג), געבעטן, אז כזאל איר אוועקשיקן אבריוו צו איר ברודער, וועלכער האט זיך געפונען אין לאגער "ראווענסבריק". זי האט מיך דאס געבעטן, ווייל פון די לאדזער געטא האט מען נישט געקענט שיקן קיין פאסט אין דעם לאגער אריין. איך האב גארנישט נאכגעטראכט וואס אזא "גמילות חסד" קאן אמאל זיין אגרונד פאר אטויט-שטראף ביי די דייטשן.

איך קאלומנע האב איך דעם בריוו ארייגעלייגט איך אקאנווערט, און אנגשעריבן די אדרעס מיט מיין אבזענדער: "נוימן קאלומנא" און אוועקגעשיקט. ווי עס האט זיך ארויסגעוויזן איז דער לאגער ראווענסבריק שוין געווען ליקווידירט און דער בריוו איז צוריק-געקומען.דער לאגער עלסטר, זעענדיק אז דער בריוו איז געווארן געשריבן איך לאדזער געטא און געשיקט דורך די פאסט פון קאלומנע איז דאס ביי אים געווען פערדעכטיק און האט דעם בריוו איבערשיקט צו די געסטאפא פון לאדזער געטא. די לאדזער געסטאפא האט זיך געווענדן צו די עס-עס פון קאלומנע און געפאדערט אויסצופארשן וואס דא האט פאסירט.

דער עס-עס לייטער פון אונדזער ווארסטאט (שטורם-פירער קיטעלמאן) איז גלייך געקומען אין ווארסטאט און ווסענדיג מיין נאמען האט ער זיך גלייך געווענדן צו מיר און מיך אויסגעפארשט. איך האב זיך גלייך מודה געווען, אז איך האב נאר געטוען א טובה מיינס א פריינד, דאס איך האב נישט געשריבן קיין בריוו נאר בלויז איבער-געשיקט דורך די קאלומנער פאסט. "אלעס שיין" האט דער עס-עס מאן געזאגט, "איך בין א דייטשער אפיציר און איך קאן אויך נישט טוען אלס וואס איך וויל, און ערשט דו אלס ייד, ערלויבסט דיר אזא זאך צו טוען", וואס נאר טויט שטראף קאן דערויף מכפר זיין!

נאך דער אויספארשונג איז אונדזער לאגער-פירער אפגעפארן קיין לאדז אפגעבן א באריכט וועגן דעם "גרויסן פארברעכן". איך וויים נישט זאגט דער עס-עס מאן,

צו איך וועל קאנען עפּיס מאכן לטובת דיר, איך וועל־
פּרוּוון און דו בעט אויף רחמים.

צוריק קומענדיג פון די לאדזער געסטאפּא איז
אונדזער לאגער פירער געווען נאך מער בעזארגט. ער האט
נאר געמאלדן אז ד"ר בראטפיש, דער שעף פון לאדזער
געסטאפּא, קומט דעם קומענדן דינסטאג וועגן דעם ענין,
און איך זיין האנט געפונט זיך דער בעשלוס אויף לעבן
און טויט.

דורך די עטליכע טעג ביז דינסטאג האב איך איבער־
געלעבט דאס וואס די גרעסטע רשעים אין "דאנטעס גיהינום".
כהאב נישט געגעסן און נישט געשלאפן און יעדע מינוט
געהאט דעם געפיל פון חבוט־הקבר. דינסטאג איז ד"ר
בראטפיש געקומען קיין קאלומנא. איך בין גלייך גערופן
געווארן און זיך פאר אים געשטעלט צום משפט. אויף אלע
זיינע פראגן האב איך געענטפערט דעם אמת. כהאב גארנישט
געלייקנט. נאך איין מיין געגנווארט האט ער זיך געוואנדן
צום עס־עס לאגער־פירער און בעפוילן: אז אויף דעם
קוממענדן זונטאג, זאל צוגעגרייט ווערן "אתלייה" אויפן
מארק־פלאץ פון קאלומנע און אלע יידן און קריסטן, וועלכע
געפונען זיך אין קאלומנא מוזן זיין אנוועזענד ביי דער
עקזיקוציע.

אלע חברים זענען געווען פערצווייפעלט און איך בין
דאך אוודאי אין אוודאי געווען אויף גרויסע צרות. די
חברים האבן זיך ווידער געוואנדן צו אונדזער לאגער־
פירער און זיינע נאענטע, זיי זאלן עפּיס טוען לטובת
מיין רעטונג. לכתחילה האט ער געענטפערט, אז סאיז

גארנישט דא וואס צו טוען. דאך אבער וועט ער פרוון.

אין ווערקשטעל האט ער געראטן, מזאל פאר ד"ר בראטפיש צוגרייטן א גוטן לעדער-מאנטל מיט אפוטער קאלנער און אאונטערפוטער צום מאנטל. ער וועט דעם שעף איינלאדענען אויף שבת און אויפסניי פרוון אויף אים ווירקן מבטל צו מאכן די "הענג גזירה". אלע ווי איינער האבן זיך באמיט וואס שנעלער דעם פארגעשלאגענעם לעדער-מאנטל צוצוגרייטן, און איך האב פון דעם זעלבן לעדער אפפאל געמאכט אלעדערנע שייט צו די שווערט און אגוטן טאשן פארטפעל, אלס צוגאבע צום לעדערנעם מאנטל.

שבת פרי איז טאקע דער שעף ד"ר בראטפיש און זיין פרוי מיט די קינדער געקומען קיין קאלומנא. דער לאגער פירער האט אים מיט זיין פאמיליע גלייך אריינגעפירט אין די ארטיקע קאנטינא און זיי דערלאנקט פון אלעם גוטן. די קינדער איינגעטיילט גומענע שטיוועלעך און אנדערע מלבושים. גענומען אגוטע כויסע און אלע צוזאמען זענען גלייך אריינגעקומען צו אונדז אין ווארסטאט.

דא האט ער זיך אנגעמאסטן זיין לעדערנעם מאנטל און ער האט אים זער גוט געפאסט. אונזער לאגער פירער האט ארויסגענומען פון בוזעם-טאש דעם פארטפעל און ארויפגע-צויגן די לעדערנע שייט אויף די שווערט, אנווייזענדיק, אז דאס איז מיין ארבעט. דער שעף און זיין פרוי האבן געשטראלט פון שמחה. אביסל איז ער אויך געווען בגלופין. האט ער צום סוף געזאגט (זיך געווענדן צו מיין ריכטונג) "סאיז נאך אשאד אים צו הענגען, ער מעג נאך אביסל לעבן בלייבן". אזוי איז בטל געווארן די תליה גזירה.

4. איך וויל אייך ראטעווען.

ווען סאיז געלונגען דעם קאלומנער עס-עס מאן, אויסצוגעפונען זיינע איבערגעבליבענע פאכלייט אין דער לאדזער געטא, איז ווידער אויפגעלעבט געווארן דער "ווארסטאט" אין קאלומנע. מיר זענען געווען צופרידן מיט דער גאולה פון דעם לאדזער געטא גיהינום. אלץ האט זיך ווידער געפירט ווי אמאל. נאר אין די טעג און אין די נעכט האבן אונדז געפלאגט די גרויזאמע און שרעקליכע בילדער פון דעם "אויסזידלונגס טאג" אין לאסק. יעדער פון אונדז מיט זיין פעקל צער, אויף די טראגיש אומגעקומענע ברידערלעך, שוועסטערלעך, טאטע-מאמעס און אנדערע נאענטע. די שוידערליכע בילדער פון די "קירך טעג" האבן געשניטן ווי מיט מעסערס אין אלעמענס קערפער. מיר האבן געארבעט און געוויינט, געארבעט און געזיפצט, געגעסן און געקרעכצט. ביי נאכט, באנעצט דאס קישן מיט ביטערע טרערן. געכאפט קוים אדרימעל, האט דיך אויפגעוועקט אשרעקליך וויי-געשריי פון דעם שכן, אים האט זיך געחלומט אז מהענקט אים... אזוי האט עס פאסירט יעדע נאכט. נאך בידן היינטיקן טאג בעגלייטן מיך אזעלכע "זיסע חלומות" פון יענע גרענעצלאזע נידערטרעכטיקייטן.

צוזאמען מיט אונדז אין קאלומנע האט געארבעט אפאביאניצער קריסט פון איאר 30 בערך (איך קאן זיך נישט דערמאנען זיין נאמען) אלס אלעקטראטעכניק. מיר האבן אים געקענט פון דער נאענט און געהאט צו אים, איך אגעווויסע מוּעס צוטרוי.

ביי אגעלעגנהייט פרעגט ער איינעם פון די יידישע חברה - אברהם גאלדבערג, ווי אזוי מיינט איר זיך צו רעטן פון די מערדער הענט? אים האט זיך אויסגעדאכטן אז מיר בעטראכטן זיך פאר שוין אפגעראטעוועטע יידן. ער האט אונדז געמוסרט און גערדרויט, אז אויך מיר וועלן אין אגעוויסן טאג פערכאפט ווערן, ווי עס האט געטראפן מיט אלע יידן פון לאסק, פאביאניץ און אין לאדזער געטא. ער ראט אונדז, בעצייטנס מאכן פליטה פון דאנען און האט פוירצושלאגן אגוטן פלאן. ער האט זיך לאגיטימירט אלס חבר פון דער פוילישער מחתרת אין לאדזער קרייז. ער און זיינע חברים פערנעמען זיך מיט ארגאניזירן דעם קומענדן פוילישן אויפשטאנד.

זיין עצה איז געווען, אז מיר זאלן מסכים זיין אריינטרעטן אין דער געהיימער ארגאניזאציע, ער נעמט אויף זיך, אונדז איבערפירן אין פראטעקטאראט. דארט וועלן מיר אויסבעהאלטן ווערן דורך זיינע חברים און גלויבט, אז דאס איז ארעאלער וועג צום לעבן בלייבן, עוואנטועל פאלן אין שלאכט, נעמענדיק נקמה פון די נאצים. מיר האבן זיך ערנסט בעצויגן צו זיינע פויר-שלאגן. ער האט אונדז פון צייט צו צייט בעזוכט און געבערנקט ידיעות פון פערשידענע געלונגענע אקציעס פון זיין מחתרת. אויך האט ער אמאל געבערנקט אדעטעקטאר, ווי מיר האבן געהערט נייעסן פון לאנדאן אין דער פוילישער שפראך.

מיר האבן מסכים געווען צו זיין פלאן און געגו-מען ערנסט מאכן אלע צוגרייטונגען אין פאל מיר וועלן

גערופן ווערן צום האנטלויפן פון דאנען. לויטן פלאן דארפן מיר זיך צושטעלן צו דער דאברינער באן סטאציע. דארט וועלן אונדז אבווארטן "חברים". זיי וועלן,לויט א אפגערעטע סיסמה, אלעמען איבערפירן אין פיאטרקאווער געגענט און פון דארט קיין ווארשא.

אין לאדזער געטא האבן די נאציס שוין אין יענע אווגוסט טעג פון 1943 געהאלטן ביים אנפאנג פון דער געטא ליקווידאציע. פון אלע קוועלן האבן זיך געהערט ווײ-געשרייען פון טויזענטער יידן, וועלכע ווערן טאג-טעגליך געכאפט אין די גאסן און ווערן פערפאקט אין פראכט וואגאנען צו זייער לעצטן וועג...

מיר האבן זיך פערזאמעלט, אום אנצונעמען דעם געהעריקן ענטגילטיקן בעשלוס. דא האט זיך איינער פון אונדז קעגנגעשטעלט זאגענדיג, אז דער פלאן געפעלט אים שטארק, אבער ער גייט נישט מיט אונדז, ווייל ער וויל צוריק נאך לאדז אין געטא צו זיין מיט זיינע קינדער צוזאמען. פעראייניקן זיין גורל מיט זיינע קינדער. ווי מיר האבן דעם קריסט ערקלערט, אז מיר זענען אלע גרייט,אחוץ איינער פון אונדז וואס וויל בעסער צוריק נאך לאדז - האט ער אונדז אויף דער שטעל געענטפערט, אז דאס איז אונמעגלעך. "אלע אבער קיינער"! ווען אלע ווילן און איינער נישט דארפן מיר אים "מסלק" זיין. ביי אזעלכע ענינים שפילט קיין ראלע נישט איינ-איינציקער מענטש. ער האט צוגעגעבן, אז אין פאל ווען מיר אלע וועלן רעזיגנירן פון דעם פלאן, גלויבט ער, אז מען וועט אים, חלילה, נישט אויסגעבן.

ספערשטייט זיך, אז מיר האבן אזא עצה ווי מסלק זיין איינעם פון אונדז נישט געקענט אנעמען, און מיט כוח אים מיטשלעפן מיט זיך איז אויך נישט געקומען אין בעטראכט. און ווידער איבערלאזן אין קאלומנא אים אליין, איז געווען נאך געפערליכער. אזוי האבן מיר זיך געאמפערט מיט אים עטליכע וואכן. דערווייל האבן מיר געטוען אונדזער ארבעט און געציילט די טעג צו אונדזער סוף. סזענען ווידער אדורך צוויי וואכן און אונדזער קריסטליכער "משיח" איז נישט געקומען צו דער ארבעט אין קאלומנא.

ווי עס האט אונדז שפעטער איבערגעבן זיין פוילי-שער קאלעגא, איז דער קריסט מיט נאך עטליכע פון זיינע מיטארבעטער געהאנגען געווארן אין פאביאניץ. אוואך שפעטער זענען מיר, ביז איינער, איבערגעפירט געווארן צוריק אין לאדזער גיהנום. מיר ווייסן נישט וואס עס וואלט געווען אונדזער אלעמענס גורל ווען מיר פירן אויס דעם פלאן פון אנטלויפן פון קאלומנא און צוטרעטן צו די אונטערערדישע ארגאניזאציע, אבער דער חבר וואס האט צונישט געמאכט דעם פלאן איז טאקע זיין ציל ערפילט געווארן, ער האט זיך געטראפן מיט זיינע קינדער אין לאדזער געטא, אבער ליידער איז ער מיט זיינע קינדער אומגעקומען ווי אלע טויזענטער לאסקער יידן.

5. גרוסן פון ארץ ישראל.

ביז היינט שטוין אין נאך און קען זיך נישט אויס-וואונדערן ווי קינצלעך די דעמאלצדיקע ישראל שליחים און

סוכנות מענטשן האבן אין יענע שרעקליכע פייניגונגס טעג זיך אריינגעדרינגען דורך א קליין שפאלטל אין די דייטשע ארבעטס לאגערן. פערבינדן זיך מיט אונדז און מיטגעטיילט גרוסן צו משפחות, וועלכע האבן קרובים אין ארץ ישראל.

פארענדיק קיין קאלומנא האב איך בעקומען פון מלך פרידמאנס צווייטע פרוי אנאדראס קיין שווייץ צו איינעם נתן שוואלבע, אים בעטן איבערגעבן גרוסן צו אירע קרובים אין ישראל. עטליכע טעג שפעטער בעקום איך אקליין פעקעלע, געשיקט פון ליסאבאן אין פארטוגאל מיט ראזשענקעס און מאנדלן. שפעטער מיט 3 טעג האב איך דערהאלטן אפאסט קארטע פון נתן שוואלבע, ווו ער שרייבט, אז ער האט אונדזער אדרעס איבערגעשיקט צו גוטע פריינט און גרוסן פון מיין יפה־ס שוועסטער פעלע, פרעגענדיק זיך, צו איך ווייס שוין אז פעלא האט מיט אושא געהייראטעט? (אושא איז דער נאמען פון קבוץ ווו פעלא איז דאמאלס געווען) ער האט זיך אויסגעפרעגט וועגן אונדזער לאגע און וועגן די לאגע פון די לאדזער געטא.

ער האט געשריבן ברמיזה און אויך איך האב אים געענפערט ברמיזה. מיר האבן געפירט אנארמאלע קארעס־פאנדענץ אלאנגע צייט און פון צייט צו צייט באקומען פאקעטן מיט פערשידענע עסענווארק און נאשערייען פון טערקיי, פארטוגאל און שווייץ. אלס פון אומבעקאנטע מענטשן. נאר מיר האבן געוווסט, אז דאס זענען ישראל שליחים. די פאקעטן האבן פאר אונדז נישט געהאט קיין

גרויסן פיזישן ווערט, אבער אאונגעהויריגן מאראלישן ווערט האבן זיי יא געהאט.


מיר האבן אויך בעקומען פארשלאגן, אז מיר זאלן שיקן בילדער, אום פאר אלע צו מאכן פאפירן אויף ארויס צופארן פון דייטשלאנד. דאס איז אין יענער צייט געווען נישט מעגליך און אויך געפערליך.

אין איין טאג, דערהאלט איך אבריוו פון דעם דערמאנטן נתן שוואלבע, אז איך וועל אין די נאענסטע טעג דערהאלטן אפראגע בויגן פון דעם האנדוראסער קאנסולאט. איך דארף דארט אויספילן תשובות אויף פראגן און צוריק שיקן דעם פראגע-בויגן לויטן אנגעוויזענעם אדרעס. איך האב זיך בעראטן מיט די חברים, וואס כזאל טוען? איך האב אנפערטרוירט א דארטיקן פאלקס דייטש וועגן דעם פראגע בויגן און ער האט פשוט געזאגט, אז כזאל חלילה, גארנישט טוען: ווייל דו וועסט בעקומען אבעשטעטיגונג ארויסצופארן, האט ער געזאגט, אבער נאר דיין אש וועט געשיקט ווערן איבער דער גרענעץ. ער האט שוין וועגן אזעלכע פאלן געהערט. איך האב דאסמאל פערשטאנען, ווי געפערלאך דאס קען זיין. דער קריסט האט מיר אופריכטיק געזאגט, אז מיר דארפן זוכן אנדערע גוטע מעגליכקייטן זיך צו ראטעווען, אבער דער וועג איז געפערלעך.

מיט אזא תשובה האבן מיר פערענדיקט דעם עניין. ביז אונדזער פערלאזן קאלומנא האבן מיר כסדר באקומען בריוו פון פערשידענע ערטער און אויך דעם אויבענדער- מאנטן פראגע בויגן. פארן פערלאזן קאלומנא האבן מיר

די גאנצע קארעספאנדענץ בעהאלטן אין אקוואס פלעשל
און עס בעגראבן ביים פענסטער פון אונדזער ווארסטאט.
אז מיר וועלן לעבן בלייבן, האבן מיר געטראכט, וועלן
מיר אדער איינער פון אונדז דאס פלעשל ברענגען קיין
ישראל און פערעפענטליכן די קארעספאנדענץ.

ביז היינט האט מען עס נישט מקיים געווען.



מַחֲנֶה רִכּוּז


חוֹל, חוֹל, חוֹל,
וּבְעַיִן דִּמְעָה וְהַפֶּה בְּלִי קוֹל,
שְׁחוֹחַ הַגַּב וְהָרֶגֶל נִסְחֶבֶת
כַּחֲמוֹר, בָּעוֹל וּכְעֶבֶד.

עֲנָנָה צְחוֹרָה שָׁטָה בַּמָּרוֹם
וְרוּחַ קַלִּיל, חוֹלֵף וְעוֹבֵר.
אֲסִיר־הַכְּפִיָּה פּוֹסֵעַ דָּם
וְהַחוֹל דִּמְעוֹתָיו צוֹבֵר.

הַאֵין לַחוֹל הַזֶּה קֵץ?
הַאֵין לַיּוֹם הַזֶּה עֶרֶב?
הָעֶצֶב דּוֹרֵס הַלֵּב כְּנֵץ,
וְהַכֹּסֶף אוֹכְלוֹ טֶרֶף.

חוֹל, חוֹל. חוֹל,
וּבְעַיִן דִּמְעָה וְהַפֶּה בְּלִי קוֹל,
שְׁחוֹחַ הַגַּב וְהָרֶגֶל נִסְחֶבֶת.
כַּחֲמוֹר בָּעוֹל וּכְעֶבֶד.

מ ר ד כ י   א ל ע י



יצחק טראובה

מעבדות לחירות

התשוקה לראות במפלתו של הצורר והרצון העז לזכות לעלות ארצה, הם שהצילונו מכל מצוקה, מרעב והשפלה וסבל אין-קץ במחנות העבודה בפולין ובגרמניה.

על סף הנצחון של צבאות-הברית נמצאתי נודד בדרכים בין אלפי אסירי-כפייה, כמוני, תחת פיקוח משמר נאצי, ללא כל מטרה. ב-10 באפריל 1945, ברחתי מן השיירה בחסות חשכת-הלילה והסתתרתי במתבן שהיה מרוחק מן הכביש. בשכבי נשמעו יריות. למחרת נודע לי, לצערי הגדול, שכל השיירה שאני ברחתי ממנה חוסלה ע"י הרוצחים באותו לילזוועה. המחשבה לברוח מפני המות דחפני להסתכן ועברתי בלילה השני את קווי הגרמנים, בשעת-קרב-טנקים, לצד הקווים של צבאות הברית.

אינני בכוח לתאר את האושר הגדול שאפפני בשעה זו שראיתי את עצמי משוחרר מידי הנאצים. אבל רצוץ נשארתי וכאב אחזני על חברי לעבודה במשך שנים שחוסלו על ידי התלינים ולא זכו, כמוני, להינצל.

הצטרפתי לקבוצת שבויים, ששוחררו ע"י האמרי-קאים, ויצאנו לצרפת. הייתי במשך שבועות אחדים בטיפול רפואי בעיר הנמל לה-הברה. שם נפגשתי בקבוצת חיילים

יהודים, מהם נודע לי, שהימים הם חג השבועות והצטרפתי אליהם לתפילת החג ו"לברכת הגומל". כשהבראתי יצאתי לפריס ופניתי לבית הכנסת "רוטשילד". שם פגשתי את היהודי הראשון מארץ ישראל: הסמל ישראלי ז"ל מכפר גלעדי. הוא דאג לי שאתקבל לצוות העובדים במעון-ילדים, ניצולי השואה, שהוסתרו על-ידי הוריהם במנזרים שונים ברחבי-צרפת וגם הובטח לי שאעלה ארצה בהקדם האפשרי יחד עם מעון-ילדים זה. אושר גרר אושר ושמחה: נתקבל בעבורי מברק מחברי וואווטשע רייכבארט. במקרה ראה באיזה עתון את תמונתי והשיג את כתובתי, ושנינו נפגשנו בפריס בחיבוקים ושמחה שאין להארם במלים; מפיו של ידידי נודע לי שעוד חלק קטן מאד מבני עירנו לאסק ניצלו, אולם עודם פזורים במחנות משוחררים שונים. כשנפרדנו הבטיח לי שיודיע לכל החברים באשר הם על אושרי וכי אני יוצא בקרוב לארץ ישראל.


כעבור ימים אחדים נתקבלנו בסבר-פנים-יפות ע"י תושבי חיפה. והבריטים של אז, סגרו אותנו באדיבות אנגלית במחנה עתלית. הימים ימי ראש השנה. הלילה הקדוש פרץ את גדר המחנה וצבור גדול של מעפילים,ואני בתוכם, ברחנו דרך החור והסתתרנו בין הסלעים. שם חיכו לנו אנשי ה"הגנה" וחברי הקיבוצים ואספונו כמי שאוסף אוצר יקר. אחרי המאמץ הזה הופתעתי במצאי שם בקיבוץ "במאבק" את חברי וידידי שרגא נוימן מלאסק. אני מחפש מלים באוצרי ואינני מוצא, בכדי להביע את גודל

המאורע הזה. היה זה מין רגש, שדמה לשמחת הגאולה של 14 במאי 1948. אני ושרגא בין השרידים הראשונים בארץ ישראל!!! כעבור זמן קצר נרתמתי, כחבר ההגנה, למעשי-הגנה בבני-ברק. מלאתי תפקידים בטחוניים שונים. באחד התפקידים נפצעתי ע"י אנשי המחתרת. גם מצרה זאת יצאתי בשלום. כפצוע לא יכולתי להמשיך בפעולות הקודמות. מזה סבלתי יותר מאשר מסבל הפצע. המדינה קמה, ואיתה באו ארצה השרידים מעירנו לאסק. אנו כוותיקים הקבלנו את פניהם ועזרנו להם בצעדיהם הראשונים. גם הארגון של יוצאי לאסק הושיט עזרה לכל אחד מאתנו שהיה זקוק לה.

כך מאושרים, שהגענו לחוף מבטחים. הקימונו משפחות וילדינו יישרתו עוד-מעט בצה"ל.

אך עינינו דומעות, כשאנו מסתכלים מאחורינו לעולם "הרע ההוא" ששיעבד והרעיב, השפיל ודיכא, מצץ את הכוח ואחרי כן השמיד.

קשה, מאד-מאד קשה לי לשאת את השם "שריד".



חיים לערער
ניו-יארק

כזוך בלומען

דער פרילינג איז געקומען -
איך גרייט זיך צוזאמענקלויבן,
ווו עס בליען נאר בלומען,
אז איינער וועט נישט בלייבן.

פלעכטן פיל קרענץ
פון אלע די בלומען,
פאר יידן וואס זענען
אין "געטא" אומגעקומען.

מיליאנען אין די חמורים
מוז איך זוכן, געפונען.
בלויז פאר די קברים,
וואס אין "געטא" דרינען.

איך וועל זיי באדעקן,
און מיט טרערן באנייען,
איך גלויב קוים,
צו סוועט מיר בלומען סטייען?

יפה נוימן-קורן

מיין בעפרייאונג

אין דעם שווארצן טאג פון דער לאסקער אויס-זידלונג זענען מיר געשוויסטער קארן, צום גרויסן גליק, געבליבן צוזאמען אויף איין ארט, אזוי אויך די גאנצע קריגס-צייט אין געטא און לאגערן.

פלוצלינג זענען פערשוווּנדן אלע עס-עס מענער און אנדערע נאצישע הונט, וועלכע האבן אונדז בעג-לייט, געשומפט און געפייניקט, געטויטעט יעדע שוואכע פרוי, וועלכע האט זיך שוין נישט געקענט מיט-שלעפן מיט אונדז. מיר זענען פריי! האט זיך ביי יעדע פון אונדז אין הארצן דערהערט אפרייליך געשריי. די אמעריקאנער זענען שוין דא ביי אונדז!

פאר אונדז זענען געשטאנען עטליכע וואגאנען אנגעלאדענט מיט ברויט. איך בין גלייך ארויף אויף איינעם פון די וואגאנען, מיר איז עס לייכטער אנגעקומען ווי אנדערע. גלייך האב איך גענומען ווארפן גאנצע ברויט צו די הונדערטער אויסגע-הונגערטע מיידלעך און פרויען וואס זענען געשטאנען ארום דעם וואגאן. מיט אשרעקליך הונגער-ווילדקייט האבן אלע זיך געשטופט, געטרעטן איינע אויף די צווייטע אום זוכה צו זיין די גרויסע זכיה פון אביסן ברויט. כ'בין כמעט געפאלן פערחלשט פון דער

אנשטרענגונג, אויך מיין שוועסטער פרימעט האט קוים זיך אפגעראטעוועט פון דעם שרעקליכן געדראנג פון די טויט הונגעריקע. צום סוף האב איך זיך ארויסבעקומען אלעבענדיקע, פון וואגאן מיט צוויי ברויט. לויפענדיק האט איינע מיר צוגעכאפט איין ברויט. פריי און טויט הונגעריג !

נאכן עסן האבן מיר אנגעפאנגען פילן די פרייהייט. ווי פון הימל איז אנגעקומען דוד לערער מיט אידעק שער, אברודער פון די צוויי "געהאנגענע". די דעמאל-דיקע פרייד איז יעצט נישט בעשרייבלעך. דוד לערער האט גלייך זיך גענומען פעראינטערעסירן מיט אונדזער גורל. ער איז געווארן ממש אונדזער אפוטרופוס. אלעם ערשטן האבן מיר זיך אויסגעפונען ביי אדייטש אצימער - אדאך איבערן קאפ. נאך 3 טעג האבן די אמריקאנער אלעמען איבערגעפירט קיין לאנדסבערג, אלאגער פאר פליטים. אלעמען אריינגעפירט אין אפערנומענעם באראק דורך רוסן, שפעט ביינאכט, אין דרויסן קאלט, און מיר האלב נאקעט. די רוסן האבן אונדז דערלאנגט אביסל עסן, איבערגעבן זיירע ווארימע בעטן און בעפרייט דעם באראק.

די ערשטע טעג אין לאנדסבערג זענען געווען זער כאאטיש. נאך עטליכע טעג האבן זיך אלע איינגעארדנט, אויך מיר שוועסטערן האבן בעקומען אבעזונדער צימער. איך, פרימעט, רחל, טויבה, געניה קעמפינסקי, דוד לערער, אידעק שער און נאך איינער, זענען מיר געווען צוזאמען. רחל איז גענומען געווארן אין לאגער-שפיטאל, זי איז געווען זער שוואך, ווער איז דען דענצמאל

געוועז געזונד? מיר האבן זיך נאך אלץ נישט געפילט אלס מענטשן. די אומריינקייט איז געוועז שרעקלעך. די גאנצע מחנה איז געוועז איין גרויס קלאזעט... צו ביסלעך האבן זיך אלע אנגעזעטיקט און אויך בערואיקט. כוועל קיינמאל אין מיין לעבן נישט פערגעסן די גרויסע פרייד, דערזעענדיק די "יידישע בריגאדע" אריינמארשירן קיין לאנדסבערג. מיר האבן זיי בעשאטן מיט בלומען. ביי דער געלעגענהייט האבן מיר בייגעוווינט אזער הארציקע סצענע. סהאבן זיך אין דעם מאמענט צוזאמענגעטראפן א חייל פון די בריגאדע מיט זיינס א פעטער וואס איז לעבן געבליבן; די פרייד פון אונדז אלעמען איז נישט צו שילדערן.

באלד האבן מיר זיך גענומען שאפן און גרופירן די חברי התנועה -נוח"ם- "נוער חלוצי מאוחד" האבן מיר זיך גערופן. אלע, אנהייבענדיק פון מזרחי ביז מפ"ם זענען אריינגעטרעטן אין דער תנועה. מיר האבן געהאט אגרויסן לאקאל און אויך גוטע ארגאניזאטארן. ווי מיר זענען נאר געוועז שוין אביסל איינגעארדנט און אויך מיט ריינע קליידער און בעסער עסן איז די ערשטע מחשבה פון אונדז אלע געוועז: ווי בעקומט מען זיך קיין ארץ ישראל?

די עליה ב' האט שוין פונקציאנירט, אבער מיך האט מען מיט דעם ערשטן טראנספארט נישט גענומען. דעריבער האב איך זיך רעגיסטרירט אויף הכשרה קיין בוכענוואלד. פון דארט בין איך געשיקט געווארן מיטן צווייטן טראנספארט פון עליה ב' קיין ארץ ישראל. אויך מיין

שוועסטער רחל מיט איר מאן משה זענען געווען מיט
מיר. דער וועג איז געווען דורך עסטרייך און זיך
געפארן אין אפענע אוטאמאבילן דורך אלע גרענעצן ווי
אמתדיקע פרייע עולים. דער פרייער ווינט האט אונדז
דעם גאנצן וועג בעגלייט און געטאנצט איבער די קעפ.
פארענדיק זענען מיר געקומען קיין איטאליע. צוליב
די דאמאלסדיקע גזרות פון עליה דורך די ענגלענדער,
זענען מיר ווידער געבליבן זיצן אין אצוגעגרייטן
לאגער. חברים פון ארץ ישראל האבן זיך פערנומען מיט
אלעם און אונדז איינגעארדנט אין א קיבוץ. איאר צייט
זענען מיר געזעסן אין איטאליע, ווארטענדיק מיט
אונגעדולד אויף אונדזער תור צו דער עליה. ענדליך
האבן מיר זיך דערווארט. אין אטאג פון אשטורמדיקן
ים האט מען די גאנצע חברה ארייַנגעפאקט אין קליינע
שיפלעך און איבערפירט צו דער "שבתאי לוזינסקי" שיף.
אויפן וועג איז רחל ארייַנגעפאלן אין ים אריין. מיט
אלע כוחות איז זי צוגעשווומען צום בריקל פון דער
שיף און נאס-וואסער זיך ארויפגעכאפט צו אונדז. מיט
דער שיף זענען מיר אבער נישט געפארן, עס האט זיך
ארויסגעוויזן, אז די שיף איז געלעכערט און סרינט
אין איר אריין וואסער.

אראפ פון דער שיף און געווארט אויף אצווייטע
"ארלאזארוב" מיט אלע גוטע איינריכטונגען. דארט
האבן מיר געטראפן לאסקער קינדער: אטקא, לאה, חיה
און טעמא ביגלאייזן, מאכטשע ווידאווסקי און קארולה
שערצקי, ווידער אשמחה, און גליקלעך פון די פרייליכע

פגישה. מיט מזל זענען מיר דערפארן ביז חיפה, מיט
אויסגעגלאנצטע אויגן האבן מיר אין דער פינסטערנאכט
געזען דעם "הכרמל". די ענגלענדער האבן אבער אונדז
נישט געלאזן אראפגיין צום "אויסגעחלומטן ברעג",
און אונדז געפירט קיין קאפריסין. שטעלט זיך פויר
דעם נייעם צער. די ענגעלענדער איז עס נישט אזוי
לייכט אנגעקומען, מיר האבן געשטעלט אשטארקן ווידער-
שטאנד, בעווארפענדיק זיי מיט פושקעס קאנסערווען.
נאך עטליכע טרער באמבעס האבן מיר זיך אונטערגעגעבן.
בלית-ברירה זענען מיר איבערגעגאנגען אויף די ענגלישע
שיפן און זיך געלאזט פירן ווי געפאנגענע קיין
קאפריסין.

אין קאפריסין האבן מיר זיך איינגעארדנט אין
בלאכענע צריפים. מיר האבן בעקומען עסן און טרינקן.
סזענען געקומען שליחים פון ארץ ישראל, גולדה מאיר,
בן צבי ז"ל, הארצפעלד און אויך שחקנים פון אלע
טעאטרן. מיר האבן געלערנט עברית און אויך געמאכט
ספארט אימונים דורך די "הגנה" חברים. איאר צייט
זענען מיר דארט געזעסן. דער "ארגון יוצאי לאסק"
האט אונדז געשיקט פעקלעך און געלט. אויך שרגא האט
אין אונדז אלעמען גוט געדענקט. צום סוף האבן די
ענגלענדער אונדז אלעמען בעפרייט. און דעם 23-טען
מערץ 1948 אפגעפארן קיין ארץ ישראל און אנגעקומען
אויפן ברעג פון קרית שמואל ביי חיפה. אטאבוסן האבן
אויף אונדז געווארט און איינגעארדנט אשיינעם קבלת
פנים. אויף יעדן געזעס איז געלעגן אסענדוויץ' פאר

יעדן. אין קרית שמואל האט אונדז אפגעווארט אונדזער שוועסטער פעלא און מיט איר זענען מיר געפארן אין קיבוץ אושה. שרגא איז גלייך געקומען, אבער שוין געווען מאביליזירט, אזוי, אז מיר האבן אין קיבוץ גענומען חופה וקידושין און ער איז באלד צוריק אין זיין מיליטער אפטיילונג. במשך די קאמפען איז שרגא פערוווּנדעט געווארן ביי משמר הירדן, געלעגן אין חיפה אין שפיטאל און נאך אקורצע צייט איבערגעשיקט געווארן אין אמיליטערישן בית הבראה ווו ער איז געבליבן ארבעטן אלס מזכיר ביז צו דער בעפרייאונג פון מיליטער. אין די צייט ביז צו שרגא׳ס בעפרייאונג האב איך געארבעט אין "אתא" פאבריק און געוווינט ביי אמשפּחה פון קרית בנימין מיטן נאמען הנה און יעקב כהן. די משפחה האט פאר מיר אלעס געטוען אזוי ווי אייגענע עלטערן און נישט על מנת לקבל פרס. ביזהיינט פיל איך, אז איך בין נישט אומשטאנד מיט ווערטער צו דאנקן די משפחה כהן פאר זייר בענעמען צו מיר, ליידער איז דער מאן יעקב כהן געשטארבן פון אשווערע קראנק-הייט. זאלן כאטש די דאזיגע ווערטער דינען אלס אהארציקן אויסדרוק פון ליבע און דאנק די משפחה כהן.

נאך דעם ווי שרגא איז בעפרייט געווארן פון מיליטער האבן מיר עטליכע יאר געוווינט אין בני ברק. נאכהער איבערגאנגען אין אאייגענע ווינונג אין תל-אביב זיך גוט איינגעארדנט און זענען צופרידען מיט אונדזערע טעכטער און מיט אונדזער גאנצער משפחה. איך דאנק און לויב מאג-טעגליך פאר דעם גרויסן חסד

וואס דער גורל האט מיך נישט צושיידט פון מיינע . שוועסטערן און אויך אונדז נישט צושפרייט ווידער איבער דער וועלט, נאר מיר זענען אלע מיט די גאנצע משפחה צוזאמען אין ישראל.

מרדכי אלעי

יְשׁוּבִים חֲבִיבִים

יְשׁוּבִים חֲבִיבִים, יְשׁוּבֵי הָעָם,
תֵּרֵד עֲלֵיכֶם מֵעָל בְּרָכָה,
יְשׁוּבִים בָּהָר, בָּעֵמֶק, עַל יָם,
נְאוֹת שִׁיבַת שֶׂה נִדָּחָה.

כַּמָּה אֲבָרְכְכֶם מֵעֹמֶק הַלֵּב,
בִּרְאוֹתִיכֶם מְבַצְבְּצִים בֹּקֶר מְאֹד,
בַּיִת וְרֶפֶת וְגַן מְלַבְלֵב,
כַּמָּה לִבִּי מִשִּׂמְחָה חָרֵד.

עֵינַי תָּרוֹת לַחֲזוֹת בְּצֵאת
בְּנֵיכֶם, בְּנוֹתֵיכֶם חֲזָקִים, שָׂשִׂים,
כָּל אֶחָד שֶׁלּוֹ לִמְלַאכְתּוֹ יֵט,
לְדַרְכּוֹ צְעָדָיו יָשִׂים.

אֶחָד לְסִפְרוֹ וְאֶחָד לְגִתּוֹ,
וְאֶחָד לְסַדְנָא וְאֶחָד לְחֶרְמֵשׁ,
וּלְאַט יִתְנַשֵּׂא הָעָם בַּאֲמִתּוֹ,
אֻמַּת עוֹלָם מְתוּרַת אֵשׁ.

יְשׁוּבִים חֲבִיבִים, יְשׁוּבֵי הָעָם,
נְאוֹת שִׁיבַת שֶׂה הַנִּדָּחָה,
יְשׁוּבִים בָּהָר, בָּעֵמֶק, עַל יָם,
תֵּרֵד עֲלֵיכֶם מֵעָל בְּרָכָה.

התלבטויות שלי

בשמעי את העדויות מפי אנשי עירי, מוקלטים ברשם-קול. ובין אלה מפי אחד שהיה אחראי לספק עובדים יהודים לגרמנים יום-יום, לפעמים גם להתאכזר לאדם זה ולשכן זה, לא חלילה מתוך רוע לב, אדם אשר עמד במרכז האירועים הטרגיים ועשה הכול לפי המתוכנן ע"י היודע-נעלסטער או - "היודנראט".

העדויות מגוללות לפנינו לא רק את השתלשלות המאורעות בקהילת לאסק, ולא רק את העדה היהודית הנמקה ביסוריה ופרפרה בין צפרני החיה הנאצית, אלא שורה שלמה של עסקנים צבוריים, ציוניים מסורים אשר עשו הכול מה שנצטוו ע"י הנאצים, ונתנו גם יד חפשית למשרתיהם שוטרים יהודיים, ופקידיהם לעשות למען רצונם של הגרמנים. בדברי העדות מגולל כל עד פרשה שלו ושל הקרובים אליו בראש וראשונה.

לרוב אין העדים בדרך כלל רואים את צרת הכלל, העקובה מדם. 3500 נפש היו בלאסק בגיטו, היכן הצעקה, געוואלד! מפיהם של העדים, הצער, העלבון, הכאב הגדול שנגרם להם לטובי העיר ע"י הפושעים הנאצים?

כל אחד מספר על השקט היחסי ששרר בגיטו לאסק מנובמבר-דצמבר 1939 - עד אוגוסט-ספטמבר 1942 ומסיחים את הדעת מן פרכוסיה הנואשים של כל העדה היהודית,היודעת ומסתירה את הצפוי לה.

כל עד מספר, כי כלואי הגיטו ניסו בכל יום.
להתגבר על קשיי-החיים הלא אנושיים, לפתור את הבעיות
הלחם והמרק, ותו לא. היכן היתה הנשמה היתרה של חסידי
לאסק וסגולות טובות אחרות שהיו צפונות גם בשאר האוכ-
לוסיה של יהדות לאסק? לפני עינינו מופיע דיוקנו של
צבור מעונה הנאבק רק על פת-לחם, ואולי על עוד משהו;
ענינים הקשורים בדת, התפללו פה ושם אבל בלי חרף-נפש.

היכן היו המלמדים שיכלו גם ללמד את התינוקות
תורה בהחבא, (אמנם סופר על אחד לוי אשר לימד זמן קצר
מספר ילדים) כשם שזה נעשה בלודז' או בשאר הגיטאות?
אמנם נשמע מפי העדים גם מעשה רחמים וחסד שעשו עם הזולת
הקרוב, אולם תמיד נעשו מעשה-חסד אלו על מנת-לקבל-פרס
או טובת הנאה. אם לא תיכף דרש את טובתו זקף לו העושה
חסד לעצמו על חשבונו... לפעמים עד מגלה את מעשיו
ונוטל על עצמו את האחריות למעשיו הרעים והטובים.

וכמה אנו מתלבטים על דמותו של "הפרזס"
על הגילויים השליליים במנגנון "היודנרט"
על נשיאת הפנים, על שחיתות ומעל בכספי היהודים של
המנגנון: "כאאוס" בהחלפת הכסף הפולני הזלוטה למרק
הגרמני, על דרישת הגרמנים שכל יהודי יתן את הזהב וכלי
זהב וכסף שברשותו, והעדה היהודית נתנה את כל היקר שלה
וחלק לא נרשם. אף מלה אין בפי העדים ואינה נזכרת על
פעולה איזושהי במחתרת, או על מחתרת להציל יהודים
ולהסתירם בחלק הפולני, או לכל הפחות להציל קצת ילדים,
כפי שנעשו באלפים מקומות - בהצלחה.

העדים, כולם מודים, שידעו בדיוק מה צפוי להם. אחד אמר: כולנו יודעים שאנו נידונים למות, אלא אנו מקבלים ארכה מן התלין הנאצי. עד אחד סיפר: שבאחד הימים עבר יהודי דרך לאסק, שברח מ"חלמנו" וסיפר מה שהרוצחים עושים ביהודים שם. הוא אישר הכול מה שהיה ידוע להם.

למה, אני שואל, לא קם"הפרזס" או החברים היקרים הידועים לנו כאנושיים, כלאומיים, שאת כל חייהם מסרו לטובת כלל האומה, ואת זמנם הטוב הקדישו לטובת אזרחי העיר. הם, במקום לעורר למרד, או לארגן בריחות, דרכו-נים מזויפים - צייתו לנאצים, בחשבם שעל-ידי-כך יצילו חלק מהציבור היהודי. עד אחד ענה לי על השאלה הזאת: הרכנו את הראש, הסתגלנו למציאות המרה, הבלגנו על הרגש המרד שבתוכנו, כדי שלא לתת עילה לגרמנים לנקוט רדיפות של דמים כלפינו.

וכי לא היתה בבחירה זאת סתירה טרגית ביותר? הן כולם ראו בעליל, כי השמדתם המתבצעת על-ידי הגרמנים אינה תלויה כלל בהתנהגותם הטובה, כאשר הרוצחים רצו לערוך "אקציע" הודיעו "לפרזס" והוא שלח את "אנשיו" והם ביצעו את רצונם. בעיקר, שלא נורתה אף יריה אחת...

העד אומר: שהעם האמין בנס-הגאולה שיתרחש, וחשב שיעלה בידו לראות במפלתם של הנאצים, לכן יש להימנע ממעשים "אי אחראיים" העלולים להחיש את הקץ. כן, מותר לעם הפשוט להאמין בניסים! בפרט ליהודים האדוקים.

אבל למה נסחבו אנשי הצבור המודעים לנו, כמנהיגים דגולים, ציונים בלב ונפש, אחרי אמונת ההמונים ולא נקטו צעד להראות להמונים האלה את הדרך בה ילכו? האם באמת ובתמים בחרו גם הם בדרך ההמון "השם ירחם"?

אינני מקשה על "הפרזס", מקומו לא היה בין אלה שיכלו למרוד או להמריד. אף-כי, שפעם הביע עוז-רוח, באמרו: "אם יתלו עשרת היהודים (במעשה הפחם של האחים שר) יתלו גם אותי". - את עשרת היהודים אמנם הציל ואת האחים "שר" תלו לעיני כל העדה היהודית בעזרת שליחיו של "הפרזס".

אחד העדים מספר: שלפני כל "אקציה" של שליחת יהודים לעבודת פרך „לפויזן", „לנקלה" ולעוד מחנות עבודה, ידע "הפרזס" על-כך מראש והוא ביצע את הפקודות ע"י שליחיו היודנפאליציי ולעתים בעזרת הז'נדרמים הרוצחים. מדוע הסתיר את האמת המרה הזאת - מן הגיטו? מדוע לא רכש היודנראט אף רובה אחד, אף אקדח אחד, אף רימון אחד ולהרוג, לכל הפחות, רוצחים אחדים לפני חיסול הגיטו בספטמבר 1942, מן הכסף הרב שהיה בידיו? אלא ערך משתאות ובנקטים?

כך מספר העד: "בגלינבקעס" דרש הרוצח "ביבוב" את שארית הזהב והיהלומים שעדיין נשארו בידי ההולכים למות. הרבה יהודים וביניהם בנו, נתנו את נעליהם אשר בהן היו טמונים דברי-יקר וטבעות קידושין, ונתנו לצורר. ולא היה כדור אקדח אחד בידי ההמון הזה לפלח את לבו של הצורר ביבוב?

היכן היו הצעירים בעלי כושר מחשבה פוליטית, מתקדמת, שבודאי נקעה נפשם ממדיניות הכניעה של היוד-נרט, לא יצרו תנועה פרטיזנית, בריחה אל היערות שהיו בסביבת לאסק, קשירת קשרים עם הארגונים הפולניים, כמו שנעשו בצ'נסטוכוב, בייאליסטוק, אפילו במחנות השמדה. כלום לא בערה בליבם תשוקת-נקם? מדוע לא הורם אף גרזן אחד על רוצח גרמני בודד בזמן חיסול הגיטו? לא פרצו ליערות ולא חפשו קשר להשיג נשק? מפני שאיש לא הדריך אותם לכך, בבחינת "תמות נפשי עם הפלישתים".

אני ממשיך להתלבט. אין איש שיוכל לענות תשובה על שאלותי. אינני, אף רגע, מתעלם מן המצב המיוחד, שבו היו נתונים כלואי גיטו לאסק. רגש-אנוכיי של כל פרט, שחיפש קודם-כך פת-לחם לעצמו ולבני משפחתו, ועל עתידו של הגיטו כולו, "ירחם השם"!.

"אל תדון את חברך עד שתגיע למקומו". שומע אני קול המדבר אלי. ולחרוץ משפט, זכאים רק אלה שנתנסו בכל אותם היסורים בגיטאות ומחנות. כך חרצו יהודים הרבה כלואי הגיטאות, ובחרו בדרך השניה - דרך התקוממות והמרי. את משפטה תחרוץ ההיסטוריה עצמה. אבל את תוצאות הכניעה והבלגה ראינו בעינינו: לא נשאר עם יהודי באירופה. וכאן ההתלבטות שלי.

אילו היו היהודים מתנגדים מלכתחילה, עושים סבוטז'ה, מתנגדים בכל לכל גזירות הגרמנים, מארגנים

הגנה ויוצאים בנשק נגד מרצחיהם? ייתכן והיו הגרמנים נרתעים מתכניתם!

מי יודע, מה יכלו להיות תוצאותיה של התגוננות יהודית כללית?

הן לגרמנים היו די צרות בחזיתות,בכל החזיתות בעיקר החל משנת 1942.

מי יודע? ?

זאב צורנמל



מטלבטים

דוד לערער

געדענקן און נישט פערגעסן

געדענקן און נישט פארגעסן וועלן מיר אייך טייערע זיסע קינדערלעך מיט אײַערע שיינע קלוגע אייגעלעך. אייך קינדערלעך, וואס איר זענט נאך געווען צו קליין אפילו צו זאגן "שמע ישראל". קינדערלעך, וואס זענען נאך געווען געבונדן צו דער מאמענס ברוסט, וועלכע האבן נאך נישט געקענט שטיין אויף אייגענע פיסעלעך. איר, וואס זענט נאך געווען פריי פון פחד און מורא. נאך נישט באוויזן לערנען תורה. ווער אין דער-וועלט קען פארשטיין, פארוואס האט אויך אייך דער שונא פארשניטן? - מיר שווערן צעליב אייך, קיינמאל נישט מוחל זיין די קינדער רוצחים, די טרפה'נע נאצישע הענקער!

געדענקן און נישט פארגעסן וועלן מיר אויך אייך, טייערע יוגענד, וואס איר האט שוין געטרוימט און געחלמט אויף גוטע צייטן און שיינע צוקונפט. צו א נייעם לעבן, צו זיין אמאל שטאלצע בויער און שאפער אין דער אייגענער היים. אײַערע געדאנקן, אײַערע חלומות זענען איבערגעריסן געווארן. אײַערע יונגע לעבנס זענען פארשניטן געווארן דורך די נאצישע בעסטיע. אייער בלוט שרייט פון דער ערד, רעשט אין אונדזער בלוט, פעדערט, און פרעגט, פאר וואס? אײַערע יונגע לעבנס קענען מיר אייך נישט צוריקגעבן, אבער אויף אייביג וועט איר איינגעקריצט זיין אין אונדזערע געדאנקן אין אונדזער

זכרון, און איר הארציקע טײַערע מוטערס, איר ייִדישע געטרײַע מאמעס, אײַך וויל איך ווידמען דאס ליד וואס וועט אויס דריקן אונדזערע געפילן צו אײַך:

מאמע

איך-לײַדן, ווען סאיז מיר שלעכט,
איך זינדיק, און האלט זיך גערעכט,
ביזסטו, מאמע, מײַן אײנציקער טרײסט,
א מלאך, אשיצער פון אלעמענס בײַז.

וואָרם, פרום ווי געשריבן אין „תחינה"
הײלסטו מײַנע וווּנדן מיטן נאמען דער שכינה,
ביזט מוחל מײַנע חטאים מיט טרײסט,
און לײַטערסט מיך מיט נײַעם גײַסט.

גאט, בענטש אלע מוטערס און מאמעס !

און ווער פון אונדז געדענקט נישט דאס מעשהלע, ווען א<u>ײ</u>נגל האט אויסגעשניטן דאס הארץ פון זײַן מאמע און איז געלאָפן צו זײַן מײדל, אום זי איבערצוצײַגן, אז ער האט איר ליב. אויפן וועג איז ער געפאלן. האט דאס מאמע-הארץ אציטער געטוען און געפרעגט: "קינד מײַנס, האסט דיר, חלילה, גארנישט געטוען? !

צוזאמען מיט די טויזענדער ייִדן פון אונדזער שטאט, זענען די מאמעס מיט זײערע קינדער טראגיש אומגע-קומען אין כעלמנא, דער בית עולם פון די לאסקער קדושים.

זאַב

דער פּרעזעס

בלויז אוואַנד האָט אונדז אָפּגעטיילט און געוווינט בשכנות הויז ביי הויז מיט ר' שבתי קאַכמאַן ביז מיין פּערלאָזן לאָסק נאָכן ערשטן וועלט-קריג. מיט איין יאָר בין איך עלטער געווען פון זאַלמאַנען, טאָקע צוליב דעם טעם האָבן מיר זיך נישט געטראָפן אַפילו אין איינעם פון אַלע לאָסקער חדרים. מיר האָבן אָבער דאָך אין די קינדעריאָרן געהאַט זער פיל שותפותדיקע שפּיל-ערייען.

זיין פאָטער, אַשיינער בעל-בית אין שטעטל אַלעקס-אַנדער חסיד און זיין מוטער, אַגוטע האַרציקע פרוי, וואָס האָט מיט אַברייטע האַנד געגעבן צדקה. גאָלדע-ביילע איז געווען אַנאמתא "יידישע מאַמע". אַבעזונ-דערע בעציאונג האָט זי געהאַט צו די שכנים'ס קינדער, וועלכע האָבן זיך געפּלעגט אַריינכאַפּן אין איר הויף, וווּ סזענען געשטאַנען גרויסע פעסער האָניג. ביי יעדער געלעגנהייט אונדז געטיילט גרויסע פּאַרציעס פון די פעסער אַרויס, טראָץ דעם ווידערשטאַנד פון "מאַרצ'ינען", וואָס האָט געקוקט אויף אונדז מיט ביידע גויאישע אויגן.

אַלס יינגל, איז זאַלמען געווען נישט פון די גרויסע מתמידים. גאָלדע-ביילע האָט זיך געפּלעגט

באקלאגן פאר מיין מאמע, "וואס טוט מען מיט אים? ער וויל נישט לערנען. גאנצע טעג וויל ער נאר ארומ-פארן אויף דעם ביר-וואגן מיט מארצ'ינען און נישט גיין אין חדר אריין!"

שטענדיק טעטיק געווען אין שפילערייען, ארויס-ווייזענדיק זער אסאך ענערגיע אין מלחמה מיט שקצים, וועלכע פלעגן אונדז, יידישע יינגלעך, פייניקן, ווארפן שטיינער, אוילאכן און טעראריזירן, ווען מיר האבן זיך געפונען אויסערן שטעטל ביים טייך.

דער פאר, ווען זיי, די שקצים, פלעגן קומען אין שטאט, האט מען נקמה גענומען פון זיי. און ער האט עס געטוען, מיט אונדזער הילף, געשיקט און שנעל אן צערמאניעס. ער האט נישט געוווסט פון קיין קונצן, פאר איינקלאפ צוריק געגעבן - פליקן אַן אצאל. פּאַרן אויסלאכן מיט ספעציעלע פערפאסטע לידלעך דורך די שקצים ווי למשל: "אוי וויי בים בם וורזיסטקיע ז'ידקי וו פיעקליע סאָם", האבן מיר נאר געקענט קריצן מיט די ציין און זיך גוט איינגעקוקט אין דעם אויסלאכער.

סוף-סוף האבן מיר אים, די גאנצע יינגע חברה, געפאקט און אים געמאכט אפיירליכע "משכנתא". דאס אלץ איז געווען אין די קינדער יארן, אלס חדר-יינגלעך.

שפעטער, ווען מיר זענען שוין געווען גרופירט אין "גן-עדן התחתון" און דער סודע פאבריק, האט מען זאלמענען נישט מער געזען אין אונדזער געזעלשאפט.

ווי עס געבן-איבער די שרידים פון לאסקער געטא, וועגן דעם „פרעזעס, באקומט מען אקלאר בילד פון דעם גייסטיקן, געזעלשאפטליכן און מאראלישן באגאזש, מיט וועלכן זאלמען איז אריבער פון דער מדרגה פון אגעוועגדליכן לאסקער תושב און געווארן קאמיסאר אין די יידישע געמינא. דאס איז געווען אין יאר 1938-1939.

ווען די דייטשן האבן אים געמאכט אלס יודנעלטסטער פון די פיר טויזנד קעפיקער לאסקער עדה, דערזעענדיק זיך אין דעם אמט פון "יודנעלטסטן", האט ער מיט ביידע הענד געכאפט די מאכט און געטוען זער פיל גוטע זאכן לטובת דער לאסקער יידישער באפעלקערונג אין געטא.

פאר אלע איז קלאר געווען, אז פארן פרעזעס אויגן שטייט איינאוינאיינציקער הויפט-ציל: אפראטעוועוען די לאסקער יידן פון די מערדער-הענד. כווייס נישט, צו דער יצר-הרע צו מאכט, צו אבענקל, האט אויך דא עפּיס געהאט צו זאגן, סקען זיין. די שרידים פון די לאסקער געטא זאגן אז דער יצר-הרע צו-מאכט פון פרעזעס און צו אנדערע זאכן האבן פאמעלעך פערווישט די גרעניצן פון זיין גוטן הויפט-ציל. ריכטיק, זאגן אנדערע, ער האט טאקע ביים אנפאנג זער גוטע זאכן אויפגעטועך. אבער גאר גיך איז ער געווארן אשטיקל פון דער פערניכטונגס מאשין פון דער לאסקער געסטאפא.

אנדערע גבית-עדות, וואס דערציילן וועגן אנפאנג פונם פרעזעס-מעשים ביז די ענטגילטיקע ליקווידאציע

פון לאסקער געטא צוזאמען מיטן פרעזעס, בעשטעטיקן
נאר טיילווייז די אויבן געזאגטע מיינונגען אין גביית
עדות.

ווער פון אונדז קען משפטן? ווער פון אונדז
קען ארויסגעבן אגזר־דין אויפן פרעזעס? אז אלע פון
די געטא־יידן זענען פערבלענט געווען און געגלויבט
אין נסים, און אז מקאן שלום מאכן מיטן גרעסטן שונא
דורך איבערקויפן, און מיט אביסל חנופה און הכנעה,
מבטל מאכן אלע שלעכטע גזירות.

דעריבער קען דא קיין רייד נישט זיין וועגן בגידה
פון פרעזעס אין די יידישע לעבנס פראגע פון די לאסקער
יידן.

מרדכי אלעי

אֶל שְׁכֵנֵינוּ...

וְאִם יָבוֹא הַיּוֹם, כְּמוֹ אַתֶּם מְאַיְּמִים,
יוֹם נְקַם חֶרְפַּתְכֶם,
תִּמְצְאוּ אוֹתָנוּ חֲזָקִים וּשְׁלֵמִים
נֶגֶד כָּל צַעַדְכֶם.

מְאוּחָדִים, מְלֻכָּדִים מוּל כָּל מְזִמַּתְכֶם
וּלְהוֹסִיף לָכֶם מַכָּה אֲנוּשָׁה.
כִּי אֵין זֹאת אַרְצְכֶם וְלֹא אַדְמַתְכֶם,
מֵאֲבוֹתֵינוּ הִיא לָנוּ יְרוּשָׁה.

וַאֲחֵינוּ יִנְהֲרוּ כְּמוֹ תְּמוֹל עִם גַּלִּים,
לְעֶזְרָה בַּאֲשֶׁר הֵם שָׁם.
אֶצְלְכֶם נוֹאֲמִים גְּדוֹלִים,
אֶצְלֵנוּ יִנְאַם הַדָּם.

ביבוב רוצח יהודי לאסק ולודז'

מתוך העתונות: הבוקר, המשקיף והצופה משנת 1947

שוב הופיעה לפני עינינו פרשת העבר הקרוב הרווי דם ודמעות של מיליוני יהודים. שוב עברו בבית המשפט תמונות הגיטו, ה"אקציות" והגירושים, הרעב והסבל, הרצח והשוד. הפעם התעכבו השופטים על דף ההיסטוריה העגומה הזאת ששמה לודז'. אחרי גיטו ורשה היווה הגיטו בלודז' את הגדול שבגיטאות פולין ואירופה. לכאן הכניסו הגרמנים בערך 200,000 יהודים וכבר במאי 1940 נסגר הגיטו הזה. ללודז' חולק הכבוד המיוחד להיות הראשון לגיטאות, ששעריו נסגרו. היות ושאר הגיטאות נסגרו רק במחצית השניה ובסוף של השנה ההיא. וזה הודות לעובדה, שהעיר הזאת נכללה בתוך שטח ה"רייך" מפני סיבה זו החליטו הנאצים לעשות כאן "סדר", לפני שטיפלו בגנרלגוברנומנט גופא. הגיע לשם הסוחר הגרמני העשיר מעיר הנמל "ברמן" ושמו האנס ביבוב. הוא נתמנה למנהל המשרד של הנהלת הגיטו והנה הוא יושב לפנינו על ספסל הנאשמים באותה העיר לודז' ועליו למסור דין וחשבון על מעשיו ו"פעולותיו" בגיטו לודז' ומה הוא עשה ביהודי העיר הזאת בעת שהיה אפוטרופסם ושליטם.

האנס ביבוב חזר והדגיש לפני בית המשפט, שבא ללודז' רק ל"מטרות כלכליות" ובקבלו את משרתו הוא

היה צריך רק לדאוג לכך שהיהודים יתנהגו היטב. ואיך זה בא שהגרמני הבלונדי הזה בעל העינים הכבויות, יהפך לתליין צמא דם ולסדיסט אשר מטרתו העיקרית תהיה לרצוח במהירות האפשרות יהודים כה רבים? ואם תחשבו שהאנס ביבוב נתחנך בשנאת ישראל ושאף להשמידם, לא! להיפך, הוא טען בבית המשפט שלא היו לו שום טענות ליהודים ועד המלחמה עמד בקשרי מסחר עם רבים מהם. ואכן איך התנהג הוא כלפי יהודי הגיטו? את זאת תיארו עדים אחדים מתוך קומץ יהודי לודז', שבנס נשארו בחיים.

<u>העד היהודי הראשי</u>

כעד הראשון הופיע הרופא היהודי הנודע„ד"ר ליאון שיקר" אשר חילק את טרגדית יהודי לודז' לשלושה שלבים: בתקופה הראשונה העביר ביבוב מחקר סטאטיסטי מדויק. בדייקנות גרמנית רצה הוא קודם כל לדעת כמה יהודים עומדים לרשותו, כמה מהם יודעים לעבוד, כמה מהם חולים וכו' וכו'. כבר אז הוא מראה את תכונתו החשובה: בגידה שטנית בכל מעשיו, צביעות המכסה על המטרה האמיתית. אף פעם לא אמר בגלוי מהו הדבר שאליו הוא שואף ואף פעם אי אפשר היה לדעת ממנו מה הוא רוצה להשיג בפקודתו. תמיד הוא רימה את היהודים ומכל פעולה יצאו אחינו וידם על ראשם. בכל פינה הוא פירסם מודעה, שכל היהודים שאינם מסוגלים לעבוד ונמצאים בתנאים רעים, יקבלו תמיכה, צריך רק להירשם, שום איש לא ידע למה התכוון ביבוב. נרשמו היהודים

הראשונים ובאמת הם קיבלו תמיכה,וכך נרשמו כל העניים אשר בגיטו לודז' ובמספר של 5500 נפש. אלה החמישים וחמשה אלפים יהודים היו אחר כך הראשונים להישלח לארץ גזירה, „לחלמנו" להיחנק בתאי הגאזים. ביבוב דאג מאד לבריאות "יהודיו" הוא ציווה להרחיב את בנין בית החולים. מוכרחים למצוא מקום לכל חולה ויהי מה. ומס הסוף? ביום אחד גורשו כל שוכבי בתי החולים בצורה ברוטאלית, כל החולים הושמדו בגאז.



האנס ביבוב הרוצח
בשיחה עם רומקובסקי
בגיטו לודז'

<u>הרוצח בפעולתו:</u> בשלב השני הרעיב ביבוב באופן סיסטמטי את יהודי הגיטו. בכל פעם הוא הקטין את מנת המזון. מספר חולי-רעב הלך וגדל, עשרות אלפים הלכו לעבודה ברגלים נפוחות, ארבעים אלף יהודי גיטו מתו מרעב ממש.

התקופה השלישית והאיומה, היה הגירוש."אויסזידלונג". לפי המתכונת של יתר הגיטאות בפולין. רחובות לודז' האדימו מדם יהודי שנשפך, אוקראינים, ליטאים,ליטבאים וגרמנים סחבו יהודים מבתיהם והכניסו אותם לתוך הקרונות. גם כאן תפקיד המיליציה הפולנית והיהודית היה מכוער, מביש כביתר המקומות. בשנת 1945 נשארו 877 יהודים בלודז', אלה היו הפועלים הטובים ביותר בבתי החרושת ומשפחותיהם. הרוסים פרצו כבר אז את החזית הגרמנית ובלודז' אפשר היה לשמוע את הד התותחים. היהודים החלו כבר להאמין בישועה הקרובה.

ביבוב הידיד

ביבוב אסף אז את יהודי הגיטו ויצא בנאומים נלהבים, שהוא ידידם הטוב ביותר, הוא רוצה "לעזור להם לעבוד את המלחמה". היות והוא מרגיש שחייהם נתונים בסכנה בעיר הגדולה מחמת הפצצות, לכן רוצה הוא להעבירם למקומות אחרים. הוא ישלחם לפנים ה"רייך", במקום שסכנות המלחמה לא יגיעו אליהם ... ביבוב היכה על חטא והבטיח, שדבריו דברי אמת וכוונותיו כינות. יהודי לודז' ידעו אז כבר את ביבוב "וכוונותיו הטובות" ולא האמינו לו. לרכבות המיוחדות שהוא הכין לא בא אף יהודי אחד. מה עושה ה"אפוטרופוס"? הוא הביא פלוגות חזקות של גיסטפו וצבא, והעביר "אקציה" מהנוראות ביותר. - ביבוב עצמו התרוצץ עם האקדח ביד וירה מימין ומשמאל בלי רחמנות בזורזו את הבנדיטים האוקראיניים ... "מהר, מהר"! בשעת עדותו הזכיר ד"ר שיקר את שמותיהם של שני גבורים יהודים, רופאים אשר פרשת מותם מלאה תהילה ומביאה כבוד ליהדות לודז'. כאשר ד"ר דניאל ויסקופ נתגלה ע"י ביבוב ב"בונקר" קם הוא להילחם בז'אנדרמריה וגם בביבוב. תפס מן הבא ליד, לבנים, אבנים ופצע אותם קשה. הוא קלל את ביבוב ומלויו ואת כל העם הגרמני וקרא ליום הנקם. בעת שד"ר שיקר מספר את הפרט הזה כבש ביבוב את פניו בידיו, התכווץ ורעד. הקהל באולם הרגיש שהקללה פגעה אמנם בביבוב אולם, לדאבוננו, לא בעם הגרמני. רושם עז יותר עשה באולם הסיפור על ד"ר למברג, רופא ועסקן ידוע

בזדונסקא וואלה ע"י לודז'. ד"ר למברג נתמנה לראש ה"יודנראט" שעמד לימין היהודים שם כשהגיע שעת ה"אויסזידלונג" והחלו להעביר את היהודים קודם ללודז', הגיע ביבוב פתאום לתחנת הרכבת וצווה להוציא את הד"ר למברג מן הקרון העבירו לגיסטפו ושם רצח אותו באופן אכזרי. זה היה תגמול בעד עמידתו האיתנה של ד"ר למברג שדרש פעם ביבוב שהיודנראט יתן לו 10 יהודים לתליה, כאזהרה שהיהודים יעבדו יותר טוב. ענה לו ד"ר למברג "אני יכול לתת לך רק ארבעה יהודים, אותי, את אשתי, את בתי ובני, את היתר קח לך בעצמך, אני אינני נותן יהודים לתליה...

<u>מ-200,000 ל-877 יהודים</u>

האנס ביבוב שמע בדרך כלל את העדויות בשקט, כשהשופטים והתובע שאלו, אם נכונים דברי העדות, הוא ענה בדרשות ארוכות, הוא רצה להוכיח שכוונתו היתה "לטובת היהודים". כל הרע בא מהאוברפרזידנט ד"ר בראטפיש, שהיה בעת ובעונה אחת גם ראש הגיסטפו. האשם השני הוא לפי ביבוב "ראש היהודים" בעצמו. היות והוא היה השולט האמיתי בגיטו... רק ברגע מיוחד ראו את ביבוב מזועזע, כשד"ר שיקר מוכיח בבית המשפט, שביבוב משתייך לאותה כנופית השודדים, הגנבים והדגנרטים, אשר במקום להילחם בחזית לטובת המולדת, התחבאו בעורף ועשו חיל ברדיפת היהודים, מחוסרי הגנה, חפים מכל פשע. בעיני ביבוב מתלהבת אז אותה השלהבת המטורפת הידועה כל כך ליהודי לודז', הנשמע כדבר הזה?! הוא ביבוב בן העם העליון, הסוחר הגדול,בעל המיליונים,

המושל היחידי בגיטו לודז', אותי קוראים גנב,רוצח, שודד! ומפי מי הוא שומע כדבר כזה? מפי יהודי? למה זה השאיר אותו בחיים?

לא השאיר רבים בחיים

ואמנם לא הרבה "שגיאות" כאלה עשה ביבוב ב-200,000 יהודי לודז' שהיו נתונים לחסדו. בשעה שהצבא הרוסי הגיע ללודז' נשארו בה רק 877 יהודים. את קומץ היהודים הזה, השאיר ביבוב כפלוגת פינוי שהיתה צריכה לפנות את הגיטו מכל מה שנשאר בו.לאסוף את כל החפצים, הרהיטים ואת שארית הרכוש ולהעביר לגרמניה. גם ברגע האחרון הזה לא שכח ביבוב את היהודים המעטים הללו, וכשהגיע שעת הגרמנים לעזוב את לודז' ציווה עליהם לחפור שמונה בורות גדולים והחזיק אותם במחנה מיוחד בכדי "לחסלם" ברגע הנכון. את הפרטים הללו מסר בבית המשפט המהנדס הראשי של חברת החשמל בלודז' יוליאן וינברג. לפי דבריו נשארו 877 האחרונים בחיים רק הודות למקרה שברגע האחרון נקרא ביבוב לדרזדן ולא הספיק כבר לחזור ולהוציא את זממו. לולא זאת לא היו הבורות נשארים ריקים וקומץ היהודים לא היה יכול לראות את בואו של הצבא האדום בהיכנסו ללודז'.

יהודים צוחקים מתוך דמעות.

המשפט נגד האנס ביבוב היה כמעט היחידי בפולין ואפשר באירופה כולה, נגד פושע גרמני אשר קהל יהודי

רב היה נוכח בו. בלודז' גרים 13,000 יהודים ואין
פלא בדבר שהאולם היה תמיד מלא וגדוש יהודים. הם
עמדו בהמונים על הככר אשר לפני בית המשפט בכדי
לראות בהובלת האיש אשר היה "שר החיים והמוות" של
יהודי גיטו לודז', ביחוד היו מעונינים לראותו אלה
מהנשארים אשר הכירוהו "בימי זוהרו" בתלבושת ס.ס.
המפוארת עם מגלב ביד בביקוריו בבתי המלאכה היהודיים,
בהתעללו בנשים יהודיות ובעומדו עם האקדח ביד על יד
קרונות המוות. הקהל היהודי איננו מסיר את מבטו מביבוב,
הוא מרגיש זאת כנראה היטב, כי אין הוא מרים את ראשו,
יודע ביבוב מה המבטים הללו אומרים... לפעמים מעוררים
דבריו צחוק ממש, בשעה שהוא מספר שנתן ליהודים 500
גרם לחם ליום ובשר עד בלי די, עד "שראש היהודים"
החזיר לו לביבוב בשר רב ולא היה לו נעים כלפי
השלטונות... השופט מוכרח לפעמים להשתיק את הקהל
המגיב על הצהרותיו של ביבוב "המסכן" ודורש שקט
ורצינות, כדי להוציא פסק דין של צדק. צדק אשר היה
כה רחוק ממושגי הגרמנים. איך לא יצחקו בדמעות
היהודים אשר יודעים כמה כסף וזהב ואבנים טובות סחב
ביבוב מיהודי לודז' והעביר לגרמניה, בעת שהוא טוען,
שלא רק שהוא לא הרויח כלום, אלא עוד הפסיד בעסק
הזה 200,000 מרקים. לא, אין בין הפושעים הגרמני
אף אחד אשר יוכל להתחרות בציניזם ובערמומיות עם
הסוחר הגדול של עיר הנמל ברמן - מושל גיטו לודז'
האנס ביבוב ימ"ש. האם זוכר, למשל, ביבוב איך הוא
גירש את בית החולים היהודי בלודז'? לא, הוא איננו
זוכר. ולכן העדים מזכירים לו.

כיצד פונה וגורש בית החולים היהודי

ד"ר שמואלביטש סיפר: שהגירוש הזה בוצע באמצעים אשר גם אז, לפי אמת המידה הנאצית, היו נראים כברו- טלאיים וסאדיסטיים ביותר. את החולים הוציאו ביחד עם המזרונים והשליכו אותם על מכוניות משא. חולה אחד נזרק על גבי השני, כגופות מתים. ביבוב עמד ליד בנין בית החולים ו"ניצח" על העבודה. הוא ראה, איך ביבוב עם שני אנשי ס.ס. שיחקו בכדור רגל עם "כדור" משונה. כשהסתכל מקרוב, ראה שזוהי גופת ילד יהודי מת. וחיים זאנדנברג סיפר: על מזרון היתה מוטלת אשה חולה מסוכנת, כשהעבירו אותה על יד ביבוב נתקלה ידה במעילו, במקרה. מרוב כעס הוציא ביבוב את אקדחו וירה בה במקום. הירש יאנובסקי סיפר עובדה אחרת: בזמן הגירוש של בית החולים הרגיש ביבוב שילד בן 12 ניסה להתחמק. הוא תפס אותו בידו וצווה לכרוע ברך, לקום! לכרוע ברך! לקום! הנער שמע בקול הפקודה וביבוב ירה כדור בראשו... האנס ביבוב התמסר כל כך להכאת יהודים, עד שפעם אף שבר את ידו בעת שהיכה אשה. ד"ר עלישברג רופא בית החולים היהודי, סיפר שהוא ניתח את ידו של ביבוב, ד"ר עלישברג אישר שביבוב היה סאדיסט אשר נהנה הנאה משונה מעינוי אנשים.

העתיקה עליזה נוימן

התליין ביבוב לגרדום

באלה הימים קראנו: האנס ביבוב מפקד גיטו לודז' נידון לתליה אחרי שמיעת העד האחרון, ד"ר איזנבך שמסר לפי מסמכים, שמשלוש מאות שבעים וחמשה אלף יהודים שעברו דרך גיטו לודז' שרדו בחיים רק 877 נפש, ביניהם 5 לאסקאים: יחיאל נוימן, שרגא נוימן, זינוול בראון, אברהם גולבינסקי ואשתו. בזמן האחרון נתקיימו בפולין כמה משפטים נגד גדולי הרוצחים הגרמניים, דנו למוות את "פישר" רוצח יהודי וורשה, את "הס" שרצח מיליוני יהודים באשוויץ וביום רביעי שעבר נסתיים משפטו של האנס ביבוב שאחראי לרצח 200,000 יהודי לודז' ולרצח 200,000 יהודים מהישובים השכנים, זדונסקא וואלה, פאביאניץ, זגירזש, לאסק ושיראדז, ישובים, שדרכם זורם נהר "וווארטה" ונכללו ע"י הגרמנים במחוז מיוחד בפולין "וווארטיגאו". מסביב לגבולות המחוז הועמדו משמרות כדי להפריד בין יהודי המקום לבין היהודים בחלקי פולין האחרים. בראש מחוז "וווארטיגאו" הועמד "האנס ביבוב", גרמני מבאוואריה שמקום מושבו היה לודז', ומפרק לפרק היה עורך ביקורים בישובים הסמוכים, שם ניהל באופן אישי את רצח היהודים. ביבוב איחד בקרבו אכזריות איומה וערמומיות רבה. הוא עשה את לודז' למחנה כפיה גדול ליהודים. וזמן רב התיחס לעובדים "בליברליות יתירה". כוונתו היתה למשוך למלכודת יותר ויותר יהודים מהגנרל גוברנמנט. לפתע פתאום פקד לא להשגיח בקפידה על גבולות הוווארטיגאו

